STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08538

GEKLIBENE DERTSEYLUNGEN

Aaron Meisel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. מייזל

געקליבענע דערציילונגען

צוזאָמענגעשטעלט פון

מ. בלעכמאַן

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס פאַרלאַג
פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן
ניו יאָרק, 1939

Copright by the
YIDDISH COOPERATIVE BOOK LEAGUE of the JEWISH SECTION,
INTERNATIONAL WORKERS ORDER
80 Fifth Avenue, New York, N. Y.
February, 1939

אהרן מייזל

(געבוירן 1890 — געשטאָרבן 1936)

אינהאלט

זייט

פאָרוואָרט — 5

I. נאַקעטע פּיאַטעס

נאַקעטע פּיאַטעס — 13
העלדזלעך — 27
זשאַמע — 33
גנבה — 39
אַ מבין — 45

II. ערשטע טריט

דער שיף־ברודער — 53
ערשטע טריט — 60
אַ נאַכט — 68
קאַלטע שכנים — 72
שעפּסן — 79

III. ניו־ענגלאַנד

קאָנעטיקוט — 93
קדיש — 96
גענאַסע חיים־בער — 100
ניו־ענגלאַנד—1932 — 107

IV. שטאָט

שטאָט — 115
אױף דער גאַס — 119
דאָס מענטשעלע — 124
דער גאָט פון שטאָל — 129
שונאים — 135

שוואַרצל פון סאָבוויי־וואַגאָן — 141
פּאַשע — 146

V. צוליב פּרנסה

דער צווילינג — 163
צוליב פּרנסה — 168
דורך אַ פענצטער — 172
דער טויט פון טעד דענים — 179
צוויי ברידער — 188

VI. קריזיס יאָרן

אפּן וועג — 211
בליטץ — 222
קרוטשיק — 235
וועג־בויער — 272
אין גאָטס הויז — 302

פאָרוואָרט

אין אַ פאָרוואָרט צו אַ בוך, וואָס דערשיינט נאָכן טויט פונעם מחבר, פאָדערט זיך קודם־כּל דעם מחברס ביאָגראַפיע. א. מייזל האָט אָבער, צום באַדויערן, געלאָזן זייער ווייניק ביאָגראַפישן מאַטעריאַל וועגן זיך. מיט דעם אויסנאַם פון דער סעריע סקיצן פון זיינע קינדער־יאָרן אונטערן נאָמען „נאַקעטע פיאַטעס" און נאָך עטלעכע קורצע, פראַגמענטאַרישע זאַכן פון אַ מער אָדער ווייניקער אויטאָ־ביאָגראַפישן כאַראַקטער, פיגורירט מייזל אַליין זייער ווייניק אין זיינע שריפטן, אַ חוץ אויף אַן אומדירעקטן, רעפלעקסיוון אופן, דורך זיין אייגנאַרטיקן סטיל, וואָס דרינגט דורך און באַזעלט אַלץ וואָס ער האָט געשריבן. און כאָטש דער סטיל איז דער מענטש, זיינען אָבער ביאָגראַפישע פאַקטן נויטיק צו באַלייכטן סיי דעם מענטש, סיי זיין סטיל.

און ניט נאָר אין זיינע שריפטן. אויך אין געשפּרעכן האָט מייזל, ווי וויט איך געדענק, זיך קיינמאָל ניט אַוועקגעלאָזט אויף ווייטע עקסקורסיעס אין זיין אייגענער פאַרגאַנגענהייט. שטיל, באַשיידן און זעלבסט־קריטיש, פלעגט ער בכלל ניט גערן רעדן פון זיין פּערזענלעך לעבן. און פלעגט ער אַמאָל דערציילן עפּעס אַן עפּיזאָד פון זיין אייגענער פאַרגאַנגענהייט, איז עס געווען בדרך אגב, אַנטקעגן דעם וואָס ס'איז געקומען צו רייד, און קורץ, אָפט אַנעקדאָטמעסיק, בלויז צו אילוסטרירן עפּעס אַ געדאַנק, אָדער אַן אַלגעמיין־מענטשלעכן שטריך, אַ געוויסע מענטשלעכע שוואַכקייט. ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע נייגונג אויפצוכאַפּן און צו שילדערן, מינדלעך ווי שריפטלעך, זיינע אייגענע שוואַכקייטן, פּונקט ווי די פון אַנדערע, מיט זיין כאַראַקטעריסטישער איראָניע, וועלכע איז אָפט געווען שניידנדיק, אָבער שטענדיק קלוג־פאַרשטייענדיק און גוטמוטיק. ווי ער וואָלט געזאָגט: „אָט אַזוי זיינען מיר, מענטשן; לאָמיר ניט פאַררייסן צופיל די קעפּ מיט אונדזער מענטשלעכער סופּעריאָריטעט; אָבער צוריקגערעדט, לאָמיר אויך ניט אַראָפּ־פאַלן באַ זיך מיט אונדזערע שוואַכקייטן, ווייל אין אָט די שוואַכקייטן ליגט אונדזער מענטשלעכקייט." אָדער: „לאָמיר זיך ניט נאַרן — אין דער פאַר־גאַנגענהייט זיינען מיר ניט געווען קיין גרויסע העלדן; דערפאַר קאָנען מיר עס ווערן היינט — ניט יעדערער פאַר זיך, נאָר אַלע צוזאַמען."

ניט דער רעטראָספּעקט, נאָר דער פּראָספּעקט איז געווען דער טרייב־מאָטיוו אין מייזלס לעבן און אין זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. אים האָט

ווייניקער גערעגט דאָס אָפּגעגאַנגענע און דאָס אָפּגייענדיקע, און מער דאָס קעגנוווערטיקע, דאָס ווערנדיקע. דעריבער פלעגט ער זיך וואַרפן מיט אזא ברען אױף דעם „הייסן שטאָף" פון דעם לויפנדיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן און שעפּן דערפון פולע הויפנס מיט דראַמאַטישן מאַטעריאַל פאַר זיינע ליטע־ראַרישע אַרבעטן („בליץ", „קרוטשיק", „הוּאווערוויל", א. אז. וו.). און דעריבער אויך אזוי ווייניק אויטאָ־ביאָגראַפישער מאַטעריאַל אין זיינע שריפטן. דאָס מיינט ניט, אז ער האָט ניט געהאַט קיין דראַנג צו שרייבן אױף טעמעס פון זיין אייגענעם פאַרגאַנגענעם לעבן. דער פאַקט איז, אז ער פלעגט זיך פון צייט צו צייט אומקערן צו זיין פאַרגאַנגענהייט, פון וועלכער ער האָט אונדז געלאָזט אַ רייַ מתנות — די „נאַקעטע פּיאַטעס" — אַ מייסטערהאַפטער אָנהויב פון אַ געפּלאַנטער גרויסער אויטאָ־ביאָגראַפישער אַרבעט, וועלכע ער האָט געזאָלט ביסלעכווייז, אין משך פון פיל יאָרן, פאַנאַנדערוויקלען און צוזאַמענשטעלן. ער האָט אָבער פאַר דעם אַלץ קיין צייט ניט געהאַט און עס כסדר אָפּגעלייגט. דערווייל האָט ער, אַלס פּראָלע־טאַרישער שריפטשטעלער, לערער און קולטור־טוער, געמוזט ענטפערן די פּילשטימיקע רופן פון דעם היינט, געזוכט נייע ליטעראַרישע פאָרמען און וועגן, געשריבן דערציילונגען, מיניאַטורן, דראַמעס אויף טעמעס פון קלאַסן־קאַמף, געשריבן און צונויפגעשטעלט לייען־ און לערן־ביכער פאַר די אידישע קינדער־שולן, און דערביי געוואַרט און געהאָפט אױף דער צייט ווען ער וועט זיך קענען איינגאַנצן אָפּגעבן צו זיין ליטעראַרישער אַרבעט, ווען ער וועט קענען דורכפירן זיינע פאַרטראַכטע גרעסערע ליטעראַרישע פּראָיעקטן, אויך זיין אויטאָ־ביאָגראַפישע אַרבעט. אָבער דער אומדערבאַרעמדיקער שונא, דער טויט, האָט אומגעריכט אַרונטערגעלאָזט דעם שווערן פאָרהאַנג, און — אויס!

ווייסן מיר: אהרן מייזל איז געבוירן געוואָרן אַרום דעם יאָר 1890 אין בערעזין, ווייס־רוסלאַנד (געוועזענע מינסקער גובערניע). זיין פאָטער איז געווען אַ זייגערמאַכער, אַ איד אַ למדן און אַ קבצן אין זיבן פאָלעס, באַליבט אין שטעטל פאַר זיין ערלעכקייט און איידלקייט פון כאַראַקטער. אהרן איז געווען דער מיזיניק אין אַ פאַמיליע פון זעקס קינדער. צו צוועלף און אַ האַלב יאָר האָט מייזל גענומען אַרבעטן, לערנענדיק זייגערמאַכעריי בא זיין פאָטער. שפּעטער איז ער אַריין אין דער ס. ס. פּאַרטיי און איז געוואָרן טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער און אַרבעטער־באַוועגונג. אין יאָר 1910 איז ער אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אַ סאָלדאַט. נאָך עטלעכע חדשים דינסט איז ער אַנטלאָפן פון דער אַרמיי און איז אין יאָר 1911 אָנגעקומען קיין אַמעריקע, צו אַ רייכן פעטער אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיע. דער פעטער האָט אים געפּרואווט מאַכן פאַר אַ פּעדלער, כדי איינצוברעכן אים פאַר אַ ביזנעסמאַן, אָבער אָן דערפאָלג. נאָך אַ קנאַפּ יאָר מאַטערן זיך אין אַטלאַנטאַ בא זייגערמאַכעריי און אַנדערע אַרבעטן (ער האָט, אגב, שוין באַוויזן, אין

זיין ערשטן יאָר אין אַמעריקע, אַריינצוטרעטן אין אַ מעדיצינישן קאָלעדזש אין אַטלאַנטאַ), איז מייזל אַוועק קיין ניו יאָרק, וואוהין זיין געליבטע, סאָניע האַראָוויץ, איז געקומען אין יענער צייט. דאָ האָט ער געקראָגן אַרבעט אין אַ זייגער־פאַבריק אין ניו דזשוירזי, וואו ער האָט אָפּגעאַרבעט עטלעכע יאָר, ביז ער איז קראַנק געוואָרן און דאָקטוירים האָבן אים געהייסן אויפגעבן די אַרבעט. אין 1914 האָט ער חתונה. עטלעכע יאָר האָט זיך מייזל געמאַטערט עקאָנאָמיש, איבערגייענדיק פון איין אַרבעט צו אַ צווייטער, ביז ער איז אין 1919 באַשטימט געוואָרן אַלס לערער אין די אַרבעטער רינג שולן, וועלכע האָבן זיך אין יענעם יאָר צום ערשטן מאָל געעפנט. ער איז געשיקט געוואָרן קיין ניו הייווען, קאָנעטיקוט, און פון דאָרט קיין האַרט־פאָרד, קאָנעטיקוט. ער איז פאַרבליבן אין ניי־ענגלאַנד ביז 1927, ווען ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס לערער אין דער אומפּאַרטייאישער אַרבעטער־קינדער־שול פון דער לינקער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע אין ניו יאָרק. דאָ האָט ער 8 יאָר צייט אָנגעפירט אַ העכסט פרוכטבאַרע און פאַנאַנדער־געצווייגטע לערערשע און קולטורעלע טעטיקייט. אין יאָר 1935 איז מייזל קראַנק געוואָרן. אין אָנהויב האָבן די דאָקטוירים ניט געוואוסט וואָס אים איז. ענדלעך איז געקומען דער שרעקלעכער דיאַגנאָז — לוקעמיע, די מיסטעריעזע בלוט־קראַנקהייט, צו וועלכער די מעדיצינישע וויסנשאַפט האָט נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט קיין שליסל און קיין רפואה. מען האָט געפּרוּווט אַלץ — בלוט־טראַנספּוזיעס, רענטגען־שטראַלן, א. אז. וו. — אומזיסט! און נאָך לאַנגע מאַטערנישן איז א. מייזל געשטאָרבן דעם 8טן יולי, 1936.

זיין ערשטן ליטעראַרישן אַרויסטריט האָט א. מייזל געמאַכט אין יאָר 1921 אין דער „נייע וועלט—עמעס", אָרגאַן פון די אידישע לינקע סאָציאַ־ליסטן און קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך דאַן פאַראייניקט נאָך דער צווייטער שפּאַלטונג אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דאָרט האָט מייזל פאַרעפנטלעכט אַ ריי לידער און דערציילונגען. שפּעטער איז ער גע־וואָרן אַ מער אָדער ווייניקער רעגלמעסיקער מיטאַרבעטער אין דער „פרייהייט", אין „האַמער" און אין אַנדערע לינקע פּראָלעטאַרישע און קאָמוניסטישע אויסגאַבן. זיין ערשטער בוך דערציילונגען מיטן נאָמען „דער ווייסער בער" איז דערשינען אין יאָר 1927 (פאַרלאַג „פרייהייט"). ער איז אויך דער מחבר פון אַ טעקסט־בוך וועגן דער געשיכטע פון די אידן אין אַמעריקע, און פון אַ ריי לייענביכער און היסטאָריש־ביאָגראַפישע בראָשורן פאַר די אידישע אַרבעטער־שולן, אַרויסגעגעבן פון דער אידישער סעקציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

:: :: ::

באַם צוזאַמענשטעלן דעם דאָזיקן באַנד געקליבענע דערציילונגען האָבן

מיר געהאַט אינזינען: ערשטנס, צו געבן דאָס בעסטע און טיפּישסטע (דאָס בעסטע איז ממילא דאָס טיפּישסטע, און פאַרקערט, בײַ מײזלען, ווי בײַ יעדן רײַפן, אײגנאַרטיקן שרײַבטשטעלער); צווייטנס, פֿאַרצושטעלן מײזלען דעם דערציילער אין גאַנג, ד. ה., ווי ווײַט מעגלעך ביאָגראַפיש־כראָנאָלאָגיש, און וואָס וויכטיקער, אין זײַנע פאַרשיידנאַרטיקע און כאַראַקטעריסטישע זשאַנרען און פֿאָרמען, אין דעם סדר אין וועלכן זיי האָבן זיך בײַ אים אַנטוויקלט. מיר האָבן אָבער צוליב דער גאַנצקייט און אַלגעמיינער קאָנסטרוקציע פון דעם בוך, געמוזט מאַכן אויסנאַמען בנוגע דער כראָנאָלאָגישקייט און דעם אַנטוויקלונגס־סדר פון פֿאָרם און זשאַנר. מיר האָבן אויסגעלאָזן דעם ערשטן פּעריאָד פון מײזלס ליטעראַרישער אַרבעט, וועלכן ער האָט אָפּגעשלאָסן מיט זײַן בוך „דער ווייסער בער”, און אָנגעהויבן מיט מײזלען דעם בעל־מלאכה און מײַסטער, אין זײַן רײַפן סטיל, קאָמפּאַקט, קאָנציז, אָנגעלאָדן מיט בילד און באַדײַט.

אַזוי איז שוין מײזל אין „נאַקעטע פּיאַטעס”, די דערציילונגען פון זײַן קינדהייט, מיט וועלכע דאָס בוך הויבט זיך אָן. אין זיי האָט מײזל דערגרייכט אַ הויכע מאָס פון קינסטלערישער עקאָנאָמיע פון מיטלען און עפעקטיווקייט. די טעמע איז אין זיי ניט נײַ, און זי קען עס ניט זײַן. דווקא דערפאַר קומט אין זיי בולט אַרויס די גאַנצע אײגנאַרטיקייט, פרישקייט און פּאָטענץ פון מײזלס מאָלעריש־דערציילערישן טאַלאַנט. די סביבה איז אין זיי געמאָלן מײַסטערהאַפט, דורך קורצע, קאָמפּאַקטע און זיכערע שטריכן, סטאַקאַטאָמעסיק, אין אַלע אירע פאַרבן און שאַטירונגען — דאָס גאַנצע וואַקסט אַרויס אָרגאַניש און האַרמאָניש פון די דעטאַלן, וועלכע זײַנען, יעדערער פאַר זיך, עכט, לעבעדיק, צאַפּלדיק. די העלדן — חיליע, שלום, פּיוּוקע — טרעטן־אויף סיי ווי אַ מאַסע, אַ באָרוועסע כאָפּטע, מיט איין ווילן, איין באַגער, איין פּנים, סיי ווי אינדיווידועלע טיפּן, וואָס כאָטש זיי פֿאָרמירן די מאַסע, שיילן זיי זיך גלײַכצײַטיק אויס פון איר, יעדערער מיט זײַן פּערזענלעכקייט, זײַן שטייגער און מאַנעריזמען, זײַנע אַמביציעס — אַ כאָפּטע, וואָס רײַסט זיך אַרום צווישן זיך און איז איינס. און אָט שטייט פאַר אונדז לעבעדיק דער הויף דער קבצנישער, דער אָראָפּבאַרגיקער, אין וועלכן נידעריקע הײַזלעך האָבן זיך „מיט די הינטער־חלקים געריבן”; און די באַלעבאַטים פונעם הויף, צוויי ברידער, ישובניקעס, „די פּראָסטקייט פון נאַר־וואָס אויסגעגראָבענעם קאַרטאָפל אַף די פּנימער”; און דער אַנטקעגנדיקער הויף פון דעם גוישן אַפּטייקער, פאַרפּוצט, באַקוועם, מיט גוטע מאַניערן און קולטור — אַ פולשטענדיקער קאָנטראַסט. דאָך איז ניטאָ קיין אָפענער קלאַסנקאַמף צווישן די צוויי הויפן, בלויז קנאה; וואָרים די אַפּטייק איז ניט קיין סימבאָל פון עקספּלואַטאַציע, נאָר פון אינטעליגענץ, קולטור, וויסנשאַפט, און דינסט פאַרן פאָלק; אָט האָט דער אַפּטייקער אָרגאַניזירט אַ פרייוויליקע פייער־

לעשער קאָמאַנדע צו באַוואָרענען דאָס שטעטל פון שרפות, און דאָס גאַנצע שטעטל גייט צו דעם אַפּטייקערס לויה, כאָטש אַ גויאישע לויה. און ווייל מען, איז אַפילו ניטאָ וואָס מקנא צו זיין דעם וואוילטאָג פון אַפּטייקערס הויף, ווייל „מיר האָבן געוואוסט . . . אַז די גוימלעך . . . וועלן קיין יענע וועלט ניט האָבן, האָבן מיר שוין ניט מקנא געווען זיי די צאַצקעס זייערע, די קליידונג די שיינע . . ." און ווייטער טרעטן אויף, קורץ און בולט, די טאַטעס מיט די מאַמעס, זייערע נעבעכדיקע פּרנסות און רייסערייען איבער אַ ביסן, אַ גנבה פון אַ שטיקל קנאָבל, א. אז. וו. און די מאַמעשע פּרנסות זיינען נאָך חנעוודיקער. „די מאַמעס אַף אונדזער הויף האָבן שאָלעכץ פון אָפּגעשיילטן קאַרטאָפל געקליבן און פאַרקויפט אַפן דריטן הויף. דאָרטן האָט די באַלעבאָסטע געהאַט אַן אייגענע קו. . ." און אָט די „גבירטע" מיט דער אייגענער קו פלעגט אָפט „מיט אַ גרויסן טשוהונענעם טאָפּ נאָך דער סחורה אַליין קומען". אַזוי וואַקסט אויס אין די עטלעכע דערציילונגען דורך קורצע, אָנגעוואָרפענע שטריכן אַ פּאַנאָראַמע פון אַ שטעטל אין ווייס־רוסלאַנד, אַ פּאַנאָראַמע פון אידישער אָרעמשאַפט.

א. מייזל איז איינער פון די אַמעריקאַנישסטע צווישן די אידישע דער־ציילער אין אַמעריקע. דאָס היימישע שטעטל, וואָס פאַרנעמט אַזאַ חשובע פּאָזיציע אין דער אַמעריקאַנער אידישער בעלעטריסטיק, האָט מייזל אָפּ־געפּטרט מיט די אויטאָביאָגראַפישע „נאַקעטע פּיאַטעס". דאָס נעמט זיך פון דעם זעלבן קוואַל, פון וועלכן עס נעמט זיך אויך מייזלס רעאַליזם און פּראָ־לעטאַרישקייט — פון זיין גאַנצער טאַציאַלער און אינדיווידועלער פּערזענ־לעכקייט, פון זיין פּאָזיטיוון און קריטישן צוגאַנג צום גאַנצן לעבן, צו זיין סביבה, און צו זיין אייגענער ראָל אין זיין סביבה. קורץ, מייזל איז אין זיין ליטעראַרישער אַרבעט ניט אַוועק פון זיין באַלדיקער סביבה, ווייל ער איז פון איר ניט אַוועק אין לעבן, ווייל ער איז געווען צו איר צוגעבונדן, זיך געפילט אין איר איינגעוואָרצלט און צו איר פאַראַנטוואָרטלעך.

אין „ערשטע טריט", איינע פון די עטלעכע קורצע אויטאָביאָגראַפישע דערציילונגען, וואָס מייזל האָט געלאָזן, דערציילט ער ווי ער און זיינער אַ חבר, דזשאָו, האָבן אין די ערשטע „גרינע" יאָרן צוזאַמען געהונגערט. ענדלעך האָט דזשאָו געפּאַקט אַזאַ מין „פּרנסה": יעדן פאַרנאַכט פאַרווילן דעם באַלעבעסל פון אַן איסט־סיידער רעסטאָראַנדל מיט מעשיות פון מלחמות און פון ציטונג־ראָמאַנען, צוויי זאַכן אין וועלכע יענער איז געווען גוואַלטיק פאַרקאָכט. „דזשאָו — דער ספּעציאַליסט איבער מלחמות און איך — ראָמאַנען־פּאַרטייטשער" . . . דערפאַר פלעגט זיי דער רעסטאָראַטאָר געבן פריי אַ מאָלצייט. דזשאָו איז געווען אַ „סוקסעס" מיט זיינע מלחמות, דער־ציילט מייזל, און „איך, מיט מיין ראָמאַן, האָב אויך ניט שלעכט געמאַכט. אָפּט פלעג איך אים אַן איבעריקן גנבישן קוש פון ליזען צוואַוואַרפן, נאָך

אַ שפּרונג דורכן פענצטער צו דער מעשה צוליינגן. אַ דאגה, זאָל מיינס איבערגיין! . . . ס'אידל פלעגט זיך, ווי אַ גריוו אַף אַ סקאָוואָראָדע, מחיהדיק זשאַרען: 'אי, גאַליצקעלע גנב! אי, גאָטפּילדל גנב!' " . . . ער, מייזל, האָט די לאַנגע ניט געקאָנט פאַרטראָגן:

„כ'פלעג זיך — דערציילט ער — אָפּגנבענען פון דזשאָון, אוועק פאַרנאַכט אַף דעלענסי גאַס, ווען די פאַבריקן פון דער נידעריקער איסט־סייד פלעגן ארויסשיסן אַף די טראָטואַרן דעם געדיכטן, אויפ־געשמאָלצענעם עולם, אַזעלכע ווי איך, אָפּגעשפּאָלטענע פון דער אַלטער וועלט און דאָ שוין צוריק באַהעפט צום לעבן דורך ארבעט, שאַפונג און שוויים. כ'פלעג זיי נאָכגיין, ווי אַ הונט, אריינקוקן אין די פּנימער, און די יונגע, פאַרהאַרטעוועטע, טומלדיקע שטאָט האָט זיך געדרייצט מיט מיר און אָפּגעחוזקט מיט איר צעפלאַטערטן אימפּעט:

— פּוילענצערם! אַ וועלט מאַטערט זיך, בויט זיך, וואַרפט זיך אין קראַמפּן, און איר? !..."

מייזל איז געווען ניט בלויז אַ רעאַליסט און שטיינגער־מאָלער, נאָר אויך אַן עכטער לירקער. צווישן די לירישע זאַכן אין דעם בוך געפעלט דעם שרייַ־בער פון די שורות באַזונדער די זייער קורצע דערציילונג „קדיש". ס'איז אַ דערציילונג, ניין, אַ געלייטערט לירישע געדיכט פון אַן אַלטן פרומען אידן, וואָס אַרבעט אין אַ פאַבריק ערגעץ אין ניו ענגלאַנד. אַן עלנטער מענטש, לעבט איינער אַליין, ווי אַ שטיין. זיין בחור, יחיאל, האָט פריער געאַרבעט זייט באַ זייט מיט אים אין דער פאַבריק, נאָר אַ ראָד האָט אים אריינגעכאַפּט און צעקוועטשט אויף טויט. איצט זאָגט דער אַלטער רעגלמעסיק, ווי אַ זייגער, קדיש נאָך זיין איינציקן זון, זיין איינציקן ליכטיקן שטראַל אין לעבן, וואָס איז פאַרלאָשן געוואָרן אַף אייביק. ער זאָגט קדיש, און אַ נשמה־לעמפּל פאַר יחיאלן ברענט שטענדיק אין זיין איינזאַמען צימער, און יעדן אָוונט לערנט דער אַלטער אַ פּרק משניות פאַר זיין זונס נשמה; אַזוי לעבט דער זון נאָך אַלץ פאַרן אַלטן אין דעם קדיש, אין דעם לעמפּל, אין דעם פּרק משניות... ס'איז אַ דערציילונג אָן אַ מאָראַל, נאָר אַ פיינע און קאָמ־פּאַקטע לירישע אימפּרעסיע פון דעם געמיט פון אַ פיל־ליידנדיקן רעליגיעזן האָרעפּאַשניק.

מייזלס הומאָר איז פון אַ באַזונדער מין. ער איז ניט ברייט און קיצלדיק, נאָר דין און שטעכעדיק. סאַרקאַזם און איראָניע זיינען, אַזוי צו זאָגן, די רעדער אַף וועלכע זיין הומאָר באַוועגט זיך.

וועגן מייזלען דעם דראַמאַטורג אָדער דעם פּעדאַגאָג איז ניט דאָ דאָס אָרט צו שרייבן. אָבער קודם־כל און אין לעצטן סך־הכל איז מייזל געווען אַ ציל־באַוואוסטער שרייבער, אַ פּראָלעטאַרישער שרייבער, אַ סאָציאַליס־טישער רעאַליסט.

משה בלעכמאַן.

I

נאַקעטע פּיאַטעס

נאַקעטע פּיאַטעס

.1

— חיליע !!
— של—ום !!
— פּייוו—קע !!

אַזוי פֿלעגן די מאַמעס אונדזערע שרייען אַפֿן קול, ווען זיי פֿלעגן אונדז אין שטוב דאַרפֿן האָבן.

און מיר, זעקס־זיבן יאָריקע קונדסים, פֿלעגן זיך אַראָפּגליטשן פֿון פּאַר־קאַן, וואָס אַפֿן שפּיץ זיינען מיר רייטנדיק געזעסן, שטעלן באָרוועסע פיסלעך, הויבן פּיאַטקעס און לויפֿן, אָן חשק, אין שטוב צו דער מאַמען.

געוואוינט האָבן מיר אַלע אַף איין הויף. דער הויף איז געווען אַ טיפֿער, אַ לאַנגער, אַן אַראָפּ־באַרגיקער. אין אַלע זייטן האָבן זיך נידעריקע הילצערנע בנינים איינע אָן די אַנדערע מיט די הינטער־חלקים געריבן. אַראָפּגעקוליעט זיך פֿון הילצערנעם טראָטואַר אַף דער מאַרק־גאַס, האָט זיך דער הויף גע־קייקלט אַראָפּ, טיפֿער, בלאָטיקער, נידעריקער, און צום ברעג טייך זיך דערקייקלט.

זיינען אַפֿן הויף געזעסן דריי שטיבלעך; אַפֿריער — אונדזערע אין דער לאַנג, רעכטס; נאָכדעם, אַ צווייט שטיבל, מיט צעפּוילטע פּולווער־קראָקוועס, אָן שוועלן, אין דער ברייט; ס'לעצטע הויז, לינקס, אָנגעפּוזעט — ברייט און נידעריק, מיט שוואַרצע ווענט און אַ נייעם געלאַטעטן דאַך, אַ געליען היטל אַף אַ פֿרעמדן קאָפּ — איז שוין געשטאַנען גאָר טיף און פּסח־צייט האָט ס'וואַסער פֿונעם קונדעסעוואַטן טייך דערלאַנגט אַזש צו די פּאַליעס און געשמאַק־טשמאָקענדיק געלעקט דעם ליים מיט די אַריינגעשטעקטע מאָך־קאָלטנס.

פֿאַרן לעצטן הויז, אַנטקעגן די פֿאָדערשטע פֿענצטער, איז געשטאַנען אַ נידעריק פּאַרקאַנדל, געמאַכט מסתמא צוליב דעם, אַז ווען איינער לויפֿט זיך ניט־ווילנדיק פֿאַנאַנדער איבערן באַרג־אַראָפּיקן הויף, זאָל ער זיך דאָרטן פֿאַרהאַלטן און אין שטיבל דורך די שויבן ניט אַריינשפּרינגען. צוליב מער זיכערקייט, איז נאָכן צאַם געווען אַ ניט־טיפֿער גראָבן. ס'האָט געהייסן:

„טו ווי דו ווילסט! האַלט זיך אָפּ, אָדער פאַל אַרונטער; סיי־ווי, אין הויז וועסטו ניט שפּרינגען..."

נאָך אַ פּאַרקאַן איז דאָרטן געווען, מיט איינגעקאַרבטע סלופּעס און איבערגעלייגטע קראָקוועס אין דער ברייט, וואָס האָט אָפּגעטיילט אונדזער הויף פון אַ צווייטן. פון דער אַנדער זייט האָט מען קיין צאַמען ניט געדאַרפט. דאָרטן האָבן זיך די הייזלעך ברוגזלעך צערוקט איינס מיטן אַנדערן, מיט זייערע הינטערשטע טיילן.

די באַלעבאַטים פון הויף (אַ הויף אַ ירושהדיקער, צוויי שותפים) האָבן דאָ ניט געוואוינט. ביידע ברידער זיינען גאָר געווען ישובניקעס, גרינג־בערדיקע, פאַרגרעבטע, די פּראַסטקייט פון נאַר־וואָס אויסגעגראָבענעם קאַר־טאָפל אויף די פּנימער. זונטיק, אַז זיי פלעגן פון יענער זייט טייך מיטן שפּאַן אין שטאָט אַריינפאָרן, האָבן זיי ס׳פערד־און־וואָגן אָפּן אייגענעם הויף פאַר־קירעוועט, אויסגעשפּאַנט זיך ס׳פערדל צום עולם מיטן עק אויסגעדרייט, די דישלם פאַרריסן אינדערהויך, דעם וואָגן אוועקגעשטעלט אינמיטן דורכגאַנג, ווי איינער זאָגט:

— הע! קוקט אונדז אָן! מיר זיינען די באַלעבאַטים!...

די טאַטעס אונדזערע, פאַרפונדעוועטע קבצנים, האָבן אַפילו בלוטיק דירה־געלט די באַלעבאַטים געצאָלט, זיי האָבן אָבער קיינמאָל ניט געוואָגט אויפצוהייבן אַ הויך קול אנטקעגן דער באַלעבאַטישער העזה; אויך מיר, קליינוואַרג, האָבן געהאַט דרך־ארץ פאַר דעם גאוהדיקן געשפּאַן, נאָר ניט שייך; ווי די ישובניקעס פלעגן זיך בלויז אָפּקערן, זיינען מיר שוין געלעגן אין וואָגן, געדריגעט מיט די פיסלעך, געדעקט זיך מיטן גלאַטן שטעכיקן שטרוי, געקאָמאַנדעוועט הויך מיט באַלעגאַלישע קולות:

— חיליע!! די דוהע!

— ש—לום!! דעם כאָמעט!

— פּיוו—קע! די לייצעס דערלאַנג!...

איך בין דעמאָלט דער יחסן געווען: דער וואָגן איז אַלעמאָל אויף אונדזער שטיקל הויף געשטאַנען.

מיינע זאַכן: דער וואָגן — זונטיק, אַ שפּייכלער לעבן הויז, אַ פּוסטער, אָן אַרומגעפּליקטער, אָן שוועלן, אָן אַ דאַך; די איבעריקע גוטע זאַכן, די פּאַרקאַנעס, דעכלעך צו קלעטערן, דער ברעג טייך, אַלץ איז געווען באַ מיינע חברים.

מיר האָבן זיך אָבער זעלטן געקריגט, געשפּילט אינאיינעם און איינגע־טיילט זיך מיטן ביסל אָרעמקייט, ביז וואַנען די מאַמעס פלעגן זיך צעשרייען:

— חיל—קע!
— ש—לום!
— פּיזו—קע!

און דעמאָלט פלעגן מיר, קליינע קונדסים, שטעלן באָרוועסע פיס, הויבן פּיאַטקעס און לויפן שנעל־שנעל צו דער מאַמען...

2.

זיצנדיק אַפן שפּיץ פּאַרקאַן האָבן מיר מײַזישע אייגלעך געהויבן אַרויף, צום הויכן פענצטער פון אַנטקעגנדיקן הויף און אַהין געטשאַטעוועט.

דאָרטן האָט געוואוינט אַ גויאישער אַפּטייקער מיט זײַן פאַמיליע; צוויי קינדער, פון אונדזער עלטער — אַ אינגל מיט אַ מיידעלע.

ביידע פלעגן אָפט צוקומען צום פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין אַ קליינעם אַרומגעצאַמטן גערטנדל. פון איין זייט איז געווען אונדזער הויף, אַף וועלכן די בלאַטע פלעגט אויסטריקענען אינמיטן זומער, און דאָס אויך, פון רעגן ביז רעגן; פון דער צווייטער זייט אַ הויף מיט אַ וואַש־הײַזל און סעלצער־פאַבריקל, וואו מ׳פלעגט גיסן מולטערס וואַסער מיט מולינעס, אין אויסגעגראָבענע קאַסטנס מישן קאַלך און וואַפנע, שעפּן אין עמערס און צעשמירן איבער אַלע ווינקעלעך, און דאָ — אַן אַרומגעצוימט גרין גערטנדל אינמיטן דערינען...

ס׳אינגל האָט געהאַט אַ שטרוי־בלאָנדן קעפּל האָר, אַ רונדיק אַרומגעשאָרענעם. ס׳מיידעלע, מיט רויטע פּאַמפּושקעס־בעקלעך, אַ קורצזיכטיקע, האָט אַרײַנגעקוקט גלײַך אין די אויגן און געלאַכט, ווי מיט שראָט...

שלום, חילקעס ברודער, אַ אינגל אַ ניט־דערבאַקנס, מיט רינענדיקע נאָז און אויער, אַ שטאַמלער, האָט געהאַט אַ שטאַרקן חוש פאַר דער „ווירקלעכקייט". ער האָט, דער ערשטער, אויסגעפונען:

די שייגאַצימלעך זײַנען גוטע. מען דאַרף וויסן, ווי אַזוי צו בעטלען, גיבן זיי צאַצקעס...

זײַנען מיר געווען ניט פויל, געזעסן רייטנדיק אַפן שפּיץ פּאַרקאַן און געזונגען בעטלענדיק:

— באַליעס, אַ צאַצקע גיב...
— גאַנקע — אַ צאַצקעלע...

און טאַקע! די קינדער זײַנען גוטע געווען, איבערהויפּט דער בלאַסער באַליעסל; אַנגעקוויטשעט זיך פון וואונדער, צוגעשלעפּט פאַרן אָרבל דעם טאַטן, אַ לאַבעדיקער מאַן מיט צוויי שפּיצן באָרד, ווי הערנער, אַרום אַ

קיילעכדיק־אויסגעגאָלטער מאָרדע; צוגעשלעפּט די מאַמע, אַ הויכע פּלאַכע פרוי, מיט ברילן אויף אַ פרומער נאָז, פלעגט באַליעס נאָכדעם אַראָפּטענצלען פון פענצטער, דערלאַנגען פון ערגעץ אַ זאַך און צו אונדז אויפן הויף אַרויסוואַרפן:

— נאַ...

פלעגן מיר שוין אַלע, חילקע, שלום, פייוול, ווי וועוועריקעס אַראָפּשפּרינגען פון פּלויט, אַרויפוואַרפן זיך אויף דער אַראָפּגעפאַלענער זאַך און איינער באַם אַנדערן וועלן אויסכאַפּן.

ניט קיין אויסנאַרער זיינען יענע קינדער געווען: אַנטיקן אמתע האָבן זיי צייטנווייז אַראָפּגעוואָרפן: אַ שווערדל אין אַ בלעכערנער שייד, אַ פערדל אויף דריי פיסלעך, אַ געקאָלירט שטיקל פּאַפּיר, אַ לופט־באַלון; זאַכן אַזעלכע, וואָס מיר האָבן ביז דעמאָלט נאָך ניט געזען און זיי פלעגן צו אונדז קומען פון אַ וועלט אַ פרעמדער און אַ נייער...

איז געווען אָפּגעמאַכט בא אונדז:

ווער ס׳כאַפּט פריער איז יענעמס מזל, פאַרפאַלן...

אַלע האָבן זיך אונטערגעוואָרפן, אחוץ פייוול; פייוול מיט די גרויסע ציין, מיט די סקולאַטע באַקביינער, פלעגט דעמאָלט ווערן צעקאָכט; ער פלעגט אַזש רייסן פון די הענט:

— מיינע! מיינע!...

האָבן מיר זיך אָפּס־ניי באַקלערט:

— אַלע אויסגעבעטלטע צאַצקעס זאָלן זיין שותפותדיקע; וועט זיך אָנקלייבן אַ פולע, וועלן מיר זיך דעמאָלט צעטיילן...

איך, דער שטילסטער און דער קלענסטער, בין געווען דער שאַץ־האַלטער. אין קלייטל בא אונדז איז געשטאַנען אַ הילצערן קעסטל. אונטערן דעק האָב איך אויסגעגראָבן אַ נאָרע, דאָרטן זיינען די זאַכן געווען זיכער.

איז עס שוין צוגעגאַנגען לעבעדיקער: אויסגעבעטלט אַ זאַך, צוגע־כאַפּט, פאַרליינט אין נאָרע און ווייטער זיינען מיר רייטנדיק אויפן פּאַרקאַן געזעסן:

— באַליעס! אַ צאַצקע...

— גאַנקע! אַ צאַצקעלע...

אַזוי, ביז וואַנען ס׳אַנטקעגנדיקע פענצטער פלעגט זיך צומאַכן; דעמאָלט פלעגן מיר מיט די אַרבל אויסווישן די פאַרשוויצטע שטערנס, צורעכט מאַכן די היטלען, אויסריכטן אָפּריער די באָרוועסע פּיאַטקעס און אַראָפּקריכן פון פּאַרקאַן...

3.

שפּילן האָבן מיר געהאַט אַלערלייאיקע. נו, וועלכע קינדער שפּילן זיך עס ניט? די בעסטע שפּיל איז געווען: „פייערלעשער". אַט דערפאַר:

ס'שטעטל אונדזערס, אַ קאַשטשיאַל אינמיטן און שורות קראָמען, ווי הינטלעך אויסגעהונגערטע, צופוסנס, האָט דעמאָלט אַ פייערלעשער־קאָמאַנדע צונויפגעשטעלט. ביז אַהער איז צוגעגאַנגען היימיש: אַף יעדן הויז איז געווען אָנגעקלאַפּט אַ ברעטל, מיט אַן אויסגעמאָלט בילד, וואָס דער שטוב־באַלעבאָס דאַרף צושטעלן אין פאַל פון אַ פייער: אַן עמער, אַ צעבער, אַ האַק, קרוקעס. דער אויפטועער איז געווען דער שכן אונדזערער, דער אַפּטייקער: ער האָט צונויפגענומען ס'יונגוואַרג, פאַרפּוצט זיי אין מעשענע היטלען, מ'האָט אויס־געפאַרבט פייערדיק־רויט אַ פּאָר פעסלעך און וועגענער, אַ „וואָליק" אַזאַ געקויפט, איינצונעצן און אויסשפּרייטן אַף דעכער אין צייט פון אַ פייער־סכנה; זונטיק האָט מען געמאַרשירט איבער די גאַסן, דער אַפּטייקער מיט די בלאַנדע האָרן־שפּיצן אַרום דער אויסגעגאָלטער לאַכנדיקער מאָרדע, פאָרויס. מ'האָט געקלעטערט אַף דעכער, געזונגען לידער. נו, האָט עס אונדז, קליינוואַרג, פאַרכאַפּט! טשאַטעסווייז פלעגן מיר נאָך זיי נאָכלויפן...

ס'שפּיל אונדזערס פלעגט צוגיין אַף אַזאַ'ן אופן:

ס'לעצטע הויז אַפן הויף אונדזערן האָט זיך געריבן, חלק אַן חלק, מיט אַ צווייטן שטיבל פון אַן אַנדער הויף. שיין געווען צו קוקן, ווי אין רעגן־צייט קאַפּען ביידע סטרעכעס, צוויי נידעריקע, כשרע באָבעס, טריפ־טראָפ, און פאַרהערן זיך ווער ס'וויינט שנעלער און באַטרערט זיך חנעוודיקער. דער לאַנגער פאַרקאָן האָט צוגעשפּאַרט ענג צו ביידע דעכלעך. אַז חיליע, דער עלטסטער און פירער אונדזערער, פלעגט אַ קאָמאַנדעווע טאָן: „קריכט!", פלעגן מיר, האָזן גרינגפיסיקע, אַ לאָז געבן זיך קלעטערן אין דער ברייט, איבער די קראָקוועס, ארויפשפּרינגען אַפן פרעמדן דעכל, דערקריכן ביזן משופּעדיקן זוים, אַף וועלכן מיר פלעגן, איבערגעלייגט די פיס, אוועקזעצן זיך רייטנדיק...

אַמאָל פלעגט געלינגען אַ פאַרזשאַווערטן קענדל וואַסער אין קוימען אַריינגיסן, דעמאָלט זיינען מיר געווען גליקלעך...

אַפן דאַך זיצנדיק, האָבן מיר, קונדסים, וועלט־זאַכן באַשמועסט. אַהאַ! מיר זיינען שוין דעמאָלט גאָר ניט אַזוי אומוויסנדיק געווען!

מיר האָבן געוואוסט פון אַ „יענער וועלט"; געוואוסט, אַז די גוימלעך, די שכנים אונדזערע, וועלן קיין „יענע וועלט" ניט האָבן. האָבן מיר שוין

במילא ניט מקנא געווען זיי, די צאַצקעס זייערע, די קליידונג די שיינע; מיר האָבן זיי גרינג־געשעצט און טיף אין האַרצן פאַרשעמט.

אפילו פּאָליטיק האָבן מיר „באַשפּראָכן". צו קיין שאַנד זאָל עס אונדז ניט זיין! — מיר זיינען דעמאָלט געווען „מאָנאַרכיסטן"...

דער נייס־ברענגער איז געווען חילקע!

— ר׳ווייסט, קינדער? די קייסערינע איז קראַנק!

זיצן מיר פאַרטראַכטע; אַ קלייניקייט, די קייסערינע! די אויגן גע־קערט צום בלאָטיקן ברעג טייך, וואָס זוימט זיך מיט כוואַליעלעך, קושט זיך דין־ליפּיק מיט אידישע שפּייבלערס, שטאָלן און אָפּטרעטן, בויגט זיך, דרייט זיך פּויל־שלאַנגיק, ביז ער ווערט פאַרפרעמדט פון שטעטל; לעבן באַרגיקן פּריציש הויף, צווישן גרינס און וויס־דעביקע הייזער, דאָרטן מוז אודאי די קייסערינע וואוינען!...

נאָר חיליע, מיט זיין אָנגעצויגענעם דאַרן פּנים־הויט, שיטערע ציינער און אַרויסגערוקטן אונטערשטן קין־באַק, ער, זאָל מיר מוחל זיין, איז אַ שווינדלערל געווען: געקענט זיך אַ גרויס־געבן און אויפוועקן אונדזער קנאה:

— מיין טאַטע האָט דער קייסערינע אַ פלעשעלע בראָנפן אוועקגעטראָגן; אַ רפואה...

אין צווייטן אָנשוועליקן הויז האָט זיין טאַטע אַ שענקל געהאַלטן. זונטיק פלעגט דאָס איינציממערדיק שטיבל, מיט צוויי בעטן באַ די זייטן ווענט, און אַ פּראָסטן לאַנגן טיש אינמיטן, זיין אָנגעפּיקעוועט מיט פּויערים. זיי פלעגן זיך אויסזעצן אַף לאַנגע בענק, זופן, צובייסן מיט טאַראַנעס, באַלעקן זיך מיט געזאַלצענעם ליאָק, זויגן מאַכאָרקע־ציביקעס און הודזשען נודנע־מאָנאָטאָן, ווי שוואַרצע פענצטער־פליגן.

שלום איז צופרידן געווען: ער מיט חילקען זיינען דאָך געווען ברידער. דער פרעבער פּיוווקע פלעגט זיך אויך אין אַ חלק אַריינשלאָגן! זיין מאַמע, אַ קליינינקע אויסגעהאָרבעטע אידענע, אויפגעשטופּעוועט פון קנייטשן און ביינער, האָט פאַרקויפט פיש. האָט זי דער קראַנקער קייסערינע פיש אוועק־געשיקט; איך אָבער בין געווען פאַרלאָרן...

ניט לאַנג האָבן מיר געקענט אַפן דאָך רואיק איינזיצן. ס׳האָט זיך אָפּגערופן אַ ניט־פאַרגינער דאָ, אָדער דאָרטן:

— חי—ליע!

— ש—לום!

— פּיווו—קע!

און מיר פלעגן זיך האָזנפיסיק־פלינק אַראָפּקוליען פון דעכל, שטעלן באָרוועסע פּיסלעך, הויבן פּיאַטעס און לויפן אָן חשק צו דער מאַמען...

.4

שוין אַ לאַנגע צייט, אַז אונדזער טשאַטעווען אַפּן פּאַרקאַן געלינגט ניט: ס'אַנטקעגנדיקע פֿענצטער איז פֿאַרהאַקט. דעם אַפּטייקערס קינדער זעט מען ניט אָן.

זיינען ניטאָ קיין צאַצקעס. אַלטע צעבראָכן זיך און נאָך נייע בענקט דאָס האַרץ. זוכן מיר דערווייל אַנדערע פֿאַרווײַלונגען; לויפֿן מיר צום טײַך אַלע אינאיינעם: איך, חילקע, שלום, פֿייוועקע. ס'איז וואונדער דער ברעג־טײַך איז: פֿריער אַ פּאַס פֿון רוי־שוואַרצער, טאָפּיקער, ווי מאָן־פּאַרפֿל מיט האָניק אויפֿגעמישטער, בלאָטע; אינעווייניק — אָפּדרוקן פֿון שטיוול, שיך און פּיסלעך באָרוועסע מיט אויסגעלייגטע פֿינגער; און ווי נאָר ס'וואַסער גיט דעם ערשטן שווענק, איז שוין ס'זעמדל אונטן — קלאָר, ס'שטיינדל — צעמאָלן און גלאַט און פֿישלעך־סטאַדעס, קליינטשינקע, מיט שפּילקע־קעפּלעך און געשאַרפֿטע עקלעך, שפּילן זיך אַרום, שווימען צו צום בלאָטיקן זוים, דערשרעקן זיך און אַנטלויפֿן צוריק, אויסבויגנדיק זיך אין שורות...

קריכן מיר, מיטן האַרטן שמוץ־הויט פֿון באָרוועסע פֿיס, אינעם דורכזיכטיקן וואַסער. גלוסט זיך קריכן וואָס טיפֿער, וואַרפֿן מיר אַוועק מיט אַ כיון אַ שפּענדל און יאָגן זיך עס כאַפּן. פֿאַלט אַמאָל אַ טראָפּן רעגן, אָדער אַ פֿיש־שפּרונג גיט אַ ריר דעם זילבערנעם טוך פֿון טײַך און ער צעשמייכלט זיך דעמאָלט אין טאַצן; אַ טאַץ אין אַ טאַץ, ווייכע, לויפֿיקע, מיט אַן אויסבייג פֿון פֿרישע, יונגע, לאַכנדיקע ליפּן; בייגן מיר זיך אַרונטער און ווילן כאַפּן אין זשמעניעס די שווינדלענדיקע טאַצן, און, אַז ס'קלאָרע וואַסער צעגיסט זיך, שטיפֿנדיק דורך אַלע פֿינגער, הירזשען מיר, ווי לאָשיקעס...

נאָר ס'פֿאַרפֿאָלגט אונדז דער קול פֿון די מאַמעס:

— חיליע!!

— פֿייוועקע!!

— ש—לום!!

גייען מיר צוריק אַפֿן הויף, קוקן פֿון צאַם אין אַנטקעגנדיקן פֿענצטער, וואָס בלייבט נאָך אַלץ פֿאַרשלאָסן.

און אין שטוב באַ אונדז האָב איך אויפֿגעכאַפּט אַזעלכע געשפּרעכן. די מאַמע:

— סט'געהערט? דער אַפּטייקער אונדזערער, פּערקולעוויטש, איז שטאַרק קראַנק, האַלט באַם שטאַרבן.

דער טאַטע מיינער, אַ הוסטער, אַן איינגעהאַלטענער, שטענדיק בלומרשט אַ קאַלטבלוטיקער:

— שאָד! א גוטער גוי געווען; מ'קען זאָגן, פון די חסידי אומות העולם...

— א טאַטע פון קליינע קינדער!

אמאָל קומט אריין צו אונדז א גאַסט, א באָרעדטער, און דערציילט וועגן פּערקולעוויטשן א פּאַק מעשיות:

— בא אָרעמעלייט האָט ער פאַר רפואות קיין געלט ניט גענומען. גע־קענט אַלע שאַסטניקעס, די לאַטוטניקעס, קאַראַבעלניקעס און באַלעגאַלעס און געוואוסט זיי אפילו באַם נאָמען; דעם שמש, וואָס גייט אום פּרייטיק איבער די הייזער מיטן תלמוד־תורה־ביכל, האָט ער אליין אָפּגעשטעלט און אָנגעזאָגט, אז מען זאָל אים אויך פאַרשרייבן און קומען אין אַפּטייק, אַלע פּרייטיק, נאָך א נדבה...

כ'הער זיך איין; פאַר די אויגן שטייט מיר דער קורצער דיקלעכער מאַן מיט צוויי גאָלדיקע שפּיצן באָרד, ווי הערנער, ארום א נאַקעט־לאַכנדיקער מאָרדע; ס'פאַרקוועטשט מיך צום וויינען.

אמת, אַזעלכע מעשיות האָב איך שוין פון פריער געהערט; דערפאַר אפשר, האָב איך אים גוט „באַהאַנדלט", קיינמאָל ניט געטשעפּעט זיינע פּאַליעס...

אז איך פלעג אָפּ עמיצן פון די שכנים אין כעס ווערן, פלעג איך שטילערהייט אין הארצן גלייך פאַרקלערן א נקמה; ס'בעסטע נקמה־מיטל, וואָס איך האָב געהאַט, איז געווען: נעמען זיך צו די פּאַליעס; ארויסרייסן פון דאָרטן קאָלטענעס מיט מאָך, צעשטויסן דעם אויסגעטריקנטן ליים אָפּ פּיץ־ברעקעלעך. פּערקולעוויטשעס הויז, באַטש ס'איז ארוים מיטן בליגדן חלק צו אונדזער הויף, און אַלע סוף־זומער פלעגט קומען א קליינטשיק מוליערל, וועלכער האָט געקוקט ווי א פויגל און גערעדט מיט א קריי, אויסשמירן און באַקוקן אָפּ ווינטער די פּאַליעס, האָב איך ניט אָנגערירט מיט א פינגער, באַטש כ'האָב די פּאַליעס געהאַט אינגאַנצן אין מיין רשות...

איצט, אָפּ וועמען ס'טוט מיר דאָס הארץ וויי, מער ווי אָפּ אַלעמען, איז אָפּ דער קורציכטיקער רויטינקער גאַנקען און אָפּן בלאָסן באַליעסלען. כ'דערפיל א באַדערפעניש מיט עמיצן זיך דורכצורעדן און לויף אוועק צו מיינע חברים:

— חילע!

— שלום!

— פּיוּוקע!

— איר ווייסט? דער אַפּטייקער וועט דאָך באַלד שטאַרבן.

ווייזט זיך ארויס, אז די חברים ווייסן די נייַס פריער פון מיר. חיליעס

טאטע האט שוין אהין אוועקגעטראָגן בראָנפן פאר א רפואה און פייוקעס מאמע — פיש... חילקע און שלום זיינען, אגב, נאָענטע מחותנים מיטן טויט! די ברידערלעך זיינען יתומים. אז די שטיף־מאמע שלאָגט דעם שטאמלדיקן שלומען, מיטן רינענדיקן נאָז און אויער, זאָגט ער מיר א סוד אין אויער, אז ער וועט באנאכט דער געשטאָרבענער מאמען הייסן, זי זאָל די נייע מאמע ווערגן דערפאר...

פייוקע, דער פרעכער, גייט זיך אָבער זיין וועג.

— דער אפטייקער וועט ניט שטארבן; ער'ט פגרן; א גוי...

איך קאָך זיך:

— כ'האָב אליין געהערט פונעם טאטן און מאמען, אז ער איז אן אנדערער, א גוטער; ער'ט שטארבן.

פייוקע איז איינגעשפּארט:

— זאָג זיי, אז זיי ווייסן גאָרנישט. ער'ט פגרן.

איך זוך הילף בא חילקען און שלומען.

— אז דער טאטע זייערער וועט שטארבן, וועלן גאנקע און באָליעס דעמאָלט זיין יתומים, אזעלכע ווי איר...

חילקע, דער גרעסערער, איז שוין הארטלעך; ער קאָן פּלוצלונג א טראָט געבן אפן פילבארסטן פלאָץ.

— נאָר זיי וועלן דאָך קיין קדיש ניט זאָגן.

— אָן קדיש קאָן מען קיין יענע וועלט ניט האָבן, פארפאלן...

פייוקע, דער פרעכער, באזיגט מיך; ער גיט קיין זאך ניט נאָך. כ'אנטלויף א וויינענדיקער אהיים...

.5

אין א זומערדיקן פארנאכט איז דער אפטייקער געשטאָרבן. יענעם טאָג האָט בא אונדז אין הויז אויך אן אויסערגעוויינלעכע זאך געטראָפן:

אונדזער אויוון איז איינגעפאלן; אָנגעשפּאלטן האָט עס זיך שוין מיט א לאנגער צייט צוריק. ס'קליינטשיק מוליערל, מיטן פויגל־פנים, האָט אים דעמאָלט באקוקט און אָנגעזאָגט אף זיין הענדל־קול, אז פארפאלן: דער אויוון וועט מוזן איינפאלן. ליעפען אים אף וויטער וועט ניט העלפן; געקומען זיין סוף.

אונדזערע באלעבאטים, ישובניקעס, האָבן פון א נייעם אויוון ניט גע־וואָלט הערן, וואו דער אלטער וועט ניט אוועקפאלן פון די פיס. האָבן מיר שוין געוואוסט, אז אין שטוב איז פאראן א חולה־מסוכן און געשטעלט אף

שפּיץ־פינגער די טריט. די מאַמע, אַז זי פּלעגט צוגיין צום אויוון אָפּקאָכן ס'געקעכץ־ביסל, האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן אין קאָן; פונדעסטוועגן איז זי געגאַנגען און איר אַרבעט געטאָן. יענעם טאָג האָט די ציגלנע קראַנקע בריאה, נאָכן לעצטן אויסהייבן זיך, אַ צאַפּל געטאָן, אַ קרעכץ האָבן געגעבן די גלידער, וועמענס צייט ס'איז געקומען שיידן זיך איינס מיטן אַנדערן; דער אויוון איז צעזעצט געוואָרן איבער דער גאַנצער קיך...

ווי נייגעריק כ'בין ניט געווען צו קוקן אָפן נייעם בילד, ווי פונעם אַלט־באַקאַנטן אויוון איז בלויז אַ קוימען געבליבן, אַ פאַרמאַרעט אויסגעצויגן שוואַרץ העלדזל, וואָס האָט געשטעקט ביזן דאַך, האָב איך דאָך דעמאָלט קיין צייט ניט געהאַט: מיר אַלע, חילקע, שלום, פייוועקע, זיינען געשטאַנען אָפן פּאַרקאַן און אַריינגעקוקט צום פאַרשטאַרבענעם אַפּטייקער אין שטוב.

קליין זיינען מיר געווען, פונדעסטוועגן האָבן מיר דאָך שוין געוואוסט, אַז אין אַ שטוב פון אַ מת דאַרף מען וויינען, שרייען און רייסן זיך פון קאָפּ די האָר. דאָרטן איז אָבער געווען שטיל, די פאַרהאַנגען אַראָפּגעלאָזן; די בלינדע שטילקייט פונעם הויז, וואו ס'איז איצט געלעגן טויט דער מאַן מיט די גאָלדיקע באָרד־שפּיצן, האָט אונדז געשראָקן מער, איידער די גוואַלדן, וואָס מיר האָבן געוואַרט צו הערן.

חילקע האָט אַן עצה געגעבן און מיר זיינען אַראָפּגעקראָכן פון פּאַרקאַן, מייזלעך אויפגעשפּיצטע, נייגעריקע, און אַוועק דורכן הויף אין מאַרק־גאַס, זען וואָס טוט זיך פאָרנט אין הויז.

דער אַריינגאַנג אין אַפּטייק — אַ גרין־געפאַרבט, רונדיק פאָרהויז, צוויי פענצטער פון די זייטן, די שויבן געשטוקעוועט פון קאָלירטן גלאָז, ט־עפּ אויסגעפאַרבטע, רויטע — אַהין פלעגן מיר זיך צייטנווייז פאַרגנבענען, פאַר־שטעלן זיך, אַז מיר זיצן אין אַ פּאַלאַץ פון אויסערגעוויינלעכער פּראַכט; איצט איז דאָרטן די טיר געווען פאַרהאַקט.

נאָר פונעם אַנדערן הויף, וואו מען האָט געגאָסן וואַסער־מולינעס און געקאָכט וואַפּנע, אַף אַ הויכן גאַניקל, איז געשטאַנען די לאַנגע אַפּטייקעריכע, איר באַברילטע, אויסגעצויגענע נאָז פרימער ווי אַלעמאָל, און האָט זיך גע־עסקט אַרום אַ סאַמאָוואַר.

געסט זיינען צו זיי געגאַנגען, פּריצים און פּריצטעס אויסגעפּוצטע, און איינמאָל האָבן מיר געזען, ווי די טיר האָט זיך געעפנט און באַליעס מיט גאַנקען זיינען אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן די געסט...

צוריק אַף אונדזער הויף, זיינען מיר ביז שפּעט באַדערנאַכט אָפּגעזעסן אָפן פּאַרקאַן און איינגעהערט זיך, ווי מען זינגט פרומע ניגונים אינעווייניק אין שטוב.

— זייער תהילים — האָט חילקע געפּסקנט.

— דאָס פּרעפּלט דער גלח פון קלויסטער. מ'טאָר גאָר ניט הערן.

אזוי האָט דער פּרעכער פּייווקע אונדז געשראָקן און אַליין איז ער געזעסן און האָט געהערט.

— אז מען שפּייט דריי מאָל אָפּ, מעג מען שוין — האָט דער פּראַקטישער שלום אַ מיטל אויסגעקלערט.

די ניגונים זיינען געווען שיינע און אומעטיקע; ס'האָט דאָס האַרץ געוויינט אַף גאַנקען און באַליעסן, וואָס זיינען געוואָרן יתומים; ס'איז אַ רחמנות געווען אפן גאָלד־בערדיקן אַפּטייקער, וואָס איז געווען אַזאַ גוטער, און איצט, ווער ווייס? אפשר איז פּייווקע גערעכט? ער וועט ניט האָבן קיין „יענע וועלט"...

— באַלד וועט מען עסן בלינעס מיט האָניק, אזוי פירט זיך אַף אַלע פּגירות — האָט פּייווקע געלעסטערט פון דאָס ניי.

דער וויסנדיקער חיליע האָט צוגעלייגט:

— באַ זיי לייגט מען אריין אין אַ טרונע, אז מען קאָן ניט ארויסקריכן. בלייבט מען שוין שטענדיק אזוי ליגן אין גרוב.

— האָז, פּאָז, פּאָמילאָז! — האָט שלום נאָכגעקרימט גלחישע פּרעפּלעריי.

כ'בין שוין צופרידן געווען ווען פון די היימען האָבן זיך דערהערט די מאַמעשע קולות:

— חילקע!

— שלום!

— פּייווקע!

און מיר האָבן געדאַרפט אראָפּקריכן פון פּאַרקאַן, לויפן אהיים, לייגן זיך שלאָפן אַף דער נאַכט...

.6

אַף מאָרגן איז געווען די לויה.

ווי אַלעמאָל, אַף אַ גויאישער לויה, האָבן געקלונגען די גלאָקן פון קאָס־טיאָל. דריי גלאָקן זיינען דאָרטן געווען: איינער אַ באַסאָווער, אַ ליארעט־דיקער; די איבעריקע צוויי — קלענערע, פריילעך־קלינגענדיקע גלעקלעך; געהאַנגען זיינען זיי אַלע אונטערן סופיט פון אַ הויכער רונד־געבויגענער אַרקע, געבויט פון ציגל און מיט וואַפנע אויסגעשמירט און באַקאַלכט. דער גרויסער באַסאָווער גלאָק, אז ער פלעגט אַ הילך טאָן, האָט מען געוואוסט,

אז אן אומגליק איז אפן שטעטל געקומען ! א שרפה, א פאַרפּלייצעניש ; נאָר אז ס'פּלעגן זיך צום ליאַרעם פון טאַטן־גלאַק צומישן די פרייליך־קלינגענדיקע, איבערגיסנדיקע קולכלעך פון די צוויי קלענערע, איבערקרימען אים און פּרואוון צעטומלען, האָבן זיך צעשראָקענע אידן איינער דעם צווייטן בארואיקט :

— ס'איז גאָרנישט, גאָרנישט ; א גויאישע לויה...

דעם אַפּטייקערס לויה איז געווען א פרומע. (ער אַליין איז געווען אן אַפּיקורס, נאָר זי, א פאַרפרומטע, האָט אים אזוי אויסגעריכט ; אזוי האָבן די מאַמעס אונדזערע דערציילט.) פאַר דער טרונע, אינמיטן גאַס, איז געגאַנגען דער ווייבערשער קסיאָנדז און ארום אים, אָנגעטאָן ווי ער — אין ווייסע העמדלעך איבער שווארצע מאַנטלען — זיינע משוררים. מ'האָט געטראָגן פאָנען, לייכטער גרויסע, אויסגעבויגענע, צלמים, בילדער ; מען האָט געשפּאַנט טראָט אין טראָט און געפּרעפּלט נאָכאַנאַנד ניגונים.

נאָכדעם איז געגאַנגען חברה „פייערלעשער" ; די פייערדיק־געפאַרבטע וועגענער האָבן זיי געפירט נאָך זיך און זייערע מעשענע היטלען האָבן שפּיגל־דיק געשיינט, איינגעשלונגען אין זיך די פרייליכע פלאַמיקייט פון הייסן זומערדיקן נאָכמיטאָג.

און נאָך די פייערלעשער זיינען געגאַנגען א סך שטעטלדיקע אידן ; הויכע, ביינערדיקע, גרין־בערדיקע : שאַסטניקעס, לאַטוטעס, קאַראַבעלניקעס און בעל־עגלות. די אידן האָבן, שעמעוודיק, צווישן טונקעלע געדרייטע פינגער געטראָגן די היטלען אין די הענט, מיט אָפּגעדעקטע קעפּ, ווי שווערע גאָרטנדיקע ארבוזן.

אונדזער חברה : איך, חילקע, שלום, פייוול, האָבן אויך געשפּאַנט באָרוועסע אין דער פּראָצעסיע (מחותנים זיינען מיר דאָך געווען ; אזעלכע נאָענטע שכנים). מיר זיינען אזוי געגאַנגען ביזן סאַמע מאָהילניק.

דער צווינטער איז געווען אין עק שטאָט, אפן הויכן ברעג טייך ; א רונד, גראָזיק בערגל, ווי א בויך פון א גרינער שלעפעריקער חיה ; צופוסנס — דער זילבער־שופנדיקער טייך. קיין צוים איז דאָרטן ניט געווען און דער בית־עולם האָט זיך אָפּגעטיילט פון איבעריקן פעלד מיט א פיר־עקיקן זאַמד־גראָבן. בלויז פון צוויי זייטן שטיקער ערד געבליבן גאַנץ, און דאָרטן, דורך א דינ־געפלאָכטענעם אויסגעוועלבטן טויער, איז געווען דער אריינגאַנג.

לעבן אָפענעם גרוב האָבן מיר, קונדסים, באָרוועסע זיך געשפּאַרט און די היטלעך אונדזערע, געקנייטשטע, געהאַלטן אין די הענט. פייווקע האָט אונדז אַפילו מתרה געווען, אז אויב מיר גייען אף די מאָהילקעס דאַרפן מיר דאָרטן די גאַנצע צייט שפּייען, אויסשפּייען, ווען ניט זיינען מיר פּאַרטיקע

מיטן עולם־הבא חלק; נאָר ער אַליין האָט דאָס פאַרגעסן צו טאָן: ער איז געשטאַנען, געצויגן איבער די סקולאַטע ביינער די הויט, און געשטשירעט מיט די גרויסע ציינער.

ווען מען האָט אַראָפּגעלאָזן די טרונע און גראַבאַייזנס האָבן אָנגענומען זון־באַגילטן מעליקן זאַמד פון קופּע און געשאָטן אין קבר, איז געוואָרן זייער שטיל און מ'האָט געהערט פון וווייטן דעם געהילך פון קלינגענדיקע גלעקער און אַ טעמפּן, אויער־רייסנדיקן געשיט פון שיטערער ערד אין גרוב.

דעמאָלט האָבן מיר, קונדסים, אַ הייב געטאָן די פּיאַטקעס, אַ שפּאַר געגעבן זיך אָנקוקן באַליעסן מיט גאַנקען אין פּנים. זיי זיינען געווען צע־שראָקן. די בלאָנדע האָר פּיכט צוגעקלעפּט צום שטערן; באַליעסל, בלאַסער ווי אַלע מאָל, האָט זיך פלוצלונג אַ קער געטאָן, אָנגעקוקט אונדז מיט אַ צעמישטן אייגל, דערקענט הפּנים און פאַרוואונדערט זיך, און אָפּגעקערט שנעל דעם קאָפּ צוריק...

געבליבן זיינען מיר דאָרטן ביז צום סוף; געזען, ווי אַפן פרישן גרוב, ווי אַן אויסגעגלעטע פּערינקע, האָבן די קינדער אַוועקגעלייגט אַ שוואַרץ־בלעטערדיקן אומעטיקן קראַנץ; מיר האָבן באַמערקט, ווי ראובן, אַ הויכער איד, וואָס פלעגט גיין זומער צום טייך־ברעג מיט אַ שאָסט, און ווינטער — אין וועג, מיט רימען־שטיקלעך און לאַטוטע־געצייג, האָט מיט זיין צעקנייטשטן היטל, אַז קיינער האָט ניט געזען, געריבן די אויגן און אויסגעקרעכצט פון האַרצן אַ פּראָסטן הוסט.

צוריק אַהיים זיינען מיר געגאַנגען מיטן ברעג טייך. פונעם בערגל האָבן מיר זיך אַראָפּגעקייקלט, ווי ניסלעך, צום וואַסער, אָנגעהאַלטן זיך, לויפנדיק, פאַר ריטער, צווייגן, קוסטעס ברוזגעל־ביימלעך מיט ווייסער קאָרע, פאַר־טשעפּעט די באָרוועסע פיס אין פּאַפּאָראָטניק־בלעטער; אונטן האָבן מיר געוואָרפן שטיינדלעך, די פלאַכערע שטיינער געלאָזן טאַנצן אינעווייניק אין באַבקעס, געקראָכן אין טאָפּיקן בלעטער־אויסגעבעטן דעק און געריסן וואַסער־קאַראַסקעס. ניט איך, ניט חילקע, שלום, פּייוקע, האָבן אויסגערעדט אַ וואָרט.

מיר זיינען דורכגעגאַנגען דעם „וויהאָן", אַ נידעריק, פלאַך שטיק ברעג, וואָס דער שקאָצעוואַטער טייך האָט פאַרגעסן צונעמען, ווען אים האָט זיך פלוצלונג פאַרגלוסט צו מאַכן אַ שאַרפן קנייטשיקן בויג; דאָרטן האָבן זיך געפּאַשעט גענדז און גאָנערס; זיי האָבן געשריען מיט טרוקענע קולות, ווי זשאַווערדיקע ספּרוזשינעס; די גאָנערס האָבן אָפּגעשטעלט האַרטע שנאָבלען און אַף די קאַליקע פיסלעך געטראָגן זיך בייסן אונדז אין אָפּגעדעקטן פלייש; פון דאָרטן, פאַרביי אידישע שטאַלן, שפּייכלער און אָפּטרעטן, דורך צעווייקטע

פולווערדיקע פּאַליעס און אָפּגעשווענקטע ברעטער, זיינען מיר אוועק צוריק צו זיך אפן הויף.

— אין דערהיים זאָל מען זיך ניט דערוויסן, וואו מיר זיינען געווען...

דאָס האָב איך אויסגערעדט מיין שרעק אפן קול.

— וועט מען וויסן... — האָט דער פרעכער פייווקע געמאַכט מיין שרעק צונישט.

— ניט בלויז מיר אַליין; אַ סך אידן זיינען דאָרטן געווען.

דער פּראַקטישער שלום האָט שוין אַ תירוץ געהאַט.

נאָר ניט די היים אַליין באַאומרואיקט מיך. דעם אַפּטייקערס „יענע וועלט" ליגט מיר מער אין זינען. וואָס וועלן זאָגן די חברים איצט?

— אַז דער מאַטע זייערער איז געשטאָרבן, זיינען באַליעס און גאַנקע אַזעלכע יתומים, ווי איר...

איך קוק אַף שלומען און חילקען מיט מורא און דערוואַרטונג. פאַר פייווקען ציטערט מיר מער ווי פאַר אַלעמען דאָס האַרץ.

זיי שווייגן; פייווקע אויך; זיי קוועטשן שטייף מיט די נאַקעטע פּיאַטקעס די בלאָטע און — ניט קיין וואָרט.

איך בין צופרידן.

ס'האַרץ פרייט מיר פאַר באַליעסן און פאַר גאַנקען; פאַרן פאַר־שטאָרבענעם אַפּטייקער אויך...

העלדזלעך

באַ אונדז אַפֿן הויף האָט מען פֿון האַלדז־ווייטיק געליטן. ניט בלויז קינדער, אויך טאַטע־מאַמעס האָבן זיך אָפּט אין שאַליקעס און פּאַטשיילעס געוויקלט און געהוסט אומעטיק מיט אַ פּוסטן, געוואָרגענעם כריפּ.

ווער איז געווען שולדיק? אפשר דער טייך, וואָס איז אונדזערער אַזאַ נאָענטער שכן געווען...

פֿאַר פּסח, ווי נאָר אַ וואַרעמער רעגן פֿלעגט צעבייסן דעם שניי און אונטערן צעפֿלאַצטן שמוציקן אייז פֿלעגן ריטשקעס באַרג־אַראָפּ, דורכן הויף צום טייך אַוועקלויפֿן; ווי נאָר דער טייך פֿלעגט דורכרייסן זיין ברעג און אַ בלוי־צונגיקער אַוועקלאָזן זיך לעקן אונדזערע ווענט און פּאַרקאַנעס, האָט מען שוין באַ אונדז אַפֿן הויף געהוסט און געשטיקט זיך. מאַמעס פֿלעגן רעדן צווישן זיך:

— אַן איבערגאַנג היי־יאָר! העלדזער...

און אַפֿן פּאַרקאַן, אַף וועלכן מיר, קינדער, זיינען רייטנדיק געזעסן, איז געוואָרן אומעטיקער: דער, יענער האָט געפֿעלט.

— וואו איז חילקע?

— קראַנק מיטן האַלדז.

— שלום? פּייווקע?

— ליגט. ס'העלדזל געשוואָלן...

די זעלביקע זאַך איז געווען אין האַרבסט, ווען רעגנס פֿלעגן צוריק צעווייקן די פֿאַרטריקנטע זומערדיקע בלאָטע און דורכן טוואַן האָבן זיך געזייט ריטשקעס, וואָס האָבן מיט מוטנעם סם איבערגעזעטיקט דעם טייך. דעמאָלט פֿלעגט אויך באַ אונדז אַפֿן פּאַרקאַן גערוימער ווערן; דער, יענער האָט געפֿעלט.

— חילקע? שלום? פּייווקע?

— דער איבערגאַנג! געשוואָלן דער האַלדז...

אַוועקפֿאַלן פֿלעגן באַ אונדז קינדער איינציקווייז. דער ערשטער פֿלעגט זיך אַוועקלייגן ניסל. נאָך אים, ווער ס'האָט זיך געמאַכט.

ניסל איז געווען אונדזערער אַ חבר. מיט אים זיינען מיר אַף אַזאַ אופֿן געוואָרן באַקאַנט:

די מאַמעס אַף אונדזער הויף האָבן דעם שאַלעכץ פון אָפּגעשיילטן קאַר־טאָפל געקליבן און פאַרקויפט אַפן דריטן הויף. דאָרטן האָט די באַלעבאָסטע געהאַט אַן איינענע קו און מיט שאַלעכץ זי געשפייזט. אָפט פלעגט די באַלעבאָסטע מיט אַ גרויסן טשוהונענעם טאָפּ נאָך דער סחורה אַליין קומען, אַמאָל האָבן עס די מאַמעס אוועקגעטראָגן אַליין. נאָך די מאַמעס, ווי פּיסקליעס נאָך אַ הון, האָבן מיר, קינדער, זיך נאָכגעשלעפּט. אין יענעם הויז האָבן מיר זיך געטראָפן מיט ניסלען און פאַררופן אים צו זיך.

— קום! אין „פאַזשאַרניקעס" זיך שפּילן, צאַצקעלעך בעטן; גוט באַ אונדז.

איז ער איינמאָל געקומען און פאַרבליבן חבר מיט אונדז.

פּייוּוקע האָט זיך געקרימט, חילקע איז אויך אומצופרידן געווען. ניסל איז געווען צו קליין און צו שוואַך. פון אונדז, פלינקע באָרוועסע פּיאַטקעס, האָט ער זיך אָפּגעשיידט מיט זיין שטילקייט, באַשוכטקייט און צופיל־געוואַשנקייט. אַפן פּאַרקאַן האָט ער ניט געקלעטערט, האָר פונעם פערדישן עק האָט ער מורא געהאַט צו צופּן, אין „פאַזשאַרניקעס" האָט ער אויך ניט געשפּילט. נאָר איך, מיט שלומקע דעם יתום האָבן זיך פאַר אים איינגע־שטעלט; אָפּגעזונדערט פון די גרעסערע, באַ אונדז אין קלייטל, אין פייכטער שאָטנקייט פון קאַסטנס און צעברס, זיינען מיר געזעסן, דערציילט שטילע מעשיות און געשפּילט זיך אינדערשטיל.

ער האָט געהאַט אַן עלטערן ברודער, וואָס פלעגט אין יאַריד־טעג אַ שטעלכל אין מיטן מאַרק אויפבויען און זאַכן פינף־קאָפּיקענע פאַרקויפן. זיינע זאַכן פלעגט ער צו די פּויערים און פּויערטעס אַפן מאַרק הילכיק מיט אַ ניגון אויסזינגען און פאַרענדיקן מיט אַ לעבעדיקן רוף: „פאַר פינף! צו פינף! מיט פינף!" אָט דער ניגון, מיטן אויסרוף, האָבן אונדז, קינדער, זייער פאַר־כאַפּט. וועגן דעם ברודער זיינעם פלעגט אונדז ניסל מעשיות נאָכאַנאַנד דערציילן:

— אין אַמעריקע איז אַזאַ פאַבריק פאַראַן. דאָרטן מאַכט מען פאַר אים מעסערלעך, קנעפּלעך, צאַצקעלעך אַלערלייאיקע, און דער „פּאַראַכאָד" ברענגט עס אונדז אַלץ פון דאָרטן צופירן: קאַסטנס אָנגעפּאַקטע, אַזעלכע שייַנינקע, ווייסינקע, איר האָט געדאַרפט זען...

— איז, אַז מען נעמט אַ מעסערל אין האַנט, בלישטשעט עס, און פריער דאַרף מען די פינגער אויסוואַשן, ריין — ריין...

האָבן מיר אים די בלישטשענדיקע מעסערלעך מקנא געווען און מיט פאַרדרוס אַף די איינענע ברודיקע פינגער געקוקט.

אַז מיר פלעגן אַזוי זיצן און פאַרברענגען, האָבן אונדז די מאַמעס קיינ־

מאָל ניט געשטערט; זיי פלעגן זיך נאָר איבערווינקען מיט אַ שמייכל:

— אַ חיות צו קוקן! קינדער, ווי טויבן... מ׳הערט ניט קיין פּיפּס.

איז אָט איינמאָל, אין אַ הארבסט־טאָג, ווען ניסל קלייבט זיך שוין צו לויפן אהיים, לייגט ער ארויף די פינגער אויף דעם האלדז, פּיפּטשעט מיט אַ קול פון אַ קראנקן פויגל:

— ס׳העלדזל... ס׳העלדזעלע טוט וויי!

אויף מאָרגן איז ער שוין ניט געקומען. מיר האָבן זיך ניט געוואונדערט. אזוי האָט געדאַרפט זיין, אזוי פלעגט זיך באַ אונדז פירן. נאָך אים איז אָפּגעפאַלן שלום, נאָך שלומען, איינציקווייז, דער און יענער אינגל. דער לעצטער האָב איך זיך אוועקגעלייגט.

און אָפן הויף די מאַמעס האָבן שוין גערעדט צווישן זיך:

— אזאַ איבערגאַנג היי־יאָר! העלדזלעך...

די מאַמע לייגט אַריין אין בעט. זי קייקלט מיט די אויסגעהאָרעוועטע שאַרפע פינגער דעם געשוואָלענעם גוז אונטערן העלדזל, טאַפּט דעם שטערן און באַשליסט:

— מ׳וועט זיך ניט אַרויסדרייען. דעם דאָקטאָר מוז מען רופן. ס׳האָט היץ...

דעמאָלט קלייבט זיך אַריין אין הויז דער שטילער פּאַרטאַיעטער קראַנק־הייט יום־טוב. אַ שטילינקער איז דער יום־טוב, נאָר ער רוט ניט און ער שטיקט. איינגעלעך האָט ער קליינע, ווייסע, שרעקעדיקע און ער קוקט מיט זיי פון אומעטום: פונעם פאַרבעטן בעט, פונעם דיל, אויסגעשאָטן מיט געלן זאַמד, פונעם שבתדיקן טישטוך, פונעם טינט־און־פעדער, וואָס שטייט שוין אָנגעגרייט פאַרן דאָקטאָר אָפן טיש, צו שרייבן די רעצעפּטן...

און אויף דער קאַנאַפּע, אינעם בלאַסן העמדל, ליגט דער יום־טובדיקער מחותן. די מאַמע האָט לכבוד אים אַריינגעוואָרפן נאָך עטלעכע פּאָליענעס האָלץ אין אויוון און אין שטוב איז אַ דערשטיקעניש. די לופט רירט זיך ניט. זי האָט זיך אָנגערוקט נאָענט, שווער, טעמפּ און געדולדיק־דריקנדיק. ס׳ווילט זיך אזוי אַרויסכאַפּן זיך פון דאַנען, לויפן צום טייך, צום פּאַרקאַן, צו די נאָענטע חברים. צופרידן זיינען נאָר די פליגן. דער יום־טוב איז אויך זייערער. זיי קרייזלען זיך אַרום, פליען היין און צוריק, פון טיש צום באַלקן, מיט אַ גלייכגילטיקן געדולדיקן זשומען...

קומט דער דאָקטאָר צוגיין. באַ דער טיר באַגעגנט אים דער טאַטע.

ער נעמט אַראָפּ דאָס היטל פונעם פרומען קאָפּ. ס׳אַרא מאָדנעקייט: דער טאַטע מיטן אָפּגעדעקטן גרויען קאָפּ... ס׳אַרא געבראָכנקייט, געפאַלנקייט...

— אָט דאָ איז דער חולה! דאָ...

דער דאָקטאָר טוט אויס דעם בערן־פּעלץ, וווישט זיך אָפּ די געקרייזלטע געדיכטע וואָנצעס. ס'אַרא גלייכגילטיקייט אין זיינע באַוועגונגען! ס'אַרא שטאָלץ און געדולד! דוכט זיך, ער וועט באַלד זאָגן:

— אַ אינגעלע איז קראַנק, איז נו, מילא, קוקן מיר אים אַריין אין האַלדז. נאָר ווייטער גייט עס אונדז ניט אָן: אונדז איז אַלץ איינס! אַ אינגעלע, אַ ווערימל, אַ הינטל...

אַ פּוילישער פּריץ איז אונדזער דאָקטאָר (ראָגאָווין הייסט ער). ער וואוינט אין אַ הויז און אַרום הויז איז אַ גאָרטן. דאָרטן וואַקסן אַגרעסלעך און די אַגרעסלעך גנבענען מיר, שטופּנדיק די הענט צווישן די הילצערנע שטאַכעטן. די מאַמעס שרעקן אונדז מיט אים און מיר, קינדערלעך, האָבן פאַר אים מורא.

ביטער, בייסיק איז אין האַלדז, נאָר נאָך ביטערער, דאָס אומגעדולדיק באַליידיקט קניילכל טיף אין האַרצן. ס'באַליידיקט דעם טאַטנס געפאַלנקייט, דער מאַמעס מורא, דער אייגענער וויניק.

דער דאָקטאָר באַפעלט:

— עפן ס'מויל!

איך פאַרשטשעמע שטייף די ציינער.

— עפן!

איך פאַרשטשעמע זיי נאָך שטייפער.

— כ'הייס!

די ציינער בייסן זיך איין אין דער אונטערשטער ליפּ, אַזש ס'בליען אַרויס הייסע בלוט־סימנים.

טאַטע און מאַמע בעטן זיך נעבעכדיק:

— פאָלג, זונעלע, דעם דאָקטאָר! פאָלג...

און זיי רעדן איין:

— אַ גוטער איז ער... ער'ט גאָרנישט ניט טאָן; אַ קוק טאָן בלויז אין העלדזל און אַ מעדיצין פאַרשרייבן. לאָז זיך, זונעלע, עפן...

איך גיב זיך ניט אונטער.

מ'פּרוּווט מיך איינשרעקן:

— דו'סט קראַנק ווערן, דו'סט שטאַרבן...

כ'האָב מורא, נאָר שטאַרקער פון שרעק איז די ביטערקייט און איינגעשפּאַרטקייט. איך ענטפער:

— נו, וועל איך שטאַרבן...

דער דאָקטאָר ראָגאָווין פאַרלירט זיין געדולד. די געקרייזלטע וואָנצעס בלאָזן זיך אָן, ער קוקט אַף מיר מיט שנאה. מיט אַ געזונטן שטייפן קולאַק

קנאַקט ער מיר אונטער דער מאָרדע, אַזש די ציינער בייסן זיך איין אין פאַרבלוטיקטע ליפּן. ער שיפּעט:

— עפן, הינטיש בלוט, עפן...

די מאַמע העלפט אים אונטער. זי ציט אַרויף פאַר דער נאָז און מיט געפּאַלענע טרערן בעט זי זיך:

— פאָלג, זונעלע, עפן...

ס'צינען לעפעלע איז שוין באַ מיר אין מויל און מיט צופרידענער איינגעשפאַרטקייט שטופט עס דער דאָקטאָר אַלץ ווייטער און טיפער. אַ מעטאַלענע געזאַלצנקייט בייסט די צונג, נאָר די פאַרלאָרנקייט איז שטאַרקער פונעם איבל און דעם ווייטיק.

און דער דאָקטאָר ראַגאָווין זאָגט שוין אָן דער מאַמען אַ בשורה:

— ס'העלדזל איז געשוואָלן! אַן איבערגאַנג...

שיקט מען אַוועק אין אַפּטייק נאָך רפואות; און אַז איך ליג מיט צוגעמאַכטע אויגן, דאַכט זיך מיר אויס אַזוי:

איך מיט מיין חבר ניסלען לויפן ביידע דורכן הויף, באַרג־אַראָפּ, צום טייך, צו באַגעגענען אַ „פּאַראָכאָד", וואָס איז אָקאָרשט געקומען צופאָרן. באַלעגאַלעס כוואַשטשען מיט בייטשלעך איבער פערדישע רוקנס און פירן וועגענער, אָנגעפּאַקט מיט מעסערלעך בלישטשענדיקע, קנעפּלעך שיינע, בלערליי צאַצקעלעך, וואָס מען האָט פון אַמעריקע פאַר ניסלס ברודער גע־בראַכט צופירן. ווי הינטלעך הונגעריקע קוקן מיר אויף די וועגענער מיט שיינע זאַכן, וואָס שלעפּן זיך דורך דער בלאָטע באַרג־אַרויף און פאַרשווינדן פון אונדזערע אויגן. נאָכדעם גנבענען מיר זיך אַרויף אויפן פּאַראָכאָד און פאַרטאַיען זיך אין אַ ווינקל. אין אַמעריקע ווילן מיר אַנטלויפן, אין די פאַבריקן, וואו ס'ווערן געמאַכט אַזעלכע שיינע זאַכן. די פּאַרע שיפּעט, הייס איז אונדז, שטיקנדיק; שוויים גיסט זיך איבערן לייבל, נאָר אונדז איז פריילעך. איינער דעם צווייטן שטופּט מיטן עלנבויגן:

— גוט איז אונדז איצטער! האַ! גוט?

פון אַפּטייק ברענגט מען צוטראָגן די פלעשלעך רפואות, מיט לאַנגע פּאַפּירן־עקן אָנגעקלעפּט פון דער זייט. די מאַמע בעט זיך:

— פאָלג, זונעלע, טרינק...

און דער טאַטע, וועלכער האָט דעם געדולד פאַרלאָרן, באַפעלט:

— עפן ס'מויל!

די ציינער בייסן זיך אַריין אין דער אונטערשטער ליפּ, אַזש ס'בליען אַרויס הייסינקע בלוט־סימנים.

— קאַרג ביטערקייט פאַראַן, האָט מען נאָך דאָס ביסל ביטערקייט אַהער געבראַכט צו טראָגן...

מ'רעדט נעבעכדיק איין:

— טרינק, זונעלע! דו'סט שטאַרבן...

— נו, וועל איך שטאַרבן...

פּרואווט זיך די מאַמע מיט ציטערדיקע פינגער ציען אַרויף ס'נעזל, נאָר ס'העלפט ניט און די ביטערקייט צעגיסט זיך און פאַרפלעקט מיט ברוינעם גאַל ס'ווייסע העמד.

ברענגט מען ווייטער דעם דאָקטאָר; ער קוקט אויף מיר מיט שנאה. מיט אַ זאַטן, שטייפן קולאַק קנאַקט ער אונטער דער מאָרדע, אַזש די ציינער בייסן זיך איין אין צעבלוטיקטע ליפּן:

— טרינק, איינגעשפּאַרט, הינטיש בלוט! טרינק...

ס'ציינען לעפּעלע רייבט זיך אָן די איינגעשטשעמעטע שטייפע ציינער. כ'בלאָז אַרויס די פּליסיקייט און שריי:

— כ'וועל שטאַרבן און ניט טרינקען... לאָזט אָפּ...

כ'האָב דעם שטאָלצן פּוילישן דאָקטאָר באַזיגט:

— אַן איינגעשפּאַרטער איז ער, אַ צייניקער. מ'וועט ניט אויספירן. לאָזט עם איבער צו דער נאַטור: לעבן אָדער שטאַרבן, ווי אים איז באַשערט...

:: :: ::

אַז איך בין אַרויס צום ערשטן מאָל אין גאַס, מיט אַ שאַליקל אַרומגעוויקלט אַרום האַלדז, האָב איך אַרום פאַרקאַן מיינע חברים, אויך איינגעקוטעטע אין שאַליקלעך, געטראָפן.

נאָר איינער האָט צווישן אונדז געפעלט: ניסל איז געשטאָרבן...

זשאַמע

פּרייטיק, ביז האַלבן טאָג, האָבן מיר, ווי ציגעלעך, די סדרה אין חדר געמעקעט. נאָכדעם זיינען מיר געלאָפן אַהיים.

איך לויף מיט זשאַמען. מיר, ביידע חברים, די שטילסטע אינגלעך אין חדר, פּאַלגערס. מאַמעס בענטשן זיך מיט אונדז:

— רואיקע טויבן, וואָזשיקלעך, קיין פּאַרע הערט מען ניט פון זיי...

ס'איז זומער; לויפן מיר זיך שפּילן צו זשאַמען אַפן הויף. איך ברענג צו טראָגן רעדעלעך, דריידלעך פונעם טאַטנס וואַרשטאַט, און ער — צוקערקעלעך פון זיין מאַמעס קראָם.

דער הויף איז אַ גרויסער און אַ פּוסטער; פון איין זייט — אַ צאַם פון אַ גויאישן מאַהילניק, פון דער צווייטער — איבערגעבראָכענע ווייסע קופּעס שטיינער פון אַן אַלטער חורבה, באַוואַקסן מיט גראָז און שטעכלקעס, און מיט דער הינטער־זייט צו אונדז — אַ שטאַל, וואו ס'שטייט אַ באַלעגאָלעס פערדל, כראָמטשקעט היי, פּאַרשקעט מיט דער נאָז און הירזשעט נאָכאַנאַנד.

דעם באַלעגאָלעס אינגל, שוואַרץ ווי אַ זשוק, אין אַ צעפּליקט העמדל, אַזש ס'פּופּיקל סטאַרטשעט אַרויס, דראַפּעט זיך אַף אַ שטיין, קוקט אַף אונדז מיט ברוינע, גרויסע, חיהשע אויגן; ער וויל אויך צושטיין צו דער שפּיל.

מיר לאָזן אים אָבער ניט צו: אין צווייען איז גענוג פאַר אונדז.

— חיים, באַלאַבאַים,
פּאַר קיין מצרים,
קויף אַ געטשקע...

חיימקע, דעם באַלעגאָלעס, גיסט אונדז אָפּ מיט אַ קוק פון זיינע ברוינע, אומעטיקע, נעגער־אויגן; ער פּאַרמעסט זיך כלומרשט מיט אַ שטיין און אַנטלויפט פון אונדז.

זעצן מיר זיך שפּילן דריידל; זשאַמע לאָזט עס אַוועק דרייען זיך אַף אַ שטיין; און אַז ס'צעשווינגט זיך און ס'דוכט זיך, אַז עס שטייט אַף איין אָרט, ווערט זשאַמע פון התפּעלות שטאַרק צעקאָכט:

— זע, שמונה־עשרה שטייט עס! עס קוליעט זיך שוין! אָט באַלד וועט עס אויסגיין, אָט באַלד־באַלד!...

מיך לאָזט ער צו דער שפּיל ניט צו; מיט די עלנבויגנס שטופּט ער מיך

אין א זייט אוועק. צופיל איז ער פונעם דריידל פארכאפט. די פינגער טרייסלען זיך בא אים, דאס פייערל אין אויג — אויך. ער וויל וויסן, וואס'ט ווייטער זיין? וואס ווייטער? אט באלד־באלד...

מיר איז שוין די שפיל דערעסן, זשאמעס צעקאכטקייט פארדריסט מיר. איך פראטעסטיר:

— ס'איז מיין דריידל און איך וויל מער ניט שפילן; כ'וועל גיין אהיים.

זשאמע גיט זיך באלד אונטער; אבער זיין צערודערונג פאלט ניט ארונטער, ס'פינקעלע אין די אויגן טאנצט:

— נו, וועל איך פון שטוב א סידור ברענגען, וועלן מיר איצט אין משהלעך שפילן; גיי ניט אוועק...

די שפיל אין משהס איז א פאקנדיקע; זשאמע ברענגט צושלעפן פון שטוב זיין מאמעס געל־פארבלעטערטן סידור; מיר מישן זיך אויס און זוכן אין די פיר ווינקעלעך מעמען, שינען און הייען; ווער ס'האט דער ערשטער א גאנצן משה צונויפגעקליבן, דער געווינט...

זיצן מיר אף א שטיין און בלעטערן דעם סידור. דאס זומערדיק שטיל־פארשייט ווינטל העלפט אונדז אין דער ארבעט צו. גאנצע פעק משהס האבן מיר שוין צוזאמענגעקליבן, אבער זשאמען ווערט די שפיל ניט נמאס. דאס צעהוליעטע פינקל טאנצט ארום די שווארצאפלען. צעקאכטערהייט זוכט ער נאך משהלעך און נאך. ער קען ניט איינרוען: וואס'ט ווייטער זיין? וויפיל נאך?...

מיר איז די שפיל שוין אויך דערעסן; די מעמעלעך און די שינען און די הייען פינטלען פארביי מיינע אויגן, אז איך דערקען זיי אפילו ניט. איך פראטעסטיר:

— כ'וועל אין משהלעך מער ניט שפילן, כ'וויל גיין אהיים...

לאזט ניט זשאמע. פארן ארבל האלט ער מיך צו און בעט זיך בא מיר:

— נו, וועסטו איצט א מעשה דערציילן, וועלן מיר נאכדעם גיין צום טייך שפילן זיך. גיי ניט אוועק...

דערציילן מעשיות איז מיר לייכט. אט נעם איך און מאך אלץ אנדערש, ווי ס'איז בא אונדז: זיינען אונדזערע טאטעס שוואכע, הוסטערס, בעטנים, ווערן זיי בא מיר העלדן, ריזן, גרויסמוטיקע, פון שטיבלעך ווערן פאלאצן און אלערליי מאדנע זאכן פאסירן דארט. איך פלאנטער א מעשה אין א מעשה און קוק אלץ אפן רויך, וואס שפארט זיך פון אידישע קוימענס לכבוד דעם „הייליקן" שבת און טרינקט אן דאס שטעטל מיט סמאלינעס און טשאד. זשאמע רוט ניט איין, ער שטופט מיר איבעם געלויף פון פאסירונגען, ער וויל רק וויסן, וואס'ט ווייטער זיין, וואס נאך...

נאָכדעם גייען מיר אוועק צום טייך...

פאַרן טייך האָבן מיר, קינדער, מורא און מיר ליבן אים שטאַרק.

אַז ס'קומט דער זומער און אַ צעפּלאַמטע ווייסקייט לייגט זיך אוועק איבער גאַסן און באַזילבערט גרינע שינדל־דעכער און שוואַרצע פּולווערדיקע קראָקווע־ווענט, ווערן מאַמעס צעצאַפּלט און שרעקן אונדז, קינדער, מיט פייער און מיט וואַסער.

— היט זיך, קינדערלעך, פון פייער. ס'איז אַ מזיק; אַ פונק קען נאָך אַ שׂרפה אָנצינדן. ס'גאַנצע שטעטל וועט, חלילה, פון אייערע שפּילעכלעך אַראָפּ...

— היט זיך פאַרן טייכל! ער איז אַ שטילינקער גנב, אַ שלינגערל. קינדערשע לייבעלעך האָט ער ליב. ער'ט ניט איינרוען, ביז ער'ט ניט איינשלינגען אַזוי פיל נפשות, וויפיל ער באַדאַרף...

האָבן מיר מורא געהאַט, געוואָלט מאַמעס פאָלגן; אָבער ס'בלויע טייכל, אין ווייסע זומערדיקע טעג, האָט שטאַרק גערופן, אָנגערעדט אונדז דורך זיינע אונטערגעשיקטע שטילע גאַסן־ריטשקעלעך, אַז מיר האָבן זיך ניט געקענט העלפן: אָפּגעגנבעט זיך פון טאַטע־מאַמע, פונעם רבין אין חדר און געלאָפן צום טייך זיך באָדן.

אָבער איך מיט זשאַמען זיינען שטילינקע געווען, פאָלגערס; באָדן זיך אָן דער מאַמעס וויסן, האָבן מיר אַפילו בדעה ניט געהאַט.

זיינען מיר אַזוי זיך געלאָפן — קוקן. ס'איז געווען פריילעך צו לויפן באַרג־אַראָפּ, צום טייך; און וויסער זאַמד האָט זיך אונטער נאַקעטע פיאַטעס געברושטשעט, און דינער שטיינדל האָט זיך געקייקלט און הויט האָט זיך מתיהדיק געוואַרעמט אין אויסגעגליטן זאַמד. ס'איז געווען שיין צו קוקן, ווי אונטערן באַרג, אין שאָטן פון אַ האַלב־איינגעפאַלענעם ווערבע־בוים, האָבן קינדער ס'ביסל קליידונג פון זיך אַראָפּגעוואָרפן און ס'האָבן זיך אָפּ־געדעקט לייבלעך פון אַלערליי קאָלירן: זאַפראַן, רעטעך, וואַקס און בלויער מילך. און ס'איז געווען פריילעך צו הערן, ווי עס פּליעשקען זיך אין וואַסער גלידער, און צעברועט שטיל וואַסער באַלעקט זיך אַזש מיט גלידער־טעם און לויפט מיט אַ געגרייזלט דין כוואַליעלע שפּילן זיך צום ברעג.

מיר זיינען געזעסן פון דער וויטנס אַף אַ שטאָם פון אַ האַלב איינגע־פאַלענעם בוים (דער בוים, ווי ער וואָלט זיך אויסגעצויגן אָט־דאָ אין דער שטילקייט און זון־ווייסקייט אַנטקעגן טייך, אין פוילקייט, אַ קאַפּעטשקע דרימלען) און געקוקט, ווי קינדער פּליושקען זיך; שטיפער האָבן זיך אויס־געבויגן צום פלאַכן וואַסער און געפּאַטשט אַ מיל; פאַרטראַכטע אינגלעך האָבן זיך געהעלדישט, געליגט זיך אַפן בויך, געפּויזעט אַף אַלע פיר און

געמאַכט זיך — זיי שווימען; און די גאָר שטילינקע זיינען געזעסן אַפן ברעג, געזייפט זיך פּאַמעלעכקע יעדן גליד באַזונדער און קבצנותדיק אָנ־גענומען הייפּלעך מיט וואַסער, אָראָפּוואַשן פון זיך די שוימענדיקע מולינעס.

זשאַמע האָט מיך גענומען ציען פאַר דעם אָרבל: ס'טייכל האָט אים געגעבן אַ רוף.

— קום! לאָמיר זיך אויך באָדן! ס'איז גוט...

איך האָב זיך אַזש פאַרצאַפּלט:

— זשאַמקע, מ'טאָר ניט! די מאַמע האָט ניט געהייסן! אַ שלינגערל איז דער טייך...

— אַ ביסעלע! נאָר ביז די קני וועלן מיר גיין...

כ'האָב ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן: מיין האַרץ האָט מיר אויך גע־קלעמט און גערופן: דער טייך — אַ בלויע פריצטע, אין אַ ווייסן זילבער־קלייד פאַרפּוצט, דער וואַסער־ריח — קיל און פריש; און אינמיטן טייכל, וואו אַ ליכט־פּאַס האָט זיך אַף בערגל וואַסער צעשפּריצט און צעבריאַזגעט, האָט מען צו אינגלעך געשמייכלט, געוואונקען און גערופן זיי אַזוי:

— קום, קום...

מיט טרייסלדיקע פינגער האָבן מיר די קנעפּלעך פון אונדזערע מלבושים צעשפּיליעט און דאָס פּעקעלע באַהאַלטן אין אויסגעפּוילטן לאָך פון בוים. האַנט פאַר האַנט האָבן מיר זיך אָנגענומען, פינגער פאַרקלעמט און אריין אין טייך.

פלאַך איז געווען דאָס וואַסער און דער באָדן — ווייסער זאַמד. אינדזלעך זאַמדיקע האָבן זיך פון טייך אַרויסגעשיילט, ווי יאַדרעס פון ניס. זשאַמע האָט מיך אַהין געשלעפּט און פריילעך האָבן מיר צוגעדריגעט די פיסלעך, געטענצלט אינעם שפּיל מיט וואַסער. איך האָב זיך געוועוועט, געוואָלט אַ מילכבעלע מאַכן, אַפן בויך ליגן זיך און שווימען; אָבער זשאַמקע האָט ניט געלאָזן, געצויגן פון אינדזל צו אינדזל און דאָס פינטעלע אין אויג באַ אים האָט געפינקלט, געטאַנצט מיט צעהוליעטער לוסט:

— נאָך אַ ביסעלע, אָט נאָך אַ ביסעלע! ווייטער, קום...

— מ'טאָר ניט! די מאַמע האָט געזאָגט: לייבעלעך האָט ער ליב...

— איין ביסעלע! נאָך...

דער לעצטער אינדזל איז געווען דער לענגסטער און דער ליכטיקסטער. אַהין זיינען מיר שוין דערגאַנגען. דאָרט זיינען געלעגן אינגלעך, ווי אַלטע אידעלעך, די פּלייצעס אַנטקעגן דער זון געוואָרעמט, געזשמורעט די אויגן און געקוקט אַף די גרינע לאָנקעס פון יענער זייט טייך. צום ברעג איז געווען ניט ווייט; נאָר צווישן דעם אינדזל און דעם אַנדערן ברעג איז געלעגן אַ

שמאָלער פּאַס וואַסער, געדיכט־בלוי און טונקל, אויבן — ס׳ליכטיקע זילבער־קלייד פאַרצויגן, גאָלד־פּאַסן אויסגעלייגט אין פּעלדעלעך, און אין מיטן האָבן זיך געקרייזלט שוואַרץ־שפּיגלדיקע שווינדלענדיקע רעדער פון אַן אונטערשטן קאַביקן וויר...

מיר זיינען אויך, ווי אַלטיטשקע, מיט די פּלייצעס אַרויפּצו, געלעגן און געקוקט אַף דער געדיכטער גרינקייט פון יענער זייט טייך. פון קאַביקן וויר האָט זיך אַ פּיש אַלע ווײַלע אויפגעהויבן, געשליידערט זיך אין דער לופטן און צוריק פאַרטונקט זיך אין טונקל־בלויען וואַסער אַריין; און ס׳האָט געבלאַנקט אין די אויגן זילבערנער שאָלעכץ, ליכטיקע שופּן און די שוואַרצע פּיש־רודערלעך זיינען געווען פלינק, צאַפּלדיק, ווי אַ ווינט.

זשאַמע האָט מיך פאַר דער האַנט געכאַפּט און די פינגער שטייף געקוועטשט:

— סט׳געזען?

כ׳האָב אים ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן: מיין האַרץ האָט אויך געחלשט. די פיש האָבן זילבער־אומרו געוואָרפן, „יענע זייט" האָט גערופן, די גאָלד־פעלדעלעך האָט זיך געוואָלט מיט די פינגער כאַפּן און דאָס שוואַרצע שפּיגל פון שווינדל־רעדער האָט אַזוי מאָדנע געצויגן צו זיך.

און אַז מיר זיינען אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן צוריק צום ברעג גיין, האָט מיך זשאַמע פאַר דער האַנט מיטאַמאָל אָנגענומען און פאַרקירעוועט צו דער צווייטער זייט:

— קום אַהין! אַ ביסעלע! נאָך...

— אוי, זשאַמע! מ׳טאָר ניט! אַ שלינגערל איז דאָך דער טייך...

ער האָט מיך אַ שלעפּ געטאָן און איך האָב זיך ניט געלאָזן. כ׳ווייס ניט ווי אַזוי: זיין האַנט האָט זיך מיטאַמאָל פון מיינער אַרויסגעריסן, און אַז איך האָב זיך אויסגעקירעוועט אין אַ רגע, איז ער שוין געווען אין וויר...

אַ שוואַרץ־געגלאָזטער פּאַס וואַסער האָט אונדז ביידן פאַנאַנדערגעטיילט; קיין געשריי האָט זיך ניט געהערט. און נאָכדעם אַ קאָפּ האָר. ס׳האָט אַ בוכטש געטאָן דאָס וואַסער און אויבן זיינען זיך רעדעלעך פאַנאַנדערגעפלויגן, גיך, שווינדלדיק, באַשפּריצט מיט גאָלדענעם שטויב.

מיט ווילדע קולות האָב איך געשריען:

— זשאַמע! זש—אַ—מע!...

עס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן פישערלייט, שטעטלדיקע געניטע שווימער און טויכער; מ׳האָט זשאַמען אַרומגעזוכט אַ לאַנגע צייט, ביז וואַנען מען האָט אים געפונען.

עפּעס אַ בערדיקער איד (כ׳געדענק ניט אַקוראַט) האָט זשאַמען נאַקעטן

קערפּערל, ווי א באַראַנטשיק, צו זיך אַף די פּלייצעס אַרויפגעלייגט און דעם דערטרונקענעם אוועקגעטראָגן אהיים צו זיין טאַטע־מאַמען.

איך בין, ווי א פאַרסמט הינטל, נאָכגעלאָפן נאָך זיי איבער אַלע גאַסן. ערב־שבתדיקער רויך האָט געלאָסן־פויל פון קוימענס געשפּאַרט, צעשראָקענע בלאַסע אידענעס זיינען געשטאַנען אַף די שוועלן און נאָכגעקוקט דעם טויטן־מאַרש. איך בין געלאָפן און וויינענדיק גערופן מיין חבר:

— זשאַ—אַ—אַ—מע!...

גנבה

באדערנאכט האט מיך די מאמע צו זיך אַף דער װאַרעמער ליעזשאַנקע אַרױפגענומען און זי האט מיר בו־בו אין קעפּל געמאכט.

דער טאַטע איז ערגעץ אַװעקגעגאַנגען. ער האט דער מאַמעס פאַטשײלע אַרום האַלדז אַרומגעװיקלט (דער פּראָסט אינדרויסן האָט געקנאַקט); אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן זיין שטעקן (מיטן טשװעקל אונטן און מיטן פאַרבויגענעם הענטל) דעם װעג אינדערפינצטער אָנצוטאַפּן, און הינטער דער פּאַכװע פון דער צװײטער האַנט — אַ גרויסן הילצערנעם װאַנט־זייגער, מיט דרימזשענדיקע דראָטן אינעװייניק (מיין טאַטע פלעגט די שטעטלדיקע װאַנט־זייגערס פאַרריכטן), און די מאַמע האָט אים אָפן װעג אָנגעזאָגט:

— היט זיך, װי דו גייסט: ס'איז אַ גליטש.

דער גלעזערנער לאָמפּ אָפן טאַטנס װאַרשטאַט איז שוין געװען אויסגע־לאָשן; ס'האָט זיך געדריכערט דאָס בלעכענע לעמפּל, װאָס זיין קנייטל האָט די מאַמע מיט אַ האָר־שפּילקע אַרויסגעצויגן און פאַררוקט.

אַ לידל האָט זי מיר צוגעזונגען:

גייט אַ שאָלטעק אינמיטן גאַס,
און לערנען קען ער גאָר ניט,
ער גייט אַרומעט פּוסט־און־פּאַס,
און טוט נאָר װאָס מען טאָר ניט.

איך האָב, װי אַ קעצל, פון װאַרעמקייט און פאַרגעניגן, צוגעמרוקעט. געװאוסט האָב איך, אַז נאָכן לידל קומט אַ מעשה: פון אַ אינגעלע, װאָס האָט זיך קיין בו־בו דער מאַמען ניט געלאָזט מאַכן; האָבן גענומען די קליינע שריצמלעך אין קאָפּ און אַ שטריקל פון זיינע האָר אויסגעפּלאָכטן; שלעפּן זיי אים, קליינינקע, ברענגען אים צושלעפּן צום טייך און מ'פרעגט אים: „נו, קליינינקער אינגעלע, װעסט זיך שוין איצט לאָזן בובעלע מאַכן?" און ער ענטפערט מיט אַ געװיין:

— יאָ, כ'װעל שוין לאָזן, בו־בו־בו...

עפנט זיך מיטאַמאָל די טיר, שפּילן צװיי רויטע לאַמטערנעם־פייערלעך אָפן װייסינקן שניי אינדרויסן. רוקן זיך אַריין אין שטוב צװיי מענטשן, אין

פאטשיילעס איינגעוויקלטע, און טראָגן אונטער די הענט איינעם אַ קרעכצנדיקן אינמיטן. דער קרעכצנדיקער — דאָס איז מיין טאַטע געווען.

אַטעמען זיי מיט פּארע, זייערע בערד, מיט זילבער־אייז באַשפּיגטע, מיט קרישטאָל־גרייפּלעך באַשאָטענע, און זיי דערציילן וואָס ס'האָט געטראָפן:

גייענדיק אין דער פינצטער, איבערן גליטשיקן וועג, האָט דעם טאַטנס שטעקן טאַפּנדיק פאַרבלאָנדזשעט, דער טאַטע האָט זיך אויסגעגליטשט, אַראָפּגעפאַלן אין אַ קאַנאַווע און מיט אַ צעבראָכענעם פוס געלעגן דאָרטן אַ קרעכצנדיקער, ביז זיי האָבן אים דערהערט.

אונטער דער פּאַכווע האָט איינער פון די פרעמדע מענטשן געטראָגן דעם טאַטנס וואַנט־זייגער, וועלכער האָט אין אומדערפּאַרענע הענט נאָך שטאַרקער געטרייסלט זיך און געדרימזשעט. דעם וואַנט־זייגער האָט מען אויפגעהויבן פון קאַנאַווע צוזאַמען מיטן טאַטן.

איז געוואָרן אַ יללה בײַ אונדז אין שטוב. די עלטערע קינדער זיינען אויפגעשטאַנען פון שלאָף און אַוועקגעלאָפן ערגעץ רופן הילף. די מאַמע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון ליעזשאַנקע און אין שלאָף־צימער האָט זי מיט געוויינטע טיכער אין ברי־וואַסער דעם טאַטנס פוס דערווייל געפּאַרעט. אָן מיר האָט מען פאַרגעסן, איך בין געבליבן זיצן אויף דער ליעזשאַנקע איינער אַליין.

האָב איך זיך צונויפגעקנוילט, ווי אַ קעצל אין דער קעלט, מיט גרויסע, פאַרביקע, אומרואיקע אויגן. אין די אויערן, מיט אַ פאַרבלאָנדזשעטן, צעטומלטן איבערגוס, האָבן שרעק און סכנה זיך צעשפּילט.

אומרואיק איז אונדזער שטוב אַלעמאָל געווען. איצט — אומרואיקער ווי געוויינלעך.

ס'זיינען אומגעלאָפן און ס'האָבן געטיקעט די אומרוען פון דעם טאַטנס וואַנט־זייגערס, וואָס זיינען אומעטום אויף די ווענט געווען צעהאַנגען און דאָס דראָט־און־בלעכל האָט נאָך זיך אָן אייגענעם בלאָטקע־שאָטן הין און צוריק אַרומגעשלעפּט. מעשענע קייטן, מיט אַראָפּהענגענדיקע שווערע וואָגן, האָבן זיך געריסן פון די פּאַרטשעפּערס און געקרעכצט. שעהן האָבן זיך קנוילאיק אַרום אַ פּוסטן וואַלץ געוויקלט און אַז די שעה האָט זיך געדאַרפט ענדיקן, האָבן עס דראָטן פריער אָנגעזאָגט, אינעווייניק האָבן רעדער געשלוקערצט, געשלונגען אַ שלוכץ נאָך אַ שלוכץ; און מיטאַמאָל האָבן זיך העמערלעך צעקלונגען, אימפּעטדיק, טומלדיק, איבערמעשנדיק איינער דעם צווייטן אינעם אומרואיקן געלאָף:

— אהאַ! שוין דאָ! איינס־צוויי־דריי...

איז בײַ אונדז געווען אַ זייגער, דעם טאַטנס אַן אייגענער ירושה־זייגער; זיינע שווערע וואָגן זיינען אויף סטרונעס געהאַנגען און אַ גרויסער קופּערנער

גלאָק האָט ווי אַף אַ שרפה גערופן: אַן אַלט־מאָדישע שרפה פון שטרויענע דעכער און צעפוילטע פּאָלוער־ווענט.

האָב איך מורא געהאַט, געוואָלט שרייען, רופן די מאַמע צו זיך; אָבער פון שלאָף־צימער, וואָס איין וואַנט זײַנע איז דער אויוון געווען, האָב איך געהערט דעם טאַטנס קרעכצן, ווען די טיכער מיט ברי־וואַסער האָבן אים דעם ווייטיק פאַרשפּיצט; האָב איך אײַנגעשטשעמעט די צײַנדלעך אין די ליפּן און פאַרביסן אין זיך דעם קינדערשן שרעק.

כ'ווייס אַליין ניט ווי לאַנג איך בין יענע נאַכט וואַכעדיק אַף דער ליעזשאַנקע געזעסן. ס'האָט זיך אין מיר, ווי אַ סם, געמישט זייגערשער טיק־טאַק, דעם טאַטנס קרעכץ און דער אייגענער געוויין, וואָס איך האָב פאַרשטשעמעט מיט די צײַנדלעך און געשלונגען אין זיך...

אַלט בין איך דעמאָלט געווען אַ יאָר פיר־פינף...

:: :: ::

דעם טאַטנס פוס האָט זיך לאַנגזאַם געהיילט.

איז ער אָפּגעלעגן אַזוי אין בעט, וואָכן נאָכאַנאַנד, איבערגעדעקט מיט אַ ליילעך. אַפן ליילעך — דער מאַמעס אַלטער קעצענער פוטער; אַ שטילער איד — האָט ער זיך צוגעפּאַסט אַן אייגענעם קרעכץ, מיט אַ דינעם צוקוויטש, ווי עפּעס אַ קראַנקער פויגל. אַן אומרואיקער איז ער גאַנצע טעג געלעגן, גרויסע אויגן אָנגעשטעלט אַפן באַלקן, וואו קלעצער האָבן זיך געצלמט און שפּינוועבס האָט זיך צעהאַנגען און ער האָט פאַר זיך, אַזוי ווי טראָפּנס פון אַ סטרעכע, געציילט פאַרלאָרענע ווערטער אין דער פוסטקייט אַריין:

— צען, צוואַנציק, דרײַסיק... הונדערט!

די באַלעבאַטישקייט איבער די זייגערס האָט איבערגענומען מײַן עלטערער ברודערל, שימקע (ער איז אַלט געווען אַ יאָר דרײַצן־פערצן) און צוליב זײַן יונגער אומדערפאַרנקייט האָט זיך די אומרואיקייט אין אונדזער שטוב עפּעס אײַנגאַנצן איבערגעמישט און פאַרלאָרן דעם אַלטן אײַנגעשטעלטן ריטם.

אַנדערע זייגערס האָבן, ווי פריער, געטיקעט און אַנדערע האָבן געשטומט. וואָגן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן און צוגעשפּאַרט זיך צום דיל. דאָס חברהדיקע געקלאַנג פון העמערלעך, אַלע אינאיינעם, איז געוואָרן צעשטערט. פּלוצלונג, אינמיטן דערינען, פלעגט זיך אַ גלעקל אַרויסכאַפּן, אָפּשלוקערצן אין געאייל און אָפּשרייען זיינס, ווי אַ צערודערטער האָן:

— און איך זאָג אייך: ס'איז איינס! צוויי! דריי...

מײַן ברודערל שימקע פלעגט דעמאָלט אַפן שטול אַרויפקלעטערן, ציען

א הענטל, טאפן מיט די פינגער אין זייגערשן גדערים־געפלעכט און אפן פנים בא אים — אינגלשע שארפע פארלארנקייט און ווייטיק...

דער מאמעס געשעפטן זיינען אויך ניט פויגלדיק געגאנגען:

אונדזערע צוויי גראבע ווינטערדיקע מומעס, דער אויוון מיט דער ליעזשאנקע, זיינען גאנץ אפט קאלטע געבליבן. ברויט האט די מאמע אין לוסטקעלעך געגומען טיילן. האט זיך געהונגערט, ברויט האט זיך געוואלט נאך, האב איך זיך פון דעם טאטן אויסגעלערנט צו קרעכצן, מיט א דינעם צוקוויטש, ווי עפעס א קראנקער פויגל:

— מאמע, ברייטעלע! נאך...

האט מיך די מאמע פארשיקעט, מיטן האנט דאס מיילכל צוגעמאכט, און אוועקלאזנדיק די פינגער צווישן מיינע האר, האט זי מיר א לידל גענומען זינגען:

> גייט א שאלטעק אינמיטן גאס,
> און לערנען קען ער גאר נישט.
> ער גייט ארומעט פוסט־און־פאס,
> און טוט נאר וואס מען טאר נישט...

אבער איך האב שוין די מעשה וועגן די שרצימלעך פאר א צוגאב ניט געבעטן. ברויט האב איך געוואלט נאך. האב איך זיך פאריבלדיק גע־קוועטשט:

— מאמע! ברייטעלע! נאך...

און איינמאל בא דער נאכט, ווען די מאמע האט זיך שוין מיט מיר קיין עצה ניט געקענט געבן, האט זי צוגערופן מיין עלטערע שוועסטער און איבערגעשושקעט זיך מיט איר.

די שוועסטער האט זיך געשפארט, ניט געוואלט פאלגן; די מאמע האט די אונטערשטע ליפ פארביסן, איז זי בלוי געווארן, אזא מאדנע בלויקייט, וואס איך האב נאך קיינמאל ניט געזען. איך, מיט מיין דינעם קוויטש־קולכל, האבביידן צוגעשמיסן און געיאגט:

— מאמע, ברייטעלע! כ׳וויל...

האט די שוועסטער אין דער מאמעס פאטשיילע זיך איינגעוויקלט, דעם אלטן קעצענעם פוטער (דעם טאטנס צודעק) האט זי אף זיך אנגעטאן, מיך האט זי, ווי א באראנטשיקל, צו זיך אף די פלייצעס ארויפגעזעצט און מיר זיינען ביידע אוועק.

געגאנגען זיינען מיר צו א מומען (וועלכע האט געוואוינט אין א וויטן עק שטעטל) הילף בא איר צו בעטן; מיין שוועסטער איז עס געווען די בעטערן, און איך, דאס באראנטשיקל, האב א שטומער עדות געדארפט זיין.

איז די נאַכט געווען אַן אויסגעשטערנטע און אַ פּראַקטיקע. אונטער די פּיס האָט דער שניי געכרושטשעט, פון ווייטן האָט ער געפינקלט און אויבן איז אונדז די לבנה נאָכגעגאַנגען. האָב איך די גאַנצע צייט געהאַלטן די אויגן אויפגעהויבן צו דער לבנה (אַ נייע באַקאַנטע איז זי מיר נאָך דעמאָלט געווען); אינעם זילבערנעם עיגול האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך זע אַ פּנים, וואָס קוקט אַף מיר און וויל וויסן, וואוהין דאָס אינגעלע גייט; און ווי דער טאַטע מיינער, בין איך אומרואיק געווען און נאָכאַנאַנד געציילט פּאַרלאָרענע אומזיניקע ווערטער אין דער פּוסטקייט אריין:

— זיי גוט צו מיר, זיי גוט, גוט...

באַ דער מומען אין שטוב האָט מיך די שוועסטער פון אירע פּלייצעס אַרונטערגעלאָזן און גענומען זיך אויסטענהן מיט דער מומען און דעם פעטער, רחמנות באַ זיי אויפוועקן (אונדזערע פאַמיליעס זיינען ביז איצט געווען צווישן זיך צעקריגט). דער פעטער האָט לעקישעוואַטע געגלעט פעדימוויז זיין זיידן־ווייך בערדל און דער מומעס סאָווע־נאָז איז, ווי אַ פּאַרטאַיעט בייז חיהלע, געווען פינצטער־שטיל.

איך האָב אַרומגעבלאָנדזשעט איבער דער שטוב, געשמעקט, ווי אַ הינטל, די זאַטקייט וואָס האָט זיך אין דער שטוב־וואַרעמקייט געשפּירט. קיינער האָט אַף מיר ניט געקוקט.

אַף אַ קליאַמקע פון טיר איז געהאַנגען אַ לייוונטענער זעקל. געשפּירט האָט זיך פון דאָרט אַ ריח אַ שאַרפער און אַ בייסנדיקער, וואָס האָט מיך אויפגערייצט און דעם הונגער־אומעט צעקלעמט. איך האָב זיך, ווי אַ האָז, אַרומגעקוקט אַף אַלע זייטן, אריינגערוקט אַ הענטל אין זאַק און דאָרטן אָנגעטאַפּט קליינע וואָרצעלעך, מיט אַ טרוקענעם הייטל, וואָס האָבן זיך אונטער דער האַנט פּרייליך געשיילט. איין וואָרצל האָב איך אַרויסגעשלעפּט, פאַרקוועטשט אין פויסטל אריין און ווייטער, ווי גאָרנישט ניט געווען, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט בלאָנדזשען איבער דער שטוב.

דער געשפּרעך אין קיך האָט זיך געענדיקט. דער שוועסטערס ברעמען זיינען געווען פייכטע און די אויגן אויסגעוואַשענע, בריליאַנטענע און ווי אָנגעשטאָכן ערגעץ מיט אַ קאַלטן נאָדלדיקן שפּיז. זי האָט מיך צוריק, אַ באַראַנטשיקל, אַף דער פּלייצע גענומען און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים. די לבנה (שוין איצט מער באַקאַנט) האָט אונדז ווייטער געפירט איבער די געסלעך. אַנטקעגן דעם זילבערנעם פּנים האָב איך מיין פאַרקוועטשטן קולאַטשיקל אויפגעהויבן און גערייצט זיך מיט איר:

— נאַ! זעסט, וואָס איך האָב?...

געקומען אין שטוב, בין איך פלינק, אַף אַלע פיר, צו אונדז אונטער דער

קאנאפּע ארונטערגעקראָכן און דעם פאַרשוויצטן קנאָבל פון דער פּויסט אַרויס־געלאָזן. איך האָב געביסן דעם קנאָבל, געכרושטשעט מיט די ציין דאָס טרוקענע הייטל, געוואָרגן זיך מיט דער ביטערקייט, געגאָסן טרערן און גע־שפּייט; און די אומרועון פון דעם טאַטנס וואַנט־זייגערס האָבן מיר די גאַנצע צייט צוגעטיקעט, רעדער האָבן געשלוקערצט און העמערלעך האָבן צוגעקלונגען אַט אזוי:

— קוקט אים אָן, דעם שייגעצל, א גנבל א אינגעלע! א קנאָבל האָט ער צוגענבעט, א קנאָבעלע...

אַ מבין

דער טאַטע האָט אַ קוקאַווקע אַהיים געבראַכט צוטראָגן. ס׳פּייגעלע (ס׳איז געווען אַ הילצערנס) איז געזעסן אין אַן אַלמער פון אַ זייגער און אַלע שעה האָט עס געדאַרפט אַ טירעלע אויפעפענען, אַראָפּשפּרינגען אַף אַ דרעטל און מאַכן: קו־קו...

די קוקאַווקע איז קאַליע געוואָרן, האָט דער טאַטע זי געדאַרפט פאַרריכטן.

איז בא מיר אַ יום־טוב געווען; מיינע חברים אַפן הויף האָב איך דערציילט, און זיי האָבן מיר מקנא געווען:

— אַ קוקאַווקע בא אונדז אין שטוב! אַ פּייגעלע...

— ס׳קען ניט זיין!

— פאַראַן! דער טאַטע האָט געבראַכט פאַרריכטן.

— ניט קיין אמתע!

— ווי דען? מיט אַ ציוביקל, מיט אַן עקעלע, און קען זינגען.

האָט מען מיר געגלויבט און עצות געגעבן, ווי צו געבן עסן, וואָס צו טרינקען.

אַז דער טאַטע האָט זיך צו דער אַרבעט גענומען (אַ פאַרשעמטער שמייכל פון אַ מאַן, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט קינדער־צאַצקעלעך, איז בא אים אַפן וואָנץ געלעגן), בין איך פון אָרט ניט אָפּגעטראָטן. כ׳בין געווען אויס־געמושטירט מיט דער האַנט קיין זאַך ניט אָנצורירן, אָבער די אויגן האָבן יעדן שרויף און דרעטעלע גענאַשט און געשלונגען.

אַפילו די מאַמע האָט זיך אויך צו דער אַרבעט צוגעקוקט; די הענט אין די באָקעס, מיט אַ דין חוזקל איבער זיך אַליין, איז זי געשטאַנען לעבן וואַרשטאַט. אַ מליץ־יושר פאַר מיר האָט זיך מיטאַמאָל געשטעלט:

— לייבע! גיב דעם קינד צוהאַלטן דאָס פּייגעלע אַף איין מינוט.

האָט איר דער טאַטע היינט צוליב־געטאָן (שטרענג איז ער געווען צום וואַרשטאַט, האָט מיך קיינמאָל ניט צוגעלאָזן) און דאָס ברוין געשניצטע פּייגעלע, מיט אַ לאַנגן דראָט אָנגעטשעפּעט אַפן עק, איז אַ וויילינקע אַף מיין ציטערדיקער דלאָניע געלעגן.

אין אַלמערל זיינען געווען צוויי בלאָז־זעקלעך. די קנייטשן (ווי אין אַ

הארמאָניקע) זיינען געווען אָפּגעריבן, צעלעכערט. דער טאַטע האָט פּאַפּיר־שטיקלעך מיט קליי געקלעפּט און לאַטעס געלייגט.

אים האָט געהאָלפן אין דער ארבעט מיין עלטערער ברודער, שימעלע; א בחור פון א יאָר זיבעצן־אכצן, האָט ער זיך אויך אין דער ערנסטער ארבעט איבער עפּעס א שפּילכל אונטערגעשעמט און געהאָלפן קנייטשן מיט די פּלייצעס:

— וואָס זיי ליגט אין זינען!...

ביידע האָבן אויסגעפּרואווט די פאַרלאַטעטע בלאָזערס; איינגעהערט זיך אינעם קול (צומאַכנדיק איין אויג און אָנטרייבלענדיק אָן אויער). דער טאַטע האָט זיך בא אים אַלץ נאָכגעפרעגט:

— מיינסט, עס איז ריכטיק?...

— ווער קען זיי וויסן!

האָט זיך אריינגעמישט די מאַמע.

— דאָס קינד פרעגט. ער איז א בריה אַף אַזעלכע זאכן. ער פאַרשטייט.

די מאַנסבילן האָבן מסכים געווען. טאַקע, אַזאַ שייגעץ. ווער — אויב ניט ער...

— וואָס זאָגסטו? נו...

דעם אמת גערעדט, האָב איך אויך ניט געוואוסט ווי אַזוי א קוקאַווקעלע דאַרף קווימשען. כ'האָב געקענט נאָכמאַכן קעצישן מיאַו, הירזשען ווי א פערד, סקאַוואוטשען ווי א הונט; פון די פעדערדיקע באַשעפענישן פלעגט צו אונדז אין הויף פאַרבלאָנדזשען א קראַקעדיקע וואָראָנע, אָדער אַן אַנט־לאָפענער האָן פונעם ווייבערשן געפאַנג; אָבער דעם נסיון צו זיין א מבין אַף פויגלשן געזאַנג האָב איך ניט געקענטביישטיין און כ'האָב (צומאַכנדיק איין אויג און אָנטרייבלענדיק אָן אויער, ווי די גרויסע) געזאָגט:

— ניין! עס איז ניט אַזוי.

— וואָס פעלט?

— עס דאַרף פּיפּטשען.

— ווי אַזוי?

כ'האָב פון האַלדז א מאָדנעם פּיפּטש ארויסגעלאָזן, און אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס און ווי אַזוי...

די מאַמע האָט מיר ארויסגעהאָלפן:

— דאָס קינד פאַרשטייט זיך; עס וויים...

דער טאַטע האָט די פּאַפּיר־לאַטעס געקלעפּט און איבערגערוקט. אַלע ווילע האָט ער די בלאָזערס אויסגעפּרואווט, מיט א פרעגנדיקן אויג אַף מיר.

— ניין, ס'איז נאָך ניט אַזוי.

ענדלעך, אז דעם טאטנס ליפּן האָבן זיך שוין נעבעכדיק פאַנאַנדער־געבלאָזן (א סימן פון יסורים און אויסגעמאַטערטקייט), דער ברודער — מיט חשד, און די מאַמע מיט א געבעט־אויג האָבן אַף מיר געקוקט, האָב איך נאָכגעגעבן און געזאָגט:

— גוט! ס'איז שוין אַזוי.

ווי א משא איז בא זיי פון די פּלייצעס אראָפּגעפאַלן; מ'האָט די קוקאווקע אין אַלמערל אריינגעשטעלט, איר עק מיטן דרעטל האָט מען צו די בלאָזערס צוגעטשעפּעט. און אַז דער זייגער איז אַף דער וואַנט געהאַנגען, און מיין ברודער, שמעון, אַף די שפּיץ־פינגער שטייענדיק, האָט עפּעס אינעווייניק אָנגערירט, איז דאָס פייגעלע ארויסגעשפּרונגען פון טירל, געשאָקלט מיטן ציוביק און הייזעריק, כאַפּנדיק געציילט:

— קו־קו! קו־קו!

ארום אים זיינען מיר אַלע געשטאַנען און געשמייכלט מיט פאַרשעמטן גליק...

:: :: ::

פאַרן מבינות האָט מיר דער טאַטע באַצאָלט: אוועקטראָגן די קוקאוו־קעלע האָט ער מיך מיט זיך גענומען.

איז עס געווען א פאַרגיטיקונג פאַר א חוב, ווי אַן אָפּשייד־מאַרש פונעם פייגעלע, מיט וועלכן כ'האָב זיך עטלעכע טעג אויפגעלעבט צוזאַמען.

אויסגעפירט האָט עס די מאַמע:

— וואָס אַרט עס דיך? זאָל דאָס קינד נאָכלויפן. א דאגה האָסטו...

האָט דער טאַטע געקוקט, אומצופרידן געווען מיט זיין מבין; הפּנים די באַרוועסע פיסלעך האָבן געשטערט.

כ'זאָל ניט אויסזען ווי א נאָכשלעפּער, האָט ער מיר געגעבן אַן ארבעט: ער — דאָס אַלמערל און איך — צוויי אייזערנע וואָג, אויסגעטאָקטע ווי וואַלד־שישקעס, האָב נאָך אים געטראָגן.

אַפן הויף האָבן מיך חברים באַגעגנט. מיט מייזישע אייגלעך האָט מען צו מיר געוואונקען, גערופן אין חברה אריין; אָבער איך האָב זיך ניט אָפּגערופן, געהאַלטן שטאַט:

— וואָס מיינט איר? קוקאווקעלעך טראָגן מיר עפּעס! א קלייניקייט בא אייך...

דאָס אַלמערל אונטערן טאַטנס פּאַכווע האָט מיט די דראָטן צוגעקלאַפּט און געדזשימזשעט; האָט ער אויסגעזען ווי א גאַסן־פּייקלער און איך — ווי זיין קונצנמאַכערל, וואָס וועט זיך באַלד אַוועקלאָזן קוליען אין גאַס...

אַז מיר זיינען צוגעקומען (ס'איז א שיינע הויז געווען, א געפּאַרבטע,

מיט א גלעזערנעם פארביק־געשטיקלטן פארהויז, רויט, גרין און בלוי, און אפן שוועל איז געשלאפן א הונט) האט זיך דער טאטע אפגעשטעלט, געהוסט, געקנעפלט זיך, געריבן לאנגזאם די שטיוול איבערן אייזערנעם אפ־קראצער און איך, אף אים קוקנדיק, האב די נאקעטע פיאטעס שטילערהייט געווישט.

— געדענק: א פריץ וואוינט דא; דאס היטעלע דארף מען ארונטער־נעמען, „דזשין דאברי" זאגן.

האב איך געפאלגט: דאס היטעלע אונטער דער פאכווע געקנייטשט און „דזשין דאברי" געפיפטשעט.

איז די קוקאווקע שוין געהאנגען אף איר ארט און דער טאטע האט פארשולדיקט געווישט פון שטול די פלעקן, וואו ער איז געשטאנען. דער פריץ, אן אלטער, אן אויפגעבלאזענער, מיט א האלדז פון אן אינדיק און טריטעלעך האפקענדיקע, האט זיך פארקוקט אף מיר:

— ווער איז דער יונגער „פאניטש"?

— מיין זון; ער האט עם מיר צוגעהאלפן; געמאכט, ווי א קוקאווקעלע זינגט.

דער אלטער האט מיך אפגעמאסטן דורך די בלישטשענדיקע שפאקולן, דער אינדיק־האלדז איז מיט מיושבדיקער גוט־פריינטלעכקייט אוועק מיט הויט־זעקלעך ארויף און אראפ זיך רירן. ער האט אין מיר א מבין דער־שמעקט. פון פויגל־מבינים האט ער הפנים געהאלטן גאנץ שטארק.

— אזוי, פאניטשל, האסט ליב פייגעלעך?

— כ'האב ליב.

— פייגעלעך ווילסטו קוקן?

— כ'וויל.

— קום מיט מיר.

ער האט מיך געפירט דורך צימערן, אריינגעפירט אין א שטוב, וואו ס'זיינען א סך שטייגלעך געהאנגען, מיט פייגלען פיפטשענדיקע, סוויסטשענ־דיקע און צוויטשערנדיקע. ער האט זיי איינציקווייז ארויסגענומען, די ציוביקלעך געלעקט מיט די ליפן און מיך אויסגעפרעגט:

— א שיינס?

— א שיינס.

— א ליבס?

— א ליבס.

— און ווי רופט מען עס?

— א פייגעלע...

— און דעם?
— אויך א פיי—גע—לע...
דער אַלטער האָט זיך אָף מיר באַליידיקט; דער אינדיק־האַלדז האָט זיך אָנגעבלאָזן. ער האָט זיך גענומען מוסרן:
— זעסט דאָך: פייגעלעך זיינען פאַראַן אַלערליי און פאַרשיידענע; אָט איז א גרויאינקע, אָט מיט א רויטן רעמל, אָט גאָר מיט ווייסע לאַפּקעלעך. זאָג מיר, ווי רופט מען דעם פּיפּערנאָטערל?
— כ'ווייס ניט. א פיי—גע—לע...
דער אינדיק האָט זיך צעלאַכט און געטרייסלט מיט זיין גאָמבע. מאָדנע: די הויט־זעקלעך זיינען געוואָרן ווי מיט קערנער אָנגעשאָטן, און די קערנער האָבן ארויף און אראָפּ געשפּרונגען. ס'האָט מיר פון דעם ווי געטאָן; אָבער נאָך מער — פונעם טאַטנס נעבעכדיקן קוק מיטן פאַרלאָרענעם גלויבן:
— אומשטיינס געזאָגט: א מבין...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— און בלימעלעך האָסטו אויך ליב?
— כ'האָב ליב.
— ווילסטו קוקן?
— כ'וויל.
ער האָט אונדז ארויסגעפירט אָפן הויף. א מאָדנער הויף — א גרינער און א ליכטיקער. פון דראָבנעם שטיינדל זיינען דאָרט ווייסע שטעגלעך געוועזן אויסגעשאָטן און געפירט צו קוסטעס און בלומען־בייטן. איז דאָרט א שטיבל פון ווייסע שטענגלעך געשטאַנען, באַפלאָכטן מיט גרינס און ארויפפויזנדיקע פלאַנצן. ס'שטיבל איז מיר געפעלן געוואָרן און איך האָב ס'דעכל מיט די אויגן געזוכט.
— אָט אזא זאָך באַ אונדז אָפן הויף אין פּאַזשאַרניקעס זיך שפּילן...
דער אַלטער האָט זיך צוגעבויגן צו א קוסט און מיך פאַנאַנדערגעפרעגט:
— וואָס איז דאָס?
— א קאַראַסקע.
— און דאָס?
— אויך.
— און דאָס?
— אויך א צוויטעלע...
דעם אַלטן אינדיק האָט עס הנאה געטאָן. ער האָט גאָרגלענדיק געלאַכט. דער טאַטע האָט אים נעבעכדיק צוגעהאָלפן:

— אומשטיינס געזאָגט, א צוציק, א קינד. וואָס פארשטייט עס ? וואָס קען עס וויסן... א מבין, כע־כע.

צום אָפּשייד האָט דער אַלטער אויסגעריסן א פּאָר בלומען, אריינגע־שטעקט עס אין האַרץ־שניט פון מיין געבלימלטן העמדל (קיין אַנדער אָרט איז ניט געווען). איך מיטן טאַטן האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים.

אַפן הויף בא אונדז האָב איך א ווייכע שטיק בלאָטע אויסגעפונען, אריינגעשטעלט זיך מיט דער באָרוועסער פּיאַטע און געדרייט זי אין א רעדעלע אהין און צוריק.

דער טאַטע האָט מיך אין הויז געטריבן ; איך האָב פארביסן געשוויגן און ניט גערירט זיך פון אָרט...

II

ערשטע טריט

דער שיף־ברודער

זיין נאָמען ווייס איך ניט ביז היינטיקן טאָג. אַ שיף־ברודער איז ער צו מיר געווען, ווייטער גאָרנישט...

כ׳ווייס אַפילו ניט זיין געבורט־שטאָט, זיין פריערדיקע באַשעפטיקונג און די געשיכטע פון זיין לעבן. באַגעגנט האָבן מיר זיך צום ערשטן מאָל אין דער דייטשער שטאָט ברעמען, אויפן שיף־דעק, אין דער מינוט, ווען די שיף האָט גענומען אָפּשטויסן זיך פון ברעג און ווילד־פרעמדע מענטשן האָבן אונדז פון דער ערד צוגעפּאַכעט מיט טאַשנטיכלעך און געוואונטשן גליק אויף דער ווייטער רייזע.

ער איז צופעליק געשטאַנען לעבן מיר, איינגעוויקלט אין אַ שוואַרצער פעלערינע. זיינע שעפּסענע תמעוואַטע אויגן האָבן געקוקט אויף די גוטמוטיקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך מיט אונדז אַזוי „האַרציק״ צעזעגנט. כ׳ווייס ניט פאַרוואָס איך האָב אים דווקא דעמאָלט באַמערקט; אַרום, אויפן דעק, זיינען געשטאַנען נאָך אונדזערע עמיגראַנטן, אין די הונדערטער, טויזנטער...

נאָכדעם האָט זיך אָוועקגעצויגן די צווישן־צייט צווישן הימל און וואַסער. דאָס שיף־לעבן האָט אונדז פאַרכאַפּט, כוואַליעס — באַרוישט, דער ים האָט אונדז קראַנק געמאַכט.

איך בין פון די ערשטע אַוועקגעפאַלן. אין צווישן־דעק, אויפן דריטן אויבערשטן בעטל (די בעטן זיינען בא אונדז געשטאַנען אין שורות, דריי בעטן איינס אויפן אַנדערן) בין איך געלעגן פון איבל אַ דערשטיקטער, מיט גאַל און אָנגעזעטיקטער. ס׳בעטל האָט זיך געוויגט, די בלעכענע כלים, אָנגע־טשעפּעט צום ראַנד (טשייניק, טעלער און קריגל) האָבן צוגעשפּילט און אין קאָפּ האָבן זיך ווייטיקן געמישט און איבערגעגאָסן. מיין חבר צו דער רעכטער האַנט, אַ שטשופּלינקער אינגל, מיט אַ בלייכינקן יתום־פּנימל (קיין פּיטסבורג איז ער געפאָרן, צו אַ ברודער, אַזוי האָט ער מיר דערציילט), האָט שוין געזונגען אומעטיק, מיט אַ שטאַרקן אידיש־פּוילישן אַקצענט.

— גיט מיר אַ ביסל וואַ־אַ־סער! איך בין דאַר־שטיק...

און פון דער צווייטער זייט האָט אַ הויכער, דאַרער בחור, מיט אַ גרויען געשטופּלטן פּנים, געצויגן אַ פלאַבקע פון אַ פלאַש פאַרגאָסענעם שנאַפּס (וואָס אַ מאַמע האָט אים מסתמא אויפן וועג איינגעפּאַקט), געזויגן טראָפּנסווייז מיט די ליפּן און צוגעקרעכצט:

— ניט גוט איז מיר! אַ־כאַ־כאַ־אַ...

באַ די טישלעך, אַרום די זייטן, זיינען געזעסן גראָב־בייכיקע יונגען (אַמעריקאַנצעס האָט מען זיי גערופן, שוין ניט דאָס ערשטע מאָל אַף דער שיף געפאָרן), געטאַשט קאָרטן און צווישן זיך מיט ווערטער דורכגעוואָרפן:

— שיפּע! טויז! קווין! פּעס!

דעם, מיט דער פּעלערינע, האָב איך ניט געזען. אפשר האָט ער זיך אין אַ צווייטער קאַיוטע געפונען.

ערשט אַפן צווייטן, דריטן טאָג, ווען בּאַרכלענדיקע דייטשע מאַטראָסן האָבן אונדז מיט גוואַלט, ווי מ׳יאָגט קראַנקע הינט, אַפּפרישן זיך אין דער לופט, אַפן דעק שיף אַרויפגעטריבן און איך, מיטן פּיטסבורגער יתום, האַנט אין האַנט, האָבן זיך אין דער הויך דערשלעפּט און אין אַ ווינקל זיך צוגעשפּאַרט, האָב איך אים נאָכאַמאָל דערזען.

ער האָט אַרומגעשפּאַצירט הין און צוריק, מיט אַ מיידל באַ דער זייט (די ים־קראַנקהייט האָט אים אַפּנים ניט געשאַדט), די שוואַרצע פּאָלעס פון דער פּעלערינע האָבן געשפּילט מיטן ווינט, זיינע שעפּסענע תמעוואַטע אויגן האָבן געקוקט אַף די פינצטער־בלויע שטיקער געדיכט וואַסער, וואָס האָבן זיך אומרואיקע געהויבן און פאַרפּיענעטע געלאָפן, געאײַלט זיך ערגעץ־וואו. פאַרבייגייענדיק אונדזער ווינקל, האָט איך אויפגעכאַפּט אַ טייל פונעם געשפּרעך, וואָס ער האָט מיטן מיידל געפירט:

— וו׳ גאַלוועסטאָניע זנאַטשיט! אוזשע טאַם... (אין גאַלוועסטאָן, הייסט דאָס! דאָרטן שוין...)

ער האָט מיט פאַרטראַכטע פינגער אַ מאַראַנץ אַף צווייען צעשפּאָלטן, איין האַלבן דערלאַנגט דעם מיידל, די צווייטע העלפט פאַר זיך.

כ׳ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר כ׳האָב אים אין יענער מינוט שטאַרק מקנא געווען. ווער זיינען מיר געווען? צווייַ אומבאַקאַנטע ווילד־פרעמדע שפּענדלעך, וואָס טראָגן זיך אַף איין וועג, זוכן ערגעץ „גליק". צי האָב איך אים מקנא געווען ס׳מיידל באַ דער זייט? זיין ווידערשטאַנד צו דער ים־קראַנקהייט? דעם „גאַלוועסטאָן", וואָס האָט אים עפּעס צוגעזאָגט און גע־לאָקט? אפשר אַפן זיס־זויערן שטיקל מאַראַנץ, וואָס האָט אים (ווי איך האָב זיך דעמאָלט פאַרגעשטעלט) פון ימיקן איבל פאַרהיט...

די בּאָרכלענדיקע דייטשע מאַטראָסן האָבן אונדז צוריק, ווי קראַנקע הינט, צו די וויגנדיקע בעטן אין צווישן־דעק געטריבן. איך, מיטן פּיטס־בורגער יתומל, האָבן זיך געשלעפּט האַנט אין האַנט...

דאָרטן האָבן מיר אַף די געלעגערס צוריק אַרויפגעפויזעט; בלעכענע כלים, אָנגעטשעפּעט אַפן ראַנד בעט, האָבן צוגעשפּילט און מיין שכן צו דער

רעכטער זייט האָט פאַרצויגן זיין אומעטיק לידעלע, מיטן שטאַרקן פּויליש־אידישן אַקצענט:

— גע־ע־עטס מיר א ביסעלע וואַסער, איך בין דאָרשטיק...

און דער לאַנגער בחור האָט דער מאַמעס גוטע זאַכן קראַנקערהייט גע־נאַשט און געפּיעשטשעט זיך מיט א וויינענדיקן קול:

— אַ־כאַ־כאַ! ניט גוט איז מיר! כ׳שטאַרב...

ארום די טישלעך האָבן פאַרהאַרטעוועטע יונגען קאָרטן געטאַשט. איך בין א שווייגנדיקער געלעגן און געביסן דאָס שטרויענע קישעלע פונעם בעט.

ס׳צעאיבלטע פלייש האָט נעגאָרט נאָך א ביסל קילקייט און לופט. זאָל מען אין וואַסער אריינוואַרפן, אין קאַלטינקן געזאַלצענעם ים; אַף די בלויע געאַקערטע שטיקער ארומשווימען, אין שוים טונקען זיך, דעם סם ארויס־אָטעמען, נאָכדעם צום דעק לאַנגזאַם־לאַנגזאַם אראָפּזינקען. אָך, גוט...

אָבער אין דער מינוט, ווען איך האָב זיך צו פאַרצווייפלונג איבערגעגעבן, איז מיר דער אומבאַקאַנטער אין דער פעלערינע אַפּן זינען ארויפגעקומען; די שעפּסענע אויגן, דאָס מיידל באַ דער זייט, דער גלויביקער קוק. איך האָב נאָכאַמאָל אויפגעכאַפּט די ווערטער פון דעם אונטערגעהערטן געשפּרעך:

— וו׳ גאַלוועסטאָניע, זנאַטשיט! אוזשע טאַם...

און כ׳ווייס ניט, וואָס מיט מיר איז געווען; כ׳האָב די פאַרשטשעמעטע ציינער פון קישעלע אָפּגעריסן, צוגעוויגט זיך צו דער זייט פונעם לאַנגן בחור מיט דער מאַמעס גוטע זאַכן און אוועקגעלאָזן זיך זינגען מיט א נעבעכדיקן ניגון, אזוי ווי מיין פּיסטבורגער חבר, מיט א שטאַרקן פּויליש־אידישן אַקצענט:

— גע־ע־עטס מיר עפּעס אין מויל אריין! כ׳שטאַרב...

דער בחור האָט מיר א גלעזעלע פאַרגאָסענעם שנאַפּס דערלאַנגט, מיט א שטיקל קעז אַף צובייסן; איך האָב עס לאַנגזאַם, טראָפּנווייז געצויגן און די ציינער האָבן אונטערגעטענצלט, געקנאַקט...

:: :: ::

מיטן שיפסברודער האָב איך זיך געטראָפן נאָכאַמאָל אין לעצטן טאָג פון אונדזער רייזע.

ווי נאָר מיר האָבן ערד דערשמעקט, איז אונדזער ים־קראַנקהייט מיט דער האַנט אָוועקגענומען געוואָרן. ס׳אַרא כוח עס האָט אין זיך דער ריח פון ערד! מיטן אויג האָבן מיר זי נאָך ניט געזען, אָבער די ים־פייגעלעך, וואָס זיינען פלוצלונג אָנגעפלויגן, אין צירקלען זיך ארום דער שיף געלאָזן, האָבן אונדז די בשורה פון לאַנד געבראַכט; און מיטאַמאָל איז די איבלקייט פאַר־

שוואונדן, די אָפּגעהלשטע גלידער האָבן זיך צוריק פאַרשטייפט און דאָס האַרץ האָט זיך צעשפּילט, געוואָרן אומגעדולדיק.

איך, מיט מיין פּיטסבורגער חבר'ל, האָבן זיך גענומען פּאַרפּוצן לכבוד דעם נייעם לאַנד. איינער דעם צווייטן האָבן מיר אָרומגעגאָלט, מיט אַ שפּיץ מעסער האָבן מיר אויסגעשטאָכן לעכלעך אין די היימישע לייוונטענע העמדער, אַריינצוטאָן אַהין קנעפּלעך פאַר די ווייסע פּאַפּירענע מאַנישקעס, וואָס מיר האָבן נאָך צוגעגרייט פאַרן ערשטן אַריינפאָר אינעם נייעם לאַנד.

און אַז מיר זיינען אָפּן דעק אַרויפגעגאַנגען, האָבן מיר שוין דאָרט אַ גרויסן עולם געטראָפן. דעם גאַלוועסטאָנער שיף־ברודער האָב איך דעם ערשטן באַמערקט.

ער האָט אויסגעזען ווי אַ חתן־בחור. פרייד האָט שטיל, בריליאַנטנדיק געבליצט אין זיינע אויגן. אַזאַ גאַנצקייט פון פרייד קען נאָר אין חלום זיין מעגלעך; און איך האָב דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז אין חלום האָט דער מענטש דורכגעמאַכט זיין רייזע, אַז זיין „גאַלוועסטאָן" איז אַ שטאָט פון יום־טוב און פייערלעכקייט, וואו ניט יעדערער קען אַריינקומען, און איך האָב אים שטאַרק מקנא געווען אין יענער מינוט...

אָפּן האָריזאָנט האָבן זיך שוואַרצע פּאַסן ערד באַוויזן. ער האָט פון דער פּעלערינע אַרויסגעצויגן אַ דאַר ווייס הענטל און געצייגט אַהין:

— קוקט! ס'לאַנד! ווי רייך, ווי שיין...

אַלע האָבן אַהין געקוקט, איך אויך. קופּעס שטיינקוילן, געדיכטער גרויער רויך, פאַרסאַזשעטע אומגעלומפּערטע בנינים — דאָס אַלץ, ווי איך האָב געקענט באַמערקן, און ס'האָט מיר פאַרדראָסן, ווייל איך אַליין בין אויך אַהער געפאָרן זוכן „גליק"...

דער גאַלוועסטאָנער האָט זיך צו אונדז צוגערוקט. דאָס ערשטע מאָל, זינט מיר פאָרן, האָט ער מיט מיר אויסגערעדט אַ וואָרט.

— וואוהין פאָרט איר?

— קיין פילאַדעלפיע.

צו מיין חבר'ל:

— און איר — וואוהין?

— קיין פּיטסבורג.

צום דאַרן בחור מיטן אויסגעפּאַקטן פּנים:

— און איר?

— קיין בירמינגהאַם.

— וואָס וועט איר דאָרטן טאָן?

— כ'האָב הענט...

— איך בין אַ שניידער.
— מיין ברודער איז דאָרטן אַ פּעדלער.
— און איך פאָר נאָך ווייטער; אַהין, קיין גאַלוועסטאָן. פון „איקאַ" אויסגעריכט. דאָ זיינען די שטעט שוין געפּאַקטע, און דאָרט בויט זיך אַ נייע וועלט...

ער האָט ווייטער פון פּעלערינע זיין דאַר ווייס הענטל אַרויסגעצויגן און געצייגט אַהין, אין דער ריכטונג פון גאַלוועסטאָן, וואוהין ער פאָרט...

מער האָבן מיר ניט גערעדט. די שיף איז צום ברעג צוגעשוואומען און מ'האָט אונדז גענומען טרייבן, ווי שעפּסן, אַרונטער פון שיף.

:: :: ::

נאָכאַמאָל האָב איך זיך מיט אים געטראָפן, שוין אין ניו יאָרק.

באַגעגנט האָבן מיר זיך אין אַ פּאַרק, איינער פון יענע פּאַרקן, וואָס ליגן ווי פּליכעס צווישן די פאַרשטעלטע, פאַרציגלטע, אין עלטער־פאַרגייעוודיקע גאַסן פון שטאָט. שטיין־אַלטקייט, העסלעך זעט עס אויס און שווער! דער פּאַרק — עטלעכע לײדיקע אַספאַלטענע בלאָקן, אַ ביסל גרינס הינטער אַן אייזערנעם אָפּצאַם, אַן אָפּענער הילצערנער בנין פאַר זומערדיקע גאַסן־קאַפּעליעס, אין וועמעס פּוסטקייט ס'טאַנצן, ווי שדימלעך, קינדער אַרום לאַנגע הילצערנע בענק...

כ'האָב מיין שיפסברודער גלייך דערקענט און שטאַרק דערפרייט זיך מיט אים:

— האַלאָ! גאַלוועסטאָנער! וואָס מאַכט איר? ווי קומט איר אַהער?

ער האָט מיך אויך דערקענט (כ'האָב עס געזען אויף זיין פּנים), אָבער ער האָט געשוויגן און דער קוק פון זיינע אויגן איז געווען ווי אַ טעמפּער, נעגלדיקער קריץ.

געזעסן איז ער אויף אַ באַנק, מיט אַן אַרונטערגעבויגענער פּלייצע, אין אַ פּאָר קורצע טרעפּישע הויזן, וואָס האָבן זיך געצויגן אַרויפצו און אַרויס־געשטעלט צו שאַנד די אומגעלומפּערטע אויסגעטראָגענע שיך. ס'קאָליר פון פּנים — ברוין פאַרגרעבט, פון דעם מין קרענקלעכער ברוינקייט, וואָס דער־ציילט פון וואָגל, אויסגעוואָלגערטקייט און מידער נידעריקער געפאַלנקייט ביזן דעק אַראָפּ. ער איז געווען ניט אויפגעלייגט. די תמעוואַטע שעפּסענע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַ בייזקייט, וואָס איז געווען אי טעמפּ, אי שווער און האָט געקריצט, ווי אַן אַלטער פאַרזשאַווערטער טשוואָק.

איך האָב זיך צו אים צוגעזעצט, די האַנט אויף זיין פּלייצע אַרויפ־געלייגט; עפּעס האָט מיך געשטויסן צו זאָגן דאָס, וואָס ס'האָט ניט געפּאַסט:

— וואָס הערט זיך, ברודער, אין גאַלוועסטאָן? ווי בויט זיך דאָרטן די נייע וועלט?...

ס'האָט אים פון מיינע ווערטער ווי געטאָן (דאָס איז געווען ליכט צו דערקענען). מיר אַליין האָט אויך גלייך פאַרדראָסן: צוליב וואָס רייצן זיך מיט אַ ליידנדיקן אויסגעהונגערטן מענטשן? הונגער איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין ברוינעם פאַרוואַקסענעם פּנים, הינטישער הונגער, וועלפישער ברען. העלפן האָב איך אים טאַקע ניט געקענט, אָבער צוליב וואָס רייצן זיך, צוגיסן אומנוייטיקן ביטערן סם?...

כ'האָב עס געפּרוווט פאַרגלעטן:

— כ'מיין... אָט דער לעצטער טאָג אויף דער שיף גייט ניט אַרויס פון זכּרון; איר געדענקט? אָפן דעק האָבן מיר דעמאָלט אַ געשפּרעך געהאַט. כ'האָב אייך מקנא געווען, געקלערט וועגן אייך, גאַנץ אָפט, דאָ אין ניו יאָרק, אייך דערמאָנט...

ער האָט מיר אַפּריער קיין וואָרט ניט געענטפערט, נאָכדעם האָט עס אין אים אויפגעריסן פון אינעווייניק, ווי טשוהון וואָלט געפּלאַצט. ער האָט אָנגעהויבן רעדן און שילטן זיך אַליין:

— נעבעך וואָלט איך דעמאָלט דערטרונקען געוואָרן, נעבעך וואָלט איך געשטאָרבן און ניט אָנגעזען דאָס „לאַנד". פאַרוואָס האָט מיר מיין מאַמע ניט דערשטיקט, דער טאַטע ניט דערוואָרגן, איידער כ'האָב איבערגעטראָטן די שוועל צו לאָזן זיך אָפן וועג אַהער...

ער האָט ווייטער גערעדט, אָבער ניט צו מיר; צום אַספאַלט פון פּאַרק, צו זיינע אומגעלומפּערטע, צעטראָטענע שיך, צום אייגענעם פּאָרטאַיעטן אויסגעברענטן ווייטיק האָט ער זיין מעשה דערציילט, און געענדיקט מיט אַן אַלטן געבראָכענעם:

— ווי איז מיר! ווי איז מיר...

ס'איז געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע מעשה: אַן ערלעכע שוואַך־פייגלשע נשמה האָט זיך ניט געקענט צופּאַסן צום לעבן און איז געוואָרן פאַרווילדער־וועט, צעטומלט, פאַרלאָרן. דאָרע ווייסע הענטלעך האָבן ניט געקענט אויס־קומען מיט אייגענע אומרואיקייט און פּלאַטער; זיינען די חלומות צעקראָכן געוואָרן און מיט זיי איז אויך צעקראָכן געוואָרן אַ לעבן. האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן, געפאַלן טיפער, אַוועקגעלאָזט זיך טרעמפּעווען דורך דער „וועסט" קיין ניו יאָרק. אַהערצו געקומען, האָט אים די שטאָט איינגאַנצן דערשטיקט. וואַלגערט ער זיך אין פּאַרק, ווערט געשוואָלן פון הונגער און בייט כּסדר אַ הינטישן טאָג אויף אַ טאָג...

— ווי, ווי איז צו מיר!...

כ׳האָב זיך צוגערוקט צו אים נענטער. זיין פּליצע — טרעמפּיש אראָפּ־געבויגן. געקוקט האָט ער אַף די אייגענע פיס. אין דער מינוט האָב איך אַ שפּיל אויסגעטראַכט: כ׳האָב פאַרמאַכט די אויגן און דערזען מיין שיפס־ברודער אַפן דעק אין דער פּעלערינע, און דערהערט זיין אַמאָליקן קול:

— וו׳ גאַלוועסטאָניע, זנאַטשיט! אוזשע טאַם...

אין דער שטיל האָב איך מיטאַמאָל דערשפּירט, ווי פינגער גראַבלען זיך באַ מיר אין קעשענע, שוואַכע, ציטערדיקע, אומגעלומפּערטע אַזוי... זיי נישטערן, ווילן פון דאָרטן עפּעס אַרויסציען, אָבער אַזוי אומבאַהאָלפן, נעבעכדיק, אַז איך פּיל יעדן ריר. קיינער איז לעבן אונדז ניט געזעסן און כ׳האָב פאַרשטאַנען, וועמענס אַרבעט ס׳איז...

כ׳האָב מיין שיפסברודער ניט געשטערט: אין קעשענע איז אַחוץ אַ קאָלירטן פּרייזקוראַנט, וואָס כ׳האָב ניט לאַנג אין גאַס אויפגעהויבן, קיין זאַך ניט געווען (מיין לאַגע איז דעמאָלט אויך ניט געווען קיין גלענצנדיקע). אָבער בלאָס בין איך געוואָרן, דאָס האָב איך פונעם אייגענעם בלוט־אָוועקלויף אונטער דער הויט געפילט. ס׳האַרץ האָט געקלאַפּט משונהדיק, גנביש, אויס־שפּירעריש און אָפּגערופן זיך אַף יעדן ציטער פון מיין שיפסברודערס האַנט. אַיין סעקונדע האָט זיך געצויגן, ווי אַ יאָר, און אפשר ווי יאָרן גאַנצע. וואָלט עס גענומען אַ ביסל לענגער, וואָלט איך ניט אויסגעהאַלטן, כ׳וואָלט געפּלאַצט.

ענדלעך איז דער פּרייזקוראַנט פון קעשענע שוין געווען אַרויסגעצויגן. איך האָב פאַרגנבעטערהייט פרייער אָפּגעאָטעמט, ס׳בלוט איז צוריק אָנ־געלאָפן מיט אַ פּייף. כ׳האָב זיך אויפגעהויבן פון אָרט, אָן אַ וואָרט, אָן אַ קוק; די פיס האָבן זיך געטרייסלט, אַ נאָך־טעם פון ים־קראַנקהייט און איבל האָט מיך דורכגענומען. די באַקן האָבן מאָדנע, פייערדיק געברענט...

ערשטע טריט

דער ערשטער פריינט אין מיין אָפּגעשפּאָלטענעם טייל לעבן, דאָ אין אַמעריקע, איז געווען דזשאָו.

מיט אים האָב איך צוזאַמען אין איין דירה געוואוינט. ביידע האָבן מיר אָפּגעצויגן פון אַמעריקאַנער „אָנקלס", וועלכע האָבן אונדז מיט שיפסקאַרטן אַרויסגעהאָלפן און דאָ האָבן זיי מיט אונדז די מידות פון שפּאָרזאַמקייט און ניכטערקייט געוואָלט אַריינקנעלן. ביידע האָבן מיר געשמאַק אונטער־געהונגערט. דער באַלעבאָסטע פון דער דירה (אַף אַ פינפטן גאָרן אין פּאָרסייט גאַס, מיט אַן אָפּגעקראָכענער פייכטער וואַנט אַנטקעגן, וואָס דזשאָו האָט אַ נאָמען געגעבן: „די כותל מערבי") האָט דער פּלוט דזשאָו געשפּייזט מיט האָפענונגען, אַז געלט וואַרט אַף אונדז ערגעץ, זשמעניעס גאַנצע און אָט־אָט וועט עס שוין אָנקומען. דעם הונגער פאַררעדן האָט ער אָבער ניט געקענט.

מיך האָט דער פּלוט אויך געוואָלט פאַרוויגן מיט גאָלדענע האָפענונגען: אַז אָט קומט אָן דער סעזאָן פון טייסטערלעך און ער וועט מיך צו דער אַרבעט אַרויפנעמען; אַ שאָפּ איז דאָ און די אַרבעט איז אַ שפּילכל, איינס און צוויי און ער וועט מיך די מלאכה אויסלערנען; דעמאָלט וועט זיך עס אַ לעב טאָן אַ טאָג...

אָבער דער סעזאָן פון טייסטערלעך האָט זיך אַלץ אָפּגעלייגט און פאַר־שפּעטיקט. דער הונגער (נאָך ערגער ווי די באַלעבאָסטע פון דער דירה) האָט זיינס געמאָנט. באַדערנאַכט, אַז מיר פלעגן זיך שפּעטלעך אַריינגנבענען אין צימער און שטילינקערהייט אָנצינדן אַ קליין בלוי גאַז־פלעמל, פלעגן מיר אַף דער וואַנט טרעפן שוואַרצע ראָיעס פריים, טרוקענע, פלינקע, פאַרהאַוועטע, וועלכע זיינע געשמיידיק־נישטערדיק אומגעלאָפן פון שפּעלטל צו שפּעלטל.

דזשאָו פלעגט זיך אוועקשטעלן אין אַ טראַגישער פּאָזע, צענעמען די הענט מיט די דלאָניעס אַרויף און אויסטענהן זיך מיט זיי:

— עסינקען ווילט זיך אייך, חברה־לייט? מיין מיטגעפיל! דער בעל־הבית איז „געבראָכן", קען גאָרנישט ניט טאָן.

אָדער מיט אַן אויגל־ווינקל געווענדעט זיך צו מיר:

— זעסט? אַ פּרייסישע לויה. איינער איז נעבעך פון הונגער גע־שטאָרבן, פירן אים חברים צו זיין רו. ווער'ט נאָך אונדזער לויה נאָכגיין, אַז ס'קומען די צייט?...

אז די לאגע איז גאר שווער געווארן, האבן מיר באשלאסן: העלפן קען מען זיך ניט, צו די טייסטערלעך וועלן מיר זיך ניט דערוואַרטן, מוז מען אויפשטיין די ערשטע אין שטאָט און „כאפּן" וואָס ס'וועט זיך מאכן פאר א „דזשאב".

מאָרגן אינדערפרי, דזשאו וועקט:

— י—ע—מוד!

איך האָב, א פארשלאָפענער, א זופּ געטאָן די קאַלטע גרויע לופט פון פאַרטאָג: בררר־ר! איינגעטוליעט זיך צוריק אונטער דער קאָלדרע און גע־שטופּט דזשאָון מיטן נאקעטן פוס:

— ברודער, כ'קען ניט! גיי דו היינט. ווייסטו גאָר וואָס: לאָמיר טאקע אזוי אָפּמאכן, היינט דו און מאָרגן איך...

דזשאו לאָזט זיך ניט איבעררעדן; ער הודזשעט ווי א טרובע גלייך אין אויער אריין:

— זיי מוחל, י—ע—מוד!...

— אָבער מ'זאָגט דאָך דיר, איך קען ניט. לאָמיר עס אָפּלייגן אף מאָרגן. מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר ביידע ארויס.

נאָך א ראַנגלעניש פון צוויי אויסגעוואַרעמטע פוילע לייבער אונטער דער קאָלדרע, האָט דזשאו נאָכגעגעבן; דעם פרימאָרגנדיקן תירוץ פאר דער באַלעבאָסטע האָט ער געלאָזן צו מיר.

אַלעמאָל נאָך א פאַרטאָגיקן געיעג פאר אַרבעט פלעגט זיך באַ אים די נאָז אויסציען, אויסבלייכן, און די אונטערשטע ליפּ פלעגט באַליידיקט־קינדעריש אונטערציטערן:

— ני—טאָ!...

דערפאר, אז ס'פלעגט אים אמאָל געלינגען עפּעס אַן אַרבעט צו קריגן, איז שוין פאר ביידן יום־טוב געווען. באַנאַכט פלעגן מיר א סעודה פּראַווען, אזש ס'פלעגט גיין א רויך.

א בריה איז דזשאו געווען, דאָס קען איך ניט פארלייקענען; אויב די טייסטערלעך זיינען זיינע געווען בלויז אַן אויסגעגאַלדיקטער חלום, האָט ער אָבער געהאַט אַנדערע פּראָפעסיעס, וואו ער האָט געקענט צולייגן א האַנט. אין רעסטאָראַן־אַרבעט איז ער גאָר געווען א מייסטער פון פאך. ער האָט געקענט טעלער וואַשן, טישן צוקלייבן, לעפל־גאָפּל שייערן; אַרבעטנדיק האָט ער קונציק אָנגעפּאַקט קעשענעס מיט „סענעוויטשעס", קיכלעך און געבעקס. אינדערהיים האָט ער, ווי א קונצנמאַכער, פון די קעשענעס געצויגן. שטייענדיק האָבן מיר ביידע געפּראַוועט אונדזער סעודה, געשפּאַרט אין ביידע באַקן

און צוגעוואָרפן שטיקלעך פאַר אונדזערע שטוביקע באַשעפענישן, די פּרייסן און די מייז.

דזשאָו האָט דערביי קיין גוט וואָרט אויך ניט געקאַרגט:

— צו געזונט, חברה! פּאַשעט זיך אַף מיין חשבון! איר האָט אַף דעם נעבעך לאַנג געוואַרט.

דאָס גליק אָבער פלעגט זיך לאַנג ניט ציען; ביז וואַנען עמיצער פלעגט אים פאַרקאָנקורירן, אָדער אַ גנבה איז אַנטדעקט געוואָרן און מ'פלעגט אים משלח זיין.

האָבן מיר ווייטער געהונגערט, געוואַרט אַף גאָלדענע סעזאָנען, געיאָגט די זאָרג פון זיך, ווי נאָר חברה, וואָס וויל שטאָטישע טעג פאַרברענגען און ניט אונטערגעבן זיך אונטער אַ יאָך, וואָס וועט פריער־שפּעטער איינצוימען, קענען עס טאָן.

אַ שטיק צייט האָט אונדז גאָר אָפּגעגליקט: מיר זיינען געווען פאַר־זאָרגט מיט חיונה; דזשאָוס אַן איינפאַל:

ער האָט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט אַ רעסטאָראַן־באַלעבעסל פון אונ־דזער געגנט. דורך אים האָב איך אויך געקראָגן אַן איינלאַדונג קומען אַהין פאַרברענגען אין די אָוונטן (ווען דער אמתער קונד האָט שוין אָפּגעגעסן) און דער באַלעבאָס האָט צייט געהאַט צו פאַרנעמען זיך מיט געסט.

געווען איז עס אַ אידל, אַ דאַרס און אַ קליינס, מיט ווייסע פינטלדיקע אויגן, מיט אַ תמעוואַטן דינעם שמייכעלע, וואָס פלעגט זיך אויסליינן איבער די בלאַנדע וואָנצעס און אונטער די ליפּן אין אַ נאַרישן רייפל. גערעדט האָט ער ווייניק, מיט אַ צושאָקל פון פּלייצע, ווי ער וואָלט די צעקראָכענע ווערטער מיט גוואַלד פון זיך אַרויסגעשאָקלט; און פאַרקאָכט איז ער געווען אין צוויי זאַכן: מלחמות און טעגלעכע צייטונגס־ראָמאַנען...

אַליין לייענען האָט דאָס באַלעבעסל ניט געקענט, זיינען מיר געוואָרן זיינע פאָרלייענער: דזשאָו — דער ספּעציאַליסט איבער מלחמות און איך — ראָמאַנען־פּאַרטייטשער...

איז וואו האָט זיך עס אַזאַ בלוטדאָרשטיקייט צו דזשאָון גענומען? אַלע נאַכט — נייע מלחמות, מיט פאַרוואונדעטע, צעשאָסענע און צעקריפּלטע. אַלערליי פעלקער האָבן זיך באַ אים צונויפגעטשעפּעט, כלערליי מדינות, כדי דאָס רעסטאָראַטאָרל זאָל הנאה האָבן: דאָס אידל פלעגט זיך זיצן באַם טישל אַנטקעגן, אַ האַנטוכל אַפן אַקסל, דאָס קעפּל אויסגעבויגן, איין אויער ווי אַ טרייבל, די וואַסערדיקע אייגעלעך פינטלען און ס'נאַרישע שמייכל־גריבעלע אַף איין זייט ליפּ וואַקסט פון גרויס התפּעלות.

איך, מיט מיין ראָמאַן, האָב אויך ניט שלעכט געמאַכט. אָפט פלעג איך

אים אַן איבעריקן גנבישן קוש פון „ליזען" צוואווארפן, נאָך אַ שפּרונג דורכן פענצטער צו דער מעשה צולייגן. אַ דאגה, זאָל מיינס איבערגיין! ראָמאַנען אין די צייטונגען האָבן ניט אויסגעפעלט. ס'אידל פלעגט זיך, ווי אַ גריוו אַף אַ סקאָוואָראָדע, מחיהדיק זשארען: „אַי, גאַליצקעלע גנב! אַי, גאָטפילדל גנב!" (די נעמען פון די ראָמאַנען־שרייבער זיינען אים געווען באַקאַנטע, גוט־ברודערישע.) אַז ער פלעגט זיך שוין גוט צעווארעמען פלעגט ער פון ערגעץ אַ בייגעלע ווייס פּאַפּיר ארויסנעמען מיט אַ פעדער, צורוקן עס צו מיר און מיט אַ תמעוואַטע־חניפהדיק שמייכעלע זיך בעטן:

— אַזאַ יונגערמאַן, ווי איר! אַ וואויל־קענענדיקער, שרייבט אָן פאַר מיר אַ בריוועלע! שרייבט'ס...

ס'בריוועלע האָט געדאַרפט זיין צום „הער" ראָמאַנען־שרייבער, אָדער צום רעדאַקטאָר (דער אונטערשייד צווישןביידע „הערן" איז אים ניט קלאָר געווען). ס'איז געווען אַ בקשה מ'זאָל אַף אים רחמנות האָבן און אַן עצה געבן, וואָס צו טאָן: ס'ווייבל האָט זיך באַ אים איזניובעט מיט אַ שערער, האָט אויסגעליידיקט די שטוב און איז אַנטלאָפן פון אים. איז פון דעמאָלט אָן עסט ער ניט, טרינקט ניט, בענקט שטאַרק און די וואונדן אין הארצן זיינען גרויס. פאַרענדיקן פלעגט ער מיט אַ חניפהדיק־געפּאַלן טענהלע שוין צו מיר, דעם שרייבער, אַליין:

—אַן אָסאָבע געווען, אַ בר־דעת! אַ ווייבל אַ געראָטנס, אַ בוזעמדיקס; אַ ווילדער כישוף האָט זי דעמאָלט פאַרכאַפּט.

מורא געהאַט טאָמער האָט ער נאָך די פולע מאָס מיטגעפיל ניט גע־וואונען, האָט ער מיך מיט די ווייסע פינטל־אויגן צוגעטריבן און געאיילט:

— שרייבט, יונגערמאַן; אַזאַ געראָטענער, וואויל־קענענדיקער; שרייבט אַ בריוועלע, שרייבט'ס...

אונדזער באַצאָלט איז געווען די מאַרך־ביינער, וואָס פלעגן איבערבלייבן אין קעסל זופּ, נאָכדעם ווי די מוזמנע קונדן האָבן שוין זייערע מאָלצייטן אָפּ־געפראַוועט. מיר פלעגן די ביינער ארויסשלעפּן און גריזשען זיי מיט אַ צוביים פון טרוקענעם „ראָל". שפּעטער, אַז ס'געשעפט האָט זיך שוין געדאַרפט צושליסן, פלעגט אונדז דאָס אידל אָנשיטן אַ זעקל הארטע איבערגעבליבענע „ראָלס" און דערלאַנגען עס מיט אַ נארישן, אָבער שוין געהויבענעם פינטל פון זיין ווייסן אויג:

— נאָט'ס...

אָבער די חיונה האָט זיך אויך געפעלט; דזשאָוס מלחמה־איינפאַלן האָבן זיך אויסגעשעפּט, דאָס נארישע רעסטאָראַטאָרל איז איבערדריסיק גע־וואָרן און ס'איז געקומען אַ צייט, ווען מיר, חברים, האָבן זיך געשעמט צו

קוקן איינער דעם אנדערן אין די אויגן, און באַהאַלטן, יעדערער פֿאַר זיך אַליין, האָבן מיר זיך געוואָרגן מיט דער פֿראַגע:

— צוליב וואָס?

— ליידן צוליב וואָס? הונגערן צוליב וואָס? דער אָפּגעשפּאָלטענער היגער טייל לעבן אונדזערער, אַ יונגער, אַ קרעפּטיקער און דאָך אַ פֿאַר־בלאָנדזשעטער, וואוהין וועט ער אונדז פֿירן?...

כ׳פֿלעג זיך אָפּגנבֿענען פֿון דזשאָון, אוועק פֿאַרנאַכט אויף דעלענסי גאַס, ווען די פֿאַבריקן פֿון דער נידעריקער „איסט־סייד" פֿלעגן אַרויסשיטן אויף די טראָטואַרן דעם געדיכטן, אויפֿגעשמאָלצענעם עולם, אַזעלכע ווי איך, אָפּ־געשפּאָלטענע פֿון דער אַלטער וועלט און דאָ שוין באַהעפֿט צום לעבן צוריק דורך אַרבעט, שאַפּונג און שווייס. כ׳פֿלעג זיי נאָכגיין, ווי אַ הונט, אַריינקוקן אין די פּנימער, און די יונגע, פֿאַרהאַרטעוועטע, טומלדיקע שטאָט האָט זיך גערייצט מיט מיר און אָפּגעחוזקט מיט איר צעפּלאַטערטן אימפּעט:

— פּוילענצערס! אַ וועלט מאַטערט זיך, בויט זיך, וואַרפֿט זיך אין קראַמפּן, און איר?!...

— פּורים־שפּילער, ווי לאַנג?

מיר האָבן געליטן און עכטן אומרו געזוכט. אומרו האָט אונדז פֿון דער אַלטער היים אַרויסגעריסן, אין אומרו האָבן מיר דאָ געלעבט. אָבער ס׳איז אין דעם קיין עכטקייט ניט געווען, קיין שאַרפֿקייט אין טעם; ס׳איז געווען די אומרו פֿון אונדזערע הויז־קוואַרטיראַנטן, די פּרייסן און מייז...

נאָכדעם איז צווישן אונדז ביידן נאָך אַ שאָטן דורכגעלאָפֿן, אַ פּאַסירונגל אַ קליינס, וואָס האָט אונדז ענדלעך פֿאַנאַנדערגעריסן און צעשיידט:

צווישן די אָפּגעשפּליטערטע לעבנס, דאָ אין ניו יאָרק, איז געווען דזשאָום אַ לאַנדסמיידל, הענקע, צו וועמען מיר פֿלעגן אָפּט שותּפֿותדיקע וויזיטן פֿראַווען. אַ מיידל אַ יונגס, אַ לאַכעדיקס, מיט אַ מאָדנער קלאָרקייט פֿון הויט און אויגן און געשייערטקייט פֿון ווייס־לייכטנדיקע ביינדלעך. געאַרבעט האָט הענקע אין אַ פֿאַבריק פֿון ווייסצייג, געוואוינט, אַזוי ווי מיר, אין אַ באַזונדערן צימער מיט אַ כּותל־מערבֿי־וואַנט. אויף וויפֿיל כ׳געדענק, בין איך מיט דזשאָון געווען אירע איינציקע „קאַוואַליערן".

אויף די שפּאַצירן פֿלעגן מיר זי אַינמיטן אַריינגעמען און מיר, צוויי לאַנגע דראָנגעס, באַ די זייטן. טריט האָבן מיר געלייגט קלאַפּטערדיקע און די קליינע פֿלעגט אונדז קוים נאָכיאָגן און מיט אַ געלעכטער איינהאַלטן אונדזער אימפּעט:

— קאַוואַליערן, פֿליט ניט אַזוי שנעל! כ׳פֿאַרליר דעם אָטעם.

ווער זי איז געווען, ווייס איך ניט: אַן אומרואיקע נשמה, ווי אַ סך

פון אונדז, וואָס האָט איר לעבן מיט אַ כיון צעשפּאָלטן, ווייל גאַנצקייט איז איר דערווידער געווען? אָדער אַ געוויינלעך גוטמוטיק מיידל, וואָס איז אוועק מיטן שטראָם, ווייל דער שטראָם האָט אַהערצו געצויגן? אַ מיידל, וואָס איר חנעוודיקייט איז געווען — איר יוגנט, איר לאַבעדיקייט, די גע־וואַשענע לויטערקייט פון איר הויט, און איר צוקונפט — די געוויינלעכע וואָכעדיקייט פון איר מאַמען און באָבען? מיט דזשאָון האָב איך ווענן איר ווינציק גערעדט און אַליין האָב איך ווינציק פאַרשטאַנען...

וואָס איך האָב געוואוסט איז, אַז הענקע איז געווען אַ טאָכטער פון אַ קליינשטעטלדיקן בעל־הבית, אַז זי איז אינדערהיים פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם טראַציקייט־גייסט, וואָס האָט זיך דעמאָלט צעשפּרייט איבער שטעט און שטעטלעך. אַז זי איז געווען אַ בונדיסטקע, אַ טוערן, צוזאַמען מיט דזשאָון, און אַז שפּעטער איז זי, באַגלייט פון טאַטע־מאַמע, אַוועק קיין אַמעריקע; אַ מעשה אַ פּשוטע, אַ געוויינלעכע, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט אויף טויזנטערליי אופנים.

וואָס ס'האָט אונדז געצויגן צו איר, פאַרשטיי איך אויך ניט קלאָר; פאַרליבט זיינען מיר ביידע ניט געווען. אפשר די ציכטיקייט און געשייערט־קייט פון איר הויט און ציינער, אויף וואָס ס'איז אונדז געווען אַן אָפּרו צו קוקן אין אונדזער מוטנעם לעבן? אפשר די לייכטקייט, מיט וועלכער זי האָט אויפגענומען אונדזער דאָן־קיכאָטישן לעבן? אָפּגעריסענע, פאַרהונגערטע, צעטומלטע, זיינען מיר פאַר איר אַלץ געווען „קאַוואַליערן"...

ווי קאַוואַליערן האָבן מיר זיך געהאַלטן, באַגעגנט זי צייטנווייז אַרויס־גייענדיק פון פאַבריק און צוגעפירט אַהיים, געזעסן בײַ איר אין צימער, אָפן מיידלשן קאַסטן, צוגעדעקט מיט אַ ווייסער ציך, גערעדט, געשפּאַסט פון אַלץ און אַלעמען, אָבער ניט פון אונדזער אייגענעם שטיקל לעבן...

נאָכדעם, גייענדיק פון איר צוריק אַהיים, האָבן מיר, ביידע חברים, ווידער גערעדט, געשפּאַסט פון אַלץ אויף דער וועלט, אָבער מיטן מינדסטן וואָרט ניט דערמאָנט הענקען מיט איר געוואַשענעם, זוניק־לויטערן פּנים.

און איינמאָל איז אָט־וואָס געשען.

מיר, דראָנגעס, זיינען געגאַנגען מיט אונדזער קליינער הענקען אינדער־מיטן. מיר האָבן דעמאָלט געשפּאַצירט איבער האַוסטאָן גאַס, וואָס ליגט צופוסנס די איסט־סיידער גאַסן, מיט אירע קנישעס־בעקערייען, שרייענדיקע יואַוועליר־געשעפטן, און פעטע רומענישע און אונגאַרישע רעסטאָראַציעס. הונגעריק בין איך מיט דזשאָון, ווי געוויינלעך, געווען, און די צוגעבראַנטע, שוואַרץ־באַפּעפּערטע אינדיק־גופן און וואָנדל־פלייש האָבן אונדזערע

אפעטיטן ניט פארשלעפערט. פארבראכט האָבן מיר אָבער וועגן אנדערע ענינים.

דזשאָו האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז אין דער שטאָט זיינען פאראַן מער פערד, ווי מענטשן. אונדזער הענקע האָט אים געוואָלט איבערצייגן, אַז ער איז אומגערעכט, און געזוכט פון מיר אַ באַשטעטיקונג. איך בין געבליבן נייטראַל אין דעם סכסוך. איז געבליבן, אַז מ'זאָל גיין איבער דער גאַס און ציילן, זען ווער ס'איז גערעכט.

הענקע, מיטן ווייסן פינגערל, האָט געציילט. מיר, פון ביידע זייטן, האָבן געזוכט פאַר איר קרבנות. דזשאָו האָט אַלץ פאַרזיכערט, אַז זי וועט אים ניט איבערצייגן:

— פערד זיינען פאַראַן מער ווי מענטשן...

אָבער מיטאַמאָל האָט הענקע אָט די שפּיל איבערגעריסן. כ'ווייס ניט פאַרוואָס: אפשר האָט זי אין אונדזערע אויסגעשפּרייטע נאָזלעכער דער־קענט, אַז מיר שפּירן הונגעריק נאָך אַ ריח פון עסן; אפשר האָט אונדז אַ פינטל פון אויג אַרויסגעגעבן, אפשר אַ קנייטש פון די ליפּן?...

זי האָט פון העלער הויט אָנגעהויבן באַרימען זיך מיט אירע גרויסע פּאַרדינסטן אינעם ווייס־צייג שאַפּ, וואו זי האָט געאַרבעט. ווי אַ זשוליקל האָט זי געוואָרפן קלאָר־אויסגעוואַשענע בלויע אויגן אויף ביידע זייטן, צו מיר און צו דזשאָון, זען צי מיר גלויבן. זי האָט אָפּגעשפּיליעט מיט אַ מיידלש־בויגזאַמען איילנדיקן פינגער איר האַנט־טייסטערל און אונדז ביידן צוגעטראָגן אַנקוקן די אָנגעזאַמלטע עשירות:

— נאַט, קוקט: פאַר איין וואָך שכירות...

אַ ברירה האָבן מיר געהאַט, אַריינגעקוקט; געקוקט, ווי צעפּוזשעטע אינדיקעס. ניט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ שייכות ס'האָט צו אונדזער פריער־דיקן שפּילעוודיקן שמועס וועגן פערדלעך און מענטשן.

נאָכדעם האָט זי אַן אַסיגנאַציע אַרום אַ ווייסן קליינעם פינגערל אַרומ־געדרייט, געמאָסטן זיך מיטן פינגער צווישן מיר און דזשאָון, מיך האָט זי אויסגעקליבן:

צו באַשטעטיקן, אַז זי איז רייך, לייט זי מיר די אַסיגנאַציע. כ'קען עס אונטערן קישן האַלטן, אַז איך וויל; כ'קען עס אויסגעבן. איר וועט עס ניט פעלן...

איך האָב זיך קאַוואַליערן־מעסיק אָפּגעזאָגט: אַ שומר בין איך אַ שלעכטער; אויב ס'וויל, קען עס טאָן דזשאָו...

אים האָט זי אָבער ניט פאַרגעשלאָגן, פאַרשלאָסן דעם האַנט־טייסטערל צוריק און אוועק מיטן פינגער ציילן פערדלעך.

די נאכט האָבען מיר פאַרבראַכט אַף דער גאַלעריע פונעם אידישן טעאטער. געזונגען האָט מען דאָרט „שולמית". הענקע האָט אונדז מכבד געווען מיט ניס־קערלעך. די יאָדרעס האָבן מיר געשלונגען און דעם שאָלעכץ געגריזשעט צווישן די ציינער.

אהיים גייענדיק צוריק האָבן מיר ביידע געשוויגן. צום ערשטן מאָל האָב איך דזשאָון פיינט געהאַט: שולדיק איז ער געוואָרן אין דעם, וואָס דער טייסטערלעך־סעזאָן איז ניט געקומען, וואָס דאָס לעבן אונדזערס איז אין א לצים־שפּיל פאַרגאַנגען, וואָס הענקעס אסיגנאַציע האָט מיך איבערן פּנים געפּאַטשט און אים דורכגעלאָזן...

דזשאָו איז געלאָפן פאָראויס; ס'האָט זיך מיר געגלוסט אוועקלייגן א האַנט אַף זיין פּלייצע, צוקערן זיין קאָפּ און אריינשרייען: „פּורים־שפּילער!" כ'האָב זיך איינגעהאַלטן.

אַף מאָרגן אינדערפרי האָב איך איינגעפּאַקט א פּעקל חפצים, געזעגנט זיך קאַלט מיט דזשאָון און אוועקגעפאָרן אין א ניו־ענגלאַנדער שטעטל, צו א קרוב...

אַ נאַכט

איך בין באַנאַכט פון אַ חברס הויז צוריק אַהיים געגאַנגען.

די נאַכט איז געווען אַ האַרבסטיקע. ס'איז שוין געווען אין מיטן נאָוועמבער. אַ דריבנער, פוילער רעגנדל האָט געווייקט די פאַרדאַרטע בלעטער, וועלכע האָבן זיך צום אַספאַלט פון טראָטואַר געקלעפּט און האָבן שוין קיין כח ניט געהאַט צו גיין מיטן האַרבסטיקן ווינטל אַ טאַנץ. די גאַסן זיינען געווען שטילע, אויסגעשטאָרבענע; אגב, עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט, אַרום צוויי אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט.

אַפן האַרצן איז מיר געווען פריילעך: אין קאָפּ האָבן גערוישט אין אַ ווילדער אומאָרדענונג די לעצטע אָפּקלאַנגען פון די הילכיקע לידער, וועלכע מיר, יונגע, זאָרגלאָזע, פולבלוטיקע חברה־הוליאַקעס, האָבן אין דער נאַכט אַרויסגעברויזט. די פיס האָבן געמאָסטן פעסטע, זיכערע טריט. איינס—צוויי, איינס—צוויי—דריי האָבן מיינע פיס־טריט אויסגעקלאַפּט אין דער פינצטערער פוסטקייט.

אַ זודיקער שטראָם פון מוט און גלויבן האָט איבערגעפילט מיין האַרץ ביז צום צעפּלאַצט ווערן. ווּעמען אַרט עס? ווּעמען אַרט עס, אַז די שטילע גאַסן ווערגן זיך מיט דער האַרבסטיקער פייכטקייט? אמת, דער מאַנטל איז צעריסן, די פיס שליאַפּען זיך אין בלאָטע און ווייקן אויס איינציקווייז די פינגער און קיין אויסזיכט אַף אַרבעט איז ניטאָ. דאָס בלוט זינגט אין די אָדערן, די הענט קלאַמערן זיך אין פויסטן, די פוס־טריט קלאַפּן צו אויפרופנדיק און מוטיק און אַלץ אין מיר זינגט: „מיר וועלן וואַגן, מיר וועלן קעמפן און זיגן.”

איך בין צוגעקומען ביז צו מיין הויז און לאַנגזאַם גענומען אויפשטייגן די טרעפּ.

מיין דירה איז געווען אַ גאַנץ געהויבענע: טאַקע אַפן פינפטן גאָרן. אָבער קיין האַרץ־קלאַפּעניש, הויבנדיק זיך אַף טרעפּ, האָב איך קיינמאָל ניט געפילט.

איך בין צוגעקומען צו דער טיר, אויפגעזוכט דעם טיר־שליסל און גענומען אויפשליסן.

דער שליסל האָט זיך מיט אַ טרוקענעם קנאַק איבערגעדרייט אין שלאָס.

איך האָב זיך אָנגענומען פאַר דעם הענטל פון טיר. די טיר רירט זיך ניט פון אָרט... עמיצער האָט מסתמא פון אינעווייניק פאַרשפּאַרט דעם ריגל. איך האָב אָנגעהויבן מיט מיינע פינגער פּויקן אַף דער הילצערנער טיר, פריער געלאַסענער, שטילער, נאָכדעם נערוועז — האַסטיקער. פון אינעווייניק הערט זיך ניט קיין ריר. פּלוצלונג האָט מיר געגעבן א זעץ אין מוח. איך האָב גענומען ציטערן ביז די סאַמע האָר־וואָרצלען. איז עס מעגלעך? יאָ, עס איז דאָס! איך האָב זיך דערמאָנט די זייטיקע בליקן פון מיין באַלעבאָסטע, וועלכער איך האָב שוין פאַר א היפּשע פּאָר חדשים קיין דירה־געלט ניט באַצאָלט, אירע קאַלטע, צעצויגענע ווערטלעך, איר בריאזגען מיט דער טיר. יאָ, איך בין אויסגעשלאָסן! ווי א ווערימדיקער, היימלאָזער הונט אַרויס־געוואָרפן אין דער נאַכט צו לויפן אַף אַלע פיר זייטן.

דאָס איינציקע געלבלעכע פּלעמל פון גאַז־רער, וואָס האָט זיך געטוקט אין קאָרידאָר, האָט אויסגעזען ווי א פאַרזשמורעט אייגל פון א סאָווע, וואָס האָט געחוזקט, געקוויקט זיך איבער מיין פאַרלעגנהייט. איך האָב עס מיט רציחה אויסגעלאָשן...

איך בין געבליבן שטיין אין דער פינצטער. א פייערדיקע שלאַנג האָט געזשיפּעט אין מיין ברוסט. עס האָט מיך אָנגענומען א ווילדע לוסט צו בראַז־גען אין אַלע טירן, האַמערן מיט די פויסטן, קנאַלן מיט די פיס, גראַבלען זיך אין דעם האַלז מיט די נעגל, איינבייסן די ציינער אין דעם האַרטן שטאָל און שרייען, גוואַלדעווען אַף די העכסטע קולות, אַז די אַלע פאַרשלאָפענע פּגרים זאָלן זיך פון די בעטלעך אויפהויבן און פאַרציטערט ווערן צו זען ווי א באַליידיקטע מענטשלעכע נשמה האָט זיך אויפגערודערט ביז איר טיפסטער טיף.

איך האָב זיך איינגעהאַלטן און בין מיט פאַרקלאַמערטע פויסטן צוריק אַף דער גאַס אַרויסגעלאָפן.

דער רעגן האָט זיך פאַרשטאַרקט. די טראָפּנס האָבן געפּליוכעט איבער מיין צעהיצטן פּנים און געשמיסן ווי מיט בייטשן. איך האָב זיך אומגע־טראָגן הין און צוריק איבער דעם איינזאַמען טראָטואַר. מאָדנע: דאָס שטיקל טראָטואַר צווישן די צוויי גאַס־ראָגן איז פּלוצלונג געוואָרן מיין ענגע, פאַר־צאַמטע שטייג. ווייטער האָב איך קיין פוס ניט געקענט שטעלן.

עמיצער איז פאַרבייגעגאַנגען. מעסיקע, געזעצטע טריט, א הוסטעלע, א בורטשע אונטער דער נאָז. עס האָט מיך געצויגן אַרויפוואַרפן זיך אַף דעם מענטשן פון הינטן, אַראָפּוועגן אים מיט מיין גאַנצער שווערקייט ביז צו דער ערד, פּויקן מיט די קולאַקעס איבער דער האַרטער פּאַטילניצע און רעווען, רעווען אָפן קול. דער פאַרבייגייער האָט אַף מיר געגעבן א קוק.

א דורכלויפנדיקער, פארשנדיקער בליק, קאלט ווי די הארבסט־פליסיקייט, קלעפיק ווי די דורכגעווייקטע, פוילנדיקע בלעטער. איך האב דעם בליק ניט אויסגעהאלטן און זיך געלאזט לויפן...

ווייטער און ווייטער האבן מיך געטראגן מיינע פיס. דער אפשיין פון דער גאס־לאמטערנע האט געשווינדלט אין מיינע אויגן. עס האט זיך מיר אלץ געדאכט, אז הונדערטער, טויזנטער שארפע, בליצנדיקע שפיזן פינטלען אף מיר מיט זייערע שפיצן און יאגן מיך מיט אן אומגעהויערער שנעלקייט. איך האב זיך ערשט אפגעשטעלט אין א ווייטן, פארווארפענעם פארק.

איך האב זיך אווארף געטאן אף א באנק און אפגעווישט דעם שטראם שווייס אף מיין קאלטן שטערן.

אן אויפגעפלאנטערטע נעץ פון גראע וואלקנס איז נידעריק געהאנגען איבער די שפיצן פון די הוילע בוימער. צווישן די אויסגענעצטע, שווארצע צווייגן האט געפייפט אן אומעטיק ווינטל. א שווערער ריח פון פייכטע, פוילנ־דיקע בלעטער האט געשלאגן אין נאז. וואו־ניט־וואו האט זיך געטונקט אן איינזאם, פארלארן פייערל.

א שרעקלעכע מידקייט האט מיך ארומגענומען. איך פיל די שווערע משא פון מיין איינענעם דורכגעזאפטן קערפער. עס ווילט זיך צונויפקנוילן, איינקארטשען, איינדרייען זיך אין דרייען, צושליסן די ברעמען, גארנישט ניט פילן, גארנישט ניט זען.

א לייכטער נעפל האט זיך גענומען אויסציען איבער מיין צעהיצטן מוח. אט בין איך א קינד. אין שטוב איז שטיל. אלע שלאפן. אין ווינקל שטייט א לעמפל. מיין קאפ איז אנגעגאסן מיט א בלייענער שווערקייט. פון שוואכ־קייט שליס איך צו די ברעמען. עפענען די אויגן קען איך ניט, אבער איך הער דעם מינדעסטן שארך. די קלענסטע באוועגונג. אט שלייכט זיך די מאמע צו מיין געלעגערל. קיין טריט הער איך ניט, אבער איך פיל אז דאס איז זי, די מאמע. זי קומט צו, בייגט זיך איבער, לייגט אוועק איר ווייכע האנט אף מיין צעהיצטן שטערן און גיט מיר א ווייכן קוש. א קנויל טרערן ווערגט מיך אין האלדז. איך פארווארף די הענט אף דער מאמעס האלדז, טוליע זיך שטארק, שטארק צו צו איר ברוסט און מיין הארץ ווערט צעריסן פון אן אומבאהאלפענעם געשריי: „מאמע! מאמעלע מיינע!"...

א שטורך אין זייט האט מיך אויפגעוועקט פון מיינע חלומות. איבער מיר שטייט דער „ארדענונגס־היטער" מיט זיין דראענדיקן „קלאב". „גאטס־פארדאמטע! וואלגערן זיך ארום, די היימלאזע באסיאקעס, אין רעגן, אין שניי, אין קעלט. זיינען פול אין יעדן ווינקל. ניטא פון זיי קיין איין ברוטע מינוט." איך בין אנטלאפן.

איך שלעף זיך שוין ווידער אַרום איבער דעם אָפּגעלאָזענעם פּאַרק. מיין האַרץ איז פּוסט, צעשוואומען דער צאָרן, פאַרלאָשן דער האַס. אין קאָפּווירבלט אַ מיש־מאַש פון אַלערליי משונהדיקע געדאַנקען. אָבער, מאָדנע, די געדאַנקען זיינען ניט מיינע קיין אייגענע, נאָר פרעמדע און פיינטלעכע: איינער פייפט אויס אין מיין אויער אַ גאַסן־לידל מיט אַ לאַנגן, אויסגעצויגענעם קוויטש. אַ צווייטער פינטלט מיט אַן אומזיכטבאַרן פינגער און רייצט זיך: „וואָגן, ברודערקע, נאָר געוואָגט! אַ העלדישער שפּרונג אין וואַסער, אַ טונק אין אָפּגרונט, אַ שווענק פון די כוואַליעס און דו האָסט געזיגט, געקעמפט און געזיגט!"

נאָך איינער, אַ קלייניגקער, אַ כיטרינקער, ווינקט צו ממזריש: „אַנטלויף, ברודערקע! ראַטעווע דיין פעל. דער וועכטער גייט נאָך דיינע פוסטריט, און ער וועט דיך פּאַקן, זיכער פּאַקן. טראָג זיך נאָר אָפּ, כל־זמן דו האָסט צייט."

איך האָב זיך „אָפּגעטראָגן". פאַרשטעקט זיך אין אַ וויטן ווינקל, צווישן געדיכטע קוסטעס. אונטן — די פייכטע, פאַרוויאַנעטע גראָזן, אויבן — דער פאַרצויגענער, וואָלקנדיקער הימל. איך האָב אָנגעשטעלט די אויערן אויפצוכאַפּן דעם קלענסטן שאָרך, געטרייסלט זיך פון קעלט, געקלאַפּט מיט די ציינער, געוואָרעמט מיט מיין אָטעם די צעפראָרענע גלידער. געציילט די מינוטן ביז צו דעם זון־אויפגאַנג...

אין מאָרגן האָב איך אין שפּיגל דערזען מיין ערשטע זילבערנע האָר.

קאַלטע שכנים

„הער מיך אויס, גוטער ברודער, טו אַ טובה, העלף אַ הײמלאָזן חבר מיט אַ ניקל אַף אַ נאַכטלעגער.״

אַזוי האָב איך אײנמאָל אין אַ װינטער־פאַרנאַכט, אַרומבלאָנקענדיק איבער די גאַסן פון אַ גרויסער שטאָט, אָפּגעשטעלט אַ פאַרבײגײער און אַרײנגערוימט אים אַ סוד אין אויער.

כ׳װײס ניט, אפשר האָב איך דעמאָלט ניט־װילנדיק אויסגעשטרעקט אַ האַנט, אָנגעשטעלט אַ נעבעכדיקע דלאָניע. געציטערט האָב איך זיכער, געטרײסלט זיך מיט אַלע גלידער פון קעלט, פון געפאַלנקײט, פון הונגער און אויך פון האַס.

געהאַסט האָב איך געשמאַקער פון אַלעמען מײן אײגענע „הויכגעשעצטע״ פערזענלעכקײט. כ׳האָב פאַררוקט די פינגער אַהינטער מײנע אָרעמע שמאַטעס און מיט צװואַקסענע נעגל געריסן, געשטשיפּעט שטיקער אײגן פלײש. דערבײ האָב איך זיך געשמאָלצן פון נחת, געקװיקט זיך מיט דער אײגענער געפאַלנקײט און טיף אינעװײניק נאָכאַנאַנד געבראָקט: „נאַ דיר, װערימדיקער הונט, נאַ! נאַ!״

געהאַסט מײן װאױלטעטער. קוים־קוים אײנגעשטאַנען אַף די פיס. ניט געװאָלט נאָכגעבן דעם ברענענדיקן פאַרלאַנג אַ פאַל געבן פּלוצלונג אַף אַלע פיר, פאַרגײן זיך אין אַ בײזער הינטישער סקאַװואָטשערײ, אײנשטשעמען געשטשירעטע צײנער אין װײכע פלײשיקע ליטקעס און בײסן, רײסן...

כ׳האָב אין דער מינוט סתם פײנט געהאַט די גאַנצע װעלט, געװאָרגן זיך מיט גרינעם קערנדיקן איבל. שײן האָב איך דעמאָלט אויסגעזען: אַ מיזאַנטראָפּ אין שמאַטעס, טאַנצט אַרום אַף הרודעם אײז, פאַרשטעלט די װעלט און בעטלט ניקלס צו דערװאָרעמען די פאַרפראָרענע נשמה...

דער פראָסט האָט גאַנץ פײן געשמאַליעט. אָפּגעגעסן אַפריער מיט קעסלדיקן זוד און נאָכדעם געגומען אײנרײבן די שפּיץ־פינגער און אויערן, די נאָז און באַק־הויט מיט אַ געמאָלענעם זאַלץ־פּראָשעק, געריבן לאַנגזאַם, דין און שאַרף, אָנגעשטאָפּט פול דאָס מויל און די נאָזלעכער און פאַרשאַפט אַ נאָגנדיקן ביטערן װײטיק.

געקומען איז דער פראָסט נאָר פּלוצלונג. אינדערפרי האָבן נאָך געבלאָזן

לעבלעכע ווינטן און אַ שטילער קלעפּיקער רעגן האָט געזייט צו־ביסלעך. פּלוצלונג איז אָנגעפלויגן אַ האַסטיקער ווינט, פאַרדרייט, פאַרהוזשעט, צע־שלעפּט אַף שטיקער די נידעריקע וואָלקנס. צום אָוונט האָט עס אויסגע־לייטערט. דער הימל האָט זיך אויסגעפּלאַסטערט מיט קאַלט־בליציקע שטערנדלעך און דער פראָסט האָט גענומען בייסן...

אינדערפרי האָב איך וועגן קיין דירה ניט געטראַכט, איצט איז געווען שפּעטלעך. קיין אָפּגעשפּאָרטע מזומנים האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט און דער עולם, דער טייוול זאָל אים שטיקן, איז געווען שלעכט. כ'ווייס ניט די אורזאַך, צי דער פראָסט, צי דער ביטערער שלים־מזל, נאָר דער „אָקס" האָט זיך ניט געלאָזן „שיסן". ער האָט אויסגעהערט מיין דרשה, געגעבן זיך אומגעדולדיק אַ דריי, אַ שפּיי געטאָן אין פּנים מיט דראָבנעם חזירשן געלעכטער און אַוועקגעשפּאַצירט זיין וועג ווייטער.

אַ געדאַנק האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט: סקריפּענדיק מיט די פּאָ־דעשוועס אַפן געפראָרענעם טראָטואר האָב איך פּלוצלונג דערפילט, אַז מיינע טריט סקריפּען ארוים אויסגעצויגענע גאַנצע ווערטער. כ'האָב אָנגעשטרענגט מיין געהער און דייטלעך דערהערט דעם אויפגעלייגט־זינגענדיקן קול פון מיינע פיס:

„האָב ליב, האָב ליב, האָב ליב דיין נאָענטן, ווי זיך אַליין."

אַ געלעכטער איז מיר פּלוצלונג באַפאַלן. איך האָב צו זיך אַליין געקייכט און געפּאַלן ווי אַ שיכורער פון די פיס. איך האָב דעמאָלט געמוזט משונהדיק אויסזען: אַ מאַן אין שמאַטעס, מיט אַן אויסגעקרימטן רוקן, די הענט פאַר־לייגט ארבל אין ארבל, שטייט אין מיטן גאַס, קרימט אַ פּאָר צעפראָרענע ליפּן און ניסט, כריפּעט מיט אַ משוגענעם הירזשענדיקן געלעכטער.

פון שמחה האָב איך זיך געלאָזט גיין צום צענטער פון שטאָט. די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן פריילעך געוואונקען צום געלאַף פון ווינט. אַן אויפ־געלייגטער עולם האָט זיך געשטופּט אַף די טראָטואַרן, פאַרשייט איילנדיק געשפּאַרט זיך צווישן און טומלדיק געבראָכן אַ וועג. פענצטער באַצויגענע מיטן ערשטן פראָסט־קווייטל האָבן זיך געצאַצקעט אין שפּיל פון ווייסן ליכט. לעבן אַ פענצטער פון אַ געבעקס־געשעפט האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, גענומען עסן אַ טאָרט מיט הונגעריקע אויגן.

געדאַכט האָט זיך מיר, אַז איך בין אַ וואָלף אַ שאַרף־צייניקער, אַ הונגעריקער, אַ האָריקער, פאַרבלאָנדזשעט פון וואַלד אין צוויי־פיסיקן ישוב. מ'האָט מיך נאָך ניט באַמערקט. נאָר באַלד וועט מען דערזען. מען וועט הוקען, סוויסטשען, פייפן, ליארעמען: „כאַפּט אים! יאָגט אים! שטעכט

אים!״ איך וועל לויפן, שפרינגען, בליצן מיט פייערדיקע אויגן, שטשירען מיט די ציינער, אָפּשטעלן זיך, אָנפאַלן און בייסן...

מיינע געדאַנקען האָט צעשטרייט אַ חבר. אַ מענטשל מיט אַ דין־שטרויענעם פיגורל, אַ געל־צעקנייטשט פּנים, רויטלעכע שיטערע וואָנסן. ער איז געווען שטאַרק ענלעך צו אַ וואַנץ.

צוגעגאַנגען און שטיל אין אויער איינגערוימט:

„חבר, זוכסט אַ נאַכטלעגער? גיי צום באַן־דעפּאָ. ס׳שטייען דאָרט אָפענע וואַגאָנען.״

אַ שמחה איז מיך באַפאַלן, אַ ליכטיקע „לייטזעליקייט״: „ס׳זיינען נאָך דאָ אַף דער וועלט גוטע מענטשן, און דוקא פון אונדזעריקע...״

איך האָב זיך געלאָזן גיין. פון אַלע זייטן זיינען געשוואומען איינגע־האָרבעטע שאָטנס און געגנבעט זיך מיט קרומע וועגן צום אַריינגאַנג פון באַן־דעפּאָ. אַפן וואונק, פון האַלבן וואָרט האָב איך באַלד אויסגעפונען די מעשה מיט די אָפענע וואַגאָנען:

אַ שיף איז ניט לאַנג אָנגעקומען פון יענער זייט ים און געבראַכט צופירן אויסגעגראָבענע טרונעס פון געפאַלענע סאָלדאַטן. די טרונעס דאַרפן צעשיקט ווערן איבער אַלע עקן לאַנד. יעדערער קערט זיך אום מיטן קעסטל אהיים, פון וואַנען ער איז געקומען. די סחורה איז ניט קיין איבעריקס טייערע. קיינער וועט זי ניט וועלן צוגנבענען. די סחורה האָט מען פאַרפּאַקט אין וואַגאָנען און די וואַגאָנען געלאָזן שטיין אָפן.

דער לעבעדיקער האָט אַלעמאָל אָפּשיי פאַרן טויטן: פאָרט איבערגע־שפּרייזט אַ גרענעץ, וואָס איז אַ ביסל שרעקלעך און איינגאַנצן טונקל. מיט אַן אמתן יראת־הכבוד האָב איך געהיפּט איבערן לאַנגן קייט שטומענדיקע וואַגאָנען, אויסגענוצט אַ מינוט און אַריינגעכאַפּט זיך אין אַ פינצטערן וואַגאָן.

איין האַלבער וואַגאָן אַ פּוסטער, דער אינעווייניקסטער טייל אַ פול־געפּאַקטער, קאַסטנס איבער קאַסטנס. אַ נאַרע כמעט ביזן באַלקן. קיין עין־הרע, דער פּלאַץ אַ באַלעבאַטישער: אויסציען זיך, פאַנאַנדערלייגן די פאַרפראָרענע גלידער איז פאַראַן גענוג פּלאַץ.

איך קלעטער אַרויף אַפן שפּיץ נאַרע. דאָס בעט איז פאַרצויגן מיט לײלעכער, מסתמא פאָנען. מיט די צעדראַלענע פינגער טאַפּ איך אָן די אויס־געניטע געהעפטן אַפן גלאַטן לײלעך, איך צי עס אַראָפּ און בלייב ליגן אַפן נאַקעטן האָלץ. דאָס געהובליעוועטע האָלץ גליטשט אַרום גלאַטיק דעם שווערן קערפּער, שפּילט מיט אים, ווי מיט אַ צאַצקעלע. די פּאָן שלעפּ איך אַריבער איבערן קאָפּ און נורע זיך אין איר שטאַרק איין. „נישקשה, מענסט

מיר הײנט דינען פּאַר אַ שטיקל קאַלדרע, אָנװאָרעמען מײַן צעפּראָרענעם גוף...״

די פּאַן װאָרעמט ניט. דער ניט־געהײצטער װאַגאָן איז בלױז עטװאָס בעסער פון דער אָפענער גאַס. אין דער פּעך־שװאַרצער שטילקײט פּלאַטערט אַרום דער אומעט פון טױט. עס גיט אַ זונג דאָס בלוט און די שטילקײט איז שױן געשטערט. אַ פּיצעלע געדאַנקל, װי אַ נאָגל די גרױס, װיגט זיך, װיגט זיך אין דער פּוסטקײט אַף הודלקעס: אַלײן, אײנער אַלײן, אַ לעבעדיקער צװישן אַ גאַנצער מחנה טױטע.״

עס בלעזלט זיך אױף די צעפּראָרענע פּעל, די אײזיקע ברעמען בלינקען. די אױגן עפענען זיך אין דער פינצטער ברײט פּאַנאַנדער און עגבערן מיט אַ שװערן בליק דעם הילצערנעם אָדער צינענעם צודעק פון טרונע. דאָס לעבן װיל מיט גװאַלט אַרײנקוקן אינעם ענגן קאַסטן פון טױט. אפשר דערפאַר, װאָס דער טױט איז דאָ אַ נאָענטער, ניט קײן פאַרשטעלטער, און רוט דאָ אונטן אונטער דיר און ניט ערגעץ אין אַ קבר־אָנשיט, באַטרוימט מיט בלומען אין אַ װײַטן פעלד.

מאַך איך נאָר צו אַ װײַלע די אױגן, שפּרינגען תיכּף אַרױס פון די טרונעס טאַמים, דיקים, הערים פאַרשטײפטע, פאַרצװיגענע אין זעלנערישן מאַנטל און פּאַס. זײ שפּרינגען כװאַטסקע אַרױף אַף די דעקלעך, שטעלן זיך אױס אײנע אַנטקעגן די אַנדערע, די קעפּ אַרונטערגעבױגן, װי אָקסן, בריקען, בוכטשען מיט פױסטן און פיס. דערבײַ ברומען זײ אונטער אונטער דער נאָז אַ מאָדנעם ניגון, װאָס הײבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט טראַ־טראַ־טראַ. עפן איך אױף די אױגן צוריק, צעלױפן זײ זיך געשװינט אין זײערע טרונעס, װי מײַז אין די לעכער, לאָזן איבער גרױע שמאַטקעלעך געװאַנט, װאָס פלאַטערן פּאַמעלעך אין דער פּעכיקער שװאַרצקײט פון טױטן װאַגאָן.

מאַך איך װײטער צו די אױגן און די זעלביקע טאַמים און הערים זיצן שױן אַף די דעקלעך, דריגען מיט די פיס, האַלטן גרױסע סקיבעס ברױט און כראַמטשקען מיט הונגעריקן אַפּעטיט; די אױגן זײַנען פון אָנשטרענגונג אַרױסגעסטאַרטשעט, די צײנער װײסן זיך אין דער פינצטער. „פון װאַנען קומט איר, ברידער? פון פראַנקרײַך?״ „יאָ, פון פראַנקרײַך, פון פראַנקרײַך.״ „װאָוהין פּאָרט איר, ברידער? אַהײם?״ „יאָ, אַהײם, אַהײם.״ „אין קאַסטנס?״ „יאָ, אין קאַסטנס, אַזױ הײסט מען און מיר מוזן פאָלגן.״

אונדזערער אַ ברודער טאָר זיך מיט שרעקנס ניט שפּײַזן. ער קען דאָך פון זײ ניט אַנטלױפן אין אַ באַשיצטן װינקל פון זײַן אײגענער הײם. איך דערמאָן זיך איצט מיט אַ כיון אַ סך אָנגעהערטע מעשׂיות װעגן באַגאַנגענעם

שווינדל: קאַסטנס אַנגעפּילט מיט זאַמד און מיט שטיינער, אַנשטאָט אמתע פּליישיקע קערפּערס. עס ווערט פריילעכער, איך שמייכל אונטערן געפּראָרענעם וואָנס.

איך שטעל מיר פאָר, ווי ס׳גייען צו טאַטע־מאַמע צו איינעם פון די דאָזיקע קעסטלעך. אַף די ליפּן א תפילה, די בלאַסע פינגער צאַפּלען זיך, די אויגן טרערן. באַלד, באַלד וועט ארויסקוקן דאָס, וואָס איז אַמאָל לעבעדיק געווען, דעמאָלט געווען אַזוי נאָענט און ליב. דער צודעק עפנט זיך לאַנגזאַם אויף, דאָס שרייענדיקע הארץ לויפט קלאַפּנדיק אַנטקעגן. מיטאַמאָל א שפּרונג, א קוויטש, א קרייז זיך ארום און ארום אין פארסמטער משוגעת. „שווינדל, באַטרוג! שטיינער, זאַמד, אַפּפאַל און מער גאָרנישט, גאָרנישט!”

איך לאַך טרוקן. הארטע שטיינדלעך גאָרגלען אין האַלדז און שפּריצן אַרום אין ווילדער אומאָרדענונג. עס רייצט מיך א בייזער געדאַנק, נעמען און אָפּטאָן א שפּיצל: אוועקשלעפּן איינעם פון די דאָזיקע קעסטלעך, פאַר־ציען א שטריק, ארויפוואַרפן אַפן אַקסל און מאַרש, אַוועק מיט דער ווערט־פולער משא. „א קידנעפּער פון טרונעס.” ניט שלעכט, באמת. נאָכדעם א פיין־געקינצלט צעטעלע: „ליבע טאַטע־מאַמע, ווילט איר האָבן א צאַצקעלע, א דערקוויקונג אַף די עלטערע יאָרן, זייט אַזוי גוט און באַצאָלט געלט, מזומנים. דאָס קעסטעלע איז אין מיין רשות. איך האָב דעם טויטן געפאַנגען, קיין בייז וועט אים ניט געשען, נאָר איך וועל אים האַלטן אין מיין געפענגשאַפט ביז וואַנען מען וועט דעם פולן אויסלייז־פּרייז אַף די הענט דערלאַנגען.”

אַן עקלדיקער שמייכעלע קלעפּט זיך צו צו די ליפּן. באַלד אָבער קומט דער בלינדער אָפּשיי פאַרן טויט און ווישט אָפּ דעם מיאוסן געלעכטער. די סודותדיקע קעסטלעך רייצן ווייטער דעם צערודערטן געדאַנק. אז דאָרטן זאָלן זיין בלויז זאַמד און שטיינער, קען ער בשום אופן ניט צולאָזן: די לופט פון וואַגאָן, דער פעביקער אומעט, די אָנשטרענגונג, די ארומשווימענ־דיקע מאָדנע קעלט, רעדן אים אָן און באַצווינגען צו גלויבן, אז גאָר גאָרנישט איז אוממעגלעך. עפּעס איז דאָרטן פאַראַן...

איך צי שטייף אַרונטער די הייטלעך פון די ברעמען, איך וויל פאַרשליסן און נאָכדעם פאַרוואַרפן דעם שליסל פון געדאַנק. אָבער די פאַרשטייפטע ברעמען עפענען אויף א דין שפּעלטל. דאָס שפּעלטל באַלייכט זיך מיט א מאָדנעם שטראַל: ניט ווייס, ניט רויט, ניט געל, נאָר עפּעס טאַנצנדיק־רויז. דורך דעם קליינעם אויג־שפּעלטל, באַם שיין פון טאַנצנדיקן ליכט קוק איך דורך דעם פאַרשלאָגענעם האַלץ און איך זע:

דאָרט ליגן אין אומאָרדענונג פאַנאַנדערגעטיילטע גלידער פון איין איינציקן גוף. הענט באַזונדער, פיס באַזונדער, נאָז און אויגן באַזונדער.

און אויגן־גלעזל מיט אַ צעוואַקסענעם שוואַרצן נאָגל, אַ שטיק שמוציקע פּיאַטע אויסגעמישט מיט אַ פאַרבלוטיקטער רויטער ליפּ. די צעגלידערטע אברים רוען ניט אויף איין אָרט, וואַרפן, צאַפּלען זיך, שווענקען זיך איבער אין זייער אייגענער בלוט־זאַפט, ווילן צוריק טרעפן דעם אָרט, פון וואַנען זיי זיינען אַנטרונען געוואָרן.

אונדזערם אַן אויג, דאָס אויג פון אַ הײמלאָזן וואַנדערער, איז געוואָוינט צו אומאָרדענונג. אַזאַ אומאָרדענונג האָב איך אָבער נאָך קיינמאָל ניט געזען. ס'האָט אויסגעקוקט, ווי אַ בעטלער מיט אַ סוקעוואַטן שטעקן, מיט אַ טאָרבע אויף דער פּלייצע, וואָלט דורכגעגאַנגען איבער אַ פעלד. „אַן אייגל? אין טאָרבע אַריין. אַ צאָן, אַ מאַרך־ביינדל, אַ שאַרבן — אין טאָרבע, אין טאָרבע אַריין. עס וועט צוניץ קומען, קיין זאַך גייט ניט פאַרפאַלן." נאָכדעם אָנ־גענומען אַ הויפן, אָנגעשאָטן אין קאַסטן, פאַרפּאַקט, פאַרחתמעט. „נו, ס'וועט גענוג זיין שטיקער פאַר אַ גאַנצן טויטן מאַן."

וואָס איך האָב דעמאָלט איבערגעלעבט, איז שווער צו דערציילן. אַ פלאָנטער פון שרעק, פאַרלאָרנקייט און משוגעת. רחמנות, וואָס האָט דורכ־געזאַפּט דאָס לייב מיט אַ ברענענדיקן שוויים. אַ ציטער, וואָס האָט דורכ־געשטאָכן מיט פראָסט־נאָדלען יעדן אויפלויף פון צעבערגלטער הויט, אַ פּוסט־קייט פון גרויסע, ווייסע שטייענדיקע אויגן. צייט האָט זיך פאַרגליווערט, אויפגעהערט שווימען, און געזעצט מיט אַ בלינדן כח אין די ווענט פון שווינדלדיקן וואַגאָן.

אויפגעוועקט האָט מיך אַ פּלוצלונגדיקער אָנריר פון אַ קאַלטער האַנט. לאַנגע גליטשיקע פינגער, ווי געפראָרענע אייז־פּלעכטלעך, האָבן מיך אָרומ־געכאַפּט און ניט אָפּלאָזנדיק געצויגן זיך גיכער און אַרומגעכאַפּט שטייפער און נעענטער.

קומענדיק צו זיך, נאָך אַ פּאָר מינוטן פון ווילדן שרעק, האָב איך אין דער פינצטער באַמערקט אַן אויסגעצויגענעם קערפּער אויף די נאַרעס לעבן מיר. זיין אַריינקומען האָב איך ניט געהערט. מיין פרעמדער קול האָט אַ שעפּטשע געטאָן: „אַ חבר?" און אַ נאָענטער מענטשלעך־אַנגענעמער קול האָט געענטפערט:

„יאָ, אַ חבר, אַ חבר."

איין פאַרפראָרענער גוף האָט זיך געצויגן צו אַן אַנדערן. שטייף פאַר־קלאַמערט הענט און פיס, האָבן מיר געשמאַק געשלונגען, ווי ווײַן געזופּט, איינער דעם צווייטנס וואַרעמען אָטעם. מיין האַנט האָט געגלעטשעט אַ פאַר־וואַקסענע שטעכיקע ווילדע גריווע, זיינע האָט געגלעט מיינע באַרשטיקע באַקן. אַפן שטייפן צודעק פון איינגעמאַרינירטע גופן האָבן מיר, צוויי

הימלאַזע מענטשן, איינער אין דעם אַנדערנס אָרעמס אַן אָפּרו פון אַ קאַלטן ווינטער־טאָג געפונען. אונטן האָט געשוויגן דער טויט און אויבן האָט זיך געקאָרטשעט און אַרומגעוואָרפן דאָס אומרואיקע לעבן.

לאַנג האָט זיך געצויגן די נאַכט. צווישן זיך האָבן מיר קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. זיינען מיר געשלאָפן? ס'קען זיין, אַז יאָ. פון די פאַר־חתמעטע קעסטלעך האָט נאָכאַנאַנד געפלאָסן דער שרעק און מיר האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערנס קלאַפנדיקן האַרצן, אויפגעכאַפּט דעם גערויש פון בלוטן און געזוכט רו און פרידן...

שעפסן

שרייבט מיר מיין פריינט: „איך בין אַ סאָלדאַט; מיין רעגימענט ווערט באַלד אָפּגעשיקט אַף יענער זייט ים. איך האָב אַ פאָרגעפיל, אַז כ'וועל מיין קאָפּ צוריק קיין גאַנצן ניט ברענגען. קום צופאָרן זעגענען זיך וואָס גיכער."

מיינער אַן אַלטער פריינט, אַ חבר פון דער היים, מיט וועמען איך האָב זיך נאָך קליינערהייט אין לאַשיקלעך ארומגעטריבן, און אויך דאָ אין אַמעריקע אַ צייט־לאַנג געלעבט צוזאַמען, בשותפות „געפּאַקט און געמאָזלט". זינט מ'האָט אים אריינגעשטופּט אין „קעקי"־מונדיר, האָב איך אים אויפגעהערט צו דערקענען. אַ בחור אַ היציקער, אַן אומרואיק שטיק קוועקזילבער, שטענדיק רירעוודיק, לייכטזיניק; האָט געקענט לעבן נאָר אין אַ „גוט־ברודערשאַפט" אַטמאָספערע, געברענט, געפלאַקערט, געשלונגען „לעבנס־געשעעניש" און ניט געקענט זיך מיט זיי קיינמאָל אָנזעטיקן; לעצטנס האָט ער זיך אָבער אינגאַנצן געענדערט. ער איז געווען במורנע, שטייף, איינגעצויגן. זיינע קורצע בריוועלעך צו מיר, אַזעלכע איינזאַמע, אָפּגעהאַקטע, האָבן געאָטעמט מיט קעלט, ביטערניש און מורא.

איך האָב אים געפּרואווט טרייסטן, געוואָלט אָפּפּטרן דעם גאַנצן עסק מיט אַ לייכטזיניקן וויץ, ווי אַלעמאָל: ער וועט קומען צופאָרן צוריק אַ הינקעדיקער געגעראַל מיט אַ קוליע אונטער דער פּאַכווע און גאָלדענע אָרדנס אַף דער ברוסט. שיינע מיידלעך וועלן זיך אין אים פאַרליבן, זיי וועלן אים באַשיטן מיט בלומען און אויסקושן זיין פּליכעוואַטן קאָפּ. מיינע שפּאַסן זיינען פון אים אָפּגעשפּרונגען צוריק. זיינע פאַרביטערטע בריוו, די פאַרגעפילן און אָנצוהערענישן האָבן געשאַפן אַ פאַרשטעלונג פון אַן אָקס, ניט פון איינעם פון אַ סטאַדע, נאָר פון אַן איינזאַמען און צערייצטן. ער שלעפּט זיך איינער אַליין אַפן וועג צום שלאַכט־הויז. די מורא פאַרן טויט האָט אים אינגאַנצן צעווילדעוועט. די אויגן פאַרגאָסן מיט בלוט, ער זעט קוים דאָס בייטשל, וואָס פינטלט אַנטקעגן און רעוועט מיט באַנומענע קולות: „איך וויל ניט, איך וויל ניט, איך וויל ניט!"...

צו דעם חבר בין איך איצט געפלויגן מיט דער באַן געזעגענען זיך.

די וואַגאָנען זיינען געווען געפּאַקטע. איך האָב קוים פאַרכאַפּט אַן אָרט אין אַן אָנגעפּראָפּקעוועטן „רויכער־וואַגאָן". ס'איז מיר געלונגען פאַרנעמען

א פלאַץ לעבן אַ פענצטער, פון וואַנען כ׳האָב געקענט אַרויסקוקן און אָנשפּאַרן דעם שטערן אָן דער קאַלטער שויב. אַזוי בין איך געבליבן זיצן.

דער רויך פון אומצייליקע פּאַפּיראָסן, ליולקעס און ציגאַרן האָט זיך געוויגט אין דער לופטן. בלויע קנוילנדיקע רויך־צונגען זיינען אַרומגעשוואוּמען, האָבן זיך אָנגעשטויסן איינע מיט דער אַנדערער און אין ענגשאַפט געמישט זיך און פאַרוועבט זייערע באַזונדערע אָדערלעך אין איין גרויסער שטיקנדיקער הויט. אין האַלדז האָט געוואָרגן, ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז עמיצער קלאַפּט איבער די שלייפן, ווי איבער אָנגעצויגענע באַראַבאַנעס. ס׳האָט מיר געעקלט, געטריבן צו דער ביטערער גאַל.

נאָך אַרויספאָרנדיק פון דער היים האָב איך זיך ניט גוט געפילט. די צייט איז געווען אַ האַרבסטיקע. די שפּאַנישע אינפלוענציע האָט דעמאָלט געבושעוועט, ווי אַ ווילדע. דער עולם, אַ גוואַלטיק־פאַרנומענער מיט מסחרים, מלאכות און אַנדערע דרינגענדיקע באַשעפטיקונגען, האָט געמוזט וועלנדיק— ניט־וועלנדיק, אָפּשפּאָרן צייט, אַריינקריכן אין בעט און גאַנץ אָפט אויך אויסציען די פיס. אונדזער עולם, דאָס ביסל איבערגעבליבענע „שטאָטישע אומרו״, האָט זיך נאָך געפלייסט מיט אַלע כחות, איז אומגעקראָכן אַף אַלע פיר און ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן פאַר קיין פאַל.

כ׳געדענק, די לעצטע טעג פאַרן אַוועקפאָר האָב איך זיך אויסגעהיט ניט צו קומען באַנאַכט אַהיים און אַוועקלייגן זיך אין דעם אייגענעם בעט. צוגע־שפּאַרט זיך היינט דאָ, מאָרגן דאָרטן, באַ אַ פריינט אָדער באַקאַנטן, און אַף מאָרגן אינדערפרי געמוזט גלייך נעמען דעם וועג. כ׳האָב געפילט, אַז אין דעם אייגענעם הויז, אין גערוימקייט און שטילקייט, וועט דער טראָגנדיקער אימפּעט אויפהערן צו דינען און איך וועל בלייבן ליגן ווי אַן אונטערגעהאַקטער קלאָץ.

דעם שווינדל אין קאָפּ, דעם ווייטיק אין די ביינער, דעם פּריקרע־זיסן איבל־טעם, וואָס האָט דורכגעשווענקט אַלע אינעווייניקסטע גלידער און גע־שפּאַרט אַרויף צו דעם האַלדז, האָב איך געפּרואווט פאַרשטיקן מיט כלערליי געריכטן. מיר האָבן זיך אַרומגעשלעפּט גאַנצע טעג איבער די רעסטאָראַנען, געאָרדערט „סטייקס״, פאַרזופּט מיט קאַווע, פאַרביסן מיט זיסע טאָרטן. ווען די פיס פלעגן אינגאַנצן אויפהערן צו דינען, פלעגט חברה ניט פויל זיין און אונטערטראָגן מיך, ווי אַ שיכורן, אונטער די הענט.

אין וואַגאָן האָט זיך דער קאָפּ־ווייטיק נאָך מער פאַרשטאַרקט. די בלויע רויכיקייט, די שוואַרצקייט פון אַ נאָוועמבער־נאַכט, דאָס מאָנאָטאָניקע צו־קלאַפּן פון לויפנדיקע רעדער און שווערע צוגעטשעפּעטע אייזן־קייטן, די סטרוניק־נאַכטאַנצנדיקע רעלסן, וואָס האָבן זיך מאָדנע געבלייכט אין דעם האַרבסטיקן נאַכט־שאָטן און געדריקט מיט אַ יאָך פון עפּעס שווערס, אומ־

ענלעכם — אלץ האָט זיך אויפגעבורעט צוזאמען, געגאָסן אין האַלדז, גע־וואַסערט אונטערן גומען, געדרייט, געקערט מיט זיסקייט, מיט איבל און מיט ווייטיק.

די פענצטער, ווי געוויינלעך אין אמעריקאַנער וואַגאָנען, שטייף פאַר־האַקט. אַרום די שויבן לויפט נאָך דער נאַכטיקער אומעט פון פאַרלאָזענע פעלדער און וועלדלעך. דורך אומגעזעענע שפּעלטלעך שפּאַרט דער טוכלער ריח פון אויסגעגעצטע פאַרוויאַנעטע גראָזן. אַ האַרבסטיקער רעגן צימבלט נאָכאַנאַנד אין גלאָז. אַלע ווײַלע פליען פאַרביי פייערלעך פון מענטשלעכע ישובים, גיבן אַ שפּריץ מיט אַ קאַלטן דערוויטערטן שיין, אַ גרוס פון פרעמדע פאַרשאָלטענע וועלטן און טונקען זיך צוריק אָפּ אין דער שוואַרצקייט, ווי קיינמאָל ניט געווען.

אין צערווישטן קאָפּ דרייען זיך אַרום האַמעטנע רעדער־געדאַנקען: אומעטום לעבן, אומרו, באַוועגונג, אין שטאָט, אין וואַגאָן, אויף יעדן טריט פון דעם אומענדלעכן אייזערנעם וועג. געדאַנקען בליצן אויף, געדאַנקען ווערן פאַרלאָרן. וויפיל פון זיי רייסן זיך פון זייער ענגער פאַרשטיקונג, שפּאַרן זיך צו אַן אַרויסגאַנג און קענען ניט געפינען קיין וועג. און דו אַליין, פאַר־האַקט, ווי אַ נוס אין אַ האַרט־גופיקער שאָלעכץ, שטיקסט זיך אין דיין איינזאַמקייט, פילסט זיסקייט, איבל, שווינדל און מער גאָרנישט, גאָרנישט...

איך קער אָפּ דעם קאָפּ פון שויב. פון צווישן דעם רויכיקן פאָרהאַנג קריכן אַרויס אַ פּאָר געבויגענע מענטשן־סילועטן, פעטע הענדזער, רייכע קאָסטיומען. אַפּנים געהויבענע „סיילסלייט", וואָס פאָרן אַרום צוליב זייערע געשעפטן. אויף אַ ברעטל, וואָס באַ זיי אויף די קני, ליגט אַ טעשל קאָרטן. זיי זיינען אַזוי אָנגעשטרענגט און פאַרטיפט אין זייער אייגענעם שפּיל, אַז ס'דאַכט זיך, זאָל איצט די וועלט מיט איר גאַנצן געווירבל אַוועקשאָקלען זיך, פאַרקייקלען זיך כף־הקלע, וועלן זיי זיך ניט קיין ריר געבן פון אָרט; זיי וועלן, גאָר פּשוט, ניט באַמערקן. די קאָרטן שפּרינגען קונציק פון צווישן די באַ־רינגטע פינגער און שמייסן אַפן ברעטל. עס הודזשעט אַ צוגעשריי: „טויז, קווין, צענטל, פּאַס, פּאַס..."

אַ פרוי, וואָס איז קענטיק אַריינגעשטופּט געוואָרן אין רויכער־וואַגאָן צוליב דער גוואַלדיקער ענגשאַפט, שטייט און צופּט אומגעדולדיק פאַרן הענטל אַ קינד פון אַ יאָר דריי, מיט צעפּלאָמטע לעבעדיקע בעקלעך. דאָס קינד האָט אַריינגעשטעקט דאָס פּנימל צווישן די הענט פון די פאַרהאַוועטע שפּילער. זיי האָבן אים ניט באַמערקט, נאָר ער האָט גוואַלדיק הנאה געהאַט פון זייערע פינגער־באַוועגונגען און פונעם שנעלן בייט פון די געפאַרבטע פאָרטרעטלעך. די מאַמע שלעפּט אים מיט אַלע כחות; דאָס קינד רייסט זיך אָבער אָפּ צוריק,

קוויטשעט אומצופרידן אפֿן קול און וויל בשום אופן ניט אָפּטרעטן.

ניט ווייט פֿון מיר, אויסגעדרייט א באַנק קעגן א באַנק, זיצט א כאַפּטע יונגעלייט, אַלע אָנגעטאָן אין „קעקי"־קאָסטיומען מיט דריי־עקיקע פֿורים־קוילעטש היטעלעך. סאָלדאַטן, וואָס פֿאָרן מסתמא פֿון אורלויב. זיי זיינען אויפֿגעלייגט, רעדן אַלע צוזאַמען, לאַכן מיט א בלעכענעם קלונג, הויך, אפֿן קול.

מיט גוואַלדיקער אָנשטרענגונג שטעל איך אָן אָפּרוען מיינע צעשוואוּמענע אויגן אפֿן סאָלדאַטסקן געזינדל. די פּנימער בא אַלעמען זיינען ניט קיין איבעריקס אינטערעסאַנטע. איינער פֿון זיי ציט צו מער ווי אַלע מיין קראַנקע אויפֿמערקזאַמקייט. א קליינטשיקער, א ראַבער, מיט א צעקנייטשטער הויט, וואָס זעט אויס, ווי מ'וואָלט אַף איר א צייט־לאַנג געבראָקט מיט האַק־מעסערס און נאָכדעם מיטאַמאָל אָפּגעלאָזן, מיט א פּאָר ביטערע קליינינקע אייגלעך; טומלט ער זיך מער ווי אַלע, דרייט זיך אַרום ווי א שרעטל און וואַרפֿט ממזרישע בליקן אין מיין ריכטונג.

איך קען זיין קוק ניט אויסהאַלטן און קער אָפּ מיינע אויגן אָן א זייט. א קראַנקער, איינגעשפּאַרטער געפֿיל ציט אָבער צוריק מיין קאָפּ אַהין, עס באַגעגענען זיך ווידער אונדזערע בליקן, און איך אייל מיך אָפּצואַווענדן מיינע אויגן אַף א זייט. אַזוי ווער איך אַריינגעצויגן אין א קאַץ־און־מויז שפּיל. איך ווער אויפֿגערעגט ביזן לעצטן בלוט־טראָפּן. יענער איז הפּנים באַוואוסטזיניק און פֿאַרשטייט אויסגעצייכנט די גאַנצע ביטערע שפּיל.

— קוקט, חברה, אַף יענעם פֿויגל. ס'איז א „סלעקער".

ער טייטלט אַף מיר מיט א פֿינגער, שטעלט אָן א ביטערע מינע און שאַרפֿט חוזקדיק צוויי שורות געזונטע דראָבנינקע ציינער. חברה איז ניט פֿויל, מען הויבט זיך אויף „הורבאָם" פֿון די בענקלעך און מ'רינגלט מיך פֿון אַלע זייטן אַרום.

— א „סלעקער", א „סלעקער" — זשוזשעט ווי א בינשטאָק מיר אין די אויערן. — באַטראַכט אים, קוקט אים נאָר אָן.

— צייג אונדז דיין „רעדזשיסטריישאָן־קאַרד"! — פֿאָדערט איינער.

— אוועקשלעפּן אים מיט זיך אין „קעמפּ"!

— אַרויסשליידערן דורכן פֿענצטער!

— איבערגעבן דער פּאָליציי!

— אַליין אָפּרעכענען זיך, באַפּעכן און באַפּעדרען!

— לינטשן, לינטשן!

קיין רוגזה פֿיל איך ניט אין זייערע קולות, נאָר חוזק און בראַוואַדאָ־טאָן. די זיסע איבלדיקייט אין מיין מויל ווערט פֿריקרער, דער שווינדל אין קאָפּ —

רונדיקער, האסטיקער. איך וויל א שמייכל טאָן און קרים אויס א נעבעכדיקן געלעכטער. די אָפּגעהלשטע צונג קוים וואָס זי לאָפּאָטשעט ארויס:

— ברידער, ברידערלעך מיינע, איר דערקענט ניט? איך בין דאָך אייערער. האָט געדולד, זייט זיכער. איך גיי, איך וועל קומען, איך וועל זיין מיט אייך, מיט אייך...

— וואָס פּלוידערט ער דאָרטן, דער הינטישער זון?

— די „רעדזשיסטריישאָן־קארד”, זאָגט מען דיר, באַוויז!

— זעט נאָר, קוקט, דער מאַמעס זונעלע האָט זיך דערשראָקן, איז אים דאָס בלוט אריין אין די פּיאַטעס.

— מיר וועלן גיין פאר אים „פּייטן”, אַוועקלייגן דעם קאָפּ, און ער וועט זיך ארומהאָטשקען אַף די באַנען.

— שלעפּט אים אין „קעמפּ”!

— ארויסשליידערן דורכן פענצטער!

איך הער, ווי דאָס לעצטע ביסל בלוט אנטלויפט פון די באַקן, און דערפיל אליין מיין אייגענע בלאַסקייט. די ציינער קלאַפּן דריבנע, ווי קליינע האַמערלעך, ניט פון שרעק, חלילה: כ׳ווייס, אַז חברה וועט מיר גאָרנישט טאָן. עס איז מיר נאָר שטעכיק־קאַלט. אַלע גלידער ציטערן אין קדחת. אונטערן גומען קוואַלט און גיסט זיך אָן א מאָדנע קלעפּיקע פליסיקייט, פון וואָס עס פארשווינדלט אין קאָפּ. איך מורמל אַלץ מיט דער אָפּגעשוואַכטער צונג:

— ברידערלעך מיינע! לאָזט אָפּ. איך בין דאָך אייערער. זעט איר ניט? איך גיי, איך וועל קומען צו אייך.

דער ראַבער מיט דער צעבראָקטער הויט גיט אַף מיר מאָדנע א קוק. ער קריגט אַף מיר אַפּנים רחמנות און צעשרייט זיך אַף זיינע פריינט:

— חברה, לאָזט אים אָפּ. קוקט זיך איין, איר זעט ניט? ער איז דאָך א פּגר.

— טאַקע, טאַקע, א פּגירה — שטימען אַלע איין. מ׳וואַרפט אַף מיר שולדיקע זייט־בליקן. נאָר דער עולם איז צופיל אויפגערעגט. מען לאָזט מיך אַזוי גיך ניט אָפּ.

— קום אַהער, צו אונדז! מיר וועלן דיך אָנקאָרמענען, אָנטרינקען, מיר וועלן דיך מאַכן געזונט.

זיי שלעפּן מיך גוטמוטיק צו צו זייערע זיץ־פּלעצער און פּאַקן מיך אריין אינמיטן צווישן זיך. איינער ציט ארויס פון באַהעלטעניש א פול פלעשל און שטופּט אריין דאָס העלדזל גלייך אין מויל. בולבלט זיך פריילעך די פליסיקייט אין פלעשל און פּאַקט אים אָן פולע באַקן. די אויגן גלאַנצן

באַ אים לעבעדיק אויף. דאָס פּלעשל גייט איבער אין אָרדענונג פון איינעם צום צווייטן, ביז עס קומט אָן צו מיר.

איך כאַפּ זיך צו און זופּ דאָרשטיק דאָס ביטערע געטראַנק, שלינג יעדן טראָפּן און שטרענג מיך אָן ארויסצאַפּן מער און מער. איך זויג דאָס גלעזערנע העלדזל און פּאַרקנויל עס שטייף מיט דער צעברענטער צונג. עס גיט אַ זעץ אין קאָפּ. עס גיסט מיך אָפּ אַ היציקייט אין פּנים, אין די שפּיץ אויערן, אינעם טרוקענעם צעשמאַכטן מויל. חברה האָט אַפּנים מורא איך זאָל ניט אויסטרינקען אינגאַנצן ביזן דעקל און רייסט פון מיר אַרויס דאָס פּלעשל מיט גוואַלד.

— זעט נאָר, זעט, ער זופּט דאָך ווי אַן אָקס.

— אַ ריכטיקער חברה־מאַן. קען גוט אַריינטרינקען.

— שיר ניט אויסגעטרונקען אינגאַנצן.

— היי, דערלאַנג אים עפּעס פאַרבייסן. ער וועט באַלד שיכור ווערן ווי אַ חזיר.

עמיצער שטופּט מיר אין מויל אַריין אַ גליטשיקן שטיק חזיר־פלייש. איך שטשעמע איין די ציינער אין ווייכן פלייש, איין ליפּ פאַרקרימט זיך אָן אַ זייט. איך שינד אָפּ אַ ביסן נאָך אַ ביסן און שלינג מיט אַ הינטישן אַפּעטיט די גרויסע שטיקער ניט־איבערגעקייטערהייט.

— אָהאָ־אָ־אָ! — קייכט חברה פון געלעכטער.

מיינע אויגן ברענען מיט אַ לוסטיקן פייער, נאָר אין די שוואַרצאַפּלען שטעכט נאָדלדיק־ביטער און עס טוט שרעקלעך ווײ. איך האָב נאָך ניט אַראָפּגעשלונגען די גרויסע ביסנס, די באַקן זיינען אָנגעשטאָפּט און פאַר־רונדיקט, ווי אַ געפילטער בלאָז־זאַק. איך פאַל אַרויף מיט אַ בערישן אימפּעט אָף מיין נאָענטסטן שכן און ביים זיך אין אים מיט די ליפּן איין; יענער ווערט זיך מיט אַלע כחות. איך האַלט אים אָבער שטייף איינגעקלאַמערט מיט די ברענענדיקע פינגער און קוש אים מיט אַ ווילדן דורשט.

— ברודערל מיינער, חברל מיינער, איך האָב דיך ליב. גלויבסט מיר? איך האָב אייך אַלעמען ליב. איך וועל צו אייך קומען. מיר וועלן זיין אינ־איינעם, אַלע אינאיינעם.

— דו וועסט באַלד פּגרן.

איך ווינק אים צו כיטרע מיט אַן אייגל. דער קאָפּ שאָקלט זיך הילפלאָז אַהין און צוריק.

— מיר וועלן אַלע פּגרן. וואָס מיינט איר? כ'פאַרשטיי ניט? איך גיי אַהין, איר גייט אַהער. אַלע צוזאַמען איין וועג, איין וועג.

מיין אינעווייניקסטער גוף ווערט צעפּלאַצט פון טרייסלענדיקן געלעכטער.

זיי אָבער פאַרשטייען, קענטיק, ניט קיין שפּאַס. דער עולם ווערט כמורנע, אָנגעבלאָזן. איינער שרייט:

— וואָס פּלאַפּלט ער, דער געפּגרטער הונט?

— פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל.

— דעקט אַריין.

— שליידערט אים מיט דער קני אַרויס, אַרויס!

עס שטעלט זיך פאַר מיר ווייטער איין דער ראַבינקער מיט דער צע־בראָקטער הויט.

— איי, חברה, לאָזט אים אָפּ. איר זעט ניט? אַ שטיק משוגענער און ווייס ניט וואָס ער רעדט.

— דער העלד האָט זיך איבערגעטרונקען, אַ־האַ־האַ.

— גיט אים אַ ציגאַר, זאָל ער פאַררויכערן. לאָמיר אַלע פאַררויכערן.

מ׳שטעקט מיר אַריין אַ ציגאַר אין מויל, אַ לאַנגער, אַ דינער, פון די געוויינלעכע איטאַליענישע ציגאַרן. אַלע בלאָזן אַרויס מיטאַמאָל גאַנצע קנוילן רויך. איך שלינג געשמאַק מיין אייגענעם רויך און אויך דעם אַרויס־געבלאָזענעם קהלשן, און טרייב אַריין אַלץ צו זיך טיף אין די לונגען. אייַלנדיק זיך מיט די שטיקער חזיר־פלייש, האָב איך דערווייל איינגעביסן מיין אייגענע ליפּ. עס שטראָמט נאָכאַנאַנד בלוט, און איך זופּ עס אַריין צוזאַמען מיט דער רויך־ביטערקייט גליַיך אין מויל. דער רויך בייסט איין דעם שפּיץ צונג, דאָס מויל פאַרכליניעט זיך פון דער געזאַלצענער פליסיקייט. איך בייס איין דעם ציגאַר צווישן די ציינער און כראָמטשקע די טרוקענע בלעטער מיט אַ האַרטן קנאַק. עס האַקט, ווי מיט האַמערס, איבער דער פּאַטילניצע. איך האָב מורא, כ׳זאָל פון ווייטיק דעם ציגאַר פון מויל ניט אַרויסלאָזן. און איך בייס זיך איין אים איין שאַרפער, געשמאַקער, דורשטיקער.

— היט זיך, זאָלסט ניט איינשלינגען דעם ציגאַר אינאיינעם מיטן פייער.

— ער וועט זיך נאָך די קישקעס אָפּסמאַליען.

— לאָזט אים, לאָזט אים. לאָמיר עפּעס זינגען אַ ליד.

— אַ פריילעכס, אַ לעבעדיקס.

— וואַרט אויס, ער וועט פאַר אונדז זינגען.

— נו, הייב אָן.

עס ווילט זיך מיר באמת זיי אַלעמען צופרידנשטעלן. איך כאַפּ אָן פולע באַקן לופט און בלאָז זיי אָן, ווי פּענכערס. אין האַלדז שטיקט אָבער אַ צונויפ־געקאַמטשעטער קנויל. אחוץ אַ ווילדן האַי־אַ־האַי קומט גאָרנישט ניט אַרויס.

— בראַוואָ! ווערטער, ווערטער!

— אַ „דזשוּאיש סאָנג״.

— און טאַנצן אויך.
„אַז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן זייער פֿריילעך,
איז געוואָרן זייער פֿריילעך
א—ל—י—מ—ל—ך."

— הוראַ! הוראַ! לאָמיר אונטערהעלפֿן אַלע אינאיינעם, אַלע אין איין כאָר.

עס דערהערן זיך ווילדע קולות. דער עולם מאַכט חוזק: איינער פֿישטשעט, דער צווייטער כריוקעט, דער דריטער פּרואוועט נאָכמאַכן דאָס בילן פֿון אַ הונט. איך קען זיך מער ניט איינהאַלטן. אַ הייזעריקער, פֿאַרשטיקטער האַי־האַי רייסט זיך מיט גוואַלד פֿון האַלדז, שרייט איבער און פֿאַרטויבט אַלע איבעריקע שטימען. דורכן רויך־פֿאַרהאַנג זע איך, ווי זייטיקע מענטשן שטופּן זיך אַרום אונדז אין אַ רעדל, באַקוקן מיך מיט נייגער און שטיקן זיך מיט אַ פֿאַסקודנינקן געלעכטערל.

די באַן הויבט אָן לאַנגזאַמער לויפֿן, שפּרינגט אונטער צו אַ סטאַנציע און שטעלט זיך באַלד אָפּ. מיינע באַקאַנטע ווערן אומרואיק. מיט קאַלטן ערנסט פֿאַרוואַרפֿן זיי די קלומקעס אַף די פּלייצעס און שטעלן זיך אַלע, ווי אונטער איין קאָמאַנדע, אויף. עס פֿאַרדריסט מיר, וואָס איך דאַרף מיך מיט זיי אַזוי גיך שיידן. איך דריי מיך אַרום זיי אום, פּלאָנטער זיך אונטער די פֿיס. איך בין מאָדנע אויפֿגערעגט און ווייס ניט וואָס ווייטער צו טאָן.

— הייסט עס, שוין אויס, ברידער. ווען וועלן מיר זיך נאָך אַמאָל טרעפֿן?

קיינער באַמערקט מיך ניט, נאָר דער ראַבינקער וואַרפֿט צו אַ פֿאַרשטענדלעכן בליק. ער דריקט מיר שטייף די האַנט, רוימט איין שטיל אין אויער:

— גוד־באַי.

— אַהאַ? אפֿשר מיט אייך?

— וואוהין?

— אַהין, אין „קעמפּ", און נאָך ווייטער, צוזאַמען.

— אייל זיך ניט, ברודער. מען וועט רופֿן, מען וועט הייסן. וועסט שוין במילא קומען.

— גוד־באַי, צום ווידערזען!

— צום ווידערזען, הוראַ!

דער עולם גייט אַוועק און ווערט פֿאַרשלונגען אין דער שוואַרצקייט פֿון דער האַרבסטיקער נאַכט. די באַן טראָגט שוין ווייטער. אין פֿאַרטשאַדעטן קאָפּ שטייט אַ גערויש פֿון צעווילדעוועטע מילן. אַ האַמער זעצט נאָכאַנאַנד

אין דער פּאָטילניצע: באַנג־באַנג־באַנג. עס פּיפּט אין די אויערן מיט אַ צעצויגענעם שפּרינגענדיקן קוויטש. פון ווייטיק קען איך די אויגן ניט האַלטן אָפן, נאָר איך זע אַלץ דורך אַ נעפּל מיט די ווינקלען פון די צונעקלעפּטע ברעמען.

אין וואַגאָן איז געוואָרן שיטערער, ניטאָ מער די קאָרטן־שפּילער, ס'איז אויך אַוועקגעגאַנגען די מאַמע מיט איר נייגעריקן קינד. דער גרעסטער טייל פּאַסאַזשירן האָט פאַרוואָרפן די קעפּ און שנאָרכעט הויך פון געשמאַקן שלאָף. אַרום און אַרום די צערייצטע שטילקייט, וואָס קומט נאָך אַ ווילדער חתונה. די עלעקטרישע לעמפּלעך האָבן זיך אַרויסגעשאָבן פון רויך און ווינקען מיט אַ קאַלטן נאַכלעסיקן קוק אויף דעם שלאָפנדיקן עולם. נאָר אין דער צווייטער שורה נאָך מיר זיצן אַ פּאָר וואַכעדיקע פּאַרשוינען, רויכערן געלאַסן גראָבע ציגאַרן און פאַרברענגען געמיטלעך צווישן זיך.

ביידע זיינען געזונטע, ברייטפּלייציקע יונגען. רויטע קאַרקן, וואָס פּאַלדעווען זיך פון איבעריקן פעטס. די באַקן שטייפע, קיילעכדיקע, מיט אַראָפּהענגענדיקע שווערע גוידערס. די פּנימער אַזעלכע טעמפּע, געלאַסענע, מיט קליינע טרוקענע אייגלעך. די הויט אונטער די אויגן איז אומנאַטירלעך רויט און שפּריצט אַרויס מיט בלוטיקע אָדערלעך. זיי מאַכן דעם איינדרוק פון היימישע קצבים.

— ווי גייט'ס?

— אָלרייט.

— האַנדלסט נאָך אַלץ מיט לעבעדיקן „סטאָק"?

— יאָ, מיט שעפּסן.

— אויף וואָל, צי אויף פלייש?

— אויף פלייש.

— קריגט מען גענוג סחורה?

— פּלענטי.

— וויפיל האָסטו געהרגעט לעצטע וואָך?

— אַ פּאָר הונדערט.

— געשמאַק פאַרדינט?

— נישקשה.

— אַלץ פאַרן מאַרק?

— וואָס רעדסטו? מען צעכאַפּט פון אונטער די הענט. פאַרן מאַרק, אויף אַרויספיר. אַבי גיב סחורה.

ער צעפּרעגלט זיך פון גרויס התפּעלות. דער מאָנאָטאָנער האָמזענדיקער קול ווערט אַ סך פאַרביקער.

— וואָס פאַר א „קוואַליטי" סחורה?

— פאַרשטייט זיך, פעטע, יונגע איז אין בעסטן געברויך. נאָר אויך פּאַדלעס וואַרפט מען איצט ניט אַרויס.

— ווי איז דער מאַרקעט אויף פעל?

— גוט.

— אויף פעטס?

— גוט.

— אויף ביינער?

— אַלץ קומט איצט צוניץ, פון אַלץ מאַכט מען א פעני.

ביידע פּאַסמאַקעווען זיך מיט די גרויסע ציגאַרן. די ברייטע פּנימער ווערן גוטמוטיק און צעשטראַלן זיך מיט א צופרידענעם שמייכל. מיר דוכט זיך, אַז זיי ווינקען איינער צו דעם אַנדערן איבער.

— ווילסט, איך זאָל דיר נאָראַיען א ביסל סחורה?

— וואו?

— דאָ, נאָענט.

— ווי נאָענט?

— אָט, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. פּאַרפעקט און גלייך צום שלאַכט־הויז.

— וואָס פאַר א סחורה?

— שעפּסעלעך יונגינקע, פעטינקע, איינגענע האָדוליע.

דער צווייטער האָזעט כיטרע אונטער דער נאָז:

— „וועל", הם... מיר וועלן א קוק טאָן.

דער ערשטער, אויך כיטרע:

— אפשר דאַרפסטו איצט ניט?

יענער, שוין אויפגערייצט:

— פאַרוואָס? מיר קענען קויפן אַלעמאָל.

דער ערשטער, א ביסל העזהדיק:

— „קאָמישאָן".

— וויפיל?

— נאָך דער צאָל קעפּ.

— ווען?

— נאָכן קוילענען.

— אפשר באַם צושטעלן?

— ניין, נאָכן קוילענען.

איך זיץ אַפן שטול אַן איינגעהאָרבעטער אין דרייען און הער זיך צו

צו זייער געשפּרעך. עס צענעמט מיך מיטאמאָל א ביטערע קעלט, איך ווער מאָדנע אומרואיק. איך האַלט איין מיט גוואַלד דעם אָטעם, זיי זאָלן מיך ניט באַמערקן. אין קאָפּ טראָגן זיך אַרום משוגענע בילדער: מיין חבר אין א פיר־פּיסיקן אָקסן־גוף שפּאַנט אַרום מיט משונהדיקע פאַנאַנדערגעוואַקסענע הערנער. נאָך אים א גאַנצע סטאַדע שעפּסן אין דריי־עקיקע פּורים־קוילעטש־היטעלעך שפּרינגען אַרום און מעקען מיט א חוזק־טאָן: מע־מע. א קינד פון א יאָר דריי מיט צעפּלאָמטע ראָזעווע בעקלעך האָט זיך אין זיי איינ־געגעסן מיט די אויגן. ער האָט גוואַלדיק הנאה, און די מאַמע שלעפּט אים צוריק מיט גוואַלד. דאָס קינד קוויטשעט און א באַראַבאַן קלאַפּט צו אין טאַקט איבער מיינע שלייפן: באַנג־באַנג־באַנג. אַהינטער אונדז גייען די קצבים און כוואַסטשען נאָכאַנאַנד מיט זייערע בייטשלעך.

איך האָב פאַרמאַכט די ברעמען און פאַרטאַיעט זיך אין טויטער שטיל־קייט. ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן, ווייס איך ניט. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, זיינען שוין געווען אויסגעלאָשן אַלע לעמפּלעך אין שלאָף־וואַגאָן. דער נאַכטיקער עולם איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. עס האָט געשאַריעט אַף טאָג...

III

ניו־ענגלאַנד

קאָנעטיקוט

אַרומגעזוימט מיט די בערג־שנורן פון די ווייטע בערקשיירס ליגט זיך באַהאַלטן אין טאָל דאָס פלאַך־לאַנד פון קאָנעטיקוט.

ציען זיך באַ די זייטן די לאַנגע בערג־קייטן, שלעפּן אַף זייערע פּלייצעס שווערע, אָנגעהרודעטע, אָנגעשליידערטע שטיין־קופּעס, דריקט זיך אַ שטיין צו אַ שטיין, פּאַסט זיך איין רוקן צו רוקן, קאָפּ צו קאָפּ, הויבט זיך אין טרעפּ די גרויסע, גרויע, שטיינערנע מאַסע, דרייט זיך און שלענגלט זיך און פּלוצלונג טוט זיך עם איינגאַנצן אַ ריס אָפּ...

אַ הויכע ווילדע שטיינערנע וואַנט, ווי מיט אייזנס באַשניצט, ווי מיט מעסערס באַשניטן, באַוואַקסן מיט מאָך, באַגאָסן מיט פייכטקייט, הויבט זיך העזהדיק אויף, קוקט מיט פינצטערע אויגן אין טאָל.

האָבן זיך אַמאָל מענטשן אין טאָל אַראָפּגעלאָזן און האָבן געוואָלט דאָ, אין טאָל, זייערע געצעלטן אויפשטעלן. ווען זיי האָבן זייערע גראָב־אייזנס טיף אין דעם רוקן פון דער ערד אַריינגעשניטן, האָט זיך דאָס אייזן מיט אַ טעמפּן מעטאַלענעם קלאַנג אָן דעם האַרטן שטיין אָנגעקלאַפּט.

ווייל שטיינערדיק איז דער באָדן פון קאָנעטיקוט, האַרט און זאַמדיק איר פונדאַמענט. ס'האָט זיך די ערד מיט שטיינער אָנגעזעטיקט, און עס איז מיט זיי פול געוואָרן דער באַרג און דער טאָל.

קירעוועט דער פאַרמער זיין אַקער־אייזן. וויגט זיך דער אַקערער מיט זיין אַקער הין און הער, הין און הער, און עס סקרובעט און טעמפּט זיך אַלע ווײלע זיין שאַרפער אַקער. שטעלט זיך אָפּ דער פאַרמער באַם עק פעלד, ווישט אָפּ פון שטערן דעם שוויים מיט זיין אַרבל, בויגט איבער זיין איינגעמאַטערטן רוקן, ראַיעט אויס מיט זיינע פאַרגרעבטע פינגער אַ פּאָר שטיינער פון זיין האַרטער ערד און וואַרפט זיי אַוועק מיט כעס אַף די זייטן פון וועג...

ערנסט איז דער פּנים פון דעם קאָנעטיקוטער פאַרמער, אין שטיין זיינען אויסגעהאַקט זיינע געזיכטס־ציגן. איד און פּאָליאַק, יענקי און איטאַליענער— זיי האָבן זיך אַלע אין פרידלעכער שכנות אַף דעם שטיינערנעם באָדן אויסגעשפּרייט און זיי האָבן אין זיך דעם קאָליר און די שטייפקייט פון שטיין איינגעזאַפּט.

שלענגלט זיך אַ זאַמדיקער וועג אין טאָל. שטיקן אים צונויף די בערג־

קייטן באַם עק פון האָריזאָנט. קייקלט זיך דער וועג ווי אַ שטיין, וואָס האַלט אין איין פאַלן, באַרג־אַראָפּ, ביז ער פּלאָנטערט זיך אַריין אין די גאַסן פון דער קאָנעטיקוטער שטאָט.

קרייצן זיך די גאַסן אין נידער פון טאָל. גאַסן ברייטע, שטילע, פאַר־חלומטע. היטן זיי פון ביידע זייטן די הויכע פאַרצווייגטע עלם־בוימער מיט זייערע געציינגלטע בלעטער אין זומער, שפּרייטן פאַנאַנדער זייערע געדיכטע, שוואַרצע צווייגן אין ווינטער. קומען די פייכטע ווינטן פון דעם לאָנג־איילענדער ים־אויסגוס, הודזשען אַף די שפּיצן בוימער, קרייזלען זיך אין דעם פאַרשלאָסענעם טאָל און הויכן דאָ אויס זייער נאַסן און קלעפּיקן אָטעם.

קאַרבט זיך דאָ טיף אין לאַנד אַריין דער לאָנג־איילאַנדער אויסגוס, טראָגט פאַרביי זיינע מוטנע, סודותדיקע וואַסערן, וואַשט ער די פלאַכע, שטיין־געפּלאַסטערטע ים־ברעגן, שוימט זיך ברוגזדיק אַף די אָפּגעהאַקטע שטיינער־ווענט. שפּייט ער פון זיך אַרויס די קלעפּיקע, גרינע גראָזן, וואָס ער האָט אַף זיין וועג אויפגעקליבן, קנוילט זיך צוזאַמען און לויפט ווייטער אַוועק אַף זיין ווייטן וועג...

קומען צוגיין די וואָלקנס, טרינקען זיך אָן מיט די געזאַלצענע, מוטנע וואַסערן פון דעם לאָנג־איילאַנדער אויסגוס; ווערן זיי אונטערגעכאַפּט פון די פליענדיקע פייכטע ווינטן און פאַרצויגן איבערן גאַנצן הימל. דריקן די כמאַרעס מיט זייער גראָער משא, פילן אָן מיט אַ מילכיקן נעפּל דעם גאַנצן קאָנעטיקוט־טאָל און זיפּן שטיל און לאַנגזאַם אַ דראָבנעם קאַלטן רעגן.

גייען אַרום די מענטשן אַף די אויסגעפּלאַסטערטע גאַסן פון זייערע שטעט. איז דער באָדן אונטער זייערע פיס — שטיין, איז דער הימל איבער זייערע קעפּ — וואָלקן, איז די לופט אין זייערע נאָזלעכער —דער דאַמפּיקער געזאַלצענער אָטעם פון דעם מוטנעם ים־אויסגוס. ווערן די מענטשן דורכ־געזאַפּט מיט דער פייכטקייט פון זייערע טאָלן, און עס דריקט אַפּן האַרצן די שווערקייט פון דעם שטיין.

האָבן די מענטשן דעם שטיין פון זייער באָדן צו סחורה געמאַכט און אַף געלט אויסגעביטן. האָבן זיי פון דער ערדס בויך גראַניט און מירמל און קוואַרץ מיט לאַמען געריסן, מיט קירקעס געהאַקט, אין פיר־קאַנטיקע גע־שליפענע בלאָקן געפורעמט. די בלאָקן אין באַרקעס געהרוזשעט און אַף אַלע וואַסער־וועגן פאַנאַנדערגעשיקט.

האָבן די מענטשן גריבער אין פעלד אויסגעגראָבן און דעם ליימיקן זאַמד מיט גראָב־אייזנס אין דער הויך אַרויסגעוואָרפן. פון דעם ליים האָבן זיי ציגל געקנאָטן, געפורעמט און אויסגעברענט; נאָכדעם האָבן זיי אַ שטייפן

שטיינערנעם פונדאַמענט אין דער ערד געלייגט און אויף אים שווערע ציגלנע בנינים צום הימל אויפגעהויבן.

רויכערן זיך די פאַבריקן אין דעם טאָל פון קאָנעטיקוט, שלינגען זיי איין טאָג־טעגלעך די פאַרהאַרטעוועטע קינדער פון דעם שטיינערנעם באָדן. זיינען די פאַבריקן מיט אייזערנע פאַרקאַנס אַרומגעצוימט און אינעווייניק קאָכט און פלאַקערט די אַרבעט. עס גיסט זיך אין זאַמדיקע פורעמס פלאַמענדיקער, צעשמאָלצענער אייזן, שטאָל און קופער. גייען פון דאָרט אַרויס די באַרימט־געוואָרענע קאָנעטיקוטער ניי־מאַשינען, שלעסער, מעסערס, לעפל, גאָפּלען, יאַגד־ און מלחמה־ביקסן. האָט מען דאָרט אַלעמאָל קוילן מיט געמאָלענעם פולווער געשטאָפּט און אין אַלע מלחמה־פייערן געוואָרפן...

האָט דאָרט דער אַרבעטער דעם שטויב פון אייזן, שטאָל און קופער אין זיינע לונגען אַריינגעצויגן. האָט זיך דער שטויב אויף זיין האַרצן געלייגט און האָט זיך מיט זיין בלוט אויסגעמישט, איז דאָרט געוואָרן איינס מיט דעם האַרטן שטיין, מיט דעם טרוקענעם קופער און מיט דעם קאַלטן אייזן.

נאָר די פיר ווענט פון זיין וואוינונג זיינען נאָך אַלץ נאַס און פייכט געבליבן. דאָרט, אין שווערע אָפּדערנאַכטן, קאָרטשעט ער זיך אין די ווייטיקן פון זיינע רעוומאַטיזם־אויפגעפּרעסענע הענט־ און פיס־געלענקען. און ווען עס הודזשען די פייכטע ווינטן, און די וואָלקנס אָטעמען מיט דער דאַמפּיקער געזאַלצענער לופט פון דעם מוטנעם ים־אויסגוס, די געציינגלטע בלעטער ציטערן אויף די שטאָלצע עלם־ביימער און דער אָטעם ווערט אַלץ בייזער און שווערער, דעמאָלט פילט ער, אַז דער הימל איבער זיין קאָפּ איז — וואָלקן, אַז דער באָדן אונטער זיינע פיס איז שטיין, און עס ציען זיך זיינע פינגער אויסצוראַיען שטיינער פון זיין האַרטער ערד און וואַרפן זיי מיט כעס און העזה אויף אַלע וועג־זייטן...

קדיש

כ'קען א אידן, א האלב־פוילישער איז ער; ער קומט פון א שטעטל, אין יענער וואלדיקער בלאָטיקער געגנט, צווישן ווייס־רוסלאַנד און פוילן; א אידל אין די פופציקער יאָרן, אָבער נאָך א קרעפטיקער, מיט א געקנייטשט פרום פּנים, וואַרעמע אויגן און א גרוי שיטער בערדל, ווי א סכך־צודעק אף א סוכה אין א רעגנדיקן טאָג.

וואוינט ער איצט אין א שטאָט אין ניו־ענגלאַנד. מיט א זון, א זיבעצן־אכצן־יאָריקן בחורל, האָט ער ביז אַהער געוואוינט. איצט איז דער טאַטע אַן אבל; דער זון זיינער איז געשטאָרבן און דער אַלטער זאָגט קדיש נאָך אים.

— יתגדל ויתקדש שמו רבא...

נאָר מיטן קדיש אַליין איז נאָך דער אַלטער ניט יוצא: א למדן איז ער, א וואויל־קענעוודיקער, און ער ווייסט שוין מיטלען, ווי אזוי צו בּאַרואיקן די נשמה, ווי אזוי צו בּאַגליקן זי מיט הייליקן תורהדיקן געַנוס...

בּאַנאַכט, אין זיין געדונגענעם פראָנט־צימער, וואו ס'וואָרט שוין אף אים אַן אויסגעבעט אייזערן בעטל, אף אויסציען זיך און קנאָקן פרום־קרעכצנדיק די ביינדלעך, צינדט ער אָן א געלן, נשמהדיקן גאַז־רערל (קיין אנדער בּאַ־לויכטונג איז אין הויז ניטאָ), עפנט אויף אַן אַלטן ווילנאַט־שמעקנדיקן משניות (וואָס ער האָט אמאָל מיטגענומען פון דער היים אין טאָרבע, שפּייז אפן וועג), צעשאָקלט זיך, ציקלט אוים פון ראשי פּרקים דעם נאָמען פון זיין פאַרשטאָרבענעם זון: „הבחור יחיאל תנצב"ה." נאָכדעם לייגט ער זיך אוועק שלאָפן אין בעטל, קען לאַנג ניט אַנטשלאָפן ווערן, קרעכצט הייליק, שטופּט אונטער זיין נשמה אוועקצושוועבן אף איבער נאכט פון ליידנדיקן גוף אין תכלתדיקן הימל אריין...

אינדערפרי (נאָכן ערשטן מנין) האָרבעט ער אויף זיין קיילעכיק־ביינער־דיקן פאַרעלטערטן רוקן, פאַרשפּיליעט אַלע קנעפּלעך פון זיין קורצן דייטשן ראָק און לאָזט זיך אוועק מיט לאַפּטשאָווע טריט אין שאָפּ, וואו ער האָט מיט זיין בחור, יחיאל ע"ה, אינאיינעם געאַרבעט.

אומעטיק איז אַן איינזאַמען מענטשן אינדערפרי, איז וואָס קען מען זיך העלפן? אַן אומגליק איז מיטן זון געשען; איז וואָס שייך? און ווער איז אין דעם שולדיק? אַלץ דאָך מן השמים...

מסתמא איז אַ גזר געווען, אַז דער בחור יחיאל תנצב"ה זאָל פאַרלירן דאָס לעבן אין דער שעה, אויף דעם אָרט, דורך אַזאַ אופן...

אינדערפרי האָבן ביידע, ווי אַלע טאָג, אין שאַפּ אַריין געשפּרייזט. גע־גאַנגען איז מען שווייגנדיק, ווי — פאַרטאָג. אַגב האָט טאַטע אַפילו זון אַ פּאַראיבל אין האַרצן געטראָגן; ס׳האָט זיך דעם אַלטן אָפּגעדוכט, אַז דער יונגער שיידט זיך פון אים אָפּ, וויל אַוועקגיין אויף באַזונדערע וועגן...

נאָכדעם זיינען זיי אָנגעקומען, נאָכדעם האָבן פייפלעך אָפּגעפייפט, האָט מען זיך געשטעלט אַרבעטן...

טאַטע לעבן זון זיינען זייט בײַ זייט געשטאַנען, ווייל זייערע מאַשינען זיינען אויך געווען צוגערוקט איינע צו דער אַנדערער.

אין דעם שאַפּ האָט מען געמאַכט „טרוקענע" זאַכן, ווי געוויינלעך אין ניו־ענגלאַנד, זאַכן פון אייזן, שטאָל, מעש, קופּער און בלעך. „סקייטס" האָט מען דאָרט פאַבריצירט, אַלערליי סאָרטן גליטשערס: פיר־רעדלדיקע מיט פאַררוקערס פאַר קינדער, שפּיציקע, געשאַרפטע אייז־ און ספּאָרט־גליטשערס פאַר מענער און פרויען, און נאָך אַ סך, אַ סך מינים.

אַ היפּשער פּלאַץ דאָרט געווען, אַרבעטער אַ פּאָר הונדערט. רימענס ברייטע האָבן זיך געגאָסן אַרויף־אַראָפּ, ווי כוואַליענדיק שוואַרץ וואַסער, און די מאַשינען, אויל־ברודיקע, פאַרשטיפּטע, האָבן געביסן די שטיקער אייזן און אויסגעקנייטשט זיי אין אַלערליי פאַסאָנען.

און די פענצטער אין רויט־ברודיק־ציגלנעם בנין זיינען געווען גרויסע; עטוואָס העכער פון דיל, כמעט ביז דער סטעליע. ס׳גלאָזוואַרג פון די שויבן פאַרוואַקסן מיט מאַט־הויטיקן שטויב און פאַרשטעלט פון אויסנווייניק מיט אַ געקעסטלטער שוואַר־שטאָליקער ראָם. אַרום און אַרום איז אין יעדן פענצטער געווען דרייסיק שויבן.

באַנאַכט, אַז מען פלעגט לעבן יעדער מאַשין אָנצינדן אַן עלעקטריש לעמפּל, האָט זיך דעם אויג אויסנווייניק אויסגעדוכט, אַז אַן אומרואיקער שוואַרצער שטראָם וואַסער איז פון אינעווייניק אויסגעפּלאַסטערט מיט גאָלד־גליענדיקע בריליאַנטלעך. האָט מען זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט און פון אינעווייניק עפּעס דערוואַרט.

נאָר וואָס ס׳האָט געטראָפן האָט בײַטאָג פּאַסירט, בײַם פלאַמיקן ליכט פון דער זון, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט, ניט אַנדערש, זי מוז אַ בינטל שטראַלן דורכשטעכן דורך מאַטאָוון פענצטער־ברוד און צעשפּרייטן אויף דער טרוקענער אויסאַרבעטונג פון דער ניו־ענגלאַנדער מאַנופאַקטור...

אָט אַזוי איז עס געווען:

דער טאַטע האָט גערדילעוועט אין אייזן לעבער, דער זון האָט אהין אריינ־געשטעקט אייזערנע טשוועקלעך און זיי פארהאַקט און פאַרניטעוועט.

דער טאַטע איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קורצן דייטשן רעקל, וואָס האָט זיך ניט געפּאַסט צום קליינשטעטלדיקן שטילן פּנים מיטן שיטערלעכן בערדל; דער זון — אין אַ רויטן געדוימען „סוועטער", מיט צו־ברייטע לענגלעכע אַרבל, אין וועלכע ס'זיינען געלעגן, ווי דראַנגען, דינע אויסגעצויגענע אָרעמס פון זיבעצן־אַכצן־יאָריקן וואַקסנדיקן בחור.

האָט דער טאַטע דעם זון אונטערגעטריבן:

— כיעל, גו־רו! נעם צו פון האַנט; זע, ס'איז שוין אָנגעוואַקסן אַ באַרג „סקייטן".

און דער זון איז גאָר דעמאָלט געווען ערגעץ־אַנדערש פאַרטראָגן; אפשר האָט ער באַמערקט אַרום זיך אַ שיקסע מיט אַן אָפּגעשפּיליעטן קאָלנער פון אַ ווייסן האַלדז. אפשר האָט ער זיך גאָר מיט אַ בינטל שטראַלן, דורכגעשטאָכן דורכן ברוד פון אַ פאַרקאָוועטן פענצטער, פאַרחידושט.

האָט ער צוגעקערט צום טאַטן אַן אומצופרידן פּנים מיט אַ פרישן, בלאַסן, טראַכטנדיקן שטערן און אַ פרעג געטאָן:

— וואָ־אָ־ע?

— די „סקייטן", וועד מיט זיי פאַרטיק!

ניו־ענגלאַנדער מאַשינעס צו מאַכן „טרוקענע" זאַכן ווערן אויך צייטנ־ווייז קאַליע. דער אַלטער האָט געזען, ווי דער זון האָט זיך צוגעבויגן צורעכט מאַכן זיין מאַשינע.

וואָס איז?

אַ רימענער גאַרטל האָט זיך פון בלאָק אַראָפּגערוקט. יחיאל האָט דעם פּאַס גענומען אין האַנט, אָנגעצויגן אים און פאַרצילט זיך אריבערצוואַוואַרפן איבער דער שייבע. די שטאָלענע אַקס האָט זיך דערוויל, אַ נאַקעטע, מיט אַ בלישטשענדיקן מעטאַלענעם איינשניט, אַ וואונד אַ זילבערן, אַרום זיך אַליין געדרייט זיך און געקרייזט. דער בחור האָט געטשאַטעוועט, געמאָסטן זיך און איז פּלוצלונג אַרויפגעשפּרונגען מיטן פּאַס אין האַנט אויף דער שווינדלענ־דיקער אַקס. אין איילעניש האָט ער פאַרטשעפּעט אַ קליינעם שטיק אַרבל פון זיין רויטן „סוועטער", אַ ברעגעלע און מער גאָרנישט. דאָס כוואַליענדיק שוואַרץ־וואַסער האָט אים געגעבן אַ שלונג־איין, אַ הייב־אַרויף און אַוועק־געטראָגן מיט זיך דעם אינגל מיטן רויטן „סוועטער".

אַ סעקונדע האָט עס געדויערט, אַן אָפּשפּריץ פון אַ סעקונדע. דער אַלטער האָט עס דערזען און אין דער זעלביקער צייט דערהערט אַ געשריי:

— מאַ־אַ־אַ־מע!

און צווישן רימען, לייטערדיק, מיטן אָפּבליאַסק פון געדיכט־רויטן „סוועטער", האָט זיך שוין יחיאל צום באַלקן געטראָגן. באַלוואַנישע שווינדל־דיקע אָקסן, שווימענדיקע רימענס, אַ רויטער פלעק, מיט צוויי שיך, ווי אויסגעבויגענע דראָנגעס, אַרויף־אַראָפּ, אַראָפּ־אַרויף, און קולות:

— מאָ־אָ־אָ־מע!

נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגעריסן פון קרײַז, געמאַכט עטלעכע אומגעלומ־פּערטע קאָזשעלקעס אין דער לופטן, צווישן אויל־פּאַרמורזעטע פּרענטן שטאָל, און זיינע שיך, ווי צעדרייטע דראָנגעס, האָבן אַלע ווײַלע אין אַן אַנדער אָרט געסטאַרטשעט, פאַנאַנדערגעוויגט זיך און — אַ טראַ־אַך אין פענצטער אַריין.

געטראָפן אין גרויסן פענצטער, פון דיל כּמעט ביז דער סטעליע, אויס־געזעצט אַלע שויבן ביז דער לעצטער, דרייסיק אין צאָל. האָבן זיך צעבריזשגעט די שטיקלעך גלאָז, מיט ברוד־שטיקלעך פאַרהויטיקט, און צעשפּריצט זיך מיט רעגנבויגן־קאָליר פונעם שיין פון אַ בינטל שטראַלן, וואָס האָבן זיך דורכ־געשטאָכן דורך דער געקרייציקטער אייזערנער ראַם, און איצט, אינגאַנצן באַ־פרייטע, זיך אַריינגעגאָסן מיט שטראָמיקער פרייִלעכקייט אין טונקעלן שאָפּ, אין אַלע ווינקעלעך.

און דער אָפּהילך פון קערפּער, אָנשלאָגנדיק זיך אָן דער אייזערנער ראַם, איז געווען ווי געבראַשטשעט פלייש אונטער צעוויגטע האַק־מעסערס, איינ־מאָליק, ניט איבערגעחזרט זיך, אַראָפּגעפאַלן נאָכדעם אַפן דיל מיט אַ טעמפּן שווערן קלאַפּ, אַ בלוי, צעפּאַסעוועט, פאַרשמוציקט שטיק פלייש.

— דזשי־זעס!

דאָס, פון מויל פון אַ פּאָר הונדערט אַרבעטער, וואָס האָבן זיך צונויפ־געקליבן אויסאַרבעטן „האַרטע" מעטאַלענע זאַכן אין אַ ניו־ענגלאַנדער פאַבריק.

— ברוך דין אמת!

אַ טאַטע האָט זיך אַריבערגעבויגן, געקוקט אַף אַ בלויען פלייש־פּעקל, שוין מער ניט קיין זיבעצן־אַכצן־יאָריק, קיין סימן ניט פון יחיאלן, זיין זון.

אַ טאַטנס האַרץ, ווער קען פילן? איבערציילן איבער דער פליישיקער רויטקייט זודיקע בלוט־טראָפּנס? נאָר וואָס איז שייך? ווער איז אין דעם שולדיק? אַלץ דאָך מן השמים.

מסתמא איז אַ גזר געווען, אַז דער בחור יחיאל תנצב"ה זאָל ס'לעבן פאַרלירן דאָ, אין אַזאַ שעה, אַף אַזאַ אופן.

איז דער אַלטער אַן אָבל, קריעה האָט ער געריסן, אַ שטיק לאַץ אַפן שמאָלן דייטשן ראָק, און ער זאָגט קדיש נאָכן זון:

— יתגדל ויתקדש שמו רבא . . .

גענאַסע חיים־בער

מיט אכצן אָדער צוואַנציק יאָר צוריק איז מיט אַ שיף, וואָס קורסירט טעגלעך צווישן ניו יאָרק און פּונקטן אין ניו־ענגלאַנד, באַם ברעג פון לאָנג־איילאַנדער ים־אויסגוס, געקומען צופאָרן אין ניו־העמדען אַ „גרינע" פרוי. אַף די הענט האָט זי געהאַלטן, אין ניט קיין זויבערן לייוונט איינגעוויקלט, אַ קליין עופּהלע און אַפן אָרעם פון דער לינקער האַנט, אַרויפגערוקט, איז געהאַנגען אַ פאַרבונדן אָנגעשטאָפּט פּעקעלע — איר באַגאַזש.

ווי זי איז נאָך אַרונטער פון שיף, האָט זי גלייך ניט געוואוסט וואוהין צו גיין; קיין באַשטימטער אַדרעס איז בײַ איר ניט געווען. אַ צעפּאַטלטע, אַ חושכדיקע, מיט אַ פאַרדעכטיקן אַרומקוקן זיך אַף די זייטן, איז זי אָבער ניט געוואָרן אָפּהענטיק און פאַרלאָרן. כוואַטסקע אונטערהעצקענדיק זיך מיטן לעבעדיקן און טויטן פּאַק, האָט זי געשפּרייזט איבער ברעגיקער סטייט סטריט און געזוכט אַ אידיש פּנים מיט ליכט.

אַ פּאָר מאָל האָט זי אַ טעות געהאַט, אָנגענומען אַ אידיש־אויסקוקנדיקן פּנים פאַר אַ אידן, ביז זי האָט דערטאַפּט.

אַ פּעדלער, אין שלייקעס איבער אַ גראָב־בלויען העמדל, האָט געשטופּט זיין וועגל אין מאַרקעט נאָך סחורה. זי האָט אים אָפּגעשטעלט:

— מיסטער! דאָ איז ניו־העמדען?

— שור.

— און איך אַליין בין אַ ניו־יאָרקערן. ס'הייסט אַ „גרינע", נאָך ניט קיין יאָר אין לאַנד.

דער פּעדלער האָט אָפּגעהאַלטן זיין וועגעלע און איז געבליבן שטיין.

— איז בין איך עס איצט אַהערצו געקומען צופאָרן; מיט דער שיף בין איך אָנגעקומען, וואָס גייט פון ניו יאָרק צו מיין מאַן.

— וואו וואוינט ער?

— אַז איך וויים ניט. אין ניו־העמדען, האָט מען מיר געזאָגט, קען איך אים איצט געפינען; פון ניו יאָרק איז ער אַנטלאָפן געוואָרן; ס'איז זיין קינד.

ס'ווייבל האָט זיך געפּלייסט אַרויפציען פּאַרן פרעמדן אין די אויגן די נעבעכדיקסטע מינע, געוויינען ס'ביסעלע רחמנות און הילף. אָבער ס'איז

ליכט געוועזן צו זען, אַז די פרוי האָט כאַראַקטער; פאַרביסענע ווייבערשע אַנטשלאָסנקייט האָט זיך געבליט אַף די דינע געשנורטע ליפּן פון איר מויל.

האָט זיך דער פּעדלער שוין געוואָלט פון איר אָפּפּטרן:

— כ'מע.. וואָס קען מען אין אַמעריקע אָן אַן אַדרעס אויפטאָן?

און זי צו אים:

— מיסטער! כ'וועל אייך ניט אָפּלאָזן, האָט אַ אידיש האַרץ!

— צום רב גייט אַריבער; ער וועט אייך אַן עצה געבן.

— גוט, נעמט מיך צום רב.

דער פּעדלער האָט אויסגעקראַצט די לינקע פּעביקע פּאה, צוגעפירט זי צו אַ ראָג גאַס, געוואַרט מיט איר אַ היפּשע ווילע, ביז וואַנען אַ שלעפּעריקע, געל-געפאַרבטע „קאַר", צוואַוויגנדיק זיך אַף די שינעס, ווי אַ וויגל, איז פון ערגעץ אָנגעקומען.

— זעצט זיך אַהער אַריין, פּאָרט גלייך-גלייך. אַף וויו סטריט, דאָרטן וואו ס'וואוינען אַלע אידן, וועט איר הייסן מען זאָל אייך אַרונטערלאָזן.

באַם רב אין שטוב, אונטערהויבנדיק ס'קינד פאַר אַ שילד, האָט ס'ווייבל אַריינגעטענהט:

— רבי! אַן עגונה בין איך! איבערגעלאָזט האָט ער מיך מיט אַ פּיצל אַף די הענט און באַ אייך, אין ניו-העמדען, האָט ער זיך באַהאַלטן. רבי, העלפט מיר! טוט עפּעס, ראַטעוועט.

ס'יונגע, גרינע ווייבל האָט אויסגעזען ווי איר מאַמע, ווי איר באָבע און עלטער-באָבע, דורות קבצנים, וועלכע האָבן אַ פּודיקל ברויט אָדער אַ וועגל האָלץ נעבעך געבעטלט. ס'גאַנצע געפּאַלנקייט, דעם אָפּשיי פונעם אַלטן שטעטלדיקן אָרעמאַן פאַרן קליגערן און שטאַרקערן, האָט זי איצט, פאַרן רב אין די אויגן, קונציק נאָכגעמאַכט.

דער רב האָט זי גענומען אויספרעגן:

— ווער איז ער אייער מאַן? ווי רופט מען אים? וואָס איז זיין טואונג?

— חיים בער, אַ סטאָליער, חתונה געהאַט מיט אים נאָך אינדערהיים. פאַר איר נדן איז ער טאַקע אין אַמעריקע געקומען צופאָרן.

— צו וועלכער שול איז ער שייך? אין וועלכער „קאָנגרעגיישאָן"?

— אַז וואָס רעדט דער רבי? ווי קומט חיים בער אין אַ שול? אַ סאָציאַליסט איז ער אַ פייערדיקער, אַ שול טאָר באַ אים ניט דערמאָנט ווערן, טריף ווי חזיר...

דער אויסדרוק אונטערן רבס וואָנס איז פאַרזייערט געוואָרן:

— מיסעס, דער רב קען פאַר אייך גאָרנישט ניט טאָן. ס'איז אַמעריקע:

זייער חברה דאָ האָט אייגענע מנינים און רביים, און אייגענעם „שולחן ערוך" מיט דינים. אייער מאַן איז זייערער א „ברודער", אפשר קענען זיי העלפן.

מיט אויסגעשאַרפטן קבצנישן ניוך האָט ס'ווייבל דערשפירט, אַז פון רב וועט זי ניט ווערן געהאָלפן; האָט זי ניט פאַרלאָרן קיין צייט און מיט די פּעקלעך אַף די הענט זיך ווייטער אַוועקגעלאָזט זוכן.

אַף וויו סטריט איז איר שוין געוועזן היימישער. א לאַנגע שמאָלע גאַס, ארויף־ און אַראָפּ־באַרגיק, ווי א קעמלשער האָרב, מיט אידישע קראָמען, שילדן, הענדלעך, פישלעך, „בשר כשר", געפּאַטלטע פרויען, באַקאַנטער טומל. אַלץ האָט זי אויפגעמונטערט, נאָך כוואַטסקער געמאַכט.

זי האָט זיך נאָכגעפרעגט:

— וואו זיינען סאָציאַליסטן? דעם פירער דאַרף זי האָבן, דעם סאַמע קאָפּ; א נויטיקע זאַך.

אין ניו־העמדען איז שוין דעמאָלט געווען אַן ארבעטער־לאָקאַל; אָבער ניט אין דער אידישער געגנט. אפריער האָט מען געדאַרפט דורכגיין טעמפּל סטריט, דעם געשעפט־צענטער פון שטאָט, מיט די „דעפּאַרטמענט"־געשעפטן, א באַנק, עטלעכע „סקיי־סקרייפּערס" אָנגעפּראָפּקעוועט מיט אָפיסעס, וואָס יעדערער האָט זיין נאָמען און יחוס אַף א שמאָלינק פענצטערל, ווי א בלישטשענדיק פּאַטשערקעס־קרענצל אָנגעצויגן. ערשט אַראָפּ טעמפּל גאַס, נאָכן טומל, האָט זיך דער לאָקאַל געפונען. דער ארויפגאַנג איז געווען א שווערער, אַף שטיינערנע טרעפּ, פאַרוואַקסענע מיט בלאָטע, ברוד און גע־טריקנטן שפּייעכץ. ארויפדראַפּענדיק זיך אַפן דריטן עטאַזש, איז מען אריינ־געפאַלן אין א טונקעלן, שמאָלן, מיט פאַרמרה־שחורהטע ברוינע שטולן־שורות אָנגעשטעלטן לאָקאַל. אַף די ווענט זיינען געהאַנגען „טשאַרטערס" פון יוניאָנס און פאַראיינען און א פּאָר פּאָרטרעטן האָבן זיך גענודיעט אין די ראַמען, געבאָדן זיך אין טונקעלן שטויב פון לאָקאַל און געצויגן אַף זיך פּאַסן שפּינוועבס.

אַהין האָט זיך ס'ווייבל ענדלעך דערפרעגט.

אַז זי איז אַריינגעקומען איז שוין אין גאַס געווען פינצטערלעך. אין האָל האָט אַן אַלטער דייטשער „דזשעניטאָר", מיט דער ערנסטקייט פון א פּילאָנטראָפּ, אָנגעצונדן ס'פינף־צונגיקע גאַז־רער. ס'איז געוואָרן געלבלעך־ליכטיק.

פונעם פּלוצלונגדיקן ליכט האָט זיך דער עולם (א מאַן צוואַנציק, דרייסיק), וועלכער איז זיך דאָ צונויפגעקומען אַף א מיטינג, פאַרזשמורעט די אויגן. פאַרזשמורעט האָט זיך אויך דער פאָרזיצער, א זשוק־פּנימדיקער יונגערמאַן, מיט א שטאַרק־געקרייזלטן קאָפּ האָר און א נידעריקן האַרטן

שטערן. לעבן אים אױף א שטענדערל איז געלעגן א הילצערנער, יאַמקער, צװײ־קעפּיקער האַמער, מיט װעלכן ער האָט אָפּט איבערן שטענדער געקלאַפּט:

— גענאָסן !... רואיק !

ס'װײבל האָט ניט געמאַכט קײן הכנות, האָט זיך אװעקגעשפּאַרט צום שװאַרצן יונגנמאַן (זי האָט פאַרשטאַנען, אַפּנים, אַז ער איז דער קאָפּ), און אױפהעצקענדיק ס'לעבעדיק פּעקל אינדערהױך און דעם אַנדערן באַגאַזש־פּעקל אַרױפּרוקנדיק העכער איבערן פאַרחלשטן אָרעם, האָט זי זיך אװעק־געשטעלט צװישן דער פּלאַטפאָרמע און דעם עולם און האָט דעם גאַנצן מיטינג פאַרהאַלטן:

— מענטשן ! הערט אױס...

אומזיסט האָט זיך דער פּאָרזיצער באַ איר געבעטן.

— גענאָסינע, װאַרט אױף ! שטערט ניט דעם מיטינג. צום „װאױל און בעסטן" װעט איר אײער װאָרט באַקומען. איצט איז ניט די צײט...

ס'װײבל האָט זיך ניט געלאָזט אײנשמועסן.

— מײן מאַן זוך איך. ער איז פון אײעריקע ; א סאָציאַליסט א פּאַר־קאָכטער. געלאָזן מיך מיט א פּיצל אױף די הענט און באַ אײך זיך באַהאַלטן...

— װי רופט מען אים ? חיים־בער ! א סטאָליער איז ער, מיט א פאַרנײטן שראַם אױף דער לינקער באַק. פון װאַנען ? אַן אָקאָלישקער. חתונה געהאַט האָבן זײ נאָך אינדערהײם, פאַרן נדן איז ער טאַקע אין אַמעריקע געקומען צופאָרן.

דער עולם האָט ניט געקענט אײנזיצן, געהײבן זיך, געטומלט, געמאַכט מיט די הענט. ס'האָט ניט געהאָלפן דער הילצערנער האַמער־געקלאַפּ. ס'װײבל האָט מיטן געשלײפטן קבצנישן ניגון גלײך דערשפּירט, אַז זי איז צװישן אײגענע, און אויב זי קען נאָר געהאָלפן װערן, װעט עס זײן דאָ.

— אײ, דו ! סעמקע ! גיב נאָר א קלער : איז עס ניט דער בחור, װעלכן דו האָסט אַרױפגענומען צו זיך אױפן „דזשאָב" ?

— װאו שטײט ער אין „לאָזשי" ?

— מ'װעט זיך דערפרעגן. אָבער ס'װײבל ! װאָס טוט מען מיט איר ?

— „מיסעס", װאוהין זײט איר פאַרפאָרן ?

— איך בין ערשט געקומען ; מיט דער שיף, װאָס גײט אַהערצו פון ניו יאָרק, בין איך אַהערצו געקומען צופאָרן.

מ'האָט זיך געסודעט אין די װינקעלעך, און ס'האָט זי צוגענומען צו זיך אַהײם אײנער א נידעריקער, א גרױ־פּנימדיקער, מיט א געפּאַלענעם שמײכל אין די װײסלען, װעלכן אַלע האָבן גערופן : סעם.

שפּעטער האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר און חיים־בער, מיט צוויי אונטערפירער באַ די זייטן, איז אַריין אין הויז.

ס'וייבל, אַז זי האָט אים דערזען, האָט גאָרנישט ניט געטאָן, בלויז אַ שמאָרע געטאָן מיט די שפּיצן פון די פינגער, איינס — צוויי, איבער די אויגן און אויסגעריבן אַ קוויטשיקן קבצנישן געוויין:

— חיים־בער! וואָס וועט זיין?...

ער איז געשטאַנען, אַ סלופּ אַ פאַרגראָבענער אינמיטן צימער; אַ שטייפער, אַ ברייטביינ־יקער, מיט אַרויפגעקאַשערטע גראָבע קאַטשעלקע־ליפּן, אַ מגושמדיקע, אומגעהובלטע און אָנגעפּעפּערטע נאָז, אַ פּאָר מאָדנע, ווי גראָבער פאַרשטויבטער לייוונט, אָנגעצויגענע ברעמען; און אַז די ברעמען האָבן זיך הילצערן־אומגעלומפּערט אַ הייב געטאָן אינדערהויך, פּלעגן זיי אָפּדעקן אַ פּאָר בלויע אומרואיקע און פאַרשעמטע אויגן.

— צביה! כ'קען ניט! כ'בין ניט שולדיק! כ'קען ניט איינזיצן אַף איין אָרט...

— אָבער, חיים־בער! אַ ווייב! אַ פּיצל קינד! באַ דיר אַלץ גאָרנישט? האָסטו גאָר ניט קיין ברעקל רחמנות, חיים בער?...

ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ סלופּ אַן איינגעגראָבענער אינמיטן צימער, געשאָקלט מיטן שטייפן עקשנותדיקן קאָפּ, ווי ר'וואָלט געווען אַן אייזן, וועלכער נעמט איצט צו האַרטע האַמערדיקע קלעפּ.

— לאָז אָפּ, צביה! כ'בין ניט שולדיק! כ'קען ניט זיצן אַף אַן אָרט...

דעמאָלט האָט צביה אָנגעהויבן ווי איר מאַמע, באָבע און עלטער־באָבע, וואָרצלדיקע דורות קבצנים, אַרויסזינגען איר קלאָג, פאַר פרעמדע מענטשן, מען זאָל הערן, הויך אָפן קול:

— הערט, מענטשן! אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן! אַ בראָך! אַ דונער! אַזוי רעדט אַ מאַן!

און זי האָט יאָמערדיק דערציילט:

פאַרן קנאַפּן יאָר, וואָס זיי זיינען אין אַמעריקע, האָט שוין חיים־בער ס'דריטע מאָל פון דער היים ניט געסטאַיעט. זי האָט אים געפּאַקט אַלע מאָל אין אַן אַנדער אָרט. ס'טרעפט זיך באַ לייטן, מאַן און ווייב קענען צווישן זיך ניט הויזן, מ'קריגט זיך, מ'האָט זיך פיינט. ער — האָט זיך אַ דורע אין קאָפּ אַריינגענומען: ער קען אַף אַן אָרט ניט זיצן. אָט, זעט מענטשן! הערט זיך צו צו זיינע משוגענע רייד...

— לאָז אָפּ, צביה! כ'קען ניט! ס'וועט ניט העלפן קיין רייד.

האָט זיך פאַר דער שוואַכער פרוי אָנגענומען איינער פון חיים־בערס

„אונטערפּירער“, וואָס מען האָט אים גערופן דייוו, אַ לאַנג־פּיסיקער יונגערמאַן מיט אַ רירנדיקן ווייבערשן קול:

— „מיסטער“! איר האָט אַ שטיינערן האַרץ איבערצולאָזן גלאַט אַזוי אַ פרוי מיט אַ קינד. און איר רופט זיך נאָך „גענאָסע“; אַ שאַנדע! פוי...

און דער צווייטער „אונטערפּירער“, אַ געלער, אַ בייזערדיקער, האָט זיך אַף שנאָרכע־קול אויך צעהיצט:

— וואָס שווייגט מען? די ביינער דאַרף מען אים איבערהאַקן, די ריפּן אונטערשלאָגן! רופט זיך אַ גענאָסע און טוט אַף אַזעלכע מיאוסע שטיק...

חיים־בער האָט זיך פאַר די פרעמדע ניט געשראָקן; ס'האָט נאָר אין אים אינעווייניק געברענט פון שאַנד, און ער האָט געליטן דערפון, וואָס מען פאַרשטייט אים ניט; ער האָט זיך געפּרואווט זיי געבן צו פאַרשטיין:

— אַז פון ווען אָן כ'בין אין אַמעריקע געקומען, קען איך ניט איינזיצן... ר'פאַרשטייט, ס'הייבט מיך... ס'שלעפּט מיך פון אָרט! אַזויפיל מענטשן, אַזאַ טומל. ס'גייט זיך אַזוי, ווי אַ בלוט אין די אָדערן. איך קען ניט! לאָזט אָפּ...

איז צביה שוין אַרויס פון די כלים און מיט ווייבערשן כעס, בלוי־פלאַמיקן געגעבן אַ געשריי:

— כלאַיע־בער הילצערנער; אַ חכם ביסטו אין אַמעריקע געוואָרן! אַ קלוגעטשקער, מיט אַזעלכע ריידעלעך! פאַרמאַך ס'מויל!...

און דער הויכער, מיטן ווייבערשן קול, וואָס מען רופט אים דייוו, האָט געוואָלט חיים־בערן מיט גוטן און פרומען איינגעמען:

— הערט זיך איין, מיסטער: וואָס וועט אַרויסקומען פון אייער אַרומ־טראַסקען זיך? ווערט אַ מענטש! קוקט אַף אונדז: מיר זיינען דאָ אַלע אַרבעטער אָרעמע, פּראָסטע; אַז מיר זיינען אָנגעקומען אַהער, אין ניו־העמדען, איז נאָך דאָ געווען חושך־פינצטער, ווי בײַ פּרעהן אַמאָל. האָבן מיר זיך אַ נעם געטאָן, ניט געשלאָפן, אויפגעבויט אַ באַוועגונג. ס'איז שוין דאָ אַ לאָקאַל, אַ יוניאָן, אַ ברענטש, מ'שטייט פון קיינעם ניט אָפּ. ס'רעדט זיך טאַקע לייכטער, ווי ס'ווערט געטאָן: געווען צייטן, אָהאָ, ווען נאָך אַ סאָצעליסט איז מען אין די גאַסן נאָכגעלאָפן. יענע צייטן זיינען שוין אָבער ניטאָ. אָבער קיין אַרבעט פעלט ניט און ס'פעלן נאָך גוטע גענאָסן דאָ אין ניו־העמדען. איר זייט דאָך אַן אונדזעריקער, טאָ פאָלגט מיך: לאָזט זיי אַוועק, די טראַמבעניקעס, די פּוסט־און־פּאַסן! באַזעצט זיך מיט אונדז! ווערט אַ מענטש...

מ'האָט מיט אים לאַנג אַריינגעטענהט, אָבער קיינער האָט ניט אַריינ־געדרונגען צו חיים־בערן אַזוי טיף אין האַרצן, ווי דער לאַנגער דייוו.

אז מען האָט באַמערקט, אז ס׳גייט שוין אַף א דרך, האָט זיך דער עולם אַרויסגעשאַרט, איבערגעלאָזט ס׳פּאָר־פּאָלק א ווײַלע אַליין.

און אז מען איז צוריק אַרײַנגעקומען, האָט מען שוין קלאָר געזען, אז ס׳פּאָר־פּאָלק האָט צווישן זיך שלום געמאַכט.

האָט מען לכבוד דעם שלום א סעודהלע דאָ אַפן אָרט גלײַך געפּראַוועט. די באַלעבאָסטע, סעמס יונג ווײַבל, האָט געקוילעט א פּאָר הערינג, סעם האָט דערלאַנגט ס׳פלעשל משקה. מ׳האָט זיך אַלע אַרומגעזעצט אַרום א נאַרישן טיש, וואָס איז אינמיטן א פּוסטן צימער אַליין געשטאַנען, צוגערוקט אַף צו זעצן זיך א בעט.

— געננאָסע חיים־בער! איר׳ט שוין בלײַבן א ניו־העמדענער. אָהאָ, ניו־העמדען! געננאָסן אײַנער אין אײַנעם. איר׳ט דאָ אַרבעטן, א מענטש ווערן! אז איר׳ט זיך דאָ באַזעצן, וועט איר אַרײַנוואַקסן מיטן וואָרצל, ניט רירן זיך פון אָרט...

— מאָרגן וועט ס׳פּאָר־פּאָלק א דירה זוכן...

און דער באַלעבאָס, וואָס מען רופט אים סעם, א פּעדלער, וועט „סעקאָנד־הענד פוירניטשור" פאַר ביליק געלט אָנקוקן, א בעט און טישל פאַר דער נײַער נעסט.

באַנאַכט האָט מען זיי באַלייגט אַפן דיל און דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע האָבן אָפּגעגעבן דעם אײגענעם קישן פון אונטערן קאָפּ.

אזוי איז ניו־העמדען מיט א נײַער אידישער פאַמיליע באַרײַכערט געוואָרן: חיים־בער דער סטאָליער מיט צביהן, זײַן ווײַב...

ניו־ענגלאַנד — 1932

ניו־ענגלאַנד — פאַבריקן פון אייזערנע שלעסער און טשוועקעס, מעשענע טרובעס, שטאָלענע נייר און שרייב־מאַשינעס, זילבערנע לעפל און גאָפל. אויגן שאַרפע. פינגער געניטע. קופער שטיין־קוילן, סאַזשע און רויך.

אַ צופאַל האָט מיר צוגעשפּילט: דורכפאָרן זיך איבער ניו־ענגלאַנד, זען באַקאַנטע שטעט און מענטשן, פון וועלכע כ'בין אָפּגעריסן געוואָרן מיט עטלעכע יאָר צוריק.

כ'האָב מיין ניו־ענגלאַנד ניט דערקענט.

די לאַנדשאַפט נאָך אַלץ די זעלביקע. דער זעלביקער גרויער אויפגעריסענער שטיין־באָדן, פלאַך־פעלדער מיט פאַרקילטע שיטערע שטעכלקעס, זומפּ־בלאָטעס מיט פאַרגליווערטע קופּקעס גרין ערד און גראָזן, לויפנדיקע ריטשקעס איבער שטיינדלעך. אַלע ווײַלע שטעקט דער ים בלויע וואַסער־צונגען אַרויס...

אָבער די שטעט, די מענטשן, די פאַבריק־קוימענס, וועלכע האָבן זיך אַמאָל אין געדיכטן, פעטן שוואַרץ־רויך געוויקלט, זיי זיינען אַנדערש געוואָרן, שטיל געוואָרן און מאָגער. ס'זעען זיך די ריפּן, ס'סטאַרטשען אַרויס די ביינער. ניו־ענגלאַנד אין 1932טן יאָר דערציילט:

— געוועזן פעטע יאָרן, נאָכדעם זיינען הונגעריקע געקומען, האָט מען פריער אָפּן חשבון פון אַלטן געלעבט, אויסגעזויגט ביזן לעצטן טראָפּן, איצט — כאָטש נעם און זויג אַ ביין...

אַרום סטעמפאָרד, דעם צענטער פון דער פעטענט־שלאָס אינדוסטריע, האָב איך געזען:

פאַבריקן מיט אויסגעשלאָגענע פענצטער און די לעכער זיינען מיט שמאַטעס און קישעלעך פאַרשטאָפּט...

און אַרום די פאַבריקן געהיליך־קופּעס ליגן און שלאָפן, קופּעס קוילן שיטערע, איינגעדאַרטע, ווי פרויען־ניפּלען אויסגעטריקנטע פון עלטער, שוואַכקייט, אויסגעהונגערטקייט, און אַן אומפאַרשעמטע פרעכע האַנט האָט זיי אָפּגעדעקט און דערביי צוגעזשמורעט ביטרע אַן אייגל:

— נאַט, קוקט...

אַרום נאָרוואָלק האָב איך געזען הייזער אָנגעהויבענע און ניט־דערבויטע.

א גאנצע שורה מיט הייזער, אפגעגאסן מיט קאלך און ניט אפגעווישט. דער פארזשמורעטעטער פנים פון בנינים ווינקט צו און דערציילט:

— א טויטע ביינערדיקע האנט האט זיך אויסגעשטרעקט און אלץ אינמיטן אפגעהאקט. אנו, ווענעמס האנט איז עס געווען?...

טשוועקעס־פאבריקן שוויַיגן, ראדיאטארם ארבעט מען ניט, מאשינעס זיינען שטום, ציגל־ווענט מיט א סך קליינע פענצטערלעך זיינען פארמרה־שחורהט און מאנען ברוגזדיק באם דורכפארער אף דער ניו יארק־ניו הייווען באן:

— וואו זיינען איצט די טשוועקעס־מאכער? און די ראדיאטאר־מאכער? הא? וואו?...

מרה־שחורה גיסט זיך פון זיי איבער אף די אספאלט־וועגן, וואו אמאל זיינען אין געדיכטע שורות אטאמאבילן און לאסט־וועגענער געלאפן. איצט איז דארט א סך שיטערער געווארן און די זייטן וועג זיינען אויסגעשפרייט מיט טויטע פארזשאווערטע פגרים פון אטאמאבילן, וועלכע זיינען שוין זייערס אויסגעלאפן און איצט — אין ברוך אוועק.

אגב, ס'איינציקע פלאץ וואו ס'איז לעבעדיק, זיינען די מיסט־אפווארף קופעס. קוקנדיק דורכן וואגאן־פענצטער פון ניו יארק־ניו הייווענער באן, זעט מען דארט, ווי עפעס לעבעדיקס קאפאשקעט זיך, ראיעט און זוכט:

— וואס זוכן זיי דארט, הא?

נאטור וויים ניט פון קיין שפע און אפגאנג. דער טאג — א פעברואר־פרילינגדיקער. אפגעגארטע ריטשקעלעך לויפן איבער א שטיינדל־וועג און פליסטערן גוט־פרילינגדיק. פייער־ציגגלעך לעקן אוים דעם פאראיאריקן אפגעוועלקטן גראז און רוקן זיך צו כמעט ביז די שינעס פון דער באן. זון זילבערט די מיסט־קופעס צוזאמען מיט די אויפגעקארטשעטע זוכער. נאטור האט פאר ניו־ענגלאנד אינמיטן ווינטער, 1932טן יאר, א פרילינג געגעבן:

— נאט אייך! האט הנאה, אויב איר קענט...

אבער די פארביילויפנדיקע פנימער פון קרעמערלעך, וועלכע שטייען בא די טירן פון זייערע קלייטן, זיינען זויערדיקע. ציגענע געפלעפטקייט קוקט פון די אויגן ארוים. זי פרעגט זיך נאך באם עולם פונעם דורכלויפנדיקן וואגאן:

— וואס איז עס געשען? מסחרים פלוצלונג קאליע געווארן. ניו־ענגלאנדער געשעפטן ליגן אין דר'ערד...

און געפלעפט, דאכט זיך, זיינען אויך די הינער אין שטייג, דער האן אפן פארקאן, דער „פינאט"־פארקויפער אין וואגאן, דער עולם אין די פליושענע שטולן. ניט געפלעפט בלויז איז מיין שכנה, אן אינטעליגענטע ניו־

ענגלאַנדער דאַמע, אין אַ גרינעם קלייד, וועלכע האָט אַרויפגעזעצט אַ פּאָר פּענסנע אַף איר פּליישיקער נאָז, אויפגעעפנט אַ בוך, וואו אַ שנירל איז געווען פאַרלייגט און פאַרלייענט זיך מיט אַזאַ געהויבענעם אינטערעס:

דער נאָמען פונעם בוך — „אַדאָלעסענס"...

זי האָט גאָר ניט באַמערקט, ווי אין גרינוויטש זיינען אַרום אַ הייב־מאַשין, וועלכע האָט געפּירבעט און געשלעפּט שטיינער, געשטאַנען נייגעריקע לײדיק־גייער, קופּעסוויז, צענדליקער און מיט הונגעריקער קנאה געקוקט אַף דער פאַרנומענער מאַשין, מיט אירע עטלעכע לעבעדיקע העלפער...

זי האָט ניט באַמערקט, ווי צווישן עולם האָט זיך דאָרט געשטופּט איינער אַ שטייפער, אַ ביינערדיקער, אַף וועמען די בלויע „אָוועראָלס" זיינען געווען אָנגעצויגן און האָבן געפּלאַצט אין די נאָטן. איין האַנט האָט ער געהאַלטן פאַרלייגט מאָדנע: אַ פויסט פון ערשטן האַלבן האַנט איבערגעלייגט איבערן מוסקול פון צווייטן. וואָס'ט ער זיך דאָרטן געשטופּט? וואָס האָט אים אַזוי געצויגן...

אָט איז ברידזשפּאָרט: אַ שטאָט, וואָס האָט זיך אַמאָל טאָג און נאַכט אין רויך געבאָדן. איצט איז דער רויך שיטער. פאַבריקן פּוסטע. אין די בלינדע אָנגעפּיקעוועטע פענצטערלעך ברענען קיין לעמפּלעך ניט. טויט איז „אינטערנעשאָנאַל סילווער", טויט איז „טשיין", „ווייער", ס'קוקט ניט אַרויס פון ערגעץ דער פאַרסאַזשעטער פּנים פונעם מעכאַניקער. אָט איז אַ „קעסקעט"־פאַבריק; איז זי אויך טויט. וואָס איז? מען שטאַרבט שוין גאָר ניט? אָדער מ'האָט טויטן־אַרונות אויך צופיל אָנגעגרייט? און ווידעראַמאָל, צום וויפלטן מאָל, די זעלביקע פראַגע:

וואו זיינען איצט די זילבער־מעכאַניקער? די קייטן־מאַכער? די דראָטן־מאַכער? טאָקע; וואו?...

ס'לויפן פאַרביי שורות אָפּגעקאַלופּעטע, אָפּגעקראַכענע הייזער. אָרעמע שטיקלעך וועש וויגן זיך אַף ענגע־שטריקלעך. קינדער פירן וועגעלעך שפּענער און האָלץ. אין די כאַנעס ווערגן, שטיקן זיך די אויסגעשפּיגענע פאַבריק־הענט. וואָס טראַכטן זיי דאָרט? וואָס דענקען זיי? ווי לאַנג נאָך וועלן זיי דאָרט אינעווייניק קלערן?...

דער עולם אין וואַגאָן איז אַ שיטערער. ס'פאָרט „טרעש": אַגענטלעך, „סיילסלייט", עלטערע פרויען. אין ניו־הייווען וואַרפט זיך אַריין אַ כאָפּטע יוגנט, וואוילגעריסענע יעיל־סטודענטן, פאַרפּוצט אין האַריקע קעמל־מאַנטלען. ס'גיט אַ טומל מיט „סלענג", גאָלדן־יונגערישער ראַשיקייט און זאַטן הירזשען. ס'קומען אויך אַריין פּראָפעסאָרן מיט פּראַנצויזן־בערדלעך; זיי מאַכן זיך באַקוועם אין די פּליושענע שטולן.

אין ניו־הייווען האָב איך גנזען אַ קוימען, וואָס האָט קוים גנאָטעמט מיט ווייסער פּאַרע, פּונקט ווי ער וואָלט עס איצט דאָס לעצטע חיות פון זיך אַרויסגעזשיפּעט; איינער אין אַ ריי פון אויסגעלאָשענע טויטע קוימענס...

וואו איז „ווינטשעסטער", וועלכע האָט אין די מלחמה־יאָרן טאָג און נאַכט קוילן־קייקעלעך געוויקלט? די פאַבריקן פון ספּאָרט־ביקסלעך? וועקזיינערס? פוסגליטשערס? און ווידעראַמאָל: די מעכאַניקער, בעלי־מלאכות, וואו זיינען זיי איצט? וואו טאַקע?...

ס'פליט ווייטער דער וועג, אויסגעבעט מיט בלעטער פון ניט־געפּאַלירטן אַלטן גאָלד. בלעטער פון עלמס, דובן און ליפּעס. שפּרינגען פאַרביי ישובים: פאַרקלאַפּטע פאַבריקן, אָפּגעקאַלופּעטע ברעטלדיקע הייזער. מאַשינעס אַפן וועג — ווינציק, שטיל, שוויינגדיק. ניו־ענגלאַנד האָט אַרונטערגעלאָזן דעם קאָפּ און זיך פאַרמרה־שחורהט...

עס שווייגט נאָר ניט מיין שכן פון דער צווייטער באַנק; אַ גראָבלעכער, שטייף־פּנימדיקער, מיט אַ פּאָר האַרנדיקע ברילן אויף אַן ערנסטער נאָז. ער איז אַפּנים אַן אַגענט פון אַ פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט, האָט ער זיך גענומען צו „ביזנעס", באַאַרבעטן זיין שכן.

— איז עס אַזוי געווען: כ'האָב אים צוגערעדט, נעם אַרויס אַ פייער־פּאָליסי. נעם און נעם. כ'האָב אים די פּאָליסי אין שטוב געבראַכט. וואָס אַרט עס דיך, האַלט. וואָס איז אַ „ביזנעס" אָן „אינשורענס"? ער אָבער איז איינגעשפּאַרט: ניין און ניין. מיינסטו וואָס איז געשען? איך האָב די פּאָליסי צוריקגענומען און באַ אים איז דעם זעלביקן טאָג די „ביזנעס" פאַרברענט געוואָרן, צען טויזנט דאָלאַרן ווי איין פּעני פאַרלאָרן אין אַ מינוט— צען טויזנט...

ער דערציילט זיינע נסים אויף אַ הודזשענדיקן מאָנאָטאָנעם קול, דערוואַרעמט זיך אַליין פון די אומגעוויינלעכע געשעענישן און פּאַטשט שוין דעם שכן אין פּלייצע:

— געפעלן דיר די מעשה? ווי געפעלט עס דיר? גוט? האַ?...

זיי באַמערקן ביידע ניט ווי עס פליען פאַרביי וואַלינגטאָן, מערידאַן מיט פאַרשטויבטע צוגעשלאָסענע זילבער, מעש און קופּער פאַבריקן; ווי אויף די הויפן שטייען בעלי־מלאכות, ווי אַרויסגעוואָרפענע היימלאָזע יתומים, און שפּילן זיך מיט פּאָדקאָוועס: ווער ס'וועט ווייטער די פּאָדקאָווע פאַרוואַרפן? זיי האָבן דעם אַלטן מעכאַניקער אַפן צעפּאַלענעם גאַניק ניט באַמערקט:

— אַ וועלט — משוגע. אָנגעגרייט, אויסגעאַרבעט! רו זיך אויס אין נחת און וואוילטאָג. און דאָ ווערט מען נאָר געשוואָלן פאַר הונגער...

און אין האַרטפאָרד האָבן יוסטע באַלעבאַטים זיך פאַרקלאָגט:

— באַרבאַרן! וואָס האָבן זיי צו אונדז? די „פּרענטש״-טירן...

די מעשה איז טשיקאַווע צו הערן און שטוינען:

יוסטע באַלעבאַטים האָבן אין פֿליישיקע יאָרן הייזער זיך איינגעקויפֿט. קלוגעטשקע האָבן איינגעהאַנדלט הייזער אין די אָרעמע נעגערשע געגנטן. אַ וויטער בליק: רייכע נחלות וועלן אפֿשר פֿון פּרייז אַרונטער, אָרעמקייט בלייבט שטענדיק אָרעמקייט און דאָס דירה-געלט וועט מען אַרויסרייסן. איז געקומען 1932טער יאָר. ניטאָ וואָס צו רייסן, ממש גאָרנישט. און דער דערשלאָגענער נעגער איז אַפּנים שוין אויך ניט אַזוי דערשלאָגן ווי געווען. זיצט ער אין כּאַלופּע און שווייגט ביטער: וואַרף אַרויס, אויב דו קענסט! קאַלט, ניטאָ מיט וואָס צו הייצן; רייסט ער אַרונטער די „פּרענטש״-טירן, אַ ירושה פֿון אַמאָליקע יאָרן, און שפּאַלט זיי אַף קינדל-האָלץ אין אויוון אַריין. יוסטער באַלעבאָס קאַכט זיך, שפּייט מיט גאַל:

— גוואַלט, די „פּרענטש״-טירן!...

אַף די גאַסן גייען דאָרט אַרום, ווי שאָטנס, די ווייסע-קאָלנער-שקלאַפֿן פֿון די „טרעוועלערס״, „לייף״ און אַנדערע פֿאַרזיכערונג-אַנשטאַלטן. שוואַך די געשעפֿטן, קראַצן מער ניט פּענעס. דאָס לייב-קאָליר פֿון מיידלשע זאָקן איז פֿאַרשטויבט, דער מענערשער אויסבינדער — צעקנייטשט און אויס-געקרימט, אין הארצן גנבעט זיך שוין מסתמא אַ ספֿק:

— ווער ווייסט זיי! איינגערעדט, אַז פֿון אַלץ קען מען זיך „אינשורן״, אַז „אינשורענס״ איז דער גיבראַלטאַר. עס שטימט ניט, אַז דער „גיבראַלטאַר״ אַליין האָט זיך צעטרייסלט...

כ'בין געזעסן באַם פֿענצטער, אַריינגעקוקט אין לויפֿנדיקן פֿלאַך-לאַנד פֿון ניו-ענגלאַנד, געזוכט נאָכאַמאָל דעם אַלטן מעכאַניקער אַף זיין איינ-פֿאַלנדיקן גאַניק:

— משוגע! אַ לעבן געאַרבעט, אָנגעגרייט, אָנגעהורבעט! אָפּרוען האָט מען זיך געקענט אין נחת און וואוילטאָג, און דאָ — שטאַרב פֿון הונגער...

דער וועג איז געווען אויסגעאַרבעט מיט בלעטער פֿון ניט-פֿאַלירטן אַלטן גאָלד, געשניצטע בלעטער פֿוןביימער...

IV

שטאָט

שטאָט

פרעג איך:

— שטאָט, מיין שטאָט, זאָג מיר, ווער איז דיין טאַטע געווען?

— קין, דער ברודער־מערדער.

אַ סך יאָרן האָט ער געוואַנדערט איבער אַ פּוסטער וועלט. איינער אַליין מיט זיין ברענענדיקער חרטה. איינזאַמקייט־סם האָט זיין בלוט צעפּלאַקערט, נאַכט־שאָטנס האָבן זיין האַרץ מיט שרעקנס אָנגעפּילט. זיין אייגענער ווייטיק־קול איז צוריק אַף זיין קאָפּ געפאַלן און אים מיט אַ דונער־שווערקייט באַטויבט. און אַז זיין צער האָט זיך ווי שוימיקער וויין איבער אַ פולן בעכער איבערגעגאָסן, דעמאָלט האָט זיך די זעאונג פון דער צוקונפטיקער ברידערלעך־טומלדיקער שטאָט אים פון ווייטנס אַנטפּלעקט...

— שטאָט, מיין שטאָט, זאָג מיר, ווער האָט דיין ערשטן פונדאַמענט געלייגט?

— די טורעם־בויער פון בבל.

אַף אַ פעלד האָט זיך אַ גרויסע מחנה צונויפגעקליבן. אויסגעקרימטע פּנימער, ברענענדיקע אויגן, קריצנדיקע ציין. האַסטיק האָט דאָס בלוט געריזלט אין די אָדערן. שנאה האָט, ווי ים־כוואַליעס, זיך צעשוימט. העגט האָבן זיך קעגן הימל אויפגעהויבן, אַף אַ ווײַלע זיינען די הענט הילפלאָז אַראָפּגעפאַלן, נאָכדעם האָבן זיי רידלען אין די פינגער איינגעשטייפּט. אַ וועג צום הימל האָבן זיי גענומען בויען...

— שטאָט, מיין שטאָט, ווער זיינען דיינע ערשטע קינדער געווען?

— אַנטרונענע אין די ערי־מקלט.

האָט זיך אַ ברודער מיט אַ ברודער באַם שטילן געצעלט־פייער ניט געקענט איינלעבן, האָט אומרואיק בלוט די פעלד־רואיקייט ניט געקענט פאַרטראָגן. האָט ער געזעצן אומגערן געבראָכן. האָבן זיינע הענט ניט־ווילנדיק אומשולדיק בלוט פאַרשפּריצט. איז אים די חרטה נאָכגעגאַנגען. האָט אים די וועלט־נקמה ווי אַ שלאַנג נאָך די פיס־פּיאַטעס געיאָגט. איז ער אַהינטער די שטאָט־טויערן אַנטלאָפן און דאָרטן זיין שוץ געזוכט. האָט ער זיין אייגענע אומרו מיט דער שטאָט־אומרו אויסגעמישט. ער האָט זיך דאָרטן באַזירט און געלאָזן וואָרצלען...

— שטאָט, מיין שטאָט, ווי אַלט ביסטו ?
— זייער אַלט און אייביק יונג.

שטראָמענדיק איז דער שטאָט־אָטעם. שטענדיק פליסט ער, גיסט זיך איבער, צעשמעלצט זיך און ווערט געבוירן אַף דאָס ניי. האָט דער הימל זיין אומרו אין שוים־כוואַליעס פאַרקערפּערט, האָט דער מענטשלעכער אימפּעט פאַר זיך זיין אומרואיקע שטאָט געבויט. שטאָט און ימען, וואַסער־ברויז און גאַס־פאַרפּלייצונג — דאָס זיינען אויסדרוקן פון אייביקער אומרו; זיי ווערן קיינמאָל ניט אַלט.

— שטאָט, מיין שטאָט, שיין ביסטו ?

שוין פאַרטאָג, ווען אַ בלויער נעפּל הויבט זיך אויף פון די אַרומיקע וואַסער־וועגן. פיין־געקרייזלטע דינע כוואַליעלעך פּאַטשן־צו אונטן, באַלעקן שטיל דעם שטאַטישן זוים און אויבן דער נעפּל זיפּט זיך, שטראָמט, שפּרייט זיך פאַנאַנדער און הענגט קרויניק איבער פלאַכע דעכער און געוועלבטע לופט־הענגענדיקע בריקן. ס'פאַרשווינדן די גרענעצן פון גאַס און גאַס. ס'טוליען זיך צוזאַמען אין פאַנטאַסטישער וואַלד־געדיכטקייט בנינים און בנינים. ס'קוקן בלינד טויזנטער אויגן־פענצטער אין נעפּל אריין. הויבן זיך שווערע שטיין־קערפּערס, ווי רוקנס פון ריזיקע חיות, דורכן נעפּל צום הימל ארויף. הודזשען זיך פאַנאַנדער פייפלעך, ענטפערן אָפּ צעוויגטע גלאָקן. גרילצט אייזן טראָגנדיק זיך מיט אימפּעט אַף צעאָדערטע רעלסן. מישט זיך צוזאַמען גרויער רויך מיט בלויען נעפּל, צעשפּרייטן זיך הייטלדיק, וויקלען איין אַ ניט־דאָאיקע שטאָט אין אומרו און סודות...

שוין באַטאָג, אַראָפּקוקנדיק פון דער הויך פון פליענדיקע וואַגאָנעז, לויפט אַוועק אַ גאַס נאָך אַ גאַס, אַלצאייניקע, שמאָלינקע, קעסטלדיקע, איינ־געקוועטשטע צווישן צוויי שורות בנינים. שפּרינגט אויף אַ וואַנט קעגן אַ וואַנט. באַלייגט זיי פון אויבן אַ געשניטענער שטיק הימל. ווימלט אונטן, פּויזן אַרום אין האַסטיקער רירעוודיקייט קליינינקע שוואַרצע באַשעפעניש, וואַרפן זיי פרייליך דין־דינינקע פיסלעך הין און צוריק, צוריק און אַהין. טראָגט זיך אין דער הויך אַ טומל, ווי פון צעשפּריצטע וואַסער־שטראָמען איבער פעלזיקע שטיינער. שליידערט זיך דאָס לעבן שטיק נאָך שטיק, בלעטערט די שטאָט איר אומרואיקן בוך, גאַס נאָך גאַס, קוקט אַרונטער דאָס אויג, שלינגט איין די גאַסיקע אומרו, יאָגט זי נאָך אין זיין פליען. טראָגט אַוועק צום האַרצן און קען ניט ווערן זאַט.

קומט דער אָוונט און באַשפּרינקלט די שטאָט מיט בליץ־פּינטלען פון עלעקטרישן ליכט. שלאָגט די אומרו פון ווייסן פייער, צעשפּריצט זיך אין די שטראַלן, זאַפּט זיך איין אין דער לופט, טרינקט זיך מיט איר אָן דער

געדיכטער עולם דורכגייענדיק. ווערט זייער בליק שאַרפער, ווערן די פּיס־טריט אימפּעטדיקער. צעשפּרייטן זיי זיך איבער די ווייסע שטאָטישע וועגן, פּילן איבער די גאַסן, פאַרפּלייצן די טראָטוארן, זוכן אַן אָרט, וואו אין קינסטלעכן רעשדיקן פרייד צו פאַרטויבן דעם אומרואיקן געשריי פון די בלוטן. דרייען זיי זיך אַרום, ווי פאַרבלאָנדזשעטע אין שיין פון פאַרכישופטן ליכט.

— שטאָט, מיין שטאָט! קרעפּטיק ביסטו!

ברומט די שטאָט, צעגיסט זיך אין ליאַרעם. סקריען רעלסן, הילכן אָפּ ווי צעבראָכלטע שטיין־בערג און פאַלן. אימפּעט־יאָגנדיקע רעדער, שרייען ברוקן אונטער טראַמפּלענדיקע פּיס. גיסט זיך דער טומל אויף צוזאַמען, פאַרשמעלצט זיך אין אַן איין־שטיקיקן לאַנג־אויסגעצויגענעם מעטאַלענעם געשריי. זופּט זיך די לופט אָן מיט ברוזנדיקן גערויש. אָטעמט מען אריין די לופט, ווערט מען באַזויפט, באַשיכורט. ציען זיך ווי שטאָלענע פּרענטעס אָן די אָדערן, ווערט דאָס מענטשלעכע בלוט געמישט מיט שטאָל...

פרעג איך:

— שטאָט, מיין שטאָט! אַ ליידנדיקע ביסטו?

— יאָ, איך לייד.

— קען מען דיינע ליידן מיט אַ נאָמען אָנרופן?

— צאָרן און תאווה.

— צאָרן?

פאַרגעסן האָט דער שטאָט־בויער דעם וועג צום הימל און האָט אומזיניק שטיין אויף שטיין גלאַט אַזוי גענומען הייבן. איז פאַרפרעמדט געוואָרן אַ ברודער איינער צום אַנדערן. ווי אין אַ נעץ איז מען צוזאַמענגעפּלאָנטערט, ווי אויף אַ האָטשיק מיט גוואַלט פאַראייניקט. טרעפט מען זיך פּנים צו פּנים, רוקט מען פּלייצע צו פּלייצע צו טראָגן דעם שווערן שטאָטישן יאָך. נאָר דער בלאַסער עלנט־וואָרעם האָט צום האַרצן זיין וועג אויסגעגריזשעט. ווען דער שטאָט־בויער האָט די אַרבעט פון זיינע הענט באַקוקט, האָט ער פאַרכמורעט זיין שטערן, אָנגעגאָסן זיך מיט רויטן צאָרן און חרטה געהאַט אויף דעם, וואָס ער האָט געטאָן...

— און די תאווה?

אַ צווייטער וואָרעם, אַ גרינלעכער, האָט זיך טיף אין האַרצן פאַרקליבן און די פרייד פון דאָרטן אויסגעצויגן. איז פאַרשוואונדן די פרייד פון לעבן, די פרייד פון שאַפן. גייט ניט אַריבער קיין שעה, קיין רגע און דאָס שטאָטישע לעבן עפנט פאַנאַנדער איר קרום תאווהדיק מויל, שפּייט מיט גאַל, קייכט פון געלעכטער, שטשירעט מיט די ציין. תאווה אָפן שוועל פון הויז,

אפן שוועל פון געשעפט, אַף יעדן שוועל פון מענטשלעכן צוזאַמענקונפט. ווערט די שטאָט פון תאווה צעפרעסן, ווערן אירע פונדאַמענטן פון תאווה צעפוילט...

— שטאָט, מיין שטאָט! ליב איך דיך אָדער איך האַס?

— דו ליבסט!

— גלויב איך אין דיין צוקונפט?

— דו גלויבסט!

— וואָס וועט דיין צוקונפט ברענגען?

— דעם וועג צום הימל און ברודער־פאַראייניקונג!

— ווען די צוקונפט קומען?

— זי וועט קומען!

— וועט זי זיכער קומען?

— זיכער. גלויב, האָף און קעמף!

אַף דער גאַס

אַמאָל איז די גאַס אַ יונגע געווען, איצט איז זי אַלט און אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן. מיטן עלטער קומט די געפאַלנקייט. אויסגעטראָטענע טראָטואַרן, פליכעוואַטע אָפּגעקראָכענע ווענט פון ציגל און דער טומל אין גאַס — אַן אָן־כוחותדיקער הוסט פון אַ צערייצטן עובר־בטל...

זומער אין אַ מיטנטאָג גיט נאָך דער שטיין־ברוק ערגעץ־וואו זיך אַ חנדל, באַלעקט זיך מיט אַ ווייס־זוניקן פּאַס ליכט. ווינטער איז דאָ כמורנע, און ס׳יונגע שטיק הימל אויבן פּאַסט זיך אַזוי ניט צום אַלטן גערומל. דאַכט זיך, יעדעס שטיינדל אין גאַס בעט זיך:

— שפּאַסט ניט פון אונדז. ניט אַזאַ הימל דאַרפן מיר. גיט אונדז אַן אַנדערן, אַ בלעכענעם און אַ פאַרזשאַווערטן...

די געשעפטן זיינען דאָ אויך אַלטע. די פענצטער פאַרקאָוועט אין איינ־געביסענעם טרוקענעם שטויב. מ׳פאַרקויפט דאָ מערסטנטיילס אַלטע קליידער, אַלטע מעבל, אָפּגענוצטע, דורכגעזשאַווערטע וואָג און שאָלן און „קעש־רעדזשיסטערס”. אַף די ראָגן שטייען רעסטאָראַנען; אין די פענצטער, אָן גלאַנץ, זיינען אויסגעשטעלט אָפּגעשונדענע הינער, געדעמפּטע גאַנצע שטיקער פליייש, טאָרטן אין שיסלען — אַלץ אָפּגעדעקט, אַנטפּלעקט, נאַקעט, ווי איינער זאָגט:

— אָט דאָס, וואָס מיר זיינען! אָן פליטערלעך... נאַט און זעט...

אָט־די גאַס ציט צו זיך צו דעם מענטשלעכן אָפּפאַל פון שטאָט. דאָ שלעפּן זיך מערסטנטייל אַרום שיכורים, טרעמפּס, ליידיקגייער, מענטשן מיט פאַרדאַרטע אָפּגעשטאָרבענע האָפענונגען. ווי וואַנצן אין אַ שפּאַלט, נישטערן זיי דאָ אַרום ראָיעסווייז. אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, ווינקען זיי זיך איבער מיט די הייזער אין גאַס און רעדן צוזאַמען איין לשון:

— דאָס זיינען מיר! נאַקעטע, אָן פליטערלעך! קוקט...

דער עולם איז דאָ אַן איינאַרטיקער. אַלע צאַמען פון שפּראַך, פאָלק און אַלטער היימישער ירושה זיינען איינגעבראָכן געוואָרן. קיין זאַך האָט זיך ניט געקענט אַוועקשטעלן אַנטקעגן דעם גרויזאַמען אמת:

— אַ פאָלק פון הונגער און אונטערגאַנג! איין פאָלק...

און די הייזער פון גאַס, מיט פליכעוואַטע אָפּגעריבענע ווענט פון ציגל, האַלטן אונטער און באַשטעטיקן עס:

— יאָ! אַלע אַלצאַיינע...

נאָר איין הויז אין גאַס שטייט שטאָלץ און האָפּערדיק, מיט פּאַרריסענער ניט־געמינערטער גאוה — אַ באַנק־געשעפט.

ס'הויז זעט אויס ווי אַ קלויסטער־טורעם. אַזוי האָט מען אין אַמאָליקע ציַיטן געבויט: קלויסטערס און באַנקען. געמאַכט פון סאָלידע שטיין־בלאָקן, וועלכע זיינען פון עלטער פאַרגרויט און טונקל געוואָרן. זיי האָבן, ווי ס'דוכט זיך, אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם זשאַווער פון עלטער, די שטייפקייט פון פאַר־טריקנטע איינגעקנייטשטע טעג און יאָרן. זיי האָבן זיך מיט דעם אָנגעזופּט און געוואָרן נאָך שטייפער און פאַרריסענער בא זיך:

— קוקט, ווי אַלט מיר זיינען! גרוי און מאָכיק! די צייט אַליין קען אַף אונדז קיין שליטה ניט האָבן! דער גיבראַלטאַר־פעלדז...

די פענצטער זיינען געבויט אין אַלטן אַמאָליקן סטיל, מיט שויבן טונקעלע, צעקעסטלטע, ס'גלאָז אָנגעשטאָפּט מיט דראָטענע אָדערן און איינ־געשמידט אין גרוי־אייזערנע גראַטעס; פון דער דרויסנדיקער זייט שטעקן אייזערנע פאַרשפּיצטע הערנער, ווי ציינער פון אַ פאַרשטיינערטער פאַר־מבול־דיקער חיה. דער אַריינגאַנג אין באַנק איז דורך אַ שמאָלן קאָרידאָרל, מיט אַ שוועל פון רונדע שווערע שטיינער, אויסגעלייגט ווי אַ קישן. דאָס קאָרידאָרל אַליין איז אויך אויסגערונדיקט, בייכלדיק פון צוויי זייטן און די טירן זיינען צוגעריכט מיט אַמאָליקע אַלט־שמידיקע קלאַמערס און פאַררוקערס. באַ־דערנאַכט, אַז דאָס געשעפט שליסט זיך צו, לאָזט זיך פון דער אַנדער זייט טיר אַרונטער אַ שטאָלענע געפלאָכטענע רעשעטע, אַ דעקל איבער אַלט־קעניגלעכן גילדערנעם קבר:

— קיינער זאָל אַהער ניט צוקומען! אין גיבראַלטאַר־פעלדז ליגן אוצרות פאַרגראָבן! מיר היטן...

אַמאָל האָט דאָס באַנק־געשעפט געפירט מסחר מיט קרעמער און הענדלער פון דער שכנות. איצט אָבער, אין דער ירידה־צייט, האָט עס זיך פון זיי אָפּגעטרייסלט. אַ בייניקע האַנט האָט זיך פונעם גרויען בנין אומבאַמערקט אַרויסגעצויגן און טוט עפּעס, האַנדלט און וואַנדלט ערגעץ אין די מרחקים...

שיטערלעך קומט אַהער צוגיין אין די געשעפט־שעהן פון דער מיטנוואָך די באַנק־קליענטור, קלויסטער־מייז, פאַרעלטערטע, שטילע, חשובינקע. די מאַנסבילן מיט שוואַרצע קיילעכדיקע קעסל־הוטן אַפן קאָפּ, ווייבער אין קעצענע פוטערס. אַמאָל, אין אַ נאָווינע, געטריבן פון פּשוטן ליידיקגייעריש ניי־גיר, קומט צו גיין אַהער אַ טרעמפּ, נעמט זיך אָן מיטביידע הענט פאַר

די אייזערנע הערנער, וואס סטארטשען ארום די פענצטער, און קוקט אריין אינעווייניק...

אבער צו לאנג קען ער זיך דארטן ניט פארהאלטן: די קלויסטערדיקע סודותדיקייט פארטרייבט אים פון זיך. ער ריכט זיך צו זען קופעס גאלד, הויפנס געלט-פאפירלעך; אנשטאט דעם באמערקט ער גאר נייע צוימען און רעשעטעס. ער גייט בעסער צו א רעסטאראן-פענצטער. דארטן, אן גלאנץ, זיינען אויסגעשטעלט אפגעשונדענע עופות, געדעמפטע פליישן, חלות און טארטן, פארשטויבט, אפגעדעקט, נאקעט, ווי איינער זאגט:

— אן קונצן! אט דאס, וואס מיר זיינען! נאקעטע, אן פליטערלעך... קוקט...

דארטן עסט ער זיך איין אין שויב מיט די אויגן און לעקט דעם שפייעכץ מיט טעם...

:: :: ::

שבת בארערנאכט איז א שיכורער טרעמפ איבער דער גאס געגאנגען שפאצירן.

די הענט אין די טאשן, א פריילעכער, א האפערדיקער: ס'פערטל-דאלארדיקע אף א בעט און נאכטלעגער האט זיך שוין אויך בא אים אין קעשענע געבאמבלט...

אמת, ער האט געהאט זיין „ווארים", אן אומאנגענעמלעכקייט, וואס האט אים גענאגט באם הארצן: גיכטערערהייט האט ער אפן בולעטין-ברעט פון „האטעל" געפונען א בשורה, אז זיין חבר, א היימלאזער אזוי ווי ער, איז היינט אין שפיטאל געשטארבן.

האט זיך דער טרויער אויסגעמישט מיט ביטערקייט פון שנאפס און ער האט אליין ניט געוואוסט, וואס ער דארף איצטער טאן — וויינען אדער לאכן?

אייגנטלעך, איז ער עס איצטער געגאנגען אין שפיטאל אריין, נאר אזוי ווי דער וועג האט זיך בא אים פארפלאנטערט, האט ער בא די באגעגנטע געהאלטן איין נאכפרעגן:

— ברידערלעך, זאגט מיר, ווי אזוי גייט מען אין שפיטאל? אהין, צי אהער?...

אזוי ווי ער האט איצט קנאפ-וואס געוואוסט פון רעכטס און לינקס, האט עס אים ניט אויסגעמאכט, אבי ער גייט אין שפיטאל אריין. פונדעסטוועגן איז ער נאך ניט געווען אינגאנצן זיכער און מיט א הארציקן בעטל-קול זיך אלץ נאכגעפרעגט:

— ברידערלעך! דער בעלוויו שפּיטאָל, וואו נעמט מען זיך? אהין, צי אהער?...

גייענדיק אזוי, האָבן די פיס באַ אים אָפּגעחלשט און ער האָט זיך לעבן באַנק־געשעפט אוועקגעשטעלט אָפּרוען.

ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צום ווענטל פון שמאָלן קאָרידאָר. די באַנק איז שוין געווען פינצטער און פאַרמאַכט, די שמאָלע רעשעטע פון טיר אַרונטערגעלאָזן. קיינער האָט אים ניט געשטערט, און ער האָט פאַרלייגט דעם קאָפּ אַף אַ שטיין, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרטשעט פון דער זייט פונעם בייכל־דיקן קאָרידאָר, און גענומען אָפּציען דעם אָטעם.

דערווייל האָבן זיך די אויגן גענומען גלאָצן און פאַרמאַכן, פון האַלדז האָט אַ ניט־גוטסקייט געשלאָגן, וואָס האָט זיך געריסן פון אינעווייניק און אויפגעקרעמפּעוועט אַלע שטיקער מיט איבל און ווייטיק. מיט אימפּעט האָט זיך דער טרעמפּ נאָך שטייפער איינגעקלאַמערט אין דער בייכיקער רונדקייט פון שטיין, וואָס האָט אים אויפגעהאַלטן פון פאַלן. דורך דער ניט־גוטקייט האָט זיך דורכגעפּלאָכטן אַ בייסיקער אומעט...

אפשר די בייכיקע געגלעטקייט פון שטיין, אפשר עפּעס גאָר אַנדערש, נאָר דער טרעמפּ, וועלכער האָט קיינמאָל אַף זיין לעבן קיין מאַמען ניט געזען, האָט מיטאַמאָל, אַרומנעמענדיק זיך מיט דער פּאָדערשטער וואַנט פונעם באַנק־קאָרידאָר, גענומען פּלוידערן און רופן:

— מאַמע! מאַמע....

און אַז די גאַליקייט האָט שוין געשפּריצט פון זיין סמיקן האַלדז און דאָס אינעווייניקסטע אין אים האָט זיך געריסן אַף שטיקער, האָט ער נאָך אַלץ געשטיקט די פינגער אין אַלטן פאַרשימלטן שטיין און מיט אַ געבראָכענער בעטלדיקייט געפּלוידערט:

— מאַמע!...

און מיט אַ מאָדנער צעהיצטקייט האָט ער זיך פּלוצלונג אַ וואָרף געטאָן, און מיט ליפּן פאַרשוימטע, אָפּגעברענטע פון אינעווייניקסטן סם גענומען טשמאָקען די וואַנט פון שטיינער. זיין באַק, אַ ווילדע, אַ פאַרוואַקסענע מיט שטעכיקער האָריקייט, ווי אַ פערדישע באַרשט, האָט ער געטוליעט נעענטער און שטייפער; די גאַנצע צייט האָט ער ניט אויפגעהערט צו פּלוידערן:

— ניט גוט איז מיר! אומעטיק! העלף! מאַ־אַ־מע...

נאָכדעם איז דער טרעמפּ פון די פיס אוועקגעפאַלן; און אַז ער איז געפאַלן, אָפּזעצנדיק אַפריער דעם קאָפּ אַפן קישלדיקן שטיין־שוועל, האָט ער זיך איבערגעדרייט פון איין זייט אַף דער אַנדערער, אַ בורטשע געטאָן עפּעס פאַר זיך, צעשנאָרכט זיך מיט דער נאָז און איז אַוועק שלאָפן...

איז ער אַזוי געלעגן: דער קאָפּ צוגעטוליעט צום „גיבראַלטאַר־פעלדז״, זײַנע פּיס, לאַנגע, פאַנאַנדערגעצווײַגענע דראָנגעס, מיט אויסגעריבענע פּיאַטעס — צום דורכגייענדיקן עולם, און דער הינטער־טייל זײַנער, אַן אויפגעפּויזטער, צעקאָרטשעטער שמאַטע־זאַק, אַן אַרויסגעוואָרפן געשאַנק־פּעקל, פאַר יעדערן, ווער ס'וויל עס האָבן — אַנטקעגן דעם בלויען אײַביק־יונגן שטיק פון גאַסיקן הימל...

די באַנק, מיט אירע גרויע אַלט־מאָדישע שטיינערנע בלאָקן, איז געשטאַנען, צוגעקוקט זיך און זיך נאַכטיק געכמורעט...

דאָס מענטשעלע

צוויי ציילן הייזער, פון צוויי אַנטקעגנדיקע באַזונדערע גאַסן, האָבן זיך הינטערוויילעכס געדרוקט איינע אָף דער אַנדערער, אַנגעריירט זיך און דער־לאַנגט אַט־אַט מיט זייערע דומפּיק־ציגלנע הינטער־חלקים. נאָר צווישן שטוב און שטוב איז געלעגן אַ שמאָלער פינצטערער שניט, באַהיטלט פון אויבן מיט אַ קראַנקלעכן פּאַס ליכט, דאָס וואָס מען רופט אָף אונדזער ניו־יאָרקער לשון: דער „סקיי־לייט".

די שטיבער זיינען געווען זייער אַלטע; אין זיי האָבן געוואוינט פּאַמיליעסווייז מענטשן. אַט אַזוי זיך! געלעבט, געוויינט, געלאַכט, געליבט זיך, פאַרעלטערט געוואָרן און געשטאָרבן. דורות גאַנצע האָבן זיך דאָרטן איבערגעביטן. ניט בלויז דורות — אויך פעלקער און ראַסן, אינעם גרויסן שטאָט־אויסטויש, ווי אין אַ זודיקן קעסל. ווער איז דאָרטן ניט איבערגעוועזן? אירלענדער, דייטשן, אידן, איטאַליענער, נעגערן... אויסגעלעבט זיך, גענומען דעם וועג, און נייע משפחות זיינען געקומען מיט פּעק, בעטן און טישן, אַנצואַווארעמען דאָ זייערע היימען.

נאָך זיך האָבן די פאַרגאַנגענע איבערגעלאָזן פאַר אַ זכרון גאַנצע מחנות פלינק־פיסלדיקע פּרייסן און וואַנצן. די שטומע באַשעפענישן האָבן דעם יחוס און אָפּשטאַם פון זייערע געוועזענע באַלעבאַטים ניט געקענט דערציילן, און ס'איז אַ סוד געבליבן. דעם סוד פון אויסגעלעבטע דורות האָבן אויך געהאַלטן די דומפּיק־אָפּהילכנדיקע „סקיי־לייט"־ווענט, וואָס האָבן אין זייער צייט אַ סך געזען, געהערט, אַריינגעזאַפּט אין זיך און פאַרוואַנדלט אין שימל און גרוי־פלעקן, אַרויפגעקלעפּט אָף די ציגלנע בלאָקן...

פון איין שטוב צו דער אַנדערער, אָף דער קעגנאיבערדיקער גאַס, האָבן אַרויסגעקוקט פענצטערלעך, שמאָלע, ברודנע, קיינמאָל ניט קיין געוואַשענע. צייטנווייז, קלעטערנדיק איבער די הויכע פינצטערע טרעפּ, וואָס האָבן פון שטאָק צו שטאָק געפירט, פלעגט זיך עמיצער אַ פאַרמאַטערטער באַם פענצטערל אָפּשטעלן, צוהאַלטן מיט דער האַנט ס'האַרץ און אָפּציען דעם אָטעם; אַמאָל פלעגט מען זיך צוגנבענען און שטילערהייט אַראָפּוואַרפן דורכן פענצטערל אין פינצטערן שפּאַלט אַ פּעקל אָפּפאַל, וואָס פלעגט באַלד מיט טרוקענעם קראַך און אָפּהילך איבער דער שטיינערנער דעק אונטן זיך צע־

שיטן; אין יום־טובדיקע טעג פלעגט זיך ציטנווייז אַ שיכור באַם פענצטער פאַרהאַלטן, אַראָפּבויגן אַרונטער דעם קאָפּ און פאַרגיין זיך אין גאַליקן ברעכן.

מען ווייסט ניט, ווען און ווער. לעבן אָט־אָזאַ ברודנעם פענצטער האָט זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט אַ פאַרבייגייענדיקער, פאַרטראַכט, פאַרקלערט זיך, אָנ־געהויבן מיט אַ שפּיציקן נאָגל איבערן גלאָז־שויב קרעלן; געקרעלט, געקרעלט און אַריינגעקריצט אַהינצו מיטן האַרטן נאָגל אַ פיגור — אַ מענטשעלע...

וואָס מיטן קריצער איז נאָכדעם געשען, איז ניט באַוואוסט; נאָר ס'מענטשעלע אַפן גלאָז איז שוין דאָרט אַזוי געבליבן.

איז עס אַזוי געשטאַנען, פון קיינעם ניט קיין געוואָשענער, קיינמאָל ניט קיין אַראָפּגעריבענער, געקוקט פון פענצטער צום הויז אַנטקעגן, צום שאָטן־שפּאַלט — אונטן. יאָרן זיינען געקראָכן, ס'מענטשעלע האָט זיך אָנגעגעסן מיט מער ברוד און שטויביקייט, איינגעביסן זיך אין טרוקענער שויב און געשטאַנען דאָרטן פאַרגליווערט. זיינען פאַרביי אים דורכגעגאַנגען דורות, פעלקער און ראַסן. טרונעס האָט מען דאָרט דורכגעטראָגן, קינדער זיינען פאַרבייגעלאָפן, פאָרן האָבן זיך געקושט און געלאָשטשעט, קיינער האָט אים אין דער פינצטער ניט באַמערקט; ס'מענטשעלע איז געשלאָפן...

ביז ס'איז ענדלעך געקומען זיין צייט. ער האָט זיך באַוויזן...

:: :: ::

ענג און פאַרעלטערט זיינען די גאַסן געוואָרן, אָטאָמאָבילן האָבן זיך אינעם לויפנדיקן געיעג אין שטאָט באַוויזן, האָבן זיי ניט געהאַט וואו דורכ־צוטראָגן. האָט די „שטאָט" באַפוילן די צוויי אַנטקעגנדיקע גאַסן צו פאַר־אייניקן, איין זייט גאַס אויסצורייסן; איין צייל הייזער איז פאַרמשפּט געוואָרן צו שטאַרבן.

זיינען אָנגעקומען מענטשן־צעברעכער און געבראַכט אייזערנע געציינגן מיט זיך, גענומען זיך טומלדיק צו דער אַרבעט. האָט מען געהאַקט, געריסן, אָפּגעשיילט שטוב פון שטוב, ביז מען האָט זיך צום פונדאַמענט פון די חרובע הייזער דערגראָבן. איז געבליבן פון איין זייט אַ פלאַכער גרוביקער טיף און פון דער צווייטער — באַפרייטע ווענט, וואָס האָבן פון קלעפּ־אָפּהילך אַראָפּגעטרייסלט זייער צייט־אָנוואוקס און, פליכעוואַטע, אָפּגעשטאַנענע, אין לאַטעס און פלעקן, פאַר דער וועלט אין זייער נאַקעטער שעמעוודיקייט זיך באַוויזן...

אַף דער גאַס איז אַ נייַ לעבן אויפגעגאַנגען.

די פענצטערלעך האָבן זיך מיט זייער פאַרטריקנטן האַרטן ברויז אַנטקעגן דער זון צעשפּילט: גאָלד פון אויפגאַנג, זילבער און לויטערקייט פון מיטנ־טאָג, גאָלד־צעפלאַסנקייט פון שטילע זוניקע פאַרגאַנגען...

ס׳מענטשעלע אױף דער שױב האָט אַ נײע אומבאַקאַנטע װעלט דערזען!

איז געקומען אַ װינט און האָט אים אַרומגעבלאָזן, דער רעגן — און האָט אים אָפּגעפּײַכט; נאָך אַ לאַנגן דורותדיקן שלאָף איז ער צוריק מיט אױפֿגעלעבטער פרישקײט דערשינען...

פון אונטן, פון גאַס האָט מען אים ניט געקענט זען: צו הױך; אָבער פון אינעװײניק איז ער געװאָרן קלאָר, שטאַרק־קענטיק.

אַן אַלטיטשקע איז געקראָכן איבער די טרעפּ; לעבן פענצטער האָט זי זיך אָפּאָטעמען געשטעלט; אָפּרוען און כאַפּן אַ קוק אױף דער גאַס אונטן. האָט זי פאַרזשמורעט די אַלטע אױסגעבליאַקירטע אױגן, פאַרקוקט זיך, באַמערקט דאָס מענטשעלע און זיך שטאַרק־שטאַרק דערשראָקן...

אַ לאַנגער אַזאַ, אין פלינקע, געאײלטע שטריכן אָנגעװאָרפן, צװײ לאַנגע, דאַרע פינגער איבערן האַלדז פאַרלײגט. די פינגער האָבן איבער די האַלדזאָדערן פון בײדע זײטן געדריקט און דערפון האָט זיך ס׳צינגל אַרױסגעשטעקט און מאָדנע לאַנג, צעחוזקט פאַרשפּיצט אין דער שטומקײט, װאָס האָט פונעם אײגענעם דערשטיקטן פּײַן געשפּאַסט, אַזױ געבליבן הענגען...

איז די אַלטיטשקע אַרײַנגעקראָכן אין שטוב ניט טױט, ניט לעבעדיק, דעם אָטעם איבערכאַפּן האָט זי קױם געקענט. און אַז זי איז שױן עטװאָס געקומען צו זיך צוריק, האָט זי גענומען מורמלען:

— ס׳מענטשעלע, ס׳מענטשעלע...

און אַז אַ פּאָר איז געשטאַנען אין שפּעטער נאַכט לעבן פענצטער, געקושט און געלאַשטשעט זיך, געװען פאַרטיפט אינעם אײגענעם בלוט און געװאָלט עם פאַרברענען אין דער היץ פון דעם צװײטנס, איז פּלוצלונג אונטן, אין גאַס, אַן אַטאַמאָביל אָנגעלאָפן; דער טומל האָט זײ צעמישט, ס׳פײערדיקע אױג האָט זײ פאַנאַנדערגעפלאַכטן; זײ האָבן אַראָפּגעקוקט דורכן גלאָז, אָבער די ברודנעקײט האָט אַלץ פאַרדעקט, און אױף דער שױב, װי געװײנלעך, איז געשטאַנען די פיגור, דאָס דערװאָרגן מענטשעלע...

צװײ פינגער אױפן דאַרן האַלדז, ס׳צינגל אַרױסגעשטעקט, פאַרשפּיצט, צעחוזקט און אין שטומקײט זיך מיטן אײגענעם דערװאָרגענעם פּײַן געררײצט...

האָט זיך די היץ פון בלוט פאַרלאָשן; ס׳פּאָרל האָט געװאָלט אָנהױבן די שפּיל אױף־דאָס־נײ און ניט געקענט. פלײש האָט זיך אָן טעם געדריקט צו פלײש. די אױגן בא אײנעם האָבן זיך אַלע װײלע אָפּגעקערט פונעם אַנדערן און זיך געװענדט בגנבה צו דער שױב, צום מענטשל מיטן אַרױסגעשטעקטן חוזק־צינגעלע...

איז באַדערנאַכט אַהײמגעגאַנגען אַ שיכור; מיט די פיס האָט ער געהאַטשקעט; אַ פּאָר הענט, װי אָנגעשטאָפּטע שטרױ־פּעקלעך, זײַנען גע־

האנגען באַ די זייטן; די אויגן — אָנגעגאָסענע בלוט־פּעדים אין זוויער־מילך. לעבן פענצטער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, צו טאָן מסתמא זיינע שיכורע באַ־דערפעניש; דערזען דאָס מענטשעלע אינעם ליכט פון א גאַז־דערל, וואָס האָט, ווי א נר־תמיד, אין טענעמענט־קאָרידאָר פון אַלטע צייטן געברענט, האָט ער זיך מיט אים, ווי מיט א לעבעדיקן, פאַנאַנדערגערעדט:

— ווער ביסטו?

— ווי קומסטו אַהער?

— ווער האָט דיך אַהערצו געשיקט?

ווי אַלע שיכורים, איז ער פּלוצלונג, אָן א סיבה, שטאַרק צעקאָכט גע־וואָרן, געבייזערט זיך מיט א קולאַק און אַלץ געמאַנט:

— ווער האָט דיך אַהערצו גע־שי־קט?

און נאָכדעם מיט א טופּ פון א וואַקלענדיקן פוס:

— דעם פּיסק פאַרמאַך! איך הייס...

אז דאָס אַרויסגעשטעקט צינגל האָט נאָך מיט אים אַלץ געשפּאַסט, האָט זיך דער שיכור אונטערגעגעבן און מיט א געמאַכטן זיסן קולכל אים גענומען מוסרן:

— אָן אָרעמער מענטש האָט זיך איבערגעטרונקען, אָן איבעריק גלעזל אריינגעכאַפּט, דאַרף מען פון אים חוזק, צינגלעך אַרויסשטעקן? פּע, ברודערל! שעם זיך. אָן אייגענער ביסטו דאָך, אָן אונדזעריקער. זאָג אַליין: קען זיך אונדזערער א מענטש אָן דעם באַגיין?...

און פּלוצלונג, אין אַן אָנפאַל פון גוטסקייט און פריילעכקייט, איז ער צום מענטשעלע קושן זיך אַוועקגעקראָכן:

— א קלוגעטשקער ביסטו, ברודער, א ביטרינקער אַזא! זעסט אַלץ, קוקסט אַף אַלעמען און א צינגעלע האָסטו זיי אַרויסגעשטעקט. אָט וועל איך דיר נאָכטאָן און אויך א צונג אַרויסשטעקן. איך מיט דיר — ברודנע, שמוציקע, ביטרינקע חברים זיינען מיר...

נאָכדעם מיט א געמאַכט געוויין:

— צוואַנציק יאָר האָב איך דאָ אין לאַך אָפּגעוואוינט און דיך היינט ערשט צום ערשטן מאָל באַמערקט, ערשט דערזע־ען...

דער שיכור האָט זיך צום גלאָז צוגעשפּאַרט, די צעביסענע דלאָניעס אַף דער שויב אַרויפגעלייגט, ווי צו גלעטן און אַרומנעמען דאָס ברודנע מענטשעלע, און אַזוי אָפּגעשלאָפן די גאַנצע נאַכט...

:: :: ::

דאָס מענטשעלע האָט מען פאַרמשפּט צום טויט:

א פרוי מיט א שיסל הייסער וואַסער, מיט שמאַטקעלעך אָנגעווייקטע אין

געקומען צוגיין, אוועקגעשטעלט זיך אף די קני און מיט געניטע אויס־געווייקטע פינגער גענומען זיך צו דער ארבעט, אראפּרייבן פון פענצטער דעם ברוד פון לאנגע יאָרן געוואָלט.

אָבער דאָס מענטשעלע איז געווען אַן איינגעשפּאַרטער, אָפּשטופּן פון זיין אָרט האָט ער זיך בשום אופן ניט געלאָזן.

שוער האָט די פרוי געאַרבעט, געשאָבן, געריבן, געסקראָבעט, ביז דאָס מענטשעלע האָט גענומען אוועקקריכן, ס'העלדזל אַרונטער, די פינגער די דינינקע, די פלינקע געאיילטע שטריכן, אָנגעוואָרפן מיט אַ נאָגל דורך פאַר־טראַכטע הענט.

אָבער דאָס צינגל האָט ניט געוואָלט אוועקגיין, וויפיל די פרוי האָט אים ניט צעווייקט.

דאָס צינגעלע איז געבליבן שטעקן...

דער גאָט פון שטאָל

פרענק ריילי האָט אמאָל געהאַט אַן אייגענע היים, אַ ווייב מיט קינדער; יאָרן זיינען אַוועקגעגאַנגען, די קינדער זיינען זיך ווי האָזן צעלאָפן, דאָס ווייב איז געשטאָרבן, ריילי איז געבליבן אַליין...

פרענק ריילי איז אמאָל געווען אַ גוטער באַלמעלאָכע, אַ מעכאַניקער מיט גאָלדענע הענט. אייזן און שטאָל זיינען געווען זיינע מאַטעריאַלן און ער האָט זיי געפורעמט ווי נאָכגעביקן וואַקס; זיינען אינזשענערן געקומען, שטאָלענע מאַשינעס פאַר אַלץ געמאַכט. ריילים הענט זיינען אומנוציקע געוואָרן, בלויז אַ הילף צו דער מאַשין...

איז ריילי געוואָרן אַ העלפער אַ גוטער און געטרייער, כאָטש אַ באַ־לײדיקטער פאַר דער פאַרלאָרענער מאַכט. אַז די שטאָט האָט זיך צעוואַקסן און אָנגעהויבן באַשפּינען זיך מיט שטאָלענע אָדערן, און מ׳האָט זיך גע־נויטיקט אין הענט צו בויען און באַטרייבן די טראַמוויען, עלן און סאָבווייס, איז צווישן די „הענט" אויך ריילים געווען. ער האָט דאָרטן אָפּגעאַרבעט פערציק יאָר.

נאָכדעם האָבן באַ אים די הענט גענומען ציטערן, נאָכדעם — האָט אַ האַנט אָנגעהויבן צו טריקענען. דאָס אַלטע האַרץ פון פרענק ריילין האָט דעמאָלט געצאַפּלט זיך ווי אַ בלאַט:

— אַף וואָס טויג איך? אַז די הענט קענען שוין מער קיין נוצן ניט ברענגען. מ׳וועט אַרויסוואַרפן, איז וואָס וועל איך דעמאָלט טאָן?...

זיין שרעק איז געוואָרן וואַכזאַם און געהיט אים טאָג ווי נאַכט. האָט ער זיך מיט עמיצן געוואָלט טיילן, אויסרעדן זיך, דערציילן, בעטן אַן עצה, אַ טרייסט. איז אָבער פרענק ריילי שוין דעמאָלט געווען אַן איינזאַמער מענטש: די קינדער ווי האָזן צעפלויגן, דאָס ווייב געשטאָרבן, קיין פריינט אַף דער וועלט האָט ער ניט פאַרמאָגט.

דער אַלטער האָט זיך אַן עצה געגעבן: זיין פּיין און ווייטיק, אַלץ וואָס ס׳האָט אים באַאומרואיקט און געשראָקן, האָט ער מיט ציטערדיקע פּרעפּל־ליפּן אָנגעהויבן דערציילן צו זיך אַליין...

אין די אָפּרו־שעהן פלעגט ער ליגן אין בעט, אין זיין „פּוירנישד"־צימער, וואָס האָט געשמעקט מיט נאַפטאַלין און אַלט־שטויב, און מיט חרובע

ליפּן פּלאַפּלען נאָכאַנאַנד, וואָס ס'האָט אים אונטערגעזאָגט דאָס אַלטע האַרץ:
— מ'וועט אַרויסוואַרפן! אין קופּע אַריין...
— יונגע פּאַראָן גענוג. אַלטוואַרג וואָס טויג?
— אַז הענט טריקענען און פיס שלעפּן זיך, ווי זעק.
— ע, פּאַפּ! ציַיטן געווען אַמאָל!
— אַ קליינקייט פרענק ריילי! אַ מעכאַניקער פון ערשטן סאָרט.
— זיינס אַ געטאָקט טריבעלע, אומגעגאַנגען איבער די הענט.
— אינזשענערן האָבן נייע מאַשינעס אויסגעטראַכט, די חברה אינזשענערן...
— מאַשינעס קומען צו און ריילים הענט טריקענען!
— אָך, וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?...
אָבער אומזיסט האָט זיך ריילי געשראָקן:
— הער זיך איין, פּאַפּ: צו דיין אַרבעט טויגסטו ניט, אָבער מיר וועלן דיך ניט אַרויסוואַרפן. די קאָמפּאַני קען נאָך אַזעלכע ווי דו פאַרברויכן. אָפּווישן שטויב קענסטו? און אַריינשרויפן עלעקטרישע קוילן ווייסטו ווי אַזוי? מיר האָבן פאַר דיר אַ באַשעפטיקונג אין טונעל, בא דער באַלייכטונג פון סאָבוויי.
פרענק ריילי האָט אַ נעבעכדיקן שמייכל געטאָן, ווי אַ געשמיסן אינגעלע, וועלכן מ'האָט נאָכדעם געגעבן איבערן בעקעלע אַ קניפּ. ער האָט געוואָלט אָפּדאַנקען, אָבער דאָס אַלטע האַרץ האָט אים מיט שווערקייט פאַרשטיקט, די חרובע ליפּן האָבן מיט שוידער־בלעזלעך געציטערט; ער האָט קיין ווערטער אין מויל ניט געהאַט...

:: :: ::

די נייע אַרבעט פון פרענק ריילי איז גאָר ניט געווען קיין שווערע:
אין אַ באַשטימטער שעה האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן פון אַ סטאַנציע־פּלאַטפאָרם אין טונעל אַריין, אַ לייכטנדיקע לאַמטערנע אין האַנט, אַכטונג צו געבן אין דער טיף, איבערבייטן די אויסגעשטאָרבענע עלעקטרישע לעמפּלעך, אָפּשטויבן די קאָלירטע ליכט־סיגנאַלן, האַלטן אַן אויג אויף די וואַסער־דרערן און בא דער אַרבעט האָט ער דאָרטן פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג.
איז אים די געטריקנטע האַנט קיין גרויסער שטער ניט געווען. אויך מיר אַן אַרבעט! פאַר פרענק ריילין, דעם אַמאָליקן גאָלדענעם מעכאַניקער, אַ קינדער־שפּיל...
דער געוועלבטער טונעל איז געווען אַ לאַנגער, צעצווייגנער אָזאַ, ווי די יאָרן, וואָס פרענק ריילי האָט אויסגעלעבט אויף דער וועלט; אָנגעשטאָפּט מיט סומנער שוואַרצער טונקלקייט, אויסגעקנאָטן פון דעם מין, וואָס האָט

זיין אַלט האַרץ אַנגעשפּאַרט אָפּן דעק — שטאָלענע אויסגעשאַרפטע רעלסן, צוויי צענומענע אויסגעשפּרייטע הענט וואָס האָבן זיך געמיניעט, געבליצט און אין ריילים טונקעלע אויגן אַ גרוס פון זילבער־ווייסקייט געבראַכט. איבער דער לענג פון טונעל זיינען אינדערהויך געווען איינגעפּאַסט לעמפּלעך ווייסע, גרינע, בלויע, וואָס האָבן דעם געוועלבטן סופיט אין פאַרשיידענע ליכט־רייפן אַנגעשמידט און די יום־טובדיקייט פון פאַרפּוצטע פּאַראַדנע וועגן מיט זייערע קאָלירן דערמאָנט...

ריילי איז דער באַלעבאָס פונעם פּוסטן, אויסגעפּוצטן טונעל — איינער אַליין.

די ערשטע צייט איז אים, אַ געוואוינטן צו טומל, ראַשיקייט און מעטאַל־קלאַפּ פון האַמערס און עקבערס, די טונעל־טויטקייט ניט היימלעך געווען. אין דער אונטער־שטאָטישער קברותדיקייט און צעצווינגקייט האָט ער זיך באַגראָבן און פאַרלאָזן געפילט.

אָבער אַז ס'איז פאַרגאַנגען אַ שטיק צייט, ריילי האָט זיך צום טונעל צוגעוואוינט, האָט ער אָט וואָס באַמערקט:

דער טונעל איז אַ לעבעדיקער; ער רוט ניט, פול איז ער מיט באַוועגונג, איבערבייט און פּולס־קלאַפּ. מיט דער גענויקייט פון אַ גוט־רעגולירטן זייגער, מיט דער געמאָסטנקייט פון סעזאָנען, ווי דער אויסטויש פון טאָג און נאַכט, קומען צולויפן, טראָגן זיך איבער די רעלסן שטאָלענע וואַגאָנעס און שאַרפן אין דער פינצטער אויגן בליציקע, פון פאַרשיידענע קאָלירן; אַמאָל זיינען די אויגן רויט און רויט, רויט און ווייס, רויט און גרין. דער טונעל נעמט זיי אויף, ווי געסט גוטע, געלאַדענע; צינדן זיך אָן אַנטקעגן זיי סיגנאַלן, אויגן רונדע, גרויסע, צעפלאַמטע, איינגעפּאַסט אין פרענטן פון שטאָל; אויגן געל — פאַרלאַנגזאַמען דעם שנעלן געלאַף, אויגן רויט — שטעלן אָפּ, אויגן גרין — זאָפּן אים אָן מיט אימפּעט, טראָגן אַוועק, איבערלאָזנדיק אַף די רעלסן אַ נאָכקרעכץ פון שטאָל. נאָכדעם ווערט צוריק שטיל, אויסגעלאָשן. דער טונעל אין פאַרטאַיעטער טונקלקייט, ווי קיינמאָל גאָרנישט געווען...

ריילי איז פון דער אַנטדעקונג געוואָרן פאַרכאַפּט, דאָס אַנטפּלעקטע לעבן האָט אים פאַרשיכורט; ער איז געשטאַנען, מיט דער לאַמטערנע אין האַנט, צווישן די שטאָלענע זיילן, וואָס טיילן פאַנאַנדער די רעלסן־וועגן, און באַגלייט די וואַגאָנעס, וואָס האָבן זיך דורכגעטראָגן דורכן טונעל.

די פענצטער זיינען געווען באַלויכטן מיט העלן בריליאַנטענעם ליכט. מענטשן אינעווייניק — קאָפּ אַף קאָפּ, איינגעפּלאָנטערטע, פאַרטאַיעטע, פאַר־גראָבן זייער אומגעדולד אין שווייגן און פאַרפרעמדטן בליק. ריילי האַלט וואַך איבער די פענצטער. אין געפלי מישן זיך אויס פּנימער, אויגן, בליקן און

ס'בלייבן אים איבער פיצלעך זכרונות פון איבערגעמישטן מענטשלעכן גוף. דורכגעטראָגן זיך איינמאָל און פארשוואונדן אף אלעמאָל. דאכט זיך — פרעמדע זיינען זיי איינער צום צווייטן, אויפגעפּלאָנטערטע, צופעליקע, אָבער ריילי, וועלכער שטייט מיט א לאָמטערנע אין האנט, צווישן די אָנשפּארנדיקע שטאַנגען, האָט שוין אָנגעהויבן צו פארשטיין:

— ניין, אייגענע זיינען זיי, אלע צוזאמען! דער טונעל איז פאר זיי אויסגעפּוצט! פּאראדנע וועגן פון זייערטוועגן! זיי טראָגן זיך צו א יום־טוב, שטאָלענע וואגאָנעם זיינען זייערע פליגלען און ער — זייער באדינער אפן וועג פון טונעל...

האָט פרענק ריילי געקוקט און זיי שטארק מקנא געווען:

— אזוי פיל צוזאמען! אלע אף איין יום־טוב? ליכט ברילִיאנטענער! און ער, ריילי, איז אלט, די האנט פארטריקנט, אין טונעל פארגראָבן, קיין איין פריינט האָט ער ניט אף דער ווייסער וועלט...

דאָס הארץ האָט אים ווי געטאָן און פון בענקשאפט איז בא אים געבוירן געוואָרן אזא מין געדאנק:

אלץ אין טונעל, וואָס לעבט, די סיגנאלן, וואָס צינדן, טוקן און לעשן זיך, זיינען באשאפן געוואָרן צו באדינען די שטאָלענע וואגאָנעס. זיי יאָגן זיך מיט אימפּעט, זייער רעגלמעסיקייט, ווי סעזאָנען, ווי דער אויסבייט פון טאָג און נאכט; ווער קען זיי אָפּשטעלן? אפשר ריילי? אפשר טויזנט אזעלכע ריילים, ווי ער? געטער זיינען זיי שטאָלענע, זייער פּוס־אויסבעט — שפּאָלן, זייער טראָט — רעלסן, דער וועג — טונעלן, דער אָנלען — שטאָלענע באלקנס און דער געוועלב איבער זייער קאָפּ — שטיין און קאָנקריט. די לופט, וואָס זיי אָטעמען, איז טונקלקייט, געמישט מיט טראָפּנס פון ברילִיאנטענעם, געלן, גרינעם און שארלאכדיקן קאָליר. זייער באַרוף — מענטשן אף פייערלעכע יום־טובים צו פירן. ווער ס'איז אינעווייניק, איז שוין מער ניט איינזאם, אלע צוזאמען — אויסגעמישט און באהעפט.

און אז דער געדאנק איז צו אים געקומען, איז ער געשטאנען מיט דער לאָמטערנע אין האנט, אָנגעשפּארט צום שטאָלענעם זייל, וואָס האָט פאנאנדער־געגרענעצט צוויי רעלסן־וועגן, און געפלאפּלט פאר זיך אליין מיט ליפּן, וואָס זיינען שוין געווען חרוב און אלט:

— גאָטס־געבענטשטע קינדער! געבענטשט און באגליקט...

צום שטאָלענעם גאָט האָט ער אויך געפּרעפּלט און אויסגעגאָסן זיין הארץ; ער האָט אים דערציילט:

פרענק ריילי, דער מעכאניקער, איז שוין אלט! אמאָל האָט ער געטאָקט

טריבן, געפּאָלירטע און צאַצקעדיקע, שטאָל איז ווי וואַקס אין זיינע הענט געווען. איצט, אַז די האַנט טריקנט אים, האָט מען אים אין טונעל אַריינ־געזעצט. שרויפט ער לעמפּלעך, שטויבט אָפּ סיגנאַלן, גיט אַכטונג אַף וואַסער־רערן, ס'זאָל ניט פאַרפלייצט ווערן דער וועג. איינזאַמקייט נאָגט אים, דאָס בילד פון די גליקלעכע, וועלכע טראָגן זיך יום־טובדיק פאַרביי אים, עסט מיט קנאה זיין הארץ. שוואַך איז ער שוין צו זוכן נקמה פאַר באַליידיקטע יאָרן, פאַר דער שאַנד פונעם מעכאַניקער, ווען מ'האָט שמאַטעס אין האַנט געגעבן, ער זאָל ווישן שטויב. רייִלי קען אָבער די איינזאַמקייט ניט פאַרטראָגן. ער וויל, אַז די שטאָלענע געטער זאָלן אים אין בריליאַנטענעם ליכט אַ פּריינט באַווייזן, אַן איינגענעם, אַ נאָענטן, וועמען ער זאָל קענען דערציילן, וואָס ער פּלאָפּלט מיט די ליפּן צו זיך אַליין.

ער איז געשטאַנען און מיט די אויגן אין די פענצטער געזוכט.

וועמען? אפשר אַ פריינט פון קינדער־יאָרן, אַ מעכאַניקער, מיט וועלכן ער איז אַמאָל באַם ווערקשטאַט געשטאַנען און מיט אַן אויסגעטאָקטן טריב זיך געגרויסט, איינעם פון זיין טשאַטע קינדער, וועלכע זיינען זיך ווי האָזן צעלאָפן? ער האָט אַליין ניט געוואוסט...

:: :: ::

און איינמאָל איז דער וואונדער געשען...

אַ באַן איז דורכגעלאָפן; ריפּן גראָע, שטאָלענע, אויגן רויט־בלוטיקע, צווייענדיקע. דורכגעטראָגן זיך מיט טראַסק און געליאַרעם, רעלסן האָבן גע־ציטערט, סיגנאַלן האָבן געאייַלט זייער ליכט אָפּמיניען, פרענק רייִלי האָט קוים צייט געהאַט צו באַהאַלטן זיך צווישן די זיילן, וואָס האָבן געטראָגן אַף זיך די שווערקייט פון סופיט.

אַז די בריליאַנטענע פענצטער האָבן זיך פאַרביי זיינע אויגן דורכ־געטראָגן, האָט ער אין איינעם דערזען אַ פּנים צום שויב צוגעבויגן, אַ בליק אַ באַקאַנטן, איינעם פון זיינע צעלאָפּענע האָזן, אַ זון...

דורכגעשוועבט און אַנטלאָפן, אויסגעמישט זיך אין פלאַנטער פון פנימער, אויגן, בליקן און קיין סימן ניט געלאָזן נאָך זיך.

די לאַמטערנע פון רייִליס געטריקנטער האַנט איז אַרויסגעפאַלן; אַ היהשער קוויטש האָט זיך פון זיין האַלדז אַרויסגעריסן, ער האָט זיך אַוועק־געלאָזט יאָגן זיין „האָז"...

פאַראויס איז געפלויגן דער שטאָלענער גאָט. פון פאַרנט — אויגן רויט־

בלוטיקע, צווייענדיקע, הינטער אים — גרינע, צעצאָרנטע ; סיגנאַלן האָבן זיך געצונדן, געטוקט און געלאָשן, לאַמטערן־פייערלעך גרינע, בלויע און העל־בריליאַנטענע האָבן זיך געחנדלט און געפּארבט דעם וועג. פרענק ריילי איז געלאָפן דער לעצטער, אַן אריבערגעיאָגטער, אַ פּאַרטונקלטער. ער האָט זיך אָבער ניט אונטערגעגעבן, געשפּרונגען איבער די שפּאַלן, געהיפּט איבער די רעלסן, געפאַלן, אויפגעהויבן זיך און ווייטער געלאָפן. אין דער פינצטער האָט ער זיין האַנט איינגעקוועטשט אין אַ פויסט און געשריען מיט גוואַלט :

— יאָ, דו ! שטאָלענער ! אימפּעטיקער ! גיב מיר אָפּ מיין האָז !...

שונאים

.1

אף אַ שמאָלער זייטיקער גאַס, מיט איין פּאָר טראַמוויי־רעלסן אין דער לענג, ווי אָדערן אויף אַ דאַרן האַלדז, איז אַ גאַנצן טאָג אָנגעגאַנגען אַ לעבעדיקע בויאונגס־אַרבעט:

האַלבע ווענט, פון אַ גרויסן ציגלנעם אַפּאַרטמענט־הויז, זײַנען שוין געווען פאַרטיק; מוליאַרעס, ווי פליגן, זײַנען געזעסן אינדערהויך און געהויבן נייע שורות קאַכל אויף רישטעוואַניעס, וואָס האָבן מיט אַ ברעטיקן גאַרטל אַרומגעכאַפּט דעם בנין פון אַלע זײַטן; האָבן געשפּאַנט האַרטע, ליים־פּנימדיקע יונגען, געטראָגן אויף די פּלייצעס שטייענדיקע טאַטשקעס ציגל, ווי הויבן, און אומגעקערט זיך מיט אַ שווערן האַמעטנעם פּוס צוריק, אָנצופּילן ווייטער די טאַטשקע.

אַ שטיק הויף, פּאַזע גאַס, איז געווען באַשאָטן מיט קופּעס זאַמד, פאַר־שטעלט מיט ציגל און אָנגעגאָסן מיט צעמענט־מולטערס. אַפן הויף האָבן זיך נאָך געזען גריבער פון אויסגעקניפּטע וואָרצלען. אַזוי איז די גאַס געווען אַ ריינע, אַ שטילע, אויסגעווירעט פון ביידע זײַטן מיט ביימער; נאָר דאָ האָט דאָס צעפּלעקטע שטיק ערד, מיט דעם אָנגעשליידערטן מאַטעריאַל, אויס־געזען ווי אַ מיאוסער קאָלטון צווישן אַן אויסגעצוואָגענעם, פאַרבאַרשטענעם עולם...

אינמיטן קאָלטון איז געשטאַנען אַ פאַרראָסטעט מילכל. אַ פּאָר יונגען האָבן אינעווייניק געשאָטן דראָבנע שטיקלעך שטיין, זאַמד און ליים. ס׳מילכל האָט געריטשעט, געכראָמטשקעט מיט שטייפע וואַלצן דאָס האַרטע געמישעכץ און אָפּגעזייט צוריק, מיט זשיפּעריי און טומל, אַ געדיכטע, גרויסע, ברודנע קאַשע. די קאַשע האָט מען געשעפּט אין עמערס און אוועקגעטראָגן אויף די ווענט פון וואַקסנדיקן בנין.

צוועלף אַזייגער האָט אַ פאַבריק־פייפל אויסגעפייפט דעם געוויינלעכן וואָכיקן ניגון. די מוליאַרעס האָבן זיך אַראָפּגעקאַראַבקעט פון דער הויך; די יונגען אונטן האָבן אָפּגעשטעקט די גראָבאײַזנס אין זאַמד און די טאַטשקעס אוועקגעשטעלט אַרום די ציגלנע קלאַפּטערס. חברה האָט אָפּגעריבן די הענט

הארט אף די קני פון די הויזן, אפגעבונדן פאטשיילקעס, אויפגעפאקט קעסלעך און גענומען זיך שטילערהייט מיט ווייס־ציינערדיקן געשמאקן הונגער צו דער אכילה...

:: :: ::

יונגען, אז זיי פעקלען אין זיך אריין און די גאנצע שעה אפרו איז נאך ניט אוועקגעגאנגען, איז מען אויפגעלייגט, זוכט מען ווי אזוי די צייט אוועקצופטרן.

האט איינער הנאה, אז ער געפינט א שטרויעלע און קייט עס צווישן די ציינער; א צווייטער זיצט און פיפקעט א ליולקע מיט טעם; א דריטער ציט זיך אויס אף א קופע זאמד, מיט פנים און הארטן בויך צום הימל. און פעטרוצי, דער מוליער, א הויכער יונג מיט פעטיקע געדיכטע וואנצעס, וועלכער האט איינגלווייז אין א קלויסטער־כאר געזונגען, צעלאזט זיך גאר, פון העלער הויט, אף הויכע טרעפלדיקע טענער...

איז געוויינלעך, אז מען צעזינגט זיך מיטאמאל אף א שטילער רואיקער גאס, ווערט נייגעריק א פארבייגייער. שטעלט מען זיך אפ אייניקערן מיט א פארביסענעם דינעם געלעכטער. דערווייל קוקט זיך צו סאטא, א בחור מיט א ביינערדיקן נארישעוואטן פנים, אף די הויז־ווייבלעך, וועלכע גייען פארביי פון די שפייז־געוועלבן און טראגן מיט זיך א ריח פון קיך און פון ניט־פארבעטע בעטן, און ער פארכיקעט זיך מיט אן אומגעלומפערטן צוויי־דייטיקן געלעכטער:

— ווייבעלעך אזוינע, כא־כא...

נאך דעם גרעסטן פארגעניגן האט דער עולם פון א בינטל זקנים, וועלכע לאזן זיך אין דער צייט ארויס אף דער גאס צו דער ארבעט:

פון צען־עלף אינדערפרי ביז אזייגער צוויי פלעגט זיך די קאמאנדע ארויסלאזן רייניקן די גאסן. געווען איז עס דורכאויס אויסגענוצטער ברוך, אינוואלידן, וועלכע האבן כלומרשט געארבעט פאר דער שטאט און געוואוסט, אז זיי לעבן פון געשענקטן. פאראויס איז געגאנגען א שמוץ־וואגן און נאך אים, ווי א שפאצירנדיקער וואגן צעטריקנטע ריטער, האט זיך געשלעפט דאס אלטווארג, מיט טרייסלענדיקע גראב־אייזנס אין די הענט, געקליבן פארזיכטיק שטיקעלעך קויט און געווארפן אן־כחותדיק אין וואגן.

ס'איז געווען טשיקאווע צו קוקן אף די אלטינקע „גאסן־פוצער" און ניט־ווילנדיק האט מען געמוזט געבן א שמייכל. פאראויס האט זיך געשלעפט א הויכער אויסגעטריקנטער אירלענדער, מיט דארע פיס, ווי א שטארך, מיט אפגעבליאקעוועטע פרייסישע וואנצעס; זיין חבר בא דער זייט איז געווען א קורצער, לויז־פעסלדיקער נעגער, מיט א פנים פון קופער, וואס האט זיך

איבערגעגעסן מיט סאזשע, און האָר ווייס ווי מילך. נאָך איינער אַן אַלטיטשקער, א רונדער, א לאַנגזאמער, מיט רויטע בעקלעך און א קאפּריזנער מינע פון א נאָכגעגעבענעם אינגל; איינער, מיט א ליידנדיקן זעקלדיקן פּנים, האָט געשטופּט דעם קאָפּ פאָראויס און די געבויגענע פיס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים, ווי צוויי ראָנגעס פון א יאָך, וואָס שלעפּט אינמיטן א שווערע בלייענע משא...

אַלע האָבן זיי געאַרבעט זייער ערנסט: נאָכגעגאַנגען, ווי וואָראָנעס, דעם געשפּאַן, געקליבן פּאַרזיכטיק, ווי אַלטע קענען, פּיצלעך פּאַפּיר, אויסגעדרייטע שירעמס, ריטלעך ערד, און נאָכגעקוקט שטרענג, מיט צעוואָסערטע אויגן, דורך שפּאַקולן, צי ס'איז, חלילה, נאָך זיי קיין סך ניט געבליבן.

אז יונגען לעבן דעם הויז פלעגן דערזען די אַלטע אָנקומען, פלעגט מען זיי אויפנעמען מיט לעבעדיקע קולות.

— די זיידעס...

— זיידעלעך, גוט מאָרגן! וואָס מאַכט איר?

— די מלאכה ווי גייט?

— אפשר דאַרפט איר א בעסערן „דזשאָב"? מירן אייך געבן.

און דער נאַרישער סאָטאָ צעכיכיקעט זיך פון גוטמוטיקער התפעלות:

— זעט ווי באָם זיידעלען טענצלט דער גראָב־אייזן אין האַנט, ער „שימיט"...

— קוקט, ווי דער שטאָרך הייבט פון דער ערד א שירעם. ער'ט זיך נאָך אונטעררייסן.

— שטיי, זיידעלע, וואַרט; וועסט זיך אונטעררייסן! כ'וועל דיר באַלד העלפן...

— זיידעלעך, באַלמעלאָכעלעך טייערע! האַ־האָ!...

— פּעטרוצי, נעם דיר פון דער חברה א העלפער, ער וועט דיר כמאַליען ציגל...

— נעם דיר בעסער א העלפער; ברענג אים אהיים צו דיין ווייבל צו פּירן, זי וועט זיך מחיה זיין...

די אַלטע פלעגן זיך מאַכן ניט־הערנדיק. זיי פלעגן טיפער אויסבייגן די האָרבעס און נאָך ערנסטער זיך נעמען פּיקן פון דער ערד די שטיקלעך. נאָר צום סוף פלעגט דער „שטאָרך" ניט אויסהאַלטן. ער פלעגט אויסקירעווען צו די יונגען אַן אַלט־בייזערדיקן פּנים מיט צעבלאָזענע, אָפּגעבליאַקעוועטע וואָנצעס, פאַרקוועטשן א דאַרן קולאַק און מיט א צעכריפּעטן קול אַריינשרייען:

— גאָטס־פאַרדאַמטע! „שאַראַפּ"!...

2.

שלים־מזלדיק איז דער טאָג געווען פון אינדערפרי אָן:

גלייך ווי מען האָט זיך געשטעלט ארבעטן, האָט א יונג אריינגעשטאָכן א נאָגל אין פוס ביזן רעכטן ביין.

אַן אמבולאַנס האָט אים אוועקגענומען; זיינע קולות, דער צעשראָקענער ווייסער ווייטיק, וואָס האָט זיך איבערגעגאָסן פון זיינע אויגן, זיינען איבער־געבליבן דאָ, צווישן די אויפגייענדיקע ווענט פון הויז, וואוהין מענטשן האָבן זיך באַלד געדאַרפט אריינקלייבן; פּעטרוצי, מיט אַלע איבעריקע יונגען־מוליארעס, האָבן עם פארביסן־שווייגנדיק אריינגעמויערט צווישן די ציגל און פארגאָסן מיט צעמענט.

האָט היינט דער עולם נעגראַגערט ווייניקער ווי אַלעמאָל. ס'האָט זיך גערדאכט, אַז אפילו ס'מילכל, ס'פּעך־אויווועלע, דער פּאַראָווער שטיין־עגבערער זיינען מער־פארטיפט, איינגעהאַלטענער און זיי ברומען צווישן זיך עפּעס שלעכטס, בייזערדיקס אַף א הייזעריק־פארדומפּן קול.

ס'איז אָבער געוואָרן צוועלף אזייגער און דער הודאָק האָט אָפּגעשפּילט זיין געוויינלעכן וואָכעדיקן ניגון; דער עולם האָט זיך וואָכעדיק אראָפּגע־קאַראַבקעט פון דער הויך. הארטע דלאָניעס האָט מען אָפּגעריבן איבער די קני פון הויזן און מ'האָט זיך געשמאַק־הונגעריק גענומען צו דער אכילה.

נאָכדעם האָט מען זיך צוגעשפּאַרט אָפּרוען צו קופּער זאמד; א סך פּיפּקעס האָבן זיך נאָך געשמאַקער מיט א טשמאָק געזויגן. שטרויעלעך האָבן זיך צווישן ציינער איבערגעביסן. דעם יונג סאַטאָן האָט היינט גאָר פיין אָפּגעגליקט: ער האָט אָפּן וואונק אָפּגעשטעלט א היים מיידל מיט שווארצע אויגן, ווי אָנגעפּייכטע איילבירטן, און אוועקגעלאָזט זיך מיט איר פּאַר־ברענגען.

גראָד דעמאָלט זיינען די זקנים אָנגעקומען.

סאַטאָ האָט א פארברוינטע האַריקע לאַפּע צו זיי אויפגעהויבן און היינט, ווי אַלעמאָל, זיך פארכיכיקעט:

— זיידעלעך, אַלטינקע! שוין געקומען? וואָס מאַכט איר? א גוט־מאָרגן...

האָבן די אינוואַלידן אויפגעהויבן זייערע צעוואַסערטע אויגן, באַמערקט דעם יונג, א קוק געטאָן אַפן הייסן מיידל און גאָרנישט געענטפערט, פאר־האָרבעט זיך טיפער צו דער ארבעט.

—קוקט נאָר, ווי באַם זיידן „שימיט" דער גראָב־אייזן; האָ־האָ... אזוי...

די אַלטע זיינען היינט געווען זייער אין אַ שלעכטער שטימונג: דער וועטער האָט זיך געדאַרפט איבערבייטן, האָבן די לענדן געבראָכן און די ביינער שטאַרק גענאָיעט; איז געווען שווער צו ליידן פונעם פרעכן יונג, וועלכער האָט געגאָסן מיט חוזק.

סאָטאָ קען זיך נאָך אַלץ ניט באַרואיקן:

— זיידעלעך, באַלמעלאָכעלעך, הענטעלעך גילדענע! קומט אַהער! אַ „לידי" וויל זיך מיט אייך באַקענען...

געווײנלעך האָט דער „שטאָרך" געדאַרפט אַרויס פון געדולד און זיין אָנצײנערדיקן „שאַראַפּ" אַרײנשרייען. נאָר היינט האָט געטראָפן עפּעס אַנדערש: דער אַלטער מיט די רויט־עפּלדיקע בעקלעך און קאַפּריזנער אינגל־שער מינע האָט זיך לאַנגזאַם צוגעבויגן צו דער ערד, אָנגענומען פון דער מיסט־קופּע אַ געפּגרטן ראַץ פאַרן עקל און אַף סאָטאָן מיט בייזער אַרויפּ־געשמיסן:

— נאַ, בילנדיקער הונט! שווייג...

זיין האַנט איז אָבער געווען אַ ציטערדיקע; האָט זיך דער שרץ עטלעכע מאָל אינדערלופטן איבערגעקערט און פּעטרוציין, דעם מוליער, געטראָפן.

די יונגען זיינען אַלע אויפגעשפּרונגען, זיינען געוואָרן צעקאָכטע:

— אַזוי־גאָר? האַ?

— פּגרים אויסגעווייקטע!

— שמוץ־שלינגער!

— אַלטע טכוירן!

האָבן שוין די זקנים אויך ניט געקענט שווייגן. זיי האָבן זיך אויפ־געשטופּט אינאייגעם, געהויבן אינדערהויך טרייסלענדיקע גראָב־אייזנס און געשיפּעט אַן אָן־צייניקן ענטפער:

— אויסוואורפן!

— גאָטס־פאַרדאַמטע!

— „גינים"!

— „פּאַריינערס" לויזיקע! שלעפער! בלוט־זויגער...

דערווײלע האָט, אינמיטן טומל, איינער אַ יונג איינגעבויגן זיך, אויפ־געהויבן אַ שטיינדל און אַ וואָרף געטאָן אַף די זקנים. דער שטיין האָט געטראָפן אינעם אַלטן מיט די געשטרויכלטע פיס אין דער בלייענער משא אינמיטן, וועלכער האָט זיך פון ווייטיק צוגעזעצט אַף דער ערד מיט אַ פויל־פליישיקן כליאַפּ...

אַזוי ווי אַ טשאַטע קראָען איבער אַ געפאַלענעם, געבראָכן־פליגלדיקן ברודער, האָט זיך דאָס אַלטווארג אַרום אים אַרומגעשטעלט, באַטאַפּט אים,

באטראכט און געשפּירט, ווי דאָס קאַלטע גליווערנדיקע בלוט צעשפּילט זיך באַ זיי אין די אָדערן מיט אַ שנאהדיקן ברען.

— ס׳טוט ווי? שטאַרק ווי?...

— די אויסוואורפן! פאַרשאָלטענע!

— לינטשן דאַרף מען זיי, די שלעפּערס; זופּן זייער בלוט!

און פּלוצלונג איז פון אָרט אויפגעשפּרונגען דער שטאַרך, נאָך אים — זיין חבר, דער ווייס־האָריקער נעגער; אַלע זקנים מיט טרייסלענדיקע גראָב־ליעס און גראָבאייזנס, מאָרדעס צעציטערטע, ווי אויסגעטריקנטע סם־זעקלעך, שטרויכלענדיק זיך אָן די אייגענע אויסגעקנעכלטע פיס, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן שלאָגן צו די יונגען מיט זידלעריי און מיט אַ קנאַק.

פון דער אַנדער זייט האָט מען אַף זיי געשליידערט שטיינער און העלצער.

— פּאַרדאַמטע!

— „גינים״!

— פּגרים!

— שלעפּערס!

— טכוירן!

— וועלף!

דאָס געשלעג האָט זיך אַזוי לאַנג געצויגן, ביז וואַנען ס׳האָט אָנגעפּייפט דער געווייגלעכער, אונטערטרייבנדיקער, איינס־אַזייגערדיקער „וווהיסל״. דער עולם איז דעמאָלט צעקראָכן, די יונגען — אינדערהויך, די זקנים — צום שמויץ־וואָגן; אין דער לופט איז נאָר געבליבן אַ שאַרפער, בייסנדיקער, ווי פון געזאָלצענעם בלוט אַף קוילן געפּרעגלטער, טשאַד...

שוואַרצל פון סאַבוויי־וואַגאָן

מר. שווארץ איז געזעסן אין איבערגעפּאַקטן וואַגאָן און געהאַלטן א „טיימס" אַף די קני. ער האָט אויפגעמישט די געשעפטס־זייט פון דער צייטונג און געפּרואווט זיך פּאַרטיפן אין די שפּאַלטן מיט שטרענגע פיל־באַדייטנדיקע ציפערן. די ציפערן האָבן אָבער וואויל־יונגעריש געטאַנצט און געשפּרונגען פאַר די אויגן, אריינגעגאָסן זייער געמישעכץ אין דעם ליאַרעמדיקן קוויטש פון די רעדער. ער האָט אוועקגעשאַרט די צייטונג אָן א זייט.

מר. שווארץ פאָרט ארום מיט דער סאָבוויי שוין א היפּש ביסל יאָרן, אַלע טאָג אין די „ביזנעס" און צוריק אהיים. אין געשעפט איז ער פאַרנומען מיט זיינע געשעפטס־זאַכן, אהיים קומט ער אין דער „פּוסטער" צייט אויסרוען זיך און קלייבן כחות אַף מאָרגנדיקן טאָג. דער סאָבוויי־וואַגאָן איז דער איינציקער פּלאַץ, וואו ער קען זיך אויסטענהן, רעדן מיטן אייגענעם הארצן און דערוויסן זיך, וואו ער האַלט אייגנטלעך אין דער וועלט.

ער האָט זיך א האַרבע געטאָן, איינגעשאַקלט זיך אַליין טיף אינעווייניק און א קלוגעטשקער שמייכעלע האָט געגעבן א בים די צוזאַמענגעדריקטע ליפּן:

„שעם זיך ניט, ברודערל שווארץ, קום ארויס מיט אָפענע דבורים... דאָ, אין סאָבוויי־וואַגאָן, קענסטו זיך פאַרגינען ארונטערנעמען די מאַסקע. ס'וועט דיך דאָ סיי ווי קיינער ניט דערקענען."

— צום ערשטן די איינפאַכע אָבער גאַנץ וויכטיקע פראַגע: ווער אייגנטלעך ביסטו?

— כ'בין א מאַן אין דריי פאַרשיידענע עקזיסטענצן: מר. שווארץ אין געשעפט, פּאָטערל שווארץ אין דער היים און שווארצל פון סאָבוויי־וואַגאָן.

— ווער איז דער מר. שווארץ?

— א מעל־סוחר, א גוואַלדיק־ערנסטער מאַן, א וואָרטסמאַן, א פאַר־נומענער מענטש, טרייסלט זיך איבער א מינוט, ווייל צייט, ברודערקע, איז געלט, געלט...

— ווער איז פּאָטער שווארץ?

— א פאַמיליע־מאַן, א טאַטע פון צוויי קינדער, א בעל־הבית פון א רייכן אַפּאַרטמענט אין א געהייבענער געגנט אין די בראָנקס. דער טאַטע אַליין איז זייער אַן אָנשטענדיקער מענטש. די קינדער? ווער ווייס זיי. מסתמא אויך

פיינע, אָנשטענדיקע קינדער, אין טאַטן און מאַמען געראָטן. יאָ, לעצטנס האָט „די בעסערע העלפט" וועגן דעם עלטערן בנאָק ניט קיין איבעריק־גוטן גרוס איבערגעגעבן. זי, „די בעסערע העלפט", איז אַ מאַדאַם אין די פערציקער, מיט שטריכן פון אַנטלויפנדיקער שיינקייט. צייטנווייז נאַאיוו, צייטנווייז ביטרע, אַמאָל מילד, אַמאָל וועלפיש, ניט איבעריקס קלוג, אויפפירונג פאַרדעכטיקט.

ווייטערע איינצלהייטן זיינען אומבאַקאַנט.

— און ווער איז שווארצל פון סאָבוויי־וואַגאָן?

— אָ, אַ גאַנץ ביטרע באַשעפעניש מיט סענטימענטאַלע נייגונגען, האָט ליב פּיקן און בייסן יענעם און זיך אין אייגענעם האַרצן אַריין. לאַכט מיט אַ קרומער ליפּ. קערט אוים אַף דער לינקער זייט די איבעריקע צוויי „שווארצעס" און באַגיסט זיי מיט קאַלטינקן חוזק. אין געשעפט — אַן אַרבעטסזאַמע מוראַשקע, אין סאָבוויי — אַ „פליענדיקער האָלענדער", אין הויז — אַ געזעצטער מאַן, דאָ — אַן אויסגעטאָנענער פּוסטער טרעמפּ, צווישן באַקאַנטע — אַ שטילער בויער, דאָ — אַ ווילדער צעשטערער. אַמאָל, ווען שווארצל פון סאָבוויי־וואַגאָן גייט איינגאַנצן אַרויס פון שפּאַן און אַ סם־המותדיקע צונג צעלעקט ביזן לעצטן ביטערן ווייטיק זיינע אויפגעקאָכטע בלוטן, פאַרגעסט ער וואו ער איז און טראָגט זיך מיט דער סאָבוויי ווייט אַוועק, צום עק שטאָט, צום ברעג פון האָדסאָן, צום אַלטן קעסל־גאַרדן...

— העי, שווארצל פון סאָבוויי־וואַגאָן! וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּיצל? וואָס פאַר אַן אָרט האָסטו זיך אויסגעקליבן?

— אָ! מיט דעם אָרט זיינען פאַרבונדן זכרונות, מעשיות פון אַמאָליקע יאָרן. דעמאָלט האָט נאָך ניט געלעבט דער איצטיקער שווארץ אין דריי עקזיסטענצן. געווען איין שווארץ, וואָס האָט נאָך ניט געלאַכט מיט אַ קרומער ליפּ, אַ יונגינקער, אַ גלויביקער. דאָרטן איז זיין פּריצייטיקער קבר, אַזוי צו זאָגן, כאַ־כאַ־כאַ!

— ס'איז אָנגענעם צו הערן, כאָטש איך ווייס נאָך אַליין ניט, פרייען זיך אָדער בלייבן גלייכגילטיק, ווי געווען. יעדנפאַלס, דערצייל ווייטער, דערצייל...

— ווילסטו, וועל איך דערציילן. כאָטש, דעם אמת גערעדט, ס'לוינט זיך ניט: בעסער, אַז ס'בלייבט געפּאַקט אין פלאַכטעס אַפן נשמה־דעק און רירט זיך ניט פון אָרט. הייבט עס אָן רירן, טוט ווײ.

— ווייטיק איז געשמאַק. רעד, דערצייל...

— אַ מאַן מיטן נאָמען שווארץ איז אַמאָל געפאָרן אין אַמעריקע. אַפן וועג האָט ער זיך געטראָפן מיט אַ קאָמפּאַניע יונגעלייט, באַבערדלטע, באַ־

ברילטע, אין רויטע אָדער שוואַרצע העמדלעך. זיי האָבן פאַרמאָגט שעפּסענע מילדע בליקן און האָבן אַזעלכע מאָדנע רייד גערעדט ———

— וועגן וואָס?

— וועגן אַ נייער וועלט, נייע הימלען און אַ נייער ערד. ווערטער האָבן זיי געהאַט נייע, פייערדיקע, געשפּרודלט מיט זיי און אָנגעצונדן דעם גלויבן אין אַ פלאַם. ווילסטו זען די נייע וועלט? אָט איז זי: אַ ווייסע, אַ קלאָרע, אַ טאַנצנדיקע. אָט איז דער פונדאַמענט, אָט זיינען די ווענט. ווילסטו? מיט אַ וויטן בליק אויף דעם שפּיץ דערלאַנגען. פאַר איר זיינען זיי גרייט געווען אָפּצוגעבן זייערע באַברילטע אויגן, זייערע באַהעמדלטע קערפּערס, זייערע פלאַמענדיקע נשמות, אַלץ, אַלץ...

— און דו, שוואַרצל, דעם אמת נאָר געזאָגט, ביסט אויך פאַרכאַפּט געוואָרן?

— ניטאָ וואָס צו לייקענען, פאַרכאַפּט, פאַרכאַפּט: אַזאַ שיינע וועלט — די קומענדיקע, די הענט נאָר אויסצושטרעקן און זי דערלאַנגען. נו, איך האָב די האַנט אויסגעשטרעקט...

— און איינגאַנצן איבערן קאָפּ זיך אַריבערגעטונקט? כאַ־כאַ־כאַ...

— לאַך ניט, חזירל! גוט געווען, בעסער ווי אין דיין קלאָגעדיקן געשעפטל און אין גערוימען אַפּאַרטמענט־הויז אין די בראָנקס. מיר האָבן דאָך גאַנץ אייראָפּע מיט גלויבן געגומען. וואו נאָר מיר זיינען דורכגעפאָרן, אין בראָד, לעמבערג, ווין, בערלין, איז מען אַנטקעגן אונדז אַרויסגעגאַנגען. אונדזערע טראָפייען האָבן מיר אַהערצו אין קעסל־גאָרדן געבראַכט צופירן: רויטע אויסגעהעפטע פאָנען, מיט גאָלדענע אותיות אַפן בונד, געשטיקטע ביכער, ספר־תורות. צאַפּלענדיקע הענט האָבן זיך אַנטקעגן אונדז געשטרעקט און אונדז אַפן נייעם וועג געבענטשט ———

— שוואַרץ דער מעל־סוחר! ביסט דאָך גאָר ניט קיין געוויינלעכער מענטש. ביסט אַ טרוימער, אַ הייליקער. דערציילזשע וויטער, דערצייל...

—אַהערצו זיינען מיר אין אַ שמייכלענדיקן זומער־טאָג געקומען. דאָס וואַסער אין האָדסאָן האָט געקרייזלט דינע בלויע כוואַליעלעך, געפּאָלדעוועט זיי און צום זוים פון אונדזער נייער מוטער־ערד צו באַגריסן אונדז געשיקט. פון וויטן האָט מיטאַמאָל פון געמאָלענע שטיינער די שטאָט געררוישט, צו זיך גערופן. דאָס אומגעדולדיקע האַרץ האָט געקלאַפּט, געשריען און געריסן זיך ווי פון פּענטעס. איינער פון אונדזער חברה, אַ בלאַסער קורצזיכטיקער סטודענטל, מיט אַ בלאָנד שפּיציק בערדל, האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעשטעלט, צעבלומטע רויז־פלעקן אַף זיינע בלאַסע באַקן, אַ ציטערדיקער, משוגענער פלאַם אין די קורצזיכטיקע בלויע אויגן. דער יונג האָט עפּעס גוואַלדיק־

וויכטיק געהאט צו זאגן. ריידן האט ער אבער שוין ניט געקענט. ער האט בלויז א בלאסע אדערדיקע האנט צו דער שטאט אויסגעשטרעקט, א בלאנ־דזשענדיק פארטערט אויג האט זיך אין אונדז אריינגעגעסן און ער איז אזוי א פארגליווערטער געבליבן שטיין.

— וואונדערבאר, שווארצל, גרויסארטיק! דערצייל ווייטער.

— נאכדעם האבן מיר זיך אין שורות אויסגעשטעלט, לאנגע, סטרונע־דיקע רייען. די פאנען האבן מיר פאנאנדערגעוויקלט, די ספר־תורות צום הארצן צוגעדריקט. פריילעכע, מונטערע לידער האבן דעם גארגל געריסן און אין דער פרישער לופט זיך אויסגעמישט. הילכיקע טריט האבן צום טאקט מוטיק געקלאפט. פון ווייטן, שוועבנדיק אונדז אנטקעגן, האט זיך א קאפעליע מוזיק דערהערט.

— און ווייטער?

— ניט וויכטיק. ס׳לוינט זיך ניט דערמאנען. א! דער ערשטער שפריץ־וואסער אף צעהיצטע געמיטער ——

— ע, שווארצל, מאך ניט קיין מחזקות. אז דערציילן, זאל זיין אלץ דערציילט.

— א כאפטע קונדסים האט זיך מיטאמאל באוויזן. פרעכע יונגען מיט פרעכע ווילדע אויסגעשרייען. מיט שטיינדלעך האבן זיי אין אונדז געצילט. די גוט־געצילטע שטיינדלעך האבן אין די פאנען געטראפן, אף די מענטעלעך פון ספר־תורות געקנאלט. אן עולם דערוואקסענע מענטשן איז געשטאנען פון ווייטן, געגלאצט מיט ממזרישע אייגלעך און שטשירענדיק די ציינער, מיט א קאלטינקן ברודיקן געלעכטערל געקייכט.

— ווייטער?

— מיר האבן די פאנען צוריק פארוויקלט, די ספר־תורות איינגעפאקט, און איינציקווייז צו די גראזן, וואס ארום קעסל־גארדן, זיך דערשלעפט. אויס־געליינט זיך, שטייף פארביסן די ליפן, אין האלדז האט א ביטערקייט געשטיקט, דאס אויג האט א געזאלצנקייט געביסן. מיר זיינען געלעגן, געשטומט, גע־שוויגן און געטראכט ——

— שווארצל איז טאקע דעמאלט אנטלאפן?

— ניין, שווארצל פון סאבוויי־וואגאן האט נאך דאן ניט געלעבט. ס׳קען זיין, אז אין יענער מינוט איז ער טאקע ערשט געבארן געווארן.

— דער יונגער שווארץ וואס האט געטאן?

— נאכגעגאנגען דער באבערדלטער חברה, ווי א קאלב נאך דער קו. געגליט, געשרפעט, געגרינדעט „קאמונעס", צוזאמען מיט דער חברה געניט העמדלעך, געקייט טרוקענעם ברויט מיט א מויל ווייסע וועלפישע ציינער,

אַמאָל אויך אונטערגעהונגערט, ביז וואַנען שוואַרצל פון סאַבוויי־וואַגאָן איז אונטערגעוואַקסן און געשטעלט זיך אַף זיינע אייגענע פיס.

— און דעמאָלט?

— דעמאָלט איז ער אַנטלאָפן, אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן קישן אַ פּאָר פאַרשמאָלצענע חברהשע בילעטלעך און אַנטלאָפן, וואוהין די אויגן האָבן אים געטראָגן.

— ווייטער?

— ווייטער איז געקומען דאָס ווייב, די קינדער, דאָס מעל־געשעפטל, אַ געהייבענער אַפּאַרטמענט אין די בראָנקס, אַ סאַבוויי־וואַגאָן און נאָך און נאָך ——

— ע, שוואַרצל, ניט פריילעך?

— ס'איז טאַקע, ברודערל, שלעכט. נאָר אַ מאַסקע איז אַ גוטע זאַך. זי קען אַלץ פאַרדעקן.

— הער זיך נאָר איין, שוואַרצל. לאָמיר זיך טאַקע איצט דורכפאָרן אַף קבר־אָבות אין קעסל־גאַרדן. פאַרשטייסט, פון פריילעכקייט וועגן. שעם זיך ניט, קום.

— אַ דאַנק פאַרן איינלאַדן. כ'קען ניט. דרינגענדע „ביזנעס".

„קאַנאַל סטריט סטיישאָן!!!"

מר. שוואַרץ האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון וואַגאָן...

פּאַשע

1.

אַז באַ יאָשקע וואָראָבייטשיק איז ס׳ווייב די אַלטע זיינע געשטאָרבן, האָבן זיך אויפגעקליבן פון אַלע עקן שטאָט די קינדער, פריינט און משפּחה און מ׳האָט איר אַ שיינע לויה, צוואַנציק „קערעדזשעס" די לענג, אָפּגעריכט...

און אַז דער אַלטער יאָשקע וואָראָבייטשיק איז געקומען צוריק פון „פעלד" אַהיים, און אָנגעהויכט מיט קברים־ריח איז יעדעס ווינקעלע אין צוויי־צימערדיקן שטוב געוועזן, און ס׳בעט, דער טיש, דער טשייניק אַפן אייזערנעם אויוון האָט דעם אַנדערן שותּף געמאָנט, האָט דער אַלטער זיך שטאַרק פאַרלאָרן...

—אַ קיילעכדיקע פופציק יאָר, מיט אַן עקל דערצו, אָפּגעלעבט אײנ־איינעם, און מיטאַמאָל ניטאָ. מאָדנע...

— אֵי, זישע־גיטל, האָסט גענומען און אָפּגעטאָן דעם אַלטן אַף טערקיש...

דאָ האָבן זיך אַריינגעמישט די קינדער:

— טאַטע, גענוג! האָסט אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן לעבן און ס׳איז צייט פאַר דיר זיך שוין אָפּצורוען. האָסט דאָ ניט מיט וועמען צו פאַרבלייבן: קום אַף די עלטערע יאָרן צו אונדז...

אין אַ שוואַכער מינוט איז דער אַלטער וואָראָבייטשיק מרוצה געוואָרן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן אַזוי:

— נו, וואָס, קיין יונגערמאַן בין איך שוין ניט; אַ שפּריז געטאָן ווייט אַריבער די זיבעציקער; און ס׳פּרעסל אין האַנט טרייסלט זיך, און די קינדער זיינען דוקא וואוילע, אָנשטענדיקע, פאַרמעגלעכע. אפשר טאַקע צייט, אַף פרעמדער „פּאַשע" צו גיין...

אגב, קיין לאַסט אַף די קינדער וועט ער ניט פאַלן; זישע־גיטל, פאַרן טויט, האָט אים אַ צווייטן נדן איבערגעלאָזן. פון אַ באַהעלטעניש האָט זי אַ פּעקל צעקניטשטע געלט־פּאַפּירלעך אַרויסגענומען און מיט אַ טרייסלענדיקער ביינערנער האַנט אים דערלאַנגט:

— נאַ...

איז נאָר אים איבערגעבליבן אויסצוקלייבן צו וועמען ער גייט.

אָן אונטערשייד צו וועמען? פּאַשע איז פּאַשע. נאָר דער עלטערער בנאָק, משהל, האָט זיך מער פון אַלעמען איינגעשפּאַרט:

— צו מיר, טאַטע! צו מיר...

— זאָל זיין משהל...

וואוינען וואוינט ער אין אַ שטעטל, ניט ווייט פון נוארק; דאָרטן האָט ער אַ „לאָנדרי" אַן אייגענע, אַ גאַנצע פאַבריק, מיט אַטאָמאָבילן, וואָס שמייען ארום פאַר אים אין אַלע ווינקעלעך. פון זיין רייכקייט דערציילט מען זיך אַן גוזמאות. אַט אַ משהל, יאָשקע וואָראָביטשיקס אַ בנאָק...

אַז די אַלטע האָט נאָך געלעבט, האָט דורך איר משהל דעם טאַטן געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ס'איז ציט פאַר אים צו „ריטייערן", און ס'פּאַסט ניט פאַר אים, אַז דער טאַטע זאָל ליגן אין שאַפּ. דעמאָלט האָט יאָשקע וואָראָביטשיק אויסגעהערט די מעשה און געענטפערט צוויי ווערטער:

— משהל באַלוואַן...

און אַ שפּיי געטאָן אין זייט, מיט די פּיס צעטראָטן:

— יאָלדאָק!

איצט אָבער, אַז קברים־ריח האָט אין נאָז געקיצלט און בעט, טיש און קישן, אָנגעגרייט פאַר צווייען, האָבן דעם אַנדערן שותף געמאָנט, האָט דער אַלטער זיך פאַרלאָרן און איינגעשטימט:

— צו משהלען, אַבי ניט אַליין...

איז משהל געקומען צופאָרן אין אַ גרויסן גרינעם אַטאָמאָביל און אריינ־געפּאַקט צו זיך דעם אַלטן; אַ ברום פון האָרן האָט פאַנאַנדערגעטריבן אַ כאָפּטע נייגעריקע „איסט־סיידער" קינדער, וואָס האָבן זיך אַרום אַטאָמאָביל ארומגעקליבן. יאָשקע וואָראָביטשיק האָט ס'לעצטע מאָל אַ קוק געגעבן דורכן פענצטער אַפן „סטופּ", וואו איבער די טרעפּ האָט מען ניט לאַנג צוריק דעם קאַסטן מיט זיין פאַרשטאָרבענער אַלטער אַף די הענט ארויסגעטראָגן. ער האָט אַ שלונג געטאָן ס'בילד פון זיין אַלטער היים און איז, ווי נאָך אַן ארויס־געכאַפּטן ביסן, אַ צעטומלטער געבליבן: דער אַטאָמאָביל האָט זיך אַ ריס געטאָן, צעטראָגן, אַוועקגעפירט אים דורך באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע גאַסן און איבער אַ „פערי", און געבראַכט צופירן אַף דער לעצטער אַלטער „פּאַשע", צו משהלען אַהיים.

דאָ האָט אים די שנור, אַ פליישיקע אידענע, מיט אַ שטייפן בלוט־אָדערדיקן גוידער, באַגעגנט און מיט זיסער אײדלקייט זיך אַלץ נאָכגעפרעגט:

— שווער! עסן ווילט איר? אַ גלאָז טיי, אפשר? שווער...

געפילט האָט ער דעמאָלט יאָלדעוואַטע. איבערן רוקן האָט זיך אַ נעבעכ־דיק קעלטל דורכגעשפּאַצירט; געהערט האָט ער קלאָר, ווי דער באַלעגאָלסקער רוקן, אַף וועלכן ער האָט אַמאָל זעק מעל, צוקער און זאַלץ געטראָגן, בייגט זיך איצט, כרושטשעט, צעקריכט פון שוואַכקייט אַף איינציקע דינע וואַסער־

דיקע ביינדלעך. ס׳איז אים ביטער געווען אין האלדז און דורך דער ביטערקייט האָט זיך געשטופּט אַ צערייצטער געשריי:
— יאָלדראַקעס!
— משהקע בולוואַן און פּעשקע בולוואַניכע...
אַ גאַנצן טאָג איז ער, ווי אין חלום, איבער דער שטוב אַרומגעגאַנגען; געפּלאָנטערט די פיס אין דעם זונס ווייבס „קאַרפּעטס", אָנגעשטויסן זיך, ווי אַ גולם, אָן שטיקער מעבל אומעטום, וואוהין ער האָט זיך גערוקט. פאַרנאַכט איז משהל פון זיין פאַבריק געקומען צוגיין...
ער האָט צעעפנט טישקעסטלעך און קאָמאָדן, גענומען פון דאָרטן קאָלנערס, העמדער, שקאַרפּעטקעס און אַלט־מאָדישע קאָסטיומען און דעם אַלטן אין אַ הרודע דערלאַנגט:
— טאַטע, נאַ...
יאָשקע וואָראָבייטשיק האָט די זאַכן צוגענומען, געטראָגן זיי פאָרזיכטיק, אָנגעהאַנגען אַפן אָרעם, נאָר די שפּיצן פיס־פינגער האָבן עפּעס מאָדנע געחלשט און אַ פרעסטעלע האָט געביסן ביזן פלייש.
די זאַכן האָט ער צעהאַנגען אַפן בעט־פאַרענטש. אין האלדז האָט גע־שטיקט אַ ביטערקייט און דורך דער ביטערקייט האָט זיך געריסן אַ צערייצטער געשריי:
— משהקע בולוואַן און פּעשקע בולוואַניכע...
— יאָשקע וואָראָבייטשיק, אַ נכפה אַף דיר! דערגאַנגען ביסטו אַזש גאָר אהער...

.2

באַדערנאַכט, אין אַ ווייסן פלעק לבנה־ליכט, איז אַ געלער קודלאַטער הונט, דער שומר פון משהלעס באַלעבאַטישקייט, געשטאַנען אַף אַ קייט אין הויף און האָט בייזערדיק געבילט.
ס׳איז שוין געווען שפּעט. אין הויז איז מען געשלאָפן. די גאַס אינעם קליינשטעטל, אַף יענער זייט ביימעלעך־שטעג, וואָס האָט צום אריינגאַנג גע־פירט, איז שוין אויך, צעקעסטלט שוואַרץ אַף בלאָס, נאַכט־כמורעדיק גע־שלאָפן. אַלע האַלבע שעה פלעגט נאָר דורכטראַכקען מיט טומל ס׳באַלויכטענע טראַמוויי־שטיבל, און אַז דער אָפּברום פלעגט זיך איבער גאַס און הויפן צעשיטן, פלעגט דער געלער קודלאַטער הונט ווערן נאָך אומרואיקער און, פאַררייסנדיק דעם קאָפּ העכער צום נאַרישן לבנה־עיגול, בילן שטאַרקער, בייזערדיקער, מיט פאַרגאָרגלטן וואָי.

און דעמאָלט האָט דער אַלטער יאַשקע וואָראָבייטשיק, וועלכער איז געלעגן אין בעט און ניט געקענט איינשלאָפן, פאַררופן דעם פאָרהאַנג פון הויפיקן פענצטער און איינגעטענהט מיטן הונט:

— טו — האַ, יאָלד איינער, כלב פאַרשיווער! שוויינ...

נאָר דער הונט איז געווען פאַרטאָן מיט זיין חבר, דעם איינזאַמען אויס־שפּירנדיקן לבנה־פּנים, און געשטערט פונעם אומבאַקאַנטן מאַן אינעם רויט־פלאַנעלענעם „יוניאָן־סוט״, איז ער געוואָרן נאָך מער צערייצט:

— טררר... האַו, אַ־וואַ־אַ־אַי...

ס'בילעריי האָט יאַשקע וואָראָביטשיקן הילפלאָז און שוואַך ווי אַ קינד געמאַכט. ס'האָט זיך געגאָסן, ווי קאַלט בייסנדיק וואַסער איבער אַ צעפּאַרעטן גוף. דער געלער קודלאַטער הונט האָט, דאַכט זיך, אַלץ נאָכאַנאַנד געוואָיעט:

— משהקע איז דאָ דער באַלעבאָס, איך — זיין שומר! אונדזערס איז אַלץ דאָ. רירט ניט אָן...

דער אַלטער האָט זיך פאַרטראַכט:

אָט דער בנאָק, צו וועמען ער איז איצט אָנגעקומען, משהל מיט די שיטערע געלע וואָנצעלעך, אַ שטיק „ניט־דאָ־געדאַכט״ איז עם קליינערהייט געווען, אַ פליאַגע, די „סברויע״ אָפן פערד האָט עם ניט געקענט פאַרבינדן, געהאַט פינגערלעך ווי כריינדלעך, און די מאָגערע כריינדלעך, מיט באָראָדקעס אויסגעזעצט, האָבן אַלעמאָל געציטערט און געצאַפּלט זיך, ווי אין קדחת; און דאָ האָט עם גענומען און געגעבן אַ וואַקס־אויס... ס'אָרא ערנסט, אָנ־שטענדיקייט! אז ס'רעדט, האַלט עס די הענט אין די קעשענעס און פּיפּטשעט מיט אַ פאַרטרייבלטן קרומלעכן פּיסק. ער האָט שטילינקערהייט פיינט דעם זון. ער האָט זיך פון אים אַלעמאָל „געהאַדיעט״. ס'דערמאָנט זיך אים, ווי דער בנאָק, נאָך דער אַלטערס לויה, האָט אַ צעפּאַרעטער, מיט אַ הינער־קול, געקוואָקטשעט: „אוי, טאַטע! טאַטע...״ און די שיטערע געלע וואָנצעלעך זיינען אַראָפּגעהאַנגען, ווי געפּגרטע ווערים. כאַפּט אים אַן עקל אָן:

— יאָלדאַק!

— ראַק צעפּריעטער!

— געזייטע קאַשע מיט קלאַטש!

אין דעם זונס שוואַכקייט דערשפּירט יאַשקע וואָראָבייטשיק זיין אייגענעם אונטערגאַנג. אַ נאַכט רוקט זיך אָן אויף אים, עפּעס אַ מאָדנע, אַ צעפּינטלטע, זי וויקלט זיך אין אַ פינצטערן טריבל און זויגט מיט אַ כליאַפּטשענדיקן פאַר־גענינגן די זאַפט פון זיין מאַרך. אָט איז שוין די אַלטע אַוועקגעפאַלן; איין העלפט פון זיין לעבן האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן, אַן אָנזאָג, אַז אויך דאָס צווייטע האַלבע וועט זיך באַלד רוקן אין וועג... און דעמאָלט, וואָס וועט פון

יאַשקע וואַראַבייטשיקן בלייבן ? אַט די שיטערע געלע וואַנצעלעך ? די צעד־קראַכענע קוואַקע, וואָס האַלט שטענדיק די הענטלעך אין די קעשענעס פאַר־שטעקט ?...

א דערעסענער, בייז־צופרידענער קול זשומעט אים אין אויער אריין :

— יאַשקע, וועסט שטאַרבן !

— וועסט מכולה ווערן !

— יאַלדאַקעס וועלן דיך אויפפרעסן !

— בלייבן וועט נאָך דיר געזייטע קאַשע מיט קלאַטש !

— משהקע בולוואַן און פּעשקע בולוואַניכע...

— א נכפה אַף דיר, יאַשקע, באַלעגאַלסקער זון...

ס׳געלע, טרוקענע, פאַרהאַוועטע פּנים פון זיין זונדל שטעלט זיך אים אנטקעגן אַוועק. די שיטערע וואַנצעלעך שטעכן, ווי אָנגעגליטע דראָט־שפּיצן אין מארך, טיף אונטער דער הויט; אין דער פינצטער הייבן אָן באַם אַלטן די אויגן, ביסטרע, ברוינע, יונגע, נאָר מיט שווארצע הויט־זעקלעך ארומגעפּוצט, ווילד ארומלויפן און די בורע ווייסלען ווערן פּוסט :

— יאַלדאַקעס !....

און דער געלער קודלאַטער הונט אַפּן קייט, משהלעס שומר, האַלט זיך אין איין פאַרגיסן אין וואַיען. דער אַלטער יאַשקע וואַראַבייטשיק, וועלכער איז געלעגן אין בעט און ניט געקענט איינשלאָפן, האָט מיטן הונט דורכן פענצטער איינגעטענהט :

— טו־האַ ! יאַלד איינער, כלב פאַרשיווער ! שוויג...

.3

ווער איז איצט יאַשקע ? אַן אַלטער אויסגעדינטער פערד אַף אומ־זיסטיקער פּאַשע. ווי לעבט זיך אים ? שווער — שווער...

אין דער פרי שטייט ער אויף, טוט אָן דעם זונס פעפער־קאַלירטן, ענגן „פּראַנצוויזישן" קאַסטיום, מיטן פארביקן אויסבינדער ; דערלאַנגט אים די שנור קאַווע מיט פּוטער־קיכלעך ; איז די קאַווע ביטער און די פּוטער־קיכלעך — דער טעם פון גאַל...

טרייסלט זיך באַ דער שנור די שטייפע בלוט־אָדערדיקע גאָמבע און מיט א זיס קול פרעגט זי זיך נאָך :

— שווער, עסן ווילט איר ?... א גלאָז קאַווע, אפשר ? שווער...

און נאָכן עסן, אַז גרויער טאָג פארציט זיך שוין אַפּן שנירל און שלעפּט זיך זיין גאַנג, דערמאָנט די שנור ווייטער :

— שווער! אפשר צושפארן זיך א ווײלע? אָפּרוען ווילט איר? שווער...

איז דער אַלטער כאָטש א זיבעציקער, נאָר רוען באַטאָג וויל ער ניט, צושפּאַרן זיך דאַרף ער נאָך ניט; ער קוקט אַף דער שנור, א פּלײשיקע געזונטע אידענע, מיט לאַנגזאַמע באַוועגונגען פון א געפּאַשעטער קו. איר געקנײדלטקייט רײצט אים, ס'פלײשיקייט פארשמעקט אים מיט טעם. יאָשקע וואָראָבײטשיק גלײכט אויס כוואַסטקע די קורצע פּיס, פאַרציט א האַנט און גיט איר א קניפּ שפּילעוודיק אין ווייכן פלײש...

— ע, פּעשקעלע־יאַלד! וואָס'טו געזאָגט? וואָס?...

פון פלוצימדיקייט פאַרלירט זיך די שנור, נאָר באַלד כמורעט זיך אָן דער שטײפער גוידער, די אײגעלעך ווערן בא איר פּיצינקע, רויכערדיקע און זי האַקט אָפּ.

— שווער, וואָס איז מיט אײך? שווער...

גײט אָפּ דער אַלטער און אין האַרצן א ביטערקייט, א פאַריבל אַף זיך אַליין:

— יאָשקע וואָראָבײטשיק! פערד טעמפּיקער! פאַרקליבן זיך אהער אַף פּאַשע, די פּיס אויסציען! אין שאַלאַמייזניק אַריין... ס'געקענט נאָך לעבן אַף דער וועלט, חתונה האָבן, א אידענע נעמען, א געקנײדלטע, אַט ווי פּעשקע, דער יאַלד... איצט, יאָשעקל, ביסטו פאַרפאָרן מיטן דישל. סטאָפּ...

און אַז משהל קומט צוריק באַדערנאַכט פון פאַבריק אַהיים, הייבט דער אַלטער מיט אים אָן אײנטענהן:

— משהל, כ'גײ אַוועק... א שאַלאַמייזניק איז דאָ... כ'וועל חתונה האָבן, נעמען זיך צוריק צום פרעסל, פירן א וועלט...

דעמאָלט ציט זיך אויס בא משהלען אין דער לענג דאָס בלײכע פּנים, די אויגן ווערן נאַריש־ערנסט און די שיטערע וואָנצעלעך צעשטעלן זיך דיבאָם:

— טאַטע, וואָס פעלט דיר דאָ? עסן, טרינקען, כבוד און נחת. אַן עלטערער איד ביסטו שוין, טאַטע! צייט צו פאַרגעסן אַמאָליקע; צוליב דיר, צוליב דײנע קינדער, היט „שטאַט”...

— א שאַלאַמייזניק איז דאָ בא דיר, א זויערקרויט־פּעסל; כ'קען ניט, ניט פאַר מיר...

קערט זיך דער אַלטער א ברוגזדיקער אָפּ, שטעלט אויס פאָראויס די שטײפע פײן־געקעסטלטע ברוסט און די ביסטרע אויגן, אין בורע פאַר־עלטערטע ווײסלען, לויפן כעסדיק אַרום:

— יאַלדאַק!

— יאָשקע וואָראָבײטשיק, א מיתה אַף דיר! ביסט קאַפּוט...

דאכט זיך אים, אז איין מיטל איז פאראן ארויסראטעווען זיך פון דאנען, און פונעם טויט, וואס ס'ווארט אים דא. איינשפאנען א פאר „סוסים", במאליען מיטן בייטש־שטעקן, אזש א רויך זאל גיין, און אנטלויפן צוריק אהין, פון וואנען ער קומט ארויס...

דרייסיק יאר, אז יאשקע איז אין אמעריקע. א מיטליאריקער מאן, א פערציקער, איז ער געקומען צופארן אהער. אפגעצויגן האט ער צוליב א פארפלאנטערניש מיט א פאר „טונקעלע" פערד, וואס מ'האט ארויסגעפירט פון א שטאל. דער חשד איז געפאלן אף אים. נו, האט מען זיך עם אפן מארק געשמאליעט! מיט דוהעס, מיט דראנגעס און ארויסגעריסענע דעמבענע דישלס, אין לייעבער האט מען אים דעמאלט צו זישע־גיטלען אהיים גע־בראכט; זי האט אים, א שווייגנדיקע, א געדולדיקע, די קאלטע פיס מיט איר לייב געווארעמט און קיין שאלות ניט געפרעגט. אטכאיעט זיך א ביסל און גלייך געמוזט שטעלן פיס...

דא איז יאשקע ווארארבייטשיק א שטילינקער געווארן. די גבורה האט זיך פון אים אפגעטאן, אינדערפרעמד, אפגעריסן פון שטאל און פערד. ער האט זיך אוועקגעשטעלט ארבעטן מיטן פרעס־אייזן, און אזוי אפגעארבעט גאנצע דרייסיק יאר...

איצט האט זיך אים פארבענקט צוריק אהיים. איז וועמען זאל ער זיין בענקשאפט דערציילן? משהלען? יענער, אז ער דערהערט אמאליקע מעשיות, פארבייסט ער די אויבערשטע ליפ מיטן נעבעכדיקן שיטערן וואנצל, ס'בלאסע פנימל זווערדיק, קרום־לאכנדיק צעשמאלצן, און ער בעט זיך מיט שרעק:

— טאטע, הער אויף! מאלע וואס ס'איז געווען, טאטע! שא...

פרואווט זיך יאשקע ווארארבייטשיק אויפרעדן מיטן אייניקל, א בחורעץ פון א יאר פיר־פינף, דוכט זיך אים, אז דאס אייניקל איז ניט געראטן אינעם טאטן, ניט געראטן אין זישע־גיטלען, דער פארעווער שווייגנדיקער אידענע, אז דאס וואקסט זיינער אן אייגענער ביין.

„גרענדפא" רופט אים דאס אייניקל. ס'ווארט איז דעם אלטן ניט געפעלן. עפעס אזוי זיס, פיפטשענדיק, צעקראכן. ער נעמט אים אן מיט צוויי פינגער פארן שטייפן פליישיקן בעקל און שמודירט מיט אים איין:

— ניט „גרענדפא" רופט מען מיך, נאר זיידוליע, זיידוק. זאג־זשע אזוי: „זיידוק"...

— הער זיך איין, זוניוק: דער זיידע איז אמאל א באלעגאלע געווען, פערדלעך האט ער געהאט אייגענע, שיווע, בורע, ווייסע, געפלעקטע, אלערליי. באלעגאלסקע חברה האט זעקלעך אף די פלייצעס געטאסקעט אזש א רויך איז

געגאַנגען, זעק שווערע, גרויסע, אָט אַזוי... יאָלדאַקעס פֿלעגן שטיין פֿונוויטן און וואונדערן זיך, האָט מען זיי פֿונדערווייט, מיט אַ שפּיץ זעקל, געגעבן אין דער פּלייצע אַ ריב, אַז דער יאָלד האָט גלייך געשטעלט „שיך". „יאָשקעלע" האָט מען דעם זיידן פֿאַרצויגן גערופֿן, פֿאַר יאָשקעלען האָבן אַלע דרך־ארץ געהאַט. „בלק" האָט ער געלערנט, מיט אַ פּאָר אויגן, מיט אַ האַנט פֿינגער, און אַלע האָבן גלייך פֿאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט...

דערהערט די שנור; כמורעט זיך באַ איר דער שטיפֿער גוידער, ווערן רויטע אָדערלעך נאָך מער אָנגעגאָסן מיט אומצופרידענעם בלוט:

— אַך, שווער...

יאָשקע וואָראָבייטשיק קירעוועט אויס פֿאַרשעמט דעם יאָדערדיקן קורצן נופֿל און גייט אַוועק...

.4

איז דער אַלטער יאָשקע וואָראָבייטשיק אַוועקגעגאַנגען און פֿאַר זיין געלט, פֿאַרן „נדן", וואָס זישע־גיטל האָט אים געלאָזן, געקויפֿט און געבראַכט צופֿירן אַפֿן הויף אַן אומגעריכטן פּירפּיסיקן גאַסט, אַ הויכן שיוון פֿערד, פֿאַרן ציימל...

ער האָט אים אַ טאָרבע האָבער איבערן קאָפּ אָנגעהאַנגען און מיט דער לאַדאָניע איבערן האַרטן געפֿורעמטן הינטן געפּאַטשט.

דער אַלטער וואָראָבייטשיק האָט זיך אַ נעם געטאָן מיט היץ מייסטרעווען אַ שטאַל, אַזוי ווי באַ לייטן; אַף טשוועקעס און אין די ווינקעלעך האָט ער צעהאַנגען און צעשטעלט פּאַסטראָמקעס, זאָטלען, כאָמוטן, ציימלעך; ער האָט געקויפֿט אַ לייכט בריטשקעלע מיט אַ לעדערנעם צודעק און אַן אָפֿענעם וועגל, אַ שליטל פֿאַרן ווינטערדיקן אַרויספֿאָר און אַ גוטן „זאַפּאַס" רעדער. אַז אַלץ איז שוין פֿאַרטיק געוואָרן, איז ער אַריין אין שטוב און אַרויסגעפֿירט פֿון דאָרטן דעם בחורעץ, זיין אייניקל, פֿאַרן הענטל.

— זעסט, בחור? דער זיידוק דיינער האָט איינגעהאַנדלט מציאות...

ער האָט ליבלעך, מיט אַ געשמאַקן פֿאַרהאַוועטן שמייכל, אַריינגעטאָן די פֿינגער אין דער פֿערדישער גריווע, איבערגעגאָסן איבערן האַנט זשמוטן האָר, באַקוקט די קנאָכן, דעם האַלדז, דעם אַרומגעשאָרענעם שיוון עק, אַריינגעקוקט דעם גאַסט אין די אויגן.

דעם אייניקל האָט ער דערוויל אונטער דער פּאַכווע אַ קיצל געטאָן און מיט אַ ביטערן שמייכעלע זיך איבערגעוואונקען:

— זשוליק, קוק אים נאָר אָן! פּיסעלעך, אַ מאָרדע, אַ הינטן; אַ

קליאטשקעלע איז עס, קיין פינף יאָר נאָך ניט אַלט. וויפיל, דענקסטו, האָט דער זיידע פאַר אָט דער מציאהלע באַצאָלט? האַ, זשוליקל? טרעף...

ער האָט מיט אַ געניטער וויסנדיקער האַנט ס'מויל באַם פערד אויפגעריסן, אַריינגעקוקט אים אין די ציינער און געפּילט אַף זיך דעם הייסן פאַרעדיקן אָטעם, דעם שפּריציקן פּירקען פון די טיפע נאָזלעכער.

— אָט אַ בחורעץ, אַ יונג מיט ביינער! אַ כפּרה פאַר אים דיין טאַטנס אָטאָמאָבילן, די טרונעס אַף רעדלעך...

— איז הער זיך איין, זשוליק: לאָמיר איצט אונדזער שיוואַק אַ נאָמען געבן. „גרישקע" וועלן מיר אים רופן, אַ נאָמען נאָך אַ פערד, וואָס דער זיידע האָט מיט פופציק יאָר צוריק געהאַט. איי, איז עס געווען אַ גרישקע! דער זיידע האָט אים איינמאָל אַף אַ יאַריד דערזען, האָט ער שוין ניט געקענט לעבן און רוען, ביז ער האָט אים מיט צרות, מיט אַלערליי קונצן „פאַרטשאַפּעט" צו זיך...

ס'האָט זיך דעם אַלטן וואָראָבייטשיק פאַרוואָלט דורכפירן דעם אייניקל אַפן פערד רייטנדיק; ער האָט דעם קליינעם אַ כאַפּ געטאָן אין אַ הויפן און יענער האָט זיך דערשראָקן, געדריגעט מיט די פיסלעך און פאַרגאַנגען זיך אין אַ געוויין.

— האָב קיין מורא ניט! זיי ניט קיין יאָלד ווי אַלע יאָלדאַקעס! אַ באַלעגאָלסקער בן ביסטו, דעם זיידנס פערדל וועט דיר גאָרנישט ניט טאָן. ביסט געוואוינט צו פאָרן אינעם טאַטנס בלעכענעם קעסטל, שמעקן דעם ריח פון זיינע פגירות. ס'אַרט דיך! אַ פערד איז בעסער! זיץ...

אַף דעם קינדס קולות איז די שנור אַרויס אין הויף און אָנכמורענדיק דעם שטייפן טעמפּן גוידער, האָט זי צום אַלטן אומצופרידן אַ בורטשע געטאָן:

— אַך, שווער! כ'בעט אייך! וואָס טוט איר עס? שווער...

באַ יאָשקע וואָראָבייטשיק האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן ביידע הענט, ווי באַ אַ פאַרשולדיקטן יינגל. די שנור האָט דעם אייניקל צוגענומען אין שטוב און דער אַלטער איז געבליבן אַליין.

ער האָט אַריינגעפירט דעם שיוואַק אין שטאַל, פאַרבונדן אים אַף אַ שטריקל און צו די הויכע אָנגעשטעלטע אויערן זיך צוגעבויגן:

— גרישקע, דו זעסט שוין? גרישקע, דו הערסט?

שפּעטער, באַנאַכט, האָט יאָשקע מיטן זון געהאַט אַ געשפּרעך.

משהל, בייסנדיק דעם רעכטן ווינקל פונעם שיטערן וואָנץ:

— טאַטע, אַף וואָס האָסטו דעם פערד געדאַרפט? וואָס'טו עס געקויפט?

— גלאַט אַזוי; דורכפאָרן זיך, ווען מ'דאַרף. ס'האָט זיך אַ מציאה געמאַכט.

דער זון קוקט אים אַריין מיט די פאַרהאַוועטע פּאַרעווע אייגלעך, גלייך אין די אויגן אַריין.

— טאַטע, וואָס פעלט דיר? עסן, טרינקען, נחת און כבוד. אַן אָטאָ־מאָביל, אַף דורכפאָרן זיך, שטייט אויך אין „גאַראַדזש". טאַטע, שוין צייט צו פאַרגעסן אַמאָליקע! אַן עלטערער איד ביסטו שוין, טאַטע. צוליב דיינע קינדער, היט „שטאַט"...

דעם זונס מוסר האָט אים אויפגעריסן. ער האָט זיך געפילט סקאָנ־פוזשעט, ווי אַ אינגל, וועלכן מ'האָט איבערגעשלאָגן אין אַ מיטן פאַרטיפטן שפיל, די אויגן אין די בורע ווייסלען האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין געלאַף:

— משהלע יאָלדאַק!

— אַ שאַלאַמייזניק איז דאָ באַ דיר, אַ טוכלע זויערקרויט־פעסל! אַף פּאַשע האָסטו מיך אהער געבראַכט, די פיס אויסציען, אומגיין לידיק נאָך אַ לעבן שווערער האָרעוואַניע. כ'קען ניט! כ'וועל אוועק פון דיר!

— נאָר, טאַטע . . .

— כ'וועל חתונה האָבן, נעמען אַ אידענע; ניט אַזאַ פּאַרעווע ווי זישע־גיטל איז געווען, אַ אידענע אַ פליישיקע, אַ קניידלדיקע; אַוועקגיין אין שאָפּ צוריק צום פרעסל. נישקשה, יאַשקע וואָראָבייטשיק איז נאָך ניט קיין פערד, קיין זאַדושעטער. ער'ט פירן אַ וועלט...

— וואָס רעדסטו עס, טאַטע?

— דו הערסט! וואָס פאַר אַ טאַטע בין איך דיר? יאַשקע וואָראָ־בייטשיק, אַ ביין אַ באַלעגאָלסקער, שלעסער פון שטאָלן אַמאָל געריסן, און דו, אַ מגידל אַ פיפּטשענדיקס, אַ ליאַלקע פון וואַקס געגאָסן, קאַשע מיט קלאָטשע; משהל, כ'זאָג דיר: ס'איז נישט פאַר מיר...

דעמאָלט ציט זיך אוים באַ משהלען אין דער לאַנג דאָס בלאַסע פּנים און די שיטערע וואָנצעלעך צעשטעלן זיך דיבאָם. דער אַלטער גייט אַוועק, העטשקעט זיך אונטער, שטעלט אומיסטנע אַרוים די שטייפע, גוט־געקעסטלטע ברוסט. ער שפּרייזט אַוועק צו גרישקען אין שטאַל.

דאָרטן שפּאַרט ער זיך אָן ביין צו ביין צום פערד, וועלכער שטייט אין טעמפּער גלייכגילטיקייט און כראָמטשקעט דעם האָבער פון זעקל. ער סודעט אים אין אויער אַריין:

— גרישקע, דו ווייסט שוין אַלץ? גרישקע, דו זעסט?...

.5

אַ מאַמע צו איין־איינציקן קינד וועט ניט זיין אַזוי צוגעבונדן, ווי יאַשקע צו זיין פערד.

אַלע אינדערפרי, ווען די שנור פּעשקע הויבט זיך אויף, און וואַלענער קימאַנע, פון וואַנען עס סטאַרטשען אַרוים אירע פעטע שטיקער פליישיקייטן, און האָוועט און שמייעט און ווישט דעם שטויב פון דער מגושמדיקער פּיאַנאַ, פון דער וויקטראָלע, פון די שטיקער מעבל, וואָס שטייען אָנגעהרוזעט אין אַלע ווינקעלעך, ווי בייכיקע מחותנים אַף אַן אויפגעקומענער חתונה, רוקט זיך יאַשקע וואַראַבייטשיק שטילערהייט אַרוים פון שטוב צו זיך אין שטאַל...

דאָרטן נעמט ער זיך צו זיין אַרבעט: ער סקראַבעט מיט אַ באַרשט די פערדישע זשמוטן האָר, דער קאָליר פון בלויען געפעדימטן שטאָל. מיט אָנגעזייפטע שטיקער פּענקע וואַשט ער די קנאָכן, קאָפּיטעס, יעדן אויסקנייטש פונעם שטייפן פערדישן גוף. אַלע ווייַלע קוקט ער דעם גאַסט אינעם ברוינעם קיילעכדיקן אויג אַריין:

— ניט געזאָרגט, ברודער גרישקע, ס'וועט גוט זיין...

נאָכדעם פירט ער ס'פערדל אַרוים אַפן הויף. ער לאָזט אים זיך דורכלויפן אין אַ ראָד און דאָס שטריקל פּלאָנטערט ער שטייף, שטייף אַף דער דלאָניע אַרום:

— האָפּ, האָפּ, ברודערקע! האָטשקע זיך, שטעל קאָפּיטעס! באַווייז יאַשקע וואַראַבייטשיקן וואָס דו קענסט...

דער הויף איז אַן ענגער. דאָרטן שטייט אַ דריי־טויערדיקער גאַראַדזש, יעדער טויער פאַר איינער פון משהקעס מאַשינעס. אחוץ דעם איז נאָך דאָ אַ הונט־ביידל פאַרן קודלאַטן שומר און אין די זייטן, אומעטום, וואַלגערט זיך פאַרראָסטעטער אייזערנער „כלאַם".

די ענגשאַפט שטיקט יאַשקען מיט זיין פערד. זייערע אויגן באַגעגענען זיך; יאַשקעס ביסטרע גנבישע אייגעלעך, און איין אַרויסטאַרטשענדיק פאַרשטענדיק גרישקעס אויג. זיי ווינקען זיך, דאַכט זיך, איבער:

— ענג, ברודערקע, ענג... דערשטיקט דאָ צו ווערן!

און אַז יאַשקע וואַראַבייטשיק שפּאַנט איין דאָס פערד אין וועגל און צעבלעשטשעט מיט די לייצעס און פאָרט אַוועק איבער דער שטאָט, אַ אידל אַ קורצס, אַ יאָדערדיקס, אַ ביינערדיקס, מיט אַ קיילעכדיקן געגאָלטן פּנים, בעקלעך רויטינקע, ווי ווינטערדיקע שטייפע עפּל, אויגן יונגע אין בורע פּוסטע ווייסלען, און בלוי־זעקלעך אונטן, וואָס גיבן צו דעם פּנים אַ פאַרהאַרטעוועטן, שטאָל־געמישטן אויסזען, רעדן זיך די שכנים פון גאַס צווישן זיך איבער:

— דעם „לאַנדרימאַנס" טאַטע פאָרט...

— אַן אַלטינקער לאָזט זיך וואוילגיין!

— אַ אידל, אַ רוח...

ער טראָגט זיך איבער די גאַסן, פּראַוואַט אַריבעריאָגן אַטאָמאָבילן, שטעלט זיך ניט אָפּ איבערוואַרטן די טראַמווייען; דער באַלעגאָלסקער ביין צע־הוליעט זיך אין אים, ער טרייבט אַלץ אונטער גרישקען:

— לעבעדיקער! שפּילעוודיקער! יאָלדאַקעס קוקן אויף דיר! יאָלדאַקעס גלאָצן מיט די אויגן! ציייג זיי, גרישקעלע, באַוויז וואָס דו קענסט...

און דעמאָלט ווערט ער אויס אַלטינקער, וועלכער איז צום זון אויף אומ־זיסטיקן ברויט פּאַרענדיקן דאָס עקל פון לעבן געקומען; יאָשקע וואָראָ־בייטשיק לעבט! ער שפּילט זיך, ווי אַמאָל, ווען ער האָט שלעסער פון שטאָלן געבראָכן, ווען ער האָט „הרוז" אויף די פּלייצעס געטאַסקעט; ס'יאָדערדיקייט אין אים ווערט באַטעמט און ס'פאַרדריסט אים בלויז, וואָס ער איז דאָ איינזאַם, אַליין, אָן דער באַלעגאָלסקער חברה...

אַמאָל שטעלט ער זיך אָפּ לעבן דעם זונס פאַבריקל.

דאָרט האָוון אַרום מענטשן, שמוציקע אָנגעשטאָפּטע זעקלעך וועש שטייען שורותווייז און פון אָטאָמאָבילן פּאַקט מען אַרויס אַלץ נייע זעק „טראַנטעס". אינעווייניק, אין לאַנדרי, שטייען בעקנס אָנגעגאָסענע מיט צע־בויטעטן געזייפטן וואַסער און צעכראַשטעטע אַרבעטער, נעגערס, איטאַליענער, פּאָליאַקן, פאַרשוואַומענע אין פּאַרע און אייגענעם שוויס, שטאָפּן די בעקנס און לאָזן אַוועק די שטייסלעך שפּריצן מיט מולינעס און פאַרטויבן די אויערן מיט אַ פּייכטן איינטאָניקן געקלאַפּ. פון די בעקנס פאַלן אַרויס אויפ־געשוואָלענע לייוונטענע שטיקער, זיי דרייען זיך אַרום פּרענטן און זייען אָפּ ווייסע מולינעס — קעפּלעך געמישט מיט שטרעמלעך שמוץ. פון דער היץ, פּאַרע און צעווייקטן לייוונטענעם ריח שלאָגט צו אַן איבל און עס רוישט אין קאָפּ.

דער אַלטער קוקט זיך צו און זייט אַרויס צווישן די ציינער:

— ברוד!

און צום זון קוקט ער זיך צו, פון דער זייט, מיט איין אייגל. משהל שפּאַצירט אַרום איבער זיין באַלעבאַטישקייט, די הענט אין די קעשענעס פּאַררוקט. ער שטעלט ניט קיין געוויינלעכע טריט, נאָר שפּרייזט אויף די שפּיצן פינגער. משהל דאָ איז גאָר שטאָלצער, קרעפּטיקער, ניט דער משהל וואָס אינדערהיים...

דער זון גייט צו אים צו און מיט אַ געלעכטערל, וואָס קלעפּט זיך אָן אויף די שיטערע געלע וואָנצעלעך, פרעגט ער אים:

— וואָס מאַכסטו, טאַטע? דיין פערד, וואָס מאַכט?

דער אַלטער ענטפערט אים ניט. ער לאָזט נאָר אַרויס אַן אומבאַשטימטן:

— הממם...

— ווי געפעלט דיר עפּעס מיין פאַבריק, טאַטע?
ווייטער:
— הממממ...
— האָסטו זיך אַמאָל געריכט, טאַטע?
— כוויי...

משהל איז אויפגעלייגט. די באַלעבאַטישקייט זיינע גיט אים כחות אַרויסצוטרעטן און רייצן זיך אַ ביסל מיטן אַלטן. ער גיט מיטאַמאָל אַ זאָג:

— און באַ אונדז, טאַטע, גייען שוין פערד אַרויס פון דער מאָדע. פערד קוילעט מען אַף פלייש, ווי בהמות און קעלבלעך. ביסט פון דער אַלטער וועלט, טאַטע. גרישקע דיינער דאַרף אין שלאַכטהויז גיין...

דאָס רייסט אויף דעם אַלטן. די אויגן צעלויפן זיך ביסטרע, ווי אין אַמאָליקע צייטן. ער שמייסט דעם זון אין פּנים אַריין:

— ברוד!
— שמאַטע־קוועטשער!
— כניאָק צעפּאַרעטער, משהל יאָלדאָק!
— כ'גיי אַוועק פון דיר! באַ דיר אין שאַלאַמייזניק ווער איך דער־וואָרגן! שטיק זיך אַליין...

דער אַלטער פליט אַרויס פון דער „לאָנדרי", זעצט זיך אַריין אין וועגל, בלעשטשעט מיט די לייצעס און טראָגט זיך משוגענערווייז צו משהלען אַהיים.

6.

מיט גרישקען האָט אַן אומגליק געטראָפן. געשען איז אָט וואָס:

איינמאָל, ווען יאָשקע וואָראָבייטשיק איז מיטן געשפּאַן איבערן שטאָט אַרומגעפאָרן און געאיילט זיך איבערצויאָגן אַ לויפנדיקן אָטאָמאָביל, האָט זיך ס'פערד ספּאָטיקעט, אויסגעגליטשט זיך איבער אַן אייזערנער רעלסע און איז געפאַלן מיט דער קני אַף דער ערד.

יאָשקע האָט אים געפּרואוווט אויפהייבן און ניט געקענט. ס'האָבן זיך אַרומגעקליבן מענטשן, אַ פּאָליסמאַן איז אויך געקומען צוגיין. אַז מ'האָט אויסגעפונען, אַז גרישקע האָט זיך אַ קני צעבראָכן, האָט דער פּאָליסמאַן פון אַ הינטער־קעשענע אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער, צוגעשטעלט צום פערדס אויער און אַריינגעשאָסן אים אַ קויל אין קאָפּ...

שוים ווייסער, ראָזעווער, געדיכט־פליסנדיק בלוט. אַ צאַפּל, וואָס איז אַריבער אַלע גלידער און געענדיקט זיך מיט אַ שווידער און אויפבלאָז פונעם שיינעם געוונדיקטן בויך, גרישקעלע איז געווען „קאַפּוט"...

דער אַלטער איז איינער אַליין אַהיים געקומען.

ער האָט זיך באַטאָג אין בעט אַריינגעלייגט. די פּיס האָבן זיך געצויגן אַרויפצו צום בויך, ווי בײַ אַ קראַנקן צעבראָכענעם מענטשן. ס'האָבן גע־נאָיעט די ביינער, די קרייזשעס, יעדעס פּיצעלע פלייש אין אים האָט געוויינט און רחמנותדיק עפּעס געמאָנט. ס'איז געווען ווי אַ פּיען אַן אַלטער, אַ שטייפער וואָלט פּלוצלונג געטרעשטשעט, צעפּלאַצט, איינגעשלאָגן פון אַ דונער און שפּענדלעך רייסן זיך פון אים, הענגען אַף שפּיץ פעדים...

פּעשקע איז אַריינגעקומען און מיט אַ זיסן קול דערמאָנט:

— וואָס איז מיט אייך, שווער? עסן אפשר? טרינקען עפּעס? שווער...

ער האָט ניט געענטפערט. גרישקע איז אים אַנטקעגן די אויגן געלעגן. אויסגעצויגענע, שיינע, געפּורעמטע פּיס, אַרום די ליטקעס — דיק און נאָך די קנעכלעך — דין און דינער. אַרום דער קאַפּיטע אַ שיווער זשמוט האָר און די אייזערנע פּאָדקאָוועס, אויסגעשליפט אַפן האַרטן גאַס־ברוק, האָבן מאָדנע געגלאַנצט און געלויכטן...

— הייסט עס, קאַפּוט! גרישקע — ניטאָ, און יאָשקע וואָראָבייטשיק מעג זיך שוין אויך קלייבן אין וועג. איין מלאך־המות וועט קומען און נעמען צו זיך די באַלעגאָלסקע און פערדישע נשמה.

— איינער! ס'איז אַ ליגן! קיין צוויי איז ניטאָ! פאַראַן נאָר איינער.

ס'שטעלט זיך אים פאַר זישע־גיטלס לויה. אַזאַ — וועט מען אים מסתמא אויך געבן, אַ שיינע לויה, צוואַנציק „קערעדזשעס" אין דער לענג, וועט מען אָפּריכטן...

משהקע וועט נאָכפאָרן, און פּעשקע, און ס'אייניקל; אַז ס'קינד וועט זיך נאָכפרעגן, וועט מען אים דערציילן:

— דער „גרענדפּאַ", דער „גרענדפּאַ" דיינער איז געשטאָרבן...

ס'וואָרט איז דעם אַלטן ניט געפעלן. עפּעס אַזוי זיס, פּיפּטשענדיק, צע־קראָכן. ס'האַרץ אינעווייניק פאַרקלעמט אים, ווי אַ נוס, וואָס מ'האָט אַריינ־גענומען צווישן אייזערנע קלאַמערס, און די שאָלעכץ קרעכצט און ווערט צעשפּאָלטן.

— הייסט עס, אַז דאָס איז דער סוף? יאָשקעלע וואָראָבייטשיק איז געקומען צופאָרן אין אַ פרעמדן לאַנד. פערציק יאָר האָט ער אין אַ שאַפּ מיט אַ הייסינקן פרעסל אָפּגעאַרבעט. ער האָט געפּרעסט קליידלעך, מאַנטלען. צו וואָס? פאַר וועמען? און ווער האָט עס גערדאַרפט, אַז ער, יאָשקעלע, זאָל גאָר ווייבערשע קליידלעך און מאַנטעלעך פרעסן? און ווי קומט עס דערצו?...

די גאַנצע צייט האָט ער זיך ניט אַרומגעקוקט, וואו ער איז. איצט זעט ער — אַ לאַנד אַ מאָדנע, גאַסן ברייטע, געפּלאַסטערטע, הייזער געפּאַרבטע

מיט „הערזשעס" ארומגעצאמט, טויערן פאר „גאראדזשן" און משהל זיינער איז דארטן דער באלעבאס...

ווער איז משהל? א באלעגאלסקער זון, אויפגעהאדעוועט זיך ארום שטאל, געשמעקט פערדישע עקן, געעסקט זיך מיט דער לייצע און בייטש־שטעקל. נאר קיין שפילעוודיקייט האט ער אין זיך ניט געהאט, קיין באלע־גאלסקן שטאלץ, און א כיטרינקער איז ער געווען; פון קינדוויז אן כיטרע ווי א הונט...

און יאשקע הויבט אן צו פארשטיין:

— משהלס לאנד איז א כמורנע, אן אומעטיקע. מענטשן־זשוליקלעך און קיין פרייד איז דא ניטא...

אט איז גרישקע אן אנדערער געווען. אז ער פלעגט לויפן, פלעגן פון די קאפיטעס פונקען שפריצן. האט ער זיך אויסגעגליטשט, געפאלן אף א רעלס, און א פאליסמאן האט אים ארייגעשאסן א קויל אין קאפ...

איצט איז זיין צייט געקומען. א קלאגעדיק קול זשומעט אים אין אויער אריין:

„יאשקע, וועסט שטארבן! וועסט מכולה ווערן! בלייבן נאך דיר וועט משהלע בולוואן! משהלע דער לאנדרימאן!"

משהל איז פון שאפ אהיים געקומען. ער האט דעם אלטן געוועקט:

— טאטע! וואס איז מיט דיר, טאטע? פילסט ניט גוט? זאג...

נאר דער אלטער איז געלעגן מיטן פנים צו דער וואנט. די פארחלשטע פיס האבן זיך געצויגן ארויפצו צום בויך. ער האט אינעווייניק אין זיך געפילט א געקרעכץ, ווי א הארטער נוס־שאלעכץ וואלט געקנאקט און זיך געבראכן. גרישקע איז פון זיינע אויגן ניט אפגעטראטן אף א מינוט:

אויסגעצויגענע קאפיטעס, שוים ווייסער, ראזעווער, געדיכט־פליסנדיק בלוט; א צאפל, וואס איז אריבער אלע גלידער און געענדיקט זיך מיט א שוידער ארום בויך; קאפוט...

V

צוליב פרנסה

דער צווילינג

א מזל־טוב קומט דעם טאַטע קאַצן: זיין ווייב האָט אים א צווילינג געבוירן.

א אינגעלע און א מיידעלע. פינף און זעקס פונט, ניט קיין גרויסע העלדן; זיי וועלן זיך ווי־עס־איז אַרויספּאַרקען.

האָט קאַציכע דעם צווילינגל פון שפּיטאָל שפּעטער צו זיך אַהיים אַרויפ־געבראַכט. (זייער דירה איז געווען הויך, איז געווען אַזש אַף דעם פינפטן שטאָק.) קאָץ דער טאַטע, א שטשופּלינקער, שוואַרצינקער „פיינטערל", מיט א נעזל, וואָס זעט אויס פונוויטן ווי א לאַנגער, האַרטער שנאָבל פון א פויגל, האָט מיט א זויער־צופרידענער מינע אַף די געסט געקוקט: אי יאָ צופרידן, אי ניט צופרידן. דאָס ווייב האָט געזאָגט:

— א וויגעלע א צווייענדיקע דאַרף מען איצט האָבן.

האָט קאָץ דער טאַטע א וויגעלע א „סעקאָנד־הענטיקע" פאַר א מציאה געקויפט (אין קעשענע איז אים געווען ענגלעך), אַליין עס אויסגעפּאַרבט, זיין צווילינג אַהין צו באַלייגן.

האָט דאָס ווייב געזאָגט:

— פלעשעלעך צוויי דאַרף מען, גומקעס אַרויפציען אַף די העלדזלעך. קיין מילך אין די ברוסטן איז ניטאָ קיין טראָפּן.

האָט קאָץ אַף דעם ווייבס חרובן בוזעם פון דער זייט א בליק געוואָרפן, איז ער אוועק אין אַפּטייק און האָט פלעשעלעך געקויפט.

האָט דאָס ווייב געזאָגט:

— א פלאַש מילך פון קראָם ברענג איצט אַרויף.

האָט דער מאַן אַזוי געטאָן.

האָט טאַטע־מאַמע זייער צווילינג געלערנט עסן: מען האָט זיי די גומקעלעך אין מיילעכל אַריינגעקוועטשט, זיי זאָלן פון דאָרטן טראָפּנס מילך צאַפּן. האָבן זיי זיך שנעל אויסגעלערנט, געלעגן און געסמאַטשקעט מיט די ליפּלעך.

אַז ס'איז געקומען די נאַכט, טאַטע־מאַמע איז אין בעט אַוועק, האָט זיך דאָס יונגע צווילינג־פּאָר פון וויגל צעקוויטשעט. אַלץ הייסט צעקוויטשעט!

שטעכלקעס האָט עס, אַפּנים, פון מילך צי פון עפּעס אַנדערש געקראָגן. האָט דאָס ווייב דעם מאַן אירן גענומען וועקן:

— שטיי אויף! די גאַז צינד אָן.

איז פּונקט אַנטקעגן בעט אַ גאַז־האָרן געווען, האָט ער עס אָנגעצונדן.

— די רפואה דערלאַנג!

האָט ער דערלאַנגט.

— דעם צווילינג האַלט צו!

האָט מען זיי פון דער רפואה אָנגעטרונקען, האָבן זיי זיך אַ ווײַלע אָפּ־גערוט, באַלעקט די ליפּעלעך און ווײַטער געקוויטשעט אַן אַרויסרוף אין דער נאַכט אַרײַן.

איז די מאַמע קעציכע זייער שוואַך געווען; קוים אַף די פיס האָט זי זיך שוין געקענט האַלטן. האָט זי זיך געבעטן בײַ איר מאַן:

— דאָס ווינגעלע אַ ביסל שאָקל צו!

האָט ער געשאָקלט מיטן פוס, זיצנדיק ווי אַ פויגל אַפן ראַנד בעט, בלײַבנדיק אין דער נאַכט מיט ווײַסע אונטערהויזן. דער צווילינג האָט אָבער ווײַטער געוויינט.

— נעם זיי אַף די הענט, האָטשקע־צו טראַגנדיק איבערן שטוב.

האָט ער אַזוי געטאָן: געטראָגן די פּיצעלעך אַף בײדע זײַטן ברוסט, געשלײַפּט איבערן פאַרשלאָפענעם דיל מיט די נאַקעטע פיס און האָט אונטער דער נאָז אַ ליד געברומט.

איז געווען נאַכטיק־אומעטיק אין שטוב, אומעטיק קאַץ אַף דער נשמה און זײַן ליד־געברום איז אויך אומעטיק־צופּנדיק געווען. איז עס, אַפּנים, דעם צווילינג געפעלן געוואָרן, זײַנען זיי אײַנגעשלאָפן.

האָט זיי טאַטע־קאַץ צוריק אין ווינגעלע אַרײַנגעלייגט, האָבן זיי ווײַטער געקוויטשעט.

האָט עס שוין דעם פאַרשלאָפענעם טאַטן אַף די בנים פאַרדראָסן:

— שקצים! צופּיל קריכט איר דעם טאַטן אייערן אין לעבער אַרײַן!

ער האָט אָבער ווײַטער געטאָן זײַן חוב: אַרומגעטראָגן זיי, געברומט און געזונגען.

איז ער דאָך געווען פאַרשלאָפן און אויסגעמאַטערט. ווען די צווילינג־פּאָר האָט ווײַטער די געדרגלעך גענומען רייסן, האָט דער נאַכטיקער, אײַנע־וויניק־טליענדיקער פײַער שוין איצט סם־צינגלדיק אַ שפּרונג געטאָן אַף קעציכען, דער מאַמען זייערער:

— ליגט אַ ווײַב און פּאַפּט! טוט זיך נאָר די פּריצטע פון אָרט ניט קיין ריר!

האָט ער זי גענומען מיט גוואַלט פון שלאָף רייסן.

— שטיי אויף! גיי צו דיינע „טשיריקונעס"!

האָט זיך די קעציכע געמאַכט, אַז זי שלאָפט געשמאַק, כראָפּעט און הערט ניט.

זיכער האָט זי זיך געמאַכט, ווייל פון שוואַכקייט האָט זי ניט געקענט די אויגן רעכט צומאַכן. אַ קינדלערן, און נאָך מיט צווילינגס! זעט שוין אויס ווי אַ באָבע. דאָס פּנים — אַ שאָטן באַצויגן מיט בלאַסער הויט און אַ פּאָר גרויסע אויסגעמוטשעטע אויגן; און זי האָט אַלע ווילע געקרעכצט, רק געקרעכצט.

האָט אים איר שווייגן נאָך מער אויפגעבערנט, האָט ער זי גיפּטיקער געריסן:

— הייב זיך! ווערים האָסטו מיר געבראַכט. נעם זיי. כ'וועל זיי באַלד פון די הענט אַרויסוואַרפן!

ענטפערט זי שוין, כלומרשט פון שלאָף, נאָר אַזוי קאַלט, שאַרף, שטעכיק, מיט צעקרעכצטער ווייבערשער פאַרביסנקייט:

— וואַרף!

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, מען האָט זיך אינמיטן נאַכט גענומען קריגן.

געקרעכצט זיינען בײדע געווען, מען האָט נאָר געדאַרפט אויסהערן זייערע טענות:

קאַץ, דער שנאָבל־נאָז, איז דאָך אַ „פּיינטער". מאָרגן אינדערפרי דאַרף מען קלעטערן אַפן לייטער. אַרבעטן דאַרף מען דאָך מסתמא, יאָ צי ניין? איז ער ניט קיין אויסגעשלאָפענער, האָט ער אַ „האַפּענונג" — פליען פונדערהויך אין כף־הקלע, זיך האַלדז־און־נאַקן צעברעכן.

און קעציכע, די ווייב זיינע, וואָס קען מען צו איר האָבן?

אַ ווייבל אַן אויפגעשרויפטע, אַ שוואַכע, אַ צעוויייטיקטע. איז איר שווער? פּוילט זי זיך? זיין אַ מאַמע וויל זי זיין, נאָר זי פילט, דאָס האַרץ זאָגט איר, אַז זי קען ניט: די קינדער אירע וועט זי מוזן איבערלאָזן יתומים.

בײדע קריגן זיך אין דעם זעלביקן בעט, וואו מען האָט זיך ביז איצטער געליבט; וואו עס האָט זיך אָנגעהויבן און אויסגעפורעמט דער איצט־קוויטשענדיקער צווילינג...

אַ קריג אינמיטן דער נאַכט, פּונקט ווי דאָס וויינען פון אַ קינד אינמיטן נאַכט, קלינגט מאָדנע: אַליינס, בלאָנדזשענדיק, צופּענדיק, צעשראָקן. דאַכט זיך, עמיצער האָט זיך צוגעלייגט צום פענצטער, אויסגעפּלאַכט די נאָז אויף דער קאַלטער פינצטערער שויב, קוקט אַריינעט, זויגט אַ ליולקע און טרייבט אַרום איבער דער הויט קאַלטע בייסנדיקע שטעך־בורבלעך.

דאָס צווילינג דערוויילע ליגט אין וויגל און רייסט די העלדזלעך.
— בו־בו־בו! האַ־האַ־האַ!

נישקשה, שרייען איז געזונט און ברענגט נוצן פאַר יונגינקע, נאָך ניט אויסגענוצטע לונגלעך. וואָס ווייסן די שנעקעס עפּעס אַנדערש? וואָס נאָך זאָרגן האָבן זיי? זיי פאַרשטייען דאָך גאָרנישט.

אין גאַס דורכן פענצטער גרויט שוין דערווייל. באַלד וועט אוועקגיין די נאַכט.

ציט קאַץ דער „פיינטער" אַף זיך מיט רוגזה אַרויף די הויזן, קלייבט צונויף זיין פּעקל געצייגן, קוקט זיך ברוגזדיק אַפּן ווייב און צווילינג אַפילו ניט אַרומעט, שפּייט אויס באַ דער טיר:

— אין דר'ערד מיטן קאָפּ אַריין!

וועמען האָט ער געמיינט? סיי־ווי, אַ גראָבער יונג איז ער. און אַז מען איז ניט אויסגעשלאָפן, איז וואָס?

בלייבט די קעציכע איבער איינע אין הויז, אַליין מיט אירע „טשירי־קונעס".

איז די גרויקייט פון פענצטער שוין אוועקגעגאַנגען. קומען איצט טאַנצנ־דיקע זון־פינגער און בייטן זיך איינע די אַנדערע; דין־בייטשיקע, שפּילעוו־דיקע, פריילעכע, שפּיגל־בלוי, ליילעך־בלאַס, פאַרביק־רויז, געשמאָלצן־גאָלד. עס ליכטיקט שוין, עס טאָגט...

זיצט די קעציכע אַפּן שפּיץ בעט, האַלט יונגע אָדערדיקע הענט פאַרלייגט אַף אויסגעפּלאַכטע ברוסטן, קוקט זיך צו מיט גרויסע ליידנדיקע אויגן צום ליכט־שפּיל אין פענצטער און טראַכט עפּעס, קלערט.

דריקט זיך אַראָפּ פון איר געמיט דער גאַל, וואָס האָט זיך דאָרטן שוואָמיק איינגעזאַפּט, ווערט זי אַן אַנדערע, ציט איר, ווי מיט צוואַנגען, כאַפּן אַף די הענט דעם צווילינג אירן, אויפפּראַלן מיט רעש דעם צעלויכטענעם פענצטער, אַריינשפּרינגען אינעם געוועב פון פאַסן און שטראַלן, האַלטן זיך אויסגעשפּרייט־פליגלדיק אין קילן ווינטלדיקן לופטן און נאָכדעם פאַלן אַראָפּ, אַראָפּ מיטן אויפגעהיצטן קאָפּ צו דער קאַלטער ערד...

קען זיך די קאַציכע ניט איינהאַלטן. גייט זי צום צום פענצטער, בויגט זיך איין און קוקט אַראָפּ אין דערנידער. איז אונטן אַ שטיין־געפּלאַסטערטער צווישן־הייזער־ווינקל. פאַרשווינדלט איר פון דער טיפקייט אין קאָפּ; דער־פילט זי ליכט־פעדערדיק, נאָדלדיק, פּוסט און קאַלט.

איז זי שוין מיט דער נשמה דאָרטן אינדערטיף. איז זי ניט מער קאַציכע, איז איר מאַן ניט קאַץ, דער „פיינטער", איז איר צווילינג ניט מער ווי אַ פּאָר פליגלען, ווייכע, צאַפּלדיקע פלאַטער־פליגלען צו פליען מיט זיי אַראָפּ־אַראָפּ.

נאָר מיטאַמאָל הויבט אָן דער צווילינג צו שרייען. רייסט זי זיך אָפּ אָן חשק פון פענצטער, גייט צו צום וויגל, גיסט אָן די מילך־פלעשלעך און קוועטשט אריין די האַלדז־גומקעס אין מײלכל צו זיי.

— נאַט, עסט, קוועטשעט ניט, שווייגט.

זיצט זי אָפּן ראַנד בעט, קוקט זיי אין די צעקרימטע שרייענדיקע פּנימלעך אריין. שטעכן זיי מיט זייערע קוויטש־קולכלעך טיף־שפּיזלדיק אין בלוט, אין האַלדז און אין האַרצן. קומען דערוויַיל די ליכט־שטראַלן שפּילן מיט די קינדער אין וויגעלע. דערמאָנט זיך די קאַציבע, אַז איר צווילינג איז אַ פּאָר פליגעלעך, ווייכע, צאַפּלדיקע פלאַטער־פליגעלעך צו פליען אַראָפּ־אַראָפּ...

שמייכלט זי צו זיך אַליין אַ שטילן, צופרידענעם געלעכטער, הויבט זיך אויף פון אָרט.

נעמט זי דעם צווילינג אַרויס פון וויגל, טוליעט אים צום האַרצן, רוקט זיך מיט ווייסע פאַרחלשט־בלאַנדזשענדיקע אויגן צום פענצטער צו:

— נישקשה! אָט באַלד, אָט באַלד, זי וועט די פליגעלעך צום האַרצן צודריקן. זי וועט מיט זיי צוזאַמען אין פרימאָרגנדיקן שטראַל־געוועב אַריינ־שפּרינגען. זי וועט פון דאַנען אַוועקפליען, אַנטלויפן...

צוליב פרנסה

ער איז געווען א יונגערמאַן פון א יאָר אכט־און־צוואַנציק, דרייסיק, מיט א נאַרישעוואַטן שטענדיק־שמייכלענדיקן פּנים און א פעסט־געבויטן מגושמ־דיקן קערפּער, א בלוט־געבער לויט זיין פּראָפעסיע. ס'הייסט, ווען א חולה, א בלוט־אָרעמער פלעגט ליגן אין שפּיטאָל, ראַנגלען זיך מיטן מלאך־המות און דער דאָקטאָר פלעגט דערקלערן, אַז דער איינציקער מיטל אים צוריק געזונט צו מאַכן איז א „טראַנספּיוזשאָן", א נייער שטראָם געזונט, פריש בלוט אין די אָדערן, פלעגט ער קומען און צושטעלן זיין בלוט.

ער האָט געקראָגן באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט, אָדער מאַטעריאַל (אויב מען קען עס אַזוי אָנרופן). ווי־זשע אַנדערש? קיין פילאַנטראָפּ האָט ער ניט פּרעטענדירט צו זיין. נאָר קיין באַרייסער איז ער אויך קיינמאָל ניט געווען. געהאַט א שטענדיקע, פאָראויס־באַשטימטע טאַקסע: „באַצאָלסט אַזוי פיל און דו קריגסט מיין בלוט!" פאַרקערט, מיט א געדריקטן מענטשן האָט ער זיך דווקא געלאָזט רעדן, אַרונטערגעלאָזן ווייט־ווייט אונטערן מקח...

אין זיין פּראָפעסיע איז ער שוין געווען א צייט מיט יאָרן. ער האָט זיי ניט געציילט. זיין בלוט האָט געריזלט אין פאַרשיידענע אָדערן פון מענטשן פון אַלערליי געזעלשאַפטס־שיכטן. ער האָט אָפּגעפרישט דאָס איבערגעבערענטע סם־בלוט פון צעהוליעטע שטאָט־שנעקעס, אָנגעזעטיקט צעקראַכענע זקנים, אַלטע, יונגנט־זוכנדיקע ווייבער, קאַליקעס, קינדער. א טייל פון זיין בלוט האָט מען אוועקגעטראָגן אַף דער אמתער וועלט און אַריינגעגאָסן אין טויטע קברים. וואָס אמת איז אמת: קיין איבערקלייבער איז ער קיינמאָל ניט געווען, געגעבן מיט א ברייטער האַנט.

פון וואַנען ס'האָט זיך אים דער אייזערנער כח גענומען, וואו ער האָט אָנגעשעפּט דעם רייכן זאַפּאַס בלוט, וואָס ער האָט געקענט א קראַנקער וועלט אַזוי פריינגעביק דערלאַנגען, איז באמת א סוד, א רעטעניש, צו וועלכער ס'איז זיך שווער צו דערגריבלען.

אַז אויפגעהאָדעוועט האָט ער זיך אַף דער אָפענער גאַס. קיין טאַטן געדענקט ער ניט, א מאַמע איז יאָ געווען, א האָרבאַטע, א צרהדיקע, וואָס פלעגט זיך שטשיפּען, שלאָגן, שילטן מיט טויט־ביטערע קללות. פונעם מיסט האָט ער זיך געשפּייזט, אַפן מיסט געשלאָפן, מיטן מיסט זיך געשפּילט,

ביז וואנען ער האָט זיך שטייף אַנידערגעשטעלט אַף די פיס און נאָך לאַנגע זוכענישן, בלאָנדזשעניש אומפּאַרמיידלעכע טעותן ענדלעך געפונען זיין אמתן באַרוף.

וואָס האָט ער פריער ניט אויסגעפּרואווט? געווען אַ ציטונגס־פאַר־קויפערל, אַ זשוליקל, אַ קעשענע־גנבֿ; שפּעטער, ווען ער איז אויסגעוואַקסן, האָט ער זיך גענומען צו „שלעגערײַ". דאָ האָט מען אים פאַראויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט. ער, מיט זיין ריזיקן שטייפן גוף, מיט די בערישע ברייטע לאַפּעס, וואָלט זיכער געמאַכט אַ דערפאָלג, נאָר שלאָגן זיך האָט ער פיינט געהאַט. אינעם אייזערנעם גוף איז געווען אַ מילדע, ווייכינקע טויבן־נשמה; בעסער געזאָגט, איבער די גאַסן פון שטאָט האָט אַרומגעשפּאַצירט אַף צוויי פיס אַ שטילער, געדולדיקער, געזונטער העלפאַנט. בלוט האָט ער פאַרמאָגט רויטס, זאַפטיקס, נאָר ניט קיין רויכערדיקס. שפּעטער, אַז ער האָט זיך גע־נומען צו „בלוט־געבערײַ", האָט ער זיך געלאָזט צאַפּן, צאַפּן וויפיל מ'האָט נאָר געדאַרפט.

זיינע חברים, גאַסן־יונגען, האָבן פון אים חוזק געמאַכט, געשאָקלט מיט דער האַנט איבער דער פּאַטילניצע און בייסיק געשפּאַסט:

— יאָלד, יאָלד! האָסט זיך קיין בעסערס ניט געקענט געפינען? אָנ־שטאָפּן געפּגרטע זשאַבעס מיט דיין איינגן בלוט.

ער האָט געשטשירעט מיט געזונטע נאַרישע ציינער. אַ שמייכעלע אַזאַ אַרויפגעצויגן אַף זיין מגושמדיקן פּנים און גאָרנישט ניט געענטפערט.

ווייל ער האָט זיין אַרבעט אמת ליב געהאַט, הויך געהאַלטן די „פאַן" פון זיין פּראָפעסיע, ווי אַ גוט־געשולטער מעכאַניקער האָט ליב זיין קינסטלעכן פאַך. ערשטנס, האָט ער פון דעם זיין חיונה געצויגן, פאַרדינט בכבודיק, אַזוי צו זאָגן, זיין „פּוטער און ברויט". ווייטער האָט ער „בלוט־געבערײַ" טאַקע געהאַלטן פאַר זיין געבאָרענעם באַרוף. ס'האָט אים באַפרידיקט, אויפ־געזעגט און געפרייט.

ער האָט ליב געהאַט די עצם צערעמאָניע, מיט וועלכער ס'איז געווען אַרומגערינגלט דער פּראָצעס פון בלוט־געבערײַ. האָט ליב געהאַט אויסציען זיך אַפּן ווייסן, ציכטיקן שפּיטאָל־בעטל, האָט ליב געהאַט צו קוקן אין פּנים אַריין דער ערנסטער, ווייבעריש־פאַרזאָרגטער שפּיטאָל־נוירס און פילן איר ווייכע וואַרעמע האַנט אַף זיין קלאַפּנדיקן פּולס. האָט ליב געהאַט צו הערן דאָס שטילע בורבלען פון זיין אייגענעם בלוט איבערגיסנדיק זיך אין פרעמדע רערן. האָט ליב געהאַט די געמאָסטענע טיי־לעפעלעך, מיט וועלכע מען פלעגט אים נאָכדעם אַזוי אָפּגעהיט־קינדיש שפּייזן. אַלע מאָל, נאָכן אָפּרוען זיך

א פּאָר טעג, פלעגט ער זיך צעשיידן מיטן שפּיטאָל מיט א שטילן אומעט און בענקען נאָך אים, ווי נאָך א פארלאָרענעם גן־עדן.

און אפשר טאָקע דער באַוואוסטזיין, אַז ער איז ניט עלנט, אַז זיין איינזאַם בלוט שלאָגט איצט צו צו פארשיידענע הערצער און פאַראייניקט אים מיט זיי צוזאַמען, אפשר האָט דאָס אים צוגעגעבן מוט און חשק. ס'איז מעגלעך. אַלץ איז מעגלעך.

ער האָט קיינמאָל קיין ציטער ניט געטאָן. דער דאָקטאָר פלעגט אים נאָך יעדער געלונגענער אָפּעראַציע צוקלאַפּן מיט דער האַנט איבער דער פּלייצע און זאַט־צופרידן אויסשרייען:

— בראַוואָ! ביסט א כוואַט, א יונג מיט ביינער.

נאָך יאָרן גייען אַוועק, צייטן בייטן זיך און מענטשן ווערן עלטער. יונגע דורות שטופּן זיך, קוועטשן מיט פרישערע עלנבויגנס און ווילן פארכאַפּן אַלט־געוואָרעמטע פּלעצער.

דער בלוט־געבער, וואָס האָט א לאַנגע צייט איינער אַליין „זעלבסט־הערשעריש" פארנומען דעם גאַנצן שפּיטאָל, האָט מיטאַמאָל דערשפּירט דאָס אָנקומען פון נייע צייטן.

ס'הייסט, ער אַליין האָט נאָך קיין שום שוואַכקייט דערוויל ניט געשפּירט, ניט אין בלוט, ניט אין הארצן, ניט אין דעם גאַנצן אייזערנעם קערפּער, נאָר דער דאָקטאָר האָט שוין אַפּנים אין די ארומשווימענדיקע גאָלדענע קייקעלעך עפּעס דערשפּירט און פארדעכטיקט. גאַנץ אָפט, ווען דער פּאַציענט איז געווען א רייכערער, א מער חשובער, האָט דער דאָקטאָר דעם אַלטן בלוט־געבער אויסגעבראַקירט און געווענדעט זיך צום נייעם, אינגערן עולם.

קיין בעלנים בלוט־פאַרשלעגער האָבן ניט געפעלט. וואָס הייסט? ס'איז דאָך א שטאָט מיט פארשיידענע מענטשן.

איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל. אַפריער האָט ער געמיינט, ס'איז בלויז א צופאַל, א פארקילונג, אָדער אַן אומפאַרדייעטער מאָגן, נאָר ביסלעכווייז האָט ער עס דערפילט. דערפילט זיין געפאַלנקייט, דעם באַרג־אַראָפּ גאַנג, דערשפּירט, אַזוי צו זאָגן, די קאַלטינקע ווינטעלעך און האָט זיך גענומען צאַפּלען.

ניט אַזוי דער פאַרלוסט פון פּרנסה. דאָס האָט אויך ווי געטאָן, נאָר ער האָט דאָך זיין פּרנסה געליבט, האָט זיך מיט איר ענג צוזאַמענגעקניפּט, און איצט ווער אַן אויסגענוצטער, אַוועקגעשליידערט און פארביטן מיט יונגעטשקע שנעקעס...

פון טראַכטן צום אומעט, פון אומעט צו בענקשאַפט, פון בענקשאַפט צו

הארץ־ווייטיק, פון הארץ־ווייטיק צו קנאה, פון קנאה צו שנאה, און אזוי ווייטער, ווייטער...

אגב איז ער שוין געווען הונגעריק אויך. דאָס איז דאָך געווען זיין איינציקער קוואַל פון פרנסה. די וואַרעמע געשמאַקע טיי־לעפעלעך געריכטן אין שפּיטאָל־בעט האָבן פון ווייטן אַזוי גערייצט און געוואונקען.

איינמאָל האָט ער זיין קאָנקורענט אין שפּיטאָל־„לאָבי" דערזען. דעם העלפאַנטס הארץ האָט ניט אויסגעהאַלטן: ס'איז געוואָרן מיטאַמאָל צעזאָטן.

פּאַרט אַ העלפאַנט: גוט־גוט אַ לאַנגע צייט, ביז ער שפּרינגט אַרויס פון די צוימען.

דער אַלטער מיטן נייעם דור האָבן זיך אין קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ צוזאַמענגעשטויסן. דער אויפקלאַפּ איז געווען היציק.

דער אַלטער האָט זיך אַפן יונגן אַרויפגעוואָרפן, מיט די נאָך גאַנץ שטייפע ברייטע לאַפּעס און מיט אַ צעווילדעוועטן בלוט־כעס האָט ער זיך אין אים איינגעשטשעמעט און גענומען שטיקן. דער יונגער האָט זיך געראַנגלט, ער האָט אויך ניט געשוויגן.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט מען זיי ביידן געמוזט צונעמען צעקיילטע, צעבלוטיקטע אין שפּיטאָל אַריין.

טאַקע אין דעם זעלביקן שפּיטאָל, אין וועלכן זיי האָבן געאַרבעט.

אַ שאָד דאָס ביסל פאַרגאָסענע בלוט: ס'וואָלט פאַר עמיצן אַנדערש גאַנץ פיין צוניץ געקומען...

דורך אַ פענצטער

.1

זיי האָבן זיך באַגעגנט אין שפּיטאָל. אָט ווי אַזוי זיי זיינען ביידע אַהין געקומען:

טשאַרלי האָט אַ גאַנצן טאָג געפּאַקט קאַסטנס; פאַרנאַכט האָט ער פאַרן פאַרדינטן געלט געמאַכט אַ כוסה; שלאָפן איז ער אַוועק אין אַ פרעמדן קעלער. פאַרשוועכטערהייט האָט ער אַהין פאַרבלאָנדזשעט, פאַרביטן אַף זיין צימער אין אַ „מאַנס־האָטעל”, וואָס ער האָט געהאַלטן אַף דער דריטער עוועניו. צום אומגליק, איז ער דוקא אַריינגעפאַלן אין אַן אומבאַהייצטן קאַלטן קעלער. באַנאַכט איז אָנגעלאָפן אַ פראָסט מיט אַ קנאַק. פאַרשלאָפענערהייט האָט טשאַרלי ניט געשפּירט, ווי אַזוי ער האָט אָפּגעפראָרן ביידע פיס. אַף מאָרגן האָט אים עמיצער געפונען, רחמנות געהאַט און מיט אַן אַמבולאַנס אויסגעריכט אין שפּיטאָל. איין פוס האָט מען גלייך אַראָפּגעשניטן. מיטן צווייטן איז נאָך אַ ספק: אפשר וועט מען אויך דאַרפן שניידן.

מערי, אַ מיידל אַ ברען, אַ שטיפערן (כאָטש אַ יתומה, נעבעך, און האָט קיינעם ניט, ווער ס'זאָל זיך פאַר איר איינשטעלן), האָט אַזוי לאַנג געשטיפט מיט יונגעלייט און אויך מיט עלטערע, ביז ס'איז אַף איר אַן אומגליק געקומען: זי האָט זיך פאַרשוואַנגערט. אירע קאַוואַליערן האָבן זי גלייך פאַרלאָזן. נאָכדעם זיינען, ווי געוויינלעך, געקומען געבורטס־ווייען און וויטיקן. אַזוי ווי קיין אייגענע היים האָט זי דאָך ניט געהאַט און די קוויטשן אירע זיינען געווען ווילדע, מעסערדיקע, האָט מען אַף איר רחמנות געהאַט און מיט אַן אַמבולאַנס אויסגעריכט אין שפּיטאָל. דאָרטן האָט זי זיך אָנגעקוויטשעט, אָנגעשריען, ביז זי איז ענדלעך געוואָרן אַ מאַמע...

דער שפּיטאָל איז געווען אַ ריזיקער, פיל־שטאָקיקער בנין, אַ כמורנער, ווי אַ געדיכט־אַראָפּגעהאַנגענע ברעם איבער אַן אומעטיקן גרויסן אויג. אַז מען האָט פון גאַס אַרויפגעקוקט אינדערהויך, האָט מען פון פענצטער געזען בלאַסע רוקנס פון שורות אויסגעשטעלטע בעטן און אַמאָל אין אַ נאָווינע האָט אַ חולה צוגעגנבעט אַ בליק צום גלאָז און געקוקט פאַרוואונדערט פון זיין בלאַסער אָפּגעשיידטער וועלט.

דערקענען דעם שפּיטאָל האָט מען געקענט פון דעם ריח, וואָס האָט אים

ארומגענומען — א שארפער, א קאלטינקער, ווי געפרווירענע שארפקייט פון שטאָל — און אויך פון זיינע ארײנפאַר־טויערן, וואָס קיין אנדער געשעפטס־בנין אַף דער גאס האָט ניט געהאַט. דורך די טויערן פלעגט דער אמבולאַנס ארויספאָרן, צונעמען זיינע קרבנות און לויפן צוריק מיט גלעקלדיקער גע־איילטקייט אויספּאַקן זיי אין שפיטאָל. חולאים זיינען געווען אלערליי. צע־פּארטע, צעקוועטשטע, צעקאליעטשעטע, איבערגעפוילטע, אָפּנוץ פון דער גרויסער, באַפעלקערטער שטאָט; פלעגן די ניי־אָנגעקומענע מאכן אַן ענג־שאַפט; האָבן די באדינער געוואָרטשעט און די אלטע „בירגער" זיינען אויך אומצופרידן געווען. נאָר ביסלעכוויז האָט מען זיך איינגעמאַשטשעט, ווי געוויינלעך צווישן מענטשן; מ'האָט צוגערוקט בעטל צו בעטל, זיינען זיי געשטאַנען אין בלאַסע אַנגעפּאַקטע שורות, ווי ווייסע אָנקעפּיקע זעלנער, ס'בעטל מיטן חולה צוזאמען איינס, איין נשמה מיט איין גוף.

דורך די זעלביקע טויערן זיינען טשארלי מיט מערין פון צוויי פארשיי־דענע זייטן ארײנגעפאָרן, צעלייגט זיך אין די בעטן און געוואָרן כמעט שכנים:

דער שפיטאָל האָט געהאַט א סך אָפּטיילונגען, לויט די חולאתן. עס איז דאָרטן אויך געווען א באַזונדערע מענערשע און ווייבערשע אָפּטיילונג (ווי זשע אנדערש?) איינע אנטקעגן דער אנדערער און א שמאָלער, שלענגלדיקער קאָרידאָר צווישן; נאָר אַזוי ווי דער שפיטאָל־בנין איז צום הויף געווען געבויט ווי א ליגנדיקער „ח", איז אויסגעקומען, אַז דער חולה, וועלכער איז געלעגן אין דער לעצטער שורה, אנטקעגן פענצטער, האָט דורך אַן אנטקעגנ־דיקן פענצטער געהאַט א מעגלעכקייט ארײנצוקוקן אין דער צווייטער אָפּטיילונג. אַזוי, צוליב דער נאָענטקייט, פלעגן די פרויען צייטנווייז הערן די באַסאָווע מענערשע קרעכצן און אַז צו די מענער פלעגט ארײנפליען א שארפער שניידנדיקער קוויטש פון א ווייבל א געווינערן, פלעגן זיך בא זיי די אויערן אָנשפּיצן און די בלאַסע אָפּגעברענטע ליפּן פלעגן זיך אויסשנורעווען אין א זינדיקן מאַנסבילשן געלעכטער.

טשארלין און מערין איז באַשערט געווען צו ווערן אין שפיטאָל די פענצטערדיקע שכנים און אַזוי זיינען זיי צווישן זיך געוואָרן באַקאַנט...

.2

אָט ווי אַזוי זייער פריינטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן:

אַז מען האָט טשארלין צוריק געבראַכט צוטראָגן פון שנייד־טיש, וואו ער האָט זיין „שפּרייזער" פארלאָרן, איז ער נאָך א לאַנגע צייט געלעגן, ווי א שטיק קלאָץ. נאָכדעם האָט ער לאַנגזאַם אָפּגעקלעפּט א פּאָר פארגלעזערטע

אויגן. וואונדערן זיך האָט ער קיין צייט ניט געהאַט: ס'האָט אים געשטיקט מיט איבלדיקן גרינעם גאַל פונעם אָנגעאָטעמטן כלאָראָפאָרם און ער האָט זיך געאײַלט אויסשפּייען, אויסלופּטערן זײַנע לונגען. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַ דריי געטאָן זיך אין נעפּל זיין פאַרשלאָפענער באוואוסט־זיין; ער האָט צעטומלט געריסן די פאַרגלעזערטע אויגן און געמוזט זיך אײַלן, דערמאָנען זיך אַף וואָסער וועלט ער איז...

פון דער אַנדערער זייט, לעבן פענצטער, פונקט אַנטקעגן, איז דעמאָלט געלעגן און געקוקט אַף אים מערי.

זי איז, אַזוי ווי ער, געווען געשמידט צום בעט. ס'קינד האָט זי שוין לאַנג געהאַט. נאָר אַזוי ווי מערי איז דאָך געווען אַ ברען, אַ שטיפערן, האָט זי זיך צופיל אָנגעהוליעט מיט יונגעלייט און אויך מיט אַלטע און איז אינעווייניק געווען קאַליע. אַזאַ האָט גאָר ניט געטאָרט שוואַנגערן, האָט קיין מאַמע ניט געטאָרט ווערן...

שפּעטער, אַז טשאַרלי האָט זיך אויסגעטשוכעט, אויסגעאָטעמט דעם טשאַד און דעם ערשטן קרעכץ אַרויסגעלאָזן אַף זיין פאַרלאָרענעם גייער, אַז ער האָט שוין שלום געדאַרפט מאַכן מיט זיך און אַרומגעקוקט זיך אין דער נייער פרעמדער סביבה, האָט ער דעמאָלט אין פענצטער דערזען מערין.

אַ בלאַסע איז זי געלעגן, מיט אַ פלאַכן, עטוואָס צוגעפּלעטשטן פּנים, זומער־שפּרענקלעך אויסגעזייט איבער דער קרענקלעכער ווייסקייט פון הויט און צוויי שורות ציינער האָבן אַ ביסל פאַנאַנדערגעשפּאַרט די ליפּן און מיט זיי אינאיינעם געשמייכלט אַן אָפענעם, גוטן, טעמפּן שמייכל.

האָט זיך שוין טשאַרלי ניט געקענט איינהאַלטן. אַ יונגער איז ער געווען; כאַטש שוואַך נאָכן פוס־פאַרלוסט, נאָר מיט אַן אומרואיקן ברען אין די בלוטן. ער האָט אַרויסגעצויגן פון אונטערן לייַלעך אַ האַנט, געפּאַכעט זי אַנטקעגן דעם מיידל מיט אַ וואוילינגערישן צופינטל אין די אויגן:

— באַקאַנט לאָמיר זיין.

נאָכדעם:

— מיידעלע, מיין מיידעלע!...

און מערי האָט אים געענטפערט צוריק מיט אַן אָפּגעשוואַכטן מיידלשן ברען, מיטן גוטן נאָכגיביקן לאַך אין אירע נאַקעטע אויגן:

— כ'פאַרשטיי דיך, בחורל, איך פאַרשטיי...

— איז וואָס? שפּילן מיר זיך אַף שפּאַס?

— גוט, לאָמיר שפּילן.

ער האָט איר געשיקט אַ לופט־קוש און זי האָט אָפּגעשיקט צוריק. ער האָט צו איר כיטרע, ברעמיק געוואונקען און זי האָט אָפּגעוואונקען; ער האָט

פֿאַר די איבעריקע מענער, שפּיטאָל־חברים, געוואָלט זיך אויסבאַרימען מיט זיינע זיגן און האָט מיט אַ פֿינגער אין מויל גרינגשעציק צו איר אַ פֿייף געטאָן. מערי האָט געשמייכלט און זיך ניט באַליידיקט.

אָט אַזוי, ביסלעכווייז, האָט זיך זייער באַקאַנטשאַפֿט פֿאַרקניפּט און פֿאַרבונדן...

3.

איינמאָל אַ טאָג פֿלעגן אַ דאָקטאָר מיט אַ „נוירס” קומען צו טשאַרלין איבערבינדן זיינע וואונדן.

דעמאָלט, אַז זיי פֿלעגן מיט קאַלטע געניטע פֿינגער אָפּוויקלען זיין ווייטיק־פֿלייש, אַז פֿרעמדע הענט פֿלעגן זיך פֿאָרען אַרום זיין וואונד, אָנדריקן זי און אויספּראַוון און איבערוואַרפֿן זיך מיט געלאַסענע „געלערנטע” באַמערקונגען, פֿלעגט דער ווייטיק אַזוי שטאַרק ווערן, שטעכן מיט בלאַנקע נאָדל־שפּיצן אומעטום, איבערן האַרצן, אין די שלייפֿן, אין דער געדיכטעניש פֿון מוח, ווי אַ שפּיזיקער שטראָם וואַסער, וואָס פֿון שאַרפֿקייט ווייס מען שוין ניט צי ס׳וואַסער איז צו הייס אָדער צו קאַלט, אַז טשאַרלי פֿלעגט ניט אויסהאַלטן און צעגוואַלדעווען זיך אויפֿן קול.

ווי לאַנג ער פֿלעגט אַזוי שרייען, האָט ער אַליין ניט געוואוסט; נאָר שפּעטער, אַז דאָס איבערבינדן איז געווען געענדיקט, די פֿאַראַוואַנטע וואָס האָבן אים אָפּגעזונדערט—פֿאַנאַנדערגערוקט, דער דאָקטאָר מיט דער „נוירס” אַוועק און איבערגעלאָזן נאָך זיך דעם שאַרפֿן קאַלטינקן שפּיטאָל־ריח פֿון יאָדע און כלאָראָפֿאָרם געמישט אינאיינעם, פֿלעגט טשאַרלי בלייבן ליגן אין בעט אַן אויסגעשעפּטער, אַ פֿאַרמאַטערטער, מיט שווייסיקע האָר צוגעקלעפּט צום שטערן, אויפֿגעריסענע אויגן, פֿאַרלאָפֿענע מיט טרערן און קוקן אַרום זיך מיט אַ פֿאַרוואונדיקטן באַליידיקטן בליק.

פֿון דער אַנדער זייט, אַנטקעגן פֿענצטער, איז געלעגן און געקוקט אויף אים מערי...

אויף איר פֿלאַכן, אויסגעפּלאַטשטן פּנים איז געווען אַ ווייכער אומעט. די צוויי שורות גרויסע ציינער מיט די פֿאַנאַנדערגעשפּרייטע ליפּן אינאיינעם האָבן זיך געוואונדערט און אים מיטגעפֿילט, די אויגן אירע האָבן אים געזוכט, צוגעהאַלטן און דערציילט אויף וואונק אַזוינס, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט. טשאַרלי פֿלעגט ניט אויסהאַלטן, זיך פֿאַרשעמען און אָפּקערן דעם קאָפּ אָן אַ זייט...

אָפֿט פֿלעגט טרעפֿן, אַז די שירמען האָבן אויף אַ צייט פֿאַרשטעלט מערין;

פון דאָרטן האָט ער געהערט פאַרשטיקטן מיידלשן געוויין, קרעכצן און נאָכדעם פלעגט ער זי דערזען.

האָט ער געוואָלט טרעפן דעם סוד, וואָס איז הינטער די שירמען פאָר־געקומען; ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם פרויען־לייב, וואָס האָט זיך געבלאָסט אַרום די אויסשניטן פון איר שפּיטאָל־העמד, געזען איר בלייכן פאַרענדערטן פּנים, די אויגן, וואָס זיינען מאָדנע־בלוי געוואָרן דערפאַר, וואָס זיי האָבן ווייטיקן אין זיך איינגעזויגן, און פאַרשטיקט און אויסגעמאַטערט געלעגן מיטן קאָפּ אויפן קישן און פאַרלאָרן־אומעטיק געשמייכלט צו אים.

דעמאָלט האָט טשאַרלי געפילט צו איר אַ מאָדנע צוגעבונדנקייט. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויפן וואונק:

— האַ? ס'טוט וויי? שטאַרק?

און זי האָט געענטפערט:

— נישקשה, ס'וועט איבערגיין...

— זאָגסט מיר ניט אויס.

— דו ליידסט געוואָלדיג.

— ביידן טוט וויי.

— ביידן, ביידן...

באַנאַכט, ווען דאָס ליידן פון די חולאים פלעגט זיך אויפגיסן אינאיינעם און דערפאַר האָט אַלץ, אַפילו די לופט אין שפּיטאָל־צימער, אויסגעזען בלאַס־שווימענדיק, ווי לייוונטענע פעדימלעך אין דערלופטן, ווען אַ „נוירס" אין ווייסן הויב און ווייסן קלייד פלעגט בלייבן די איינציקע היטערן און אויגן פון אומעטום האָבן צו איר געבלאַנדזשעט און זיך גערוקט, פלעגט טשאַרלי ליגן האַלב־וואַך, האַלב־דרעמלענדיק און האָט אַליין ניט געוואוסט, צי ער חלומט, צי ער טראַכט.

ער האָט געוואוסט, אַז ער איז אַן אַנ־פּיסיקער, און פונדעסטוועגן האָט ער קיין ווייטיק ניט געשפּירט; ער האָט ניט פאַרגעסן, ווער ער איז, טשאַרלי, ניט מער ווי טשאַרלי, אַ גאַסן־זשלאָב פון ניו יאָרק, וועמען ס'ווייב האָט אוועקגעוואָרפן און מיט אַן אַנדערן אַוועק, דאָך האָט ער קיין כעס אין האַרצן אויף קיינעם ניט געהאַט, ווייל, ווי נאָר אַ באַליידיקונג פלעגט ביטער מאַכן ס'האַרץ און אַ ווייטיק פלעגט אַ שמאַרץ טאָן און אויפפלאַקערן, פלעגט אויף אים אַ קוק טאָן יענע פון פענצטער און ער פלעגט צעטומלט און גוט־פילנדיק אוועקקערן אַן אַ זייט דעם קאָפּ.

איז ער געווען מיט איר, געגלעט ס'לייב, וואָס האָט זיך געבלאָסט אַרום די ברעגן פון איר שפּיטאָל־העמד און געזוכט גלעטנדיק נאָך און נאָך. ס'האָט אים געבריט דער שמאַרץ פונעם אָפּגעשניטענעם פלייש; ער האָט דעם ווייטיק

פאַרהאַלטן צווישן די ליפּן און איז צופרידן געווען, וואָס ער באַהאַלט פון איר זיינע ליידן און וואָס, ניט־קוקנדיק אויף דעם, פילט זי זיי דאָך פאָרט און ליידט צוזאַמען מיט אים.

אינדערפרי האָט ער זי באַגעגנט אין פענצטער און געזען, אַז זי איז אים אויך נאָענט און האָט געקלערט וועגן אים. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיי האָבן שוין חתונה געהאַט, אַז ליידן און וויטיקן האָבן זיי פאַרקנסט און זיי דאַרפן מער ניט שפּילן קיין פרעמדן שפּיל. אַז זיי האָבן זיך אויפגערעדט מיט אַ וואונק און אַ האַנט־מאַך, האָט זיין בליק איר געפרעגט:

— מיידעלע, מיין מיידעלע! דאָס בין איך, דער אָנפּיסיקער טשאַרלי. דערקענסט, צי ניט?

און זי האָט געענטפערט צוריק:

— יאָ, בחורל, כ'פאַרשטיי גוט, איך פאַרשטיי...

האָט זיין בליק ווייטער געפרעגט:

— איז ווייסטו, אַז מיר זיינען אינאיינעם?

— יאָ, כ'ווייס.

— איז וואָס, מיידעלע, וועסטו זאָגן?

און איר שעלמיש מיידל־אויג האָט פריילעך געענטפערט צוריק:

— נו, בחורל, פאַרשטייסט דאָך; פאַרשטיי אַליין...

.4

איז דער דאָקטאָר געזעסן אָנטקעגן און געכמורעט אַ ברעם:

— שלעכט, טשאַרלי! דעם צווייטן פוס וועט מען דאַרפן אַרונטער־נעמען...

האָט טשאַרלי גאָרנישט ניט געענטפערט. ער האָט נאָר אין פענצטער געגנבעט אַ קוק.

און אין האַרצן האָט ער אַזוי פאַראיבל געהאַט.

—ביידע! איין פוס איז נאָך ניט געווען גענוג.

— זיי גרייט, טשאַרלי; זיי בראַוו.

האָט מען אים ווייטער אַרומגעגאָלט, אַרומגעוואַשן, אַ ווייס העמד אָנ־געטאָן, איבערגעלייגט פון בעט אין בעט און צום שנייד־טיש אַוועקגעפירט.

און די חולאים אין די בעטן האָבן זיך מיט אים געזעגנט; ווי דער שטייגער איז, מיט יאָמער־אויסגעשריען, האַלב־שפּאַסיק, האַלב־ערנסט אים באַגלייט:

— „גוד־באַי", טשאַרלי! שלאָפן זאָלסטו געשמאַק.

ווען ער האָט דעם קאַלטינקן כלאָראָפאָרם־ריח גענומען אין זיך אריינ־זויגן, האָט ער געטראַכט:

— אַז כ׳וועל זיך אויפכאַפּן, וועל איך גלייך אין פענצטער אַ קוק טאָן.

און נאָך:

— אויב כ׳וועל אין פענצטער אַ מיידל דערזען, איז אַ סימן, אַז איך לעב...

נאָכדעם האָט ער געציילט, נאָכדעם האָבן אין אים אינעווייניק ווייטע גלעקער אָפּגעקלונגען, אראָפּגעקייקלט זיך אין אַ תהום, צעפּיצלט געוואָרן און פארזונקען; ס׳איז געווען אויס...

מערי איז געלעגן לעבן פענצטער און געוואַרט.

ס׳הארץ האָט איר געזאָגט, אַז מיטן בחור האָט אַן אומגליק געטראָפן, דערפאַר איז עס געוואָרן אַזוי אומרואיק און האָט ציטערדיק געוואַרט.

און אין הארצן האָט זי געטראַכט:

— אויב ער קומט ניט, דאַן בלייב איך, ווי אַן אלמנה; אַ יתום דאָס קינד.

אָבער טשארלי איז צוריק ניט געקומען. מערי האָט אים שוין קיינמאָל ניט געזען.

פון שנייד־טיש האָט מען אים צוגענומען אין מתים־קעלער. ווען ס׳מיידלס בלוט האָט אומגעדולדיק געקאָכט זיך, געזאָטן, האָט ער זיך דאָרטן אַף אייז געקילט.

אַף זיין בעט האָט מען ארויפגעלייגט אַ צווייטן.

און ווען דער צווייטער האָט פון פענצטער דערזען אַ מיידל, האָט ער פון אונטערן לײַלעך ארויסגעצויגן אַ האַנט, געפּאַכעט איר אַנטקעגן מיט אַ וואוילינגערישן צופּינטל אין אויג:

— מיידעלע, מיין מיידעלע...

דער טויט פון טעד דענים

זיבעצן יאָר איז טעד דענים אַלט געווען, ווען מ׳האָט אים אַרעסטירט און צום געריכט פון „ווייסע״ געשטעלט. ער איז געווען אַ נעגערשער בחור פון דזשאָרדזשיע, און האָט געאַרבעט באַ פאַרשיידענע פּאַכן: צו זיבן יאָר — אַ שיק-אינגל אין אַ „גראָסערי״-קראָם, שפּעטער אַ טאַטשקע-שטופּער אין אַן אייזן-גיסעריי, און אַז ס׳איז אַרבעטלאָזיקייט געקומען, איז ער אַוועק אין אַ „שאָו״-פּלאַץ, וואו ער איז געזעסן אויף אַ ברעט, איבער אַ צאַפּן וואַסער, רייצנדיק זיך מיט „ווייסע״, זיי זאָלן אים מיט אַ האַרטער פּילקע אין קאָפּ טרעפן, אָדער אין וואַסער אַריינגלישן. ער האָט זיך גערייצט שאַרף, פאַר-ביסן, מיט דער הילף פון אָנגעגאָסענע טיפע בעבער-ווייסלען און ווייס-בלישטשענדיקע געשטשירעטע ציינער און די יובע אַרויסגערופן באַם עולם:

— ווייסע, גאַרנישטן! ווייזט אַ קונץ און דערלאַנגט דעם „ניגער״...

די ווערטער האָט אים דער באַלעבאָס אונטערגעזאָגט, דעם פּייער אין זיי האָט ער אַליין געצונדן און ס׳איז אים אין לעבן געגאַנגען, האַרטע פּילקעס זאָלן אַרום זיין קאָפּ אַרומפליען, פינגער זאָלן זיך איינקאַרטשען, פאַרמעסטן, צילן און פאַרפעלן. ער האָט דערפון שטאַרק הנאה געהאַט.

איין טאָג האָט מען אים פון דער „אַרבעט״ איבערגעשלאָגן: אַ מאַן אין אַ געקעסטלטן אָנצוג, מיט לויפנדיקע שפּיזל-אויגן, האָט אים פאַרן ברוינעם אָרעם אָנגענומען און געפרעגט:

— דיין נאָמען?

— דענים.

— קום מיט מיר...

טעד האָט אַן אומגליק דערשמעקט, אָבער ער האָט ניט געקענט דערקענען. ער האָט געדרייט מיט די ווייסלען, געהויבן די אויערן, ווי אַ האָז, וועלכער האָט הונט-נאָענטקייט דערשנאַפּט; אַז מ׳האָט אים געבראַכט אין „סטיישאַן״-הויז, ווי אַ מויז אין אַ קעצן-ווינקל, און ער האָט דערפילט, אַז ער האָט זיך אין אַ נעץ פאַרפּלאָנטערט, האָט אים דאָס האַרץ אונטערגעזאָגט, וואָס צו טאָן:

— ווייַן, קלאָג, צופ רחמנות מיט אַלע מעגלעכקייטן, אָבער רעד ניט קיין איבעריק וואָרט; ס׳וואָרט פון אַ נעגער — אַ שטיקל, וואָס דער „ווייסער״

וועט עס ארום פינגער ארומוויקלען, פארשטייפן, פארפלאָנטערן, פאַרדרייען און דערשטיקן ביז צום טויט...

ער האָט געשוויגן, ווען מ'האָט אים אַ בילד צוגעטראָגן צו דערקענען, אַ בילד פון אַ ווייסער פרוי אין די זעכציקער. ער האָט געקוקט, געדרייט מיט די ווייסלען און געהויבן די אויערן, ווי אַ האָז. ס'פּנים איז אים ניט פרעמד געווען, אַזעלכע „ליידיס" האָט ער אַ סך געזען, אין די קיכן, וואו זיין מאַמע האָט וועש געריבן און געריכטן געקאָכט, און אַ צעהיצטע, אַ שווייסיקע האָט זי אים דעמאָלט געטריבן פון איר פאַרטוך אַוועק:

— „סקעדו", נעגערל, וואָרעם! לעבן לאָזט ער ניט אַף דער וועלט...

קאַרקן האָבן זיך מיט רויטער בלוטיקער רשעות אָנגעגאָסן; מ'האָט אים מיט פראַגעס געפּלאָגט:

— קענסטו די „ליידי"?

— כ'קען ניט.

— ביסט געווען אין איר הויז?

— כ'געדענק ניט.

— האָסט ליב ווייסע פרויען?

דענים האָט אינגלש געכיכיקעט.

— האָסט זי פאַרגוואַלדיקט? „בעסטעד", זאָג אויס...

מ'האָט אים געשלאָגן; פריער איז ער וואָך געווען: אַ באַוואוסטזיניקער, ברוינער, אין זיך איינגעאָרבעטער קנויל, איז ער פון הענט צו הענט אַרומ־געשליידערט געוואָרן, געפאַלן אַף אַ שטיינערנעם דיל, געשריען, געריטשעט און שטיקער לייב און בגד האָבן זיך אַף אים געפּליקט. נאָכדעם האָט זיך דאָס באַוואוסטזיין אויסגעלאָשן; גרויסע, ברוינע, פון אומעט געשטאָכענע שוואַרצאַפּלען, אין בלוט־פאַרלאָפענע ווייסלען, אויגן פון אַ פאַרפּייניקטן זשערעבעטשיק, האָבן ווייסן לייוונטענעם ווייטיק אַרום זיך געזען; דער ווייטיק האָט אַ פּנים באַקומען: „פּאָליס", יונגען מיט אָנגעגאָסענע קאַרקן, אין געקעסטלטע אָנצוגן, „פּראָטעקטיווס", אַזוי האָבן זיי קליינע נעגער־אינגלעך גערופן און מאַמעס האָבן געסטראַשעט מיט זיי: „פּראָ־טעק־טיווס". קלעפּ, ווי האַרטע פּילקעס איבערן קאָפּ. אָבער טעד איז צעקאָכט, ער חוזקט, און רופט די יוכע באַם „ווייסן" נאָך שטאַרקער אַרויס:

— ווייסע גאָרנישטן! הע־הע. ווייזט אַ קונץ און דערלאַנגט דעם נעגער נאָך און נאָך...

ער איז געלעגן אַ פאַרשאַרטער אַף אַ דיל, אין אַ צעל פון „סטיישאָן"־הויז. אַ ברוינער שטיק ברענענדיקער ווייטיק. פון די צעפּאַסעוועטע שטיקער קליידער און פלייש האָט זיך צו אַ חיהדיקן קרעכצן צוגעמישט אַ כליפּ פון

דעניסעם צוריקגעקומענעם באוואוסטזיין, א געשמאקע צופעניש פון באַ־לײדיקטע נעגער־אינגלעך, וועלכע זיצן אַף טראָטוארן, ברוינע באָרוועסע פיס אונטער זיך איינגעקאָרטשעט, און ווישן מיט פינגער אָנגעגאָסענע ברוין־אומעטיקע אויגן, אויגן פון פאַריתומטע זעשערעבטשיקעס, און מיט א שלוקערץ־קול יאָכמערן זיי צו :

—איך בין א קליין „ניגערל״! קיינער האָט קיין רחמנות ניט אַף אַן אָרעמען נעגער, אָ־האָ־האָ־האָי...

:: :: ::

ס׳איז געווען א געריכט.

ליכטיק און זוניק איז געווען אין געריכט־צימער. א גרויסער פאַרביקער עולם האָט זיך ווי אַף א יום־טוב צונויפגעקליבן און מ׳איז געזעסן קאָפּ אַף קאָפּ. זוניקייט האָט געשפּילט אין שטיפערישע פלאַכטעס, ארומגעפּויזעט אַפן דיל, געטאַנצט אַף אויפגערעגטע פּנימער, א רייץ געטאָן זיך מיטן שוואַרץ־מאַנטלדיקן מאַן, וועלכער איז געזעסן אויבנאָן פאַרטיפט אין פּאַפּירן, ארומ־געשפּרונגען אַף די אייזן־קייטלעך פון דעניסעם ברוינע הענט, ארייגגע־צילעוועט זיך אין זיינע גרויסע פאַרוואונדעטע אויגן און זיי נאָכאַנאַנד געזשמורעט אינעם שפּיל פון שאָטן און ליכט.

א גרויסער פּראָצעס געווען. צייטונגען האָבן שוין וועגן דעם געפּויקט מיט וואָכן און חדשים פריער ; מ׳האָט אויסגעמאָלן בילדער פונעם „ניגער־שד״, וועלכער האָט ווייסע פרויען־ערע פאַרשוועכט. טעג זיינען דעמאָלט געשטאַנען אין דזשאָרדזשיע, הייסע, אומרואיקע, שיכורע, איז מיט דעם געבלי פון פּערעשקעס־ביימער און אקאציעס א שנאה אויפגעגאַנגען, בלוט־שנאה צו דער נעגערשער אָרעמקייט, וואָס האָט זיך אין שמוץ און שטויב־געסלעך גע־טונקט, צו טעד דעניסעס זיבעצן־יאָריקן ברוינעם לעבן ; דעם גאַל האָבן מענער און פרויען, אין פאַרביקער באַפּוצונג, אין געריכט־צימער געבראַכט, און ער האָט געשפּריצט איבער דער ליכטיקייט פון זון־שטראַלן און זיי פאַר־סמט. אָבער טעד האָט ווינציק פאַרשטאַנען און די אָנגעגאָסענע בעכער־ווייסלעך זיינען געשטאַנען גרויסע, פאַרוואונדערטע, מיט א פראַגע אין דער וועלט אריין :

— וואָס וויל מען פון דעניסן ? וואָס האָט ער געטאָן ?...

מ׳האָט אים אַף א שטול געזעצט אויספרעגן (א ווייכער סאַמעטענער שטול מיט א הויכן אָנלען). זון־שפּריצן האָבן דעמאָלט זיינע אויגן גע־זשמורעט און אייזערנע רייפלעך אַף די הענט זילבערדיק געמאַכט ; איז אַף אים א חיה־שרעק געקומען און צום קאָפּ זיינעם צוגעשלאָגן א געירשנטן נעגער־געדאַנק :

—דענים, א סכנה! טו, וואָס דו קענסט: ווײַן, קלאָג, צופּ רחמנות פון ווייסן הארצן, אפשר וועט עס העלפן, אָבער — ניט קיין איבעריק וואָרט. ס'וואָרט פון א „ניגער" — א שטריק ארומצואוויקלען, פארפּלאָנטערן און דערשטיקן; „ניגער" — האלט צונג...

— דיין נאָמען?

— דענים, טער.

— ווי אַלט?

— זיבעצן.

— באשעפטיקונג?

— כ'וויים ניט.

— קענסטו לייענען, שרייבן?

— כ'קען ניט.

— גייסט אין „טשוירטש"?

— כ'גיי ניט.

— פארשטייסט דיין פארברעכן?

— כ'פארשטיי ניט.

— האָסט פארגוואלטיקט א „לידי"?

— כ'קען ניט ווימן, „סער".

— האָסט זיך מודה געווען?

— כ'קען ניט וויסן, „סער".

ערשט פון שטול צוריקגייענדיק, האָט א געמישטער קנויל סכנה און ווייטיק אינעווייניק געפּלאצט און מיט געשמאקער צופּעניש האָט ער פארצויגן א נעגעריש קינדער־צוזינג, מיט א כליפּ:

— א קליין נעגערל בין איך! מ'האָט קיין רחמנות ניט אף אַן אָרעמען נעגער, אָ־האָ־האָ־האָי...

„סערס" און „לידים" האָבן געלאכט. דער שווארץ־מאנטלדיקער האָט בייז געקלאפּט מיט א האמער איבערן טיש.

נאָכדעם האָט א מאַן (אַן ערנסטער „סער" איז ער געווען, מיט א לייבן־קול, א באברילטער, אין א גרויען אָנצוג) פון א פּאפּיר אויסגעלייענט, אַז „טעד דענים, אכצן יאָר אַלט, האָט זיך מודה געווען אין פארברעכן און געחתמעט א קרייץ אפן פּאפּיר מיט זיין אייגענער האנט און פרייען ווילן; דער באַווייז איז דאָ..."

דער שווארץ־מאנטלדיקער האָט עס ערנסט באקוקט; דער מיט די פלינקע שפּיזל־אויגן און געקעסטלטן אָנצוג, האָט אַלץ באשטעטיקט, און נאָכדעם האָט

זיך אויפגעשטעלט דער, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן בײַ דעניסעס רעכטער האַנט:

— מײַן קליענט האָט גאָרנישט ניט וואָס צוצוגעבן...

אין געריכט־צימער האָט אַ זשיפּעריי אַ שלונג געגעבן די אָנגעצויגענע שטילקייט, אָבער דעניסעס ווייסלען האָבן געשמייכלט, ווייסע שאַרפע ציינער האָבן זיך געשטשירעט פון דער געווייַנלעכער שפּיל:

— ס׳אַרא מעשיות די „ווייסע" האָבן אָנגעפּלאָנטערט! — ס׳האָט אים געצווינגן אַ קוק געבן אַפן קרייַז, וואָס ער האָט מיט דער אייגענער האַנט אָוועקגעלייגט. זיינע אַכצן יאָר האָבן אים געפּלעפט:

— דער „ווייסער" האָט אַ טעות געמאַכט, „דזשיזוס"...

מ׳האָט אים פאַראורטיילט:

— צו דער תליה. הענגען בײַם האַלדז, ביז וואַנען ער וועט שטאַרבן...

„סערס" און „ליידיס" האָבן געפּאַטשט מיט די הענט און געפּאָכעט מיט טיכלעך. דער שוואַרץ־מאַנטלדיקער האָט ווידער מיטן האַמער בייזערדיק גע־קלאַפּט. דעניס האָט עס ניט גלייך באַנומען; די בעכער־ווייסלען האָבן זיך איבערגעגאָסן אין ברוינע פאַרגרעסערטע שוואַרצאַפּלען, זיינען געבליבן שטיין, די אַקסלען האָבן געצופּט:

— „דזשי!" אויפהענגען? פאַרוואָס?...

ערשט אַז מ׳האָט אים פון געריכט־זאַל גענומען אַרויספירן, האָט דאָס צופּעניש מיט ווייטיק און טויט־מורא אויפגעפּלאַצט און ביטערניש האָט זיך צעגאָסן אין אַ ווילדן קול.

— „בעסטעדס"! האָבן קיין רחמנות ניט אַף אַ „ניגער"! אין די קישקעס זיי אַ בראַנד!

— כ׳וויל ניט שטאַרבן!

— טויטן דעניסן, פאַרוואָס? וואָס האָט ער זיי געטאָן?...

:: :: ::

אין אָוונט איז מען נאָך אים געקומען.

געוועזן אַ שטילער פאַרנאַכט; אַ פאַרגייענדיקע זון האָט געפּלאַצט און מיט געפּלאָסענעם גאָלד־שמעלץ שטיקער הימלען באַגאָסן. רויטלעך זיינען אויך געוואָרן די גראַטעס און די פאַרשטויבע טורמע־פענצטער. אין שטאָט האָבן שיכורדיק געשמעקט אַקאַציעס און פערשקעס־בליאונג. מיטאָמאָל איז אין טורמע־הויף אַ טומל געוואָרן. אַן עולם — זשוקעס, קאָפּ אַף קאָפּ. פנימער — בעק־באַבערדלטע, גלאַט־גערזירטע, עלטערע פרויען און מוידן־פנימער. אַלע צעהיצטע, אויפגעזאָטענע, פון בלוט־בייזקייט צעקרימטע, מיט פאַרביסענע ליפּן, האָט מען זיך געשפּאַרט צו די גראַטעס; איינער דעם צווייטן

האָט געשטופּט, געשטויסן, געריסן פון זיך שטיקער פלייש און ביין:

— דעם „ניגער" אהער!

— דערלאַנגט דעם הינטישן זון!

— דאָס געריכט — דאָס פאָלק. זין פון דזשאָרדזשיע!

— פאַר אונדזער פרויען־ערע — אַליין זיך אָפּרעכענען!

דעניס האָט אַ סכנה דערשמעקט. ברוין פלייש האָט זיך אין בורבלעך געבלאָזן, טויט־שרעק האָט זיך אין די אויגן געשפּיצט, סכנה האָט אים פון די ווינקלעך געהויבן און ווי אַ מויז אין אַ ברענענדיקער, קעראָסין־באַגאָסענער פּאַסטקע, האָט ער זיך געלאָזט לויפן פון וואַנט צו וואַנט...

נאָכדעם האָבן גראַטעס און טירן געפּלאַצט. הענט — לאַפּעס האָבן אויסגעבויגענע, צעלאָמטע אייזן־שטאַבעס פון קאָנקריט און ציגל־איינפאַס געריסן. שטויב, ליים, צעמאָלענער אַש־ציגל האָט זיך געשאָטן און אויפגעהויבן אַ וואָלקן, וואָס האָט געביסן אין האַלדז. אין דעם אָפענעם לאָך האָבן זיך הינטנס געקוליעט, געקעמפּט פאַר אַן אָרט, פאַרשטופּט איינס דאָס צווייטע. זייער אימפּעט האָט צוגעהאָלפן דאָס הירזשען פון אַרום:

— דעם „ניגער" דערלאַנגט!

— אַ—הע—ר!

— געפּאַקט דעם הינטישן זון! שוין דאָ!

— דעם שטריק איבערוואַרפן!

— מ'פירט! אַ וואַרע מאַכט!

מ'האָט אַרויסגעפירט דעניסן, דעם האַלדז אין אַ שטריק פאַרשנורעוועט, און ער איז אין דער זשוקן־קופּע אַריינגעשטופּט געוואָרן. אַ רויטער שטראַל ליכט איז אים אַף די אויגן געפאַלן, האָט ער זיי פאַרזשמורעט און צוריק געעפנט. דאָס ליכט האָט אים געקיצלט אַף דער ברעם, און דער שטריק האָט זיך שטייף אין האַלדז־פלייש איינגעביסן און ווערגנדיק אַרויסגעשטופּט אין דרויסן אַ בלויען שטיק צונג.

אין דרויסן האָבן געוואַרט אָטאָמאָבילן. אין דעם ערשטן (וואוהין מ'האָט דעניסן אַריינגעשטויסן) איז געזעסן אַ מאַן אין ווייסן געקליידט: אַ ווייסער אָנצוג, ווייסע שיך, אַ ווייסע בלום אין לאַץ. ער האָט מיט אַ ווייסן טיכל דעם שווייס פון צעהיצטן שטערן אויסגעווישט, דלאָניע אָן דלאָניע אויסגעריבן און זיך גערירט פון אָרט.

נאָך אים — אַ לאַנגע, שוואַרץ־יום־טובדיקע קייט אָטאָמאָבילן. לייב אַף לייב האָט זיך אינעווייניק געשפּאַרט צום האַרצן, צום האַלדז, זיינען האַרץ און האַלדז טומלדיק, שיכור געוואָרן, האָט זיך מיט קולות אויסגעשפּרייט דער וועג:

— א ווארע!

— דעם „ניגער" פירט מען!

— א ברוינער הונט!

דער וועג איז געווען א לאנגער און א געפלאָנטערטער. מ'איז דורכגעפאָרן פארביי שטאָט־גאסן, בלומען און אקאציע־גערטנער, פערשקעס־וועלדלעך. גע־פלאסטערטער שטיין האָט זיך פארביטן אַף רויער רויט־ליימיקער ערד. פון ביידע זייטן — געדיכטער וואלד און אינמיטן — אַן אויסשניט. רויטע ליימיקע הרודעס, ווי א קאָרן־ברויט אַן אויפגעשניטענער, וואָס ליגט איז דער פינצטער און ווארט אַף איינגעביסענע הונגעריקע ציין...

דעניס איז געלעגן אין ווינקל. אויגן, ווייסל און שווארצאפל, א ברענענ־דיקע שפיל פון ווייס און שווארץ; פונעם וואלד־ריח האָבן זיך זיינע נאָז־לעכער צעבלאָזן. נאכט־ און וואלד־פרישקייט האָבן דעם אומרו־קנויל אין הארצן צעשיבערט און ס'איז אַף אים א שטארקע בענקעניש געקומען אויס־ציען דאָס לעבן, פרואוון ראטעווען זיך צווישן גראָז און בוימער, אין נאכט־פינצטערן וואלד.

ער האָט קעציש מיט די פינגער די שטריק ארום האלדז געגלעט, אָנ־געטאפּט דעם קנופּ און אים געצוינגן, און אַז די פּעטליע איז לאנגזאם לויז געוואָרן, האָט ער זי פלינק פון האלדז אריבערגעוואָרפן און ארויסגעשפּרונגען פון אָטאָמאָביל...

ער איז געלאָפן און אַף אלע פיר געפאלן; ס'איז נאטירלעך געווען, אַז טעד דעניס זאָל דאָ אין וואלד אַף לאפעס שפּרינגען, קלעטערן אַף משופּע־דיקייטן, פארטאיען זיך אין א גרוב, ווייטער שפּרינגען און קלעטערן; דער עולם זאָל הוקען, פייפן, ליארעמען, מיט צערייצטע קולות, איינגעביסענע ליפּן און צעקרימטן מויל:

— כאפּט דעם „ניגער"! הא־טו־ו!

— טו־הא־א!

אָטאָמאָבילן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. עולם האָט גענישטערט אין די שפּעלטלעך, געקלעטערט אַף משופּעדיקייט, ארומגעשמעקט גריבער און קוסטעס. האָט זיך איינער מיטן צווייטן געטראָפן, האָט מען אָפּגעקערט די אויגן פון שאנד. איינער, א באָק־בערדלדיקער, האָט פון יאגד־ביקס, מיט שראָט געשאָסן, פאנאנדערגעשאָטן, און געשפּיגן מיט קללות, צילעווענדיק זיך אין די שאָטנס פון וואלד.

טעד האָט, פּויזנדיק, פּארמאיעט זיך אין קוסטעס, געלעגן דאָרט אָן אָטעם, א פארשטיקטער וואָזשיק. איין באוועגונג — א גלאנץ דורך דער ברעם, און ווייטער פארשטיקט דעם אָטעם. מ'האָט שוין שטורקאצן אָנגעצונדן, א

וואַלד־פייער פאַנאַנדערגעליינט, אָבער דער עולם האָט אים נאָך אַלץ ניט דערשמעקט...

:: :: ::

די „לינטש־פאַרטי” איז זיך ניט פאַנאַנדערגעגאַנגען. קופּקעסווייז האָט מען זיך געסודעט, וועלף האָבן זיך איבערגעלעקט און ס'איז אַ באַשלוס אַרויסגעטראָגן געוואָרן:

— דעם „ניגער”, לעבעדיק אָדער טויט!

דערווייל האָט מען זיך באַם פייער געזעצט צובייסן, אָבער די ביסנס זיינען ניט איינגעגאַנגען: שווערע, שלעכט־צעמאַלענע שטיקער, ווי יאַטקע־ביינער, האָט מען געאיילט געשלונגען און געוואָרגן זיך מיט זיי. אומגעדולד האָט פאַרדאָרבן דעם אַפּעטיט.

מ'האָט געבראַכט יאַגד־הינט, מ'האָט זיי איבער די הינטנס געגלעט, פּרויען־הענטלעך האָבן זיי איבער וואָל געצערטלט און שפּור־הונט האָט דער־שנאַפּט וואָס מ'וויל פון אים:

— דעם „ניגער” פּאַקן, לעבעדיק אָדער טויט...

יאַגד־הינט האָבן געגנישטערט און לעבעדיק פלייש דערשמעקט: אַ פּויזענדיקע חיה, אויג־בעכערס, מיט ווייסן גליווער־שרעק איבערגעגאָסן, און אין דעם גליווער — צוויי ברענענדיקע שוואַרצאַפּלען, אָנגעצויגענע, שטעכיקע, אַ מויל — צעעפּנט און ווייס־בלישטשענדיקע געשטשירעטע ציינער, גרייט פאַרמעסטן זיך מיט יאַגד־הינט אין אַ פעל־גערים.

טעד דעניס איז ניט געלאָפן, ער האָט געפּרואווט מיט די הינט שלום מאַכן. שפּיר־הינט האָבן געדרייט מיט די עקן, ניט געוועזן אַנטשלאָסן באַ זיך.

איז אַ לאַנגע צייט אָנגעגאַנגען אַ מלחמה־שפּיל צווישן שנאה און נייער חברשאַפט: הינט האָבן טעדן מיט די מאָרדעס געריבן, געקאַטשעט אים אין גראָז, געריסן מיט די לאַפּעס די שמאַטע־שטיקער אַף זיין לייב, און ער האָט זיי געלאַשטשעט, געגלעט איבער די אויערן און אַריינגעסודעט מיט אינגלשן געבעט:

— שטיל, פריינט! געשפּילט זיך, אָבער ניט געבולן...

— טעד וויל לעבן, אַנטלויפן; לויפט מיט מיר...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט — זיי האָבן אים אַרונטערגעשלעפּט, ער האָט געפּויזעט — זיי געלאָפן נאָך אים; ביז וואַנען דאָס הינטישע בלוט האָט ניט אויסגעהאַלטן און פאַרגאָסן זיך אין אַ בייזער בילעריי.

מען האָט דעניסן געכאַפּט.

ס'איז שוין פאַרטאָג געוועזן. לערכעס אין וואַלד האָבן געצוויטשערט. גראָז האָט אויסגעאָטעמט באַנאַכטיקע פייכטקייט; איז אַ שטיל־שיכורער ריח

אויפגעגאַנגען און זון האָט צו אים צוגעקאַפּעט ליכטיקייט און זילבער־טראָפּנס. אָבער דער עולם איז געווען אויסגעמאַטערט און פאַרשלאָפן: פּנימער — ערד־קאָליר, אויגן אין בלוי־גריבער פאַררוקט, איבערגעזאָטענע שנאה האָט בלוט אין גליווער־קייקלעך פאַרבאַקט. פּויל האָט מען זיך איבער־געוואָרפן איינער צום צווייטן:

— הענגען דאָ אַפן אָרט! וואוהין זיך שלעפּן?...

מ'האָט אויסגעקליבן אַ בוים, וואָס האָט זיך אינדערמיט אין צוויי ריכטונגען צעצווייגט, אַ גלאַטער קאָפּ פון אַ באַראַן מיט צוויי הערנער. אַ באָקן־בערדלדיקער האָט דעם קנופּ אַף דעניסעס האַלדז פאַרשטייפט און דער איבעריקער עולם האָט די שטריק אַפן בוים פאַרצויגן...

אַז דעניס איז שוין אין דער לופטן געהאַנגען איז אַ שטראַל אָנגעלאָפן, געשפּיצט זיך, געצילעוועט און געטראָפן אַף דער ליניע פון אויפגעהויבענער ברעם, האָט איבערגעגאָסענער ווייסל־בעכער, מיט איינגעפּאַסטן טויטן שוואַרצאַפּל געשפּילט זיך אַף דער זון און ס'פּנים איז געווען אין שאָטן...

צופוסנס האָט מען פאַנאַנדערגעלייגט אַ פייער; ווען די פלאַמען האָבן דערלאַנגט צו די באָרוועסע פּיאַטעס, האָט עס אַ שמעק געטאָן מיט ברוינעם געדעמפטן פלייש. אַ פאַרטאָגיק ווינטל האָט עס צוגעווירצט מיטן גערוך פון טוי־פעלדער, ווייטע פערשקעס־בוימער און אַקאַציעס. דער „לינטש־עולם" האָט הנאה געהאַט. ערד־פּנימער האָבן זיך מיט בלוט אָנגעגאָסן. נאָזלעכער האָבן זיך אויפגעבלאָזן און אויגן האָבן ווילד געבלישטשעט...

דער ווינט האָט דעם ריח פון געבראָטענעם פלייש אויפגעכאַפּט און ווייטער אַוועקגעטראָגן. אַרום זיינען געלעגן אויסגעשפּרייט קאַטן־פעלדער. שטילע צווייגעלעך מיט ווייסע קעפּלעך האָבן זיך פאַרטאָגיק צוגעוויגט, צוגעשטימט צו דעם, וואָס ס'איז געשען:

— אַזוי איז געווען, אַזוי וועט זיין, אומשטיינס געזאָגט: אַ „ניגער"...

אַ פאַבריק־קוימען פון גאַנץ ווייט, ערגעץ פון אַ ציגל־ברענעריי, האָט געקאָכט זיך, געפּייפט און געהודזשעט; געדיכטע, שוואַרצע רויך־וואָלקנס האָבן זי אַהערצו געשפּאַרט און אַן אינעווייניקסטע שיפּעריי האָט זיי מיט געוואַלט, מיט אימפּעט געשטויסן.

צוויי ברידער

.1

וואוינט א מאַן, וועלכן מ׳רופט נאַטע, אין א טענעמענט־הויז, אַף טשערי סטריט, שוין צוואַנציק יאָר. איז אים דאָרטן וואויל און גערא ם; נאָר דאָס ווייב, גיטל, האַלט אים אין איין יאַדען:

— וואָס וועט זיין, נאַטע? וואָס וועט זיין?

שמייכלט ער תמעוואַטע אונטער דער ליפּ, גיט זיך אַ קראַץ איבער דער האַריקייט פון ברוסט און טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט וועלן אָפּטרייבן פון זיך פליגן:

— איים איך וואָס זי רעדט! עטץ...

אַז זי שטייט נאָך אַלץ ניט אָפּ, שפּרינגט ער אַמאָל אריין אין דער מאַנסבילשער העזה:

— וואָס ווילסטו, וואָס? ס׳האָט זיך עם אַ ביסעלע צערעדט! ס׳מויל מאַכט זיך ניט צו! עטץ...

ס׳צעגיסט זיך אים, פון דער ווייבס טענות, דער כעס איבער אַלע גלידער. ער נעמט צונויף מיט האַסט זיין פּעקל פּלייש, פּאַרריכט זיך דעם רימען־פּאַסעק איבער די הויזן און קריכט אַוועק, איבערלאָזנדיק זי איינע אַליין מיט איר ווייבערשן צאָרן.

וואוהין גייט ער? אין דזשעקסאָן פּאַרק, אַף אַ באַנק. דאָרט ווערט אים דאָס האַרץ ווייכער און דער כעס לינדער. ער זיצט, לופטערט זיך און דער גערויש פון ארומיקע חרובע גאַסן גיסט זיך אַף אים ווי אַן אָפּקלינגענדיקער וואַסער־טוש. ער הערט, ווי די מיל באַם ברעג טייך קלאַפּט, ווי די באַרקעס פייפן זיך איבער; באַרואיקט ער זיך שוין אינגאַנצן און אין קאָפּ קריכן שדים־ווייסן־וואָס פאַר אַ געדאַנקען: אַז די מיל האָט צוואַנציק יאָר נאַטע־לעבן אָפּגעמאָלן, אַז שיף־סירענעס האָבן זיי אין דער לופט צעשפּרייט; ווערט אים אומעטיקלעך און אָפּן האַרצן פּוסט.

אַרבעט דער מאַן, נאַטע, באַ שניידעריי. אַ שניידער איז ער אַן אמתער. טאַקע אַ היימישער. מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווען ער איז אין שאַפּ אַריינגעקומען, האָט אַף אים דזשאָו, דער שאַפּ־לײַ, מיט אַ ביטערן אייגל אַ קוק

גענעבן, א קנייטש געטאָן ממזריש די הויט אַרום ברעם און אויסגעשאָסן א צונעמעניש:

— יאָלד!

דער צונעמעניש איז אים פארבליבן. מאכט זיך נאָטע דערפון קיין ווען ניט; א שמייכעלע האָט ער דערצו א פארטיקן, א תמעוואטן, קרומלעך שמייכעלע, מיט א פאָך פון האנט דערצו, ווי איינער זאָגט:

— שקצים! קלייבן הנאה; ווייסן גאָרניט, ווי אזוי זיך נאריש צו מאכן. עטץ...

ער בויגט איין דעם קאָפּ, אַף וועלכן ס'האָבן זיך די האָר אויסגעשיטערט און א רונדיקע לבנה, דער קאָליר פון אן אָפּגעשונדן הינדל, האָט זיך צעגאָסן; ער טרייבט די מאשין האסטיקער אוועק:

— טררר.... טא—טא—טא...

א קונץ א גרויסע בא נאָטען א מאשין צו טרייבן!

אַז צו צוועלף יאָר איז ער שוין אינדערהיים א באַלמעלאָכע געווען. איז דאָרט די מאשין געווען א שלימזלדיקע: מיט די פיס טרייב, מיט די הענט יאָג, און שלאָפן לעבן איר, אפן דיל, האָט מען אויך אָפטלעך געמוזט. דאָ איז זי אַן אנדערע — א פלינקע און אַן אונטערטרייבערן; פאָלג זי ניט, אַז זי לאָזט זיך אוועק א גאנג! און צוואנציק יאָר איז מען דאָך שוין צוזאמען מיט איר: צווא־א־אנ־ציק יאָר!...

ווי אַלט איז דער מאַן, נאָטע?

ער געדענקט אויך ניט אַקוראט. קיין חשבונות האָט זיין מאמע, אַן אלמנה, א בייגל־בעקערן, קיינמאָל ניט געפירט; גענוג געווען פאַר איר אָרעמען קאָפּ צו האלטן רעכענונג מיטן מעל־קרעמער, מיטן הייוון־מאכער, מיט קאָפּיקע־קונדן, אַלץ אפן זכרון. און לויטן אויסזען איז זיין עלטער אויך שווער צו באשטימען; וואָלט ער געהאט א בערדל, וואָלט מען לויטן קאָליר עפּעס געקענט טרעפן: איז זי אַן אשיקע? א שיווע? א גרוילעכע? איז אָבער נאָטע א געגאָלטער, מיט קאָרטשעס אפן פּנים; ארומגעקלעפּט מיט אויסגעווייכטן פלייש; א מיטליאָריקער איז ער, מסתמא אין די הויכע פערציקער, אויב ניט מער.

אַף וואָס האָפט ער, דער יאָלד?

פון וואָך־צו־וואָך אַף דער „פיידע״; פאַר זיך אַליין אַף דער עלטער, וועז אויסגעמאטערטע הענט און פיס וועלן די מאשין ניט קענען באדינען; אַף נאָך עפּעס, אויסגעוואקסן אין שאַפיקן אומרו און פאריבל, וואָס ער זאָגט קיינעם ניט אויס...

טענהט ניטל מיט אים איין:

— צוואַנציק יאָר אין אַמעריקע; טשערי סטריט לײדיקט זיך אויס; פון אַמאָליקע שכנים איז שוין קײנער באַלד ניט געבליבן; נאָר נאָטע, דער שלימזל, טאָרטשעט דאָ, ווי אַ פּיען אינמיטן פעלד...

שמייכלט נאָטע זיין תמעוואַטן פאַרגליווערטן שמייכל. ס'קלעפּט זיך צו אים ניט, קנאה נעמט אים כלומרשט ניט. אַף טשערי סטריט איז אים וואויל און געראַם...

— עטץ, אַ דאגה! אַז ס'שטופּט זיך, זאָל עס גיין.

אַז גיטל דערמאָנט אים נעמען פון דעם און יענעם, אַמאָליקע שכנים, וועלכע זיינען זיך הויך צעוואַקסן, פּטרט ער עס אויך אָפּ מיט אַ מאַך פון דער האַנט:

— עטץ.

ער קוקט אַף די צוקערקעלעך, וואָס זיינען אויסגעקלעפּט אַף די אָבאָיעס פון די ווענט: געלבלעכע, נודנינקע, זיי שפּרינגען אים אַנטקעגן די אויגן און דערמאָנען טעג און יאָרן, וואָס זיינען דאָ אַוועק. ער באַלעקט זיך מיטן ביטערן פּאַריבל, וואָס שטיקט זיך טיף אינעווייניק, אָבער גיטלען זאָגט ער קיין זאַך ניט אויס:

— עטץ.

איין טרייסט איז אים פאַרבליבן — דאָס ברודערל. ער וועט שוין אַלץ גוט מאַכן, זיין ברודערל — אָ־האָ־אָ!...

.2

מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט נאָטע אַ טאָג „אָפּגעסטאַפּט" פון דער אַרבעט, לכבוד דעם גרינעם גאַסט, וועלכן ער האָט דערוואַרט, און גיטלען האָט ער אָנגעזאָגט:

— ווער פאַרטיק מיט די טעפּלעך. זשאַלעווע ניט. כ'גיי דעם גרינעם אהיים ברענגען.

ער האָט אַרויפגעזעצט אַפן קאָפּ אַ האַרטע פּעסלדיקע „דוירבי" און פאַר־שפּיליעט זיך אַף אַלע קנעפּ, צוגלעטנדיק דעם הויזן־צוקנאָפּ איבערן צע־ווירענעם בויך (ערנסטע הכנות צו צייגן זיך לייטיש פאַרן גרינעם גאַסט און פאַר „נאַטשאַלסטוואָ" פון עלים־איילאַנד, פון וועמענס הענט ס'ברודערל דאַרף היינט אויסגעלייזט ווערן). נאָכדעם איז ער אַוועק צו דער שיף.

אַרום דער בעטערי זיינען געשטאַנען געדיכטע קופּעס מענטשן; ווער ס'איז געקומען אַ גרינעם אָראָפּנעמען, ווער — גלאַט אַזוי דעם אומעט אין בענקשאַפט פון פּוסטע אַרבעטלאָזע טעג דאָ צעשטרייען. דער נייער אימי־

גראַנט איז געווען ווי אַן אָראַפּגעפאַלענער עפּל פון אַן אייגענעם ווייטן בוים, און מיט קנאה און האַרץ־בענקשאַפט האָט מען אַף אים געקוקט, ווייל זיין פרישקייט איז מיט געזאַלצענער ימיקייט געווען צוגעמישט און באַטעמט.

ס׳שיפל, וואָס האָט די היגע מחותנים צום אימיגראַנטן־אינדזל געפירט, האָט געוואַרט באַם ברעג. נאָטע האָט זיך מיט אַלעמען אַהין אַריינגעשפּאַרט.

קיין סך מחזקות מיטן גרינעם האָט מען ניט געמאַכט: אָפּגעפּטרט איינס־און־צוויי און צו נאָטען, ווי אַ שעפּס נאָכן שערן, אַרויסגעלאָזט.

איז אין דער ערשטער מינוט נאָטע געבליבן שטיין ווי אַ ליימיקער; אַ מאַנסבילישע אומגעלומפּערטע שעמעוודיקייט, פאַרלאָרנקייט און פרייד האָט אים דעם פּנים צעקרימט. צוויי הענט, ווי בערישע לאַפּעס, האָבן דעם ברודערל אַרומגעכאַפּט און גענומען אים דריקן...

ער האָט אים קוים דערקענט, דער גרינער האָט זיך אינגאַנצן געביטן: אָנשטאָט אַ פאַרמורזשעטן מויז־אויגנדיקן אינגל, איז איצט געשטאַנען אַ בחורל פון אַ יאָר זיבעצן־אַכצן. ס׳פּנים — אַ מיידלס, לאַנגלעך, ווייך־וויים, און אונטער דער הויט האָט זיך אַ בלומיקע רויטלדיקייט געשפּילט. ווייכע קאַשטאַנען־האָר זיינען געווען פאַנאַנדערגעשאָטן איבער אַ מיידלשן שטערן און איבער דער רעכטער שלייף האָבן זיי זיך אַרויפגעקאַמט אין אַ גריווקע; ספּריטנע פיס, אין לאַקירטע שטיוועלעך, האָבן ניט געקענט איינ־שטיין אַף אַן אָרט. ער האָט אַלע ווײַלע אונטערגעטענצלט אַף אַ פוס, גע־שאָקלט מיטן קאָפּ, און דערפון האָט זיך דער טשוב העלדיש געכוואַליעט אַרויף און אַנדערע פּאַסמעס האָר האָבן זיך געשאָטן אין אומאָרדענונג.

— איציק, דו?

— וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכן אינדערהיים אַלע?

נאָטע האָט זיך געשעמט פאַרן גאַסט; ער האָט אים נאָכגעטראָגן דעם קלומיק, ווי אַן אוצר. אין האַרצן האָט אים אָנגעקוואָלן, ווייל ס׳יונגאַטשל איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ לייט אַ גאַנצער.

אין הויז האָט זיי די גוטע גאַסטפּריינטלעכע גיטל באַגעגנט מיט נייער פאַרלאָרנקייט און פאַנאַנדערפרעגעניש. אַ סעודה איז געווען אַ גרויסאַרטיקע. דער „בוטשער" האָט לכבוד דער שמחה צוגעוואָרפן שטיקער מילץ, לעבער, לונג, קישקע און גרייזשיק. אין אַ קאַשיק זיינען געשטאַנען פלעשער ביר און סעלצער. נאָטע האָט צום גאַסט געהאַלטן אין איין צורוקן די געשמאַקסטע ביסנס:

— עס, ברודערל, עס!...

— אויסגעוואַלגערט זיך! נעבעך אָפּגעקומען!...

— נאָך אַ שטיקעלע!

דער גרינער האָט, ווי געוויינלעך, אָפּגעגעבן א גרוס פון דער היים. ס'האָבן זיך איבערגעפּלאַכטן מעשיות וועגן דער מאַמען, וועלבע פּאַרקויפט בייגל אין מאַרק, וועגן אירע קונדן; וועגן שכנים און באַקאַנטע; דער מאַמעס אויוון, אַף וועלכן די ברידער זיינען אַמאָל געשלאָפן, און די שוואַרצע קאַץ, וועלכע איז מיט זיי מיטגעשלאָפן, האָט מען אויך ניט פאַרגעסן...

שפּעט באַנאַכט האָט גיטל דעם גאַסט אַן אויפקליינג־בעטל אין קיך גע־שטעלט און א וויכן, וואַרעמען געלעגער אויסגעבעט. שווער געווען איבער־צוהאַקן דעם שמועס; אָבער מאָרגן איז דאָך א טאָג אַרבעט.

3.

נאָכדעם האָט נאָטע אַרויפגענומען דעם ברודער צו זיך אין שאַפּ אַרבעטן; דער שאַפּ איז געווען אַף קאַנעל סטריט, א האַלב־שעהדיקער שפּאַציר פון נאָטעס וואוינונג ביזן אַרבעטס־פּלאַץ. געאַרבעט האָט מען דאָרט בחברותא, „סעטן־וויוז", א הויפּט־שניידער מיט א כאַפּטע אַרויסהעלפער; געאַרבעט מיט א טראַסק, דאָס אויסגעאַרבעטע — פאַרשריבן אין ביכלעך מיט לאַפּעטע־ציפערן; סוף־וואָך האָט מען דאָס געלט געטיילט צווישן זיך לויט א פּראָצענט, פאַרטרונקען מיט שנאַפּס, צוגעביסן מיט גריוון און געשפּילט א קערטל.

איציק איז געווען גערעכנט: א שניידער־אינגל פון דער היים, האָט ער זיך שנעל באַקאַנט מיט דער היגער מאַשינקע און שוין „געריבן" די מאַנטלען, ווי א לאַנג־יאָריקער באַלמעלאָכע.

פון איציקלען איז געוואָרן: איזי. איזין, מיט דער בלאָנדער אַרויפ־געשאַרטער גריווקע אַפן רעכטן שלייף, מיט די פּלוטעוואַטע אויגן, האָבן באַלמעלאָכעס ליב געקראָגן; אַזוי ווי ס'זיינען דאָרט געווען נאָך איזיס, האָט מען נאָטעס ברודער פאַרצויגן, גערופן אים:

— איזעלע...

— די „בייבי"...

געזעסן איז מען אין שאַפּ לאַנגע טעג און געשטשאָבעט גראָבע פּליושענע מאַנטלען פאַר נעגער און פאַרמער־ווייבער. פּנימער האָבן זיך געקאַכט אין קלעפּיקן שוויים, אין וועלכן שוואַרצע, סאַזשעדיקע פּליוש־פעדימלעך זיינען אַרומגעשוואומען; הערצער צעבראַשטשעטע, האָריקע, צעוויקטע, דאַרע, אויסגעצויגענע העלדזער, און איבערן לענג פונעם גאַרגל זיינען, ווי אויס־געמאַרעטע פלינקע מייז, דינע ביינדלעך אַרומגעלאָפן; צווישן דער חברה — די „בייבי", מיטן מיידלשן לאַנגלעך־צאַרטן פּנים; ער זיצט ווי א כוואַט,

פאַרשאַרט אַלע ווײַלע דעם בלאָנדן שטיפערישן משוב און זינגט נאָך צו אַ ליד
דערביי :

— ברידער און שוועסטער,
נעמט זיך פאַר די הענט ;
לאָמיר צעברעכן
די אײַזערנע ווענט.
— אײַ—אײַ—אײַ —
אַ קלאָג צו דיר, ניקאָלאַי !...

חברה כאַפּט אונטער און נאָטע הייבט פון מאַשין דעם אָנגעשטרענגטן קאָפּ, קוקט אָן די באַלמעלאָכעס מיט פאַרטאָיעטער זעלבסט־צופרידנקייט :

— איר זעט ! מײַן ברודערל...

מיטאָג־צײַט קומט אַ פּעדלער מיט אַ קאָשיק אין שאַפּ אַרײַן. ער פאַר־קויפט שטיקלעך געפּרעגלטן הערינג, קעז, וואורשט אין לוסטעלעך. אַ פלעשל שנאַפּס איז בײַ אים אויך פאַראַן אין „קיך”. דער עולם כליאָבעט דעם קעלישיק בראַנפן צווישן די ביסנס, הוסט זיך אויס מיט טעם און ווישט מיטן אַרבל דעם שוויים, מיט פּליוש־פּעדים צוגעריכט, וואָס צעשמירט זיך איבערן פנים ווי קלעפּיקע סאַזשע.

נאָטע פּראַוועט די סעודה מיט זײַן איציקלען. ער האָט הנאה צו קוקן ווי דער יונג רויטלט זיך, ווי קאַשטאַנען־האָר כוואַליען זיך, ווי סקיבעס ברויט ווערן צעמאָלן צווישן הונגעריקע ציינער ; מיט די פינגער מאַניעט ער צו דעם פּעדלער צו זיך און באַשטעלט צוויי גלעזלעך שנאַפּס אַף אַ „לחיים”.

מען איז נאָך ניט פאַרטיק מיטן עסן ; נאָטע רוקט דעם ברודער צו אַ זעקל ווײַנטרויבן, עפּעס אַ פּרי צו פאַרבײַסן ; עס ווערט מיטאַמאָל אַ פאָדערונג אַף איציקלען אין שאַפּ :

— איזעלע, אַהער !

— בייבי !

עס רופט אים יוסף „דער שוחט”, וועלכער דריידלט אַלעמאָל אויס שטיקלעך תפילות, זיצנדיק בײַ דער מלאכה ; ס׳דאַרף אים זושע „דער לאַנגער”, אַן אָפּעריטאָר מיטן גרעסטן קנאַפּ אין האָלדז ; דזשאָו „דער לץ” וויל דורכלופטערן מיט אַ בלאָטן יונג זײַן צונג, און די מיידלעך — „פּיני־שערנס” — מאַניען אים אין זייער ווײַבערשן ווינקל.

איזעלע קערט זיך איין אומעטום.

אָט איז ער אַרום די מוידן ; זיי עסן אים מיט די אויגן, און ער —

א גלאַנץ מיטן אויגל אַף דער, אַף יענער, א שטופּ, א גלעט, און מיט די פינגער אַלע ווײַלע א פאַרריכט זיך דעם רעכטן שרונט.

— איזעלע, האָב מיט מיר חתונה!

— בייבי, א מכה אַף דיר, כ'האָב דיך ליב...

— גרינע פּרי, וואָס ביסטו אינדערהיים געווען? א „דעמאָקראַט" ?...

— „שור־שור"! וואָס־זשע דען איז ער געווען? א העמדל א רויטס האָט ער געטראָגן, שטיוועלעך אַף די פיס — גלאַנציקע; אַפן קיסר האָט ער גערעדט, מיט באַלעבאַטישע קינדער זיך סקאָמפּאַניעט, ער האָט געפירט „סטאַטשקעס" און לידעלעך אַלערליי האָט ער געזונגען.

מיידלעך חידושן זיך און איזי בריהט זיך נאָך מער:

א ליוואָרווער אין קעשענע האָט ער שטענדיק ארומגעטראָגן, און א נאָ־האיקע; מ'האָט אים שוין אַרומגעזוכט. „איציק! וואו וואוינט עס ערגעץ דער 'דעמאָקראַט' איציק?" נאָך גוט, וואָס ער האָט זיך אין אַמעריקע אָפּ־געטראָגן; אויב ניט, וואָלט שוין אין סיביר לאַנג זיין ביין געפוילט...

מיידלשע אויגן ווערן פייכט און גלאַנציק: „ס'אַרא מאַידים, דער איזעלע! ס'אַרא יונג!" און ער — דעם מיידל א צופּ, דעם אַנדערן — א דריק צו זיך און א זונג דערביי:

— אי—אי—אי,

א קלאָג צו דיר, ניקאָלאַי!...

נאָטע זעט עס אַלץ. גוט איז אים! גוט צו האָבן א ברודערל, אַזא ברען. ער אַליין איז א מענטש א שווערער, די צונג — א בלייענע, דער אָקסן־קאָפּ צו דער מאַשין געבויגן און — ניי — ניי... דאַכט זיך, איין מאַמע האָט זיי געבוירן; פּונקט די אַלמנה, פּעשע די בייגל־בעקערן, איז איינער א שטיין, דער צווייטער א טאַנצנדיקער ווינט...

אַז מיטאָג־צייט ענדיקט זיך, מאַשינעס צעשפּילן זיך ווייטער, נאָדלען שטעפּן, און הערצער צעבראַשטשעטע הייבן אָן איינווייקן אין אייגענעם שווייס, לאָזט נאָטע די איינגעוואוינטע פינגער יאָגן זיך איבערן לויפנדיקן זוים פון בגד און אַף איין ווײַלינקע הייבט ער אויף די אויגן אינדערהויך:

— קוקט אים אָן! מיין ברודערל...

— א ברען! אַן אָדלער!

— אי—צי—קל...

4.

א קנויל פון ביטערקייט און אומרו האָט זיך אין שאָפּ לאַנגזאַם געוויקלט און געפּלאַצט...

חברה האָבן נאָך אַלץ „סעטנווייז" די מלאכה געריבן, אַ הויפּט־באַלמעלאָכע מיט זיינע אַרויסהעלפער. איבער נאָטען און איזעלען האָט גע־קאָמאַנדעוועט דזשאָו „דער ליץ". נאָך קאָמאַנדירן זיינען געווען: זושע „דער לאַנגער", יוסף „דער שוחט", יונגען וועלכע האָבן געקענט אי מיטן „באָס" בינדן קניפּל, אי באַלמעלאָכעס מולירן די ציין. סוף וואָך האָט מען זיך פאַר פּראָצענטן פון שכירות אַרומגעקריגט, געטייט מיט פינגער אַף האַרטע לאָפּעטע־ציפערן און אַרבעטער האָט זיך ניט געקענט אָנשטויסן וואו זיין פּראָצע ווערט צערונען, צווישן דעם „סעט"־אָנפירער און באַלעבאָס.

מען איז געלאָפן צו דער אַרבעט פאַרטאָג, און דעם טאָג לאַנג אויס־געצויגן. צעכראַשטשעטע הערצער האָבן זיך געבאָדן אין שווייס. די אַרבעט האָט מען געשלונגען און אַז מען איז טעג און וואָכן ליידיק געזעסן, האָט מען אַף די מאַשין־פלינלעך געטאַשט קאַרטן און מיט וויצן געלופּטערט די צונג; אָבער אין די ווינקלעך האָט זיך שוין געטומלט און פון מויל צו מויל איז אַרומגעגאַנגען:

— אַ יוניע!

און נאָכדעם:

— אַ סטרייק, אַ דזשענעראַל־סטרייק!...

נאָטע האָט עס אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— עטץ... מ'רעדט...

אַז דער סטרייק האָט זיך שוין אָנגעהויבן און אַנטקעגן זייער שאַפּ, אַף קאַנעל סטריט, איז טראָטואַר געוואָרן טומלדיק און דורך פאַרשטיקטע פענצטער האָט פּולווער־לופט אַריינגעשמעקט, האָט נאָטע נאָך אַלץ פון דעם קיין וועזן ניט געמאַכט:

— עטץ...

אָבער אינעווייניק האָט זיך אַ רודער געטאָן: דער באַלעבאָס, מעקס, אַ הויך, האָרבאַטע, זויערדיק מענטשל, וועלכער פלעגט אַף די קופּעס מאַנטלען זיך צולייגן באַטאָג דרעמלען, האָט זיך אויפגעכאַפּט און צעקאָכט. יוסף „דער שוחט" האָט געציטערט מיטן שיטערן שפּיץ־בערדל און געשאָלטן מיט ביטערע קללות. אפילו „דער ליץ" האָט פאַרלאָרן זיין גוט־מוט און איז אַוועק שפּייען מיט גאַל:

— מיר קענען זיי ניט, מיר ווייסן זיי ניט! מירן ניט גיין...

דער איבעריקער עולם האָט זיך פאַרלאָרן; אָבער ניט איזי...

איזי האָט געברענט; זיין גריוועסע האָט זיך אומרואיק אַרומגעשאַרט; ער האָט דעם שפּיפער־לאַק נערוועז געוואָרפן און די באַלמעלאָכעס האָט ער געגעבן אַ רוף זיך:

— ברי—י—דער!

מאָדנע האָט זיך זיין קול געביטן; א ברוסט־שטימע געוואָרן; ווי שטיינער וואָלטן זיך געריבן מיט געשליפענע שפּיצן און געקנאַלט:

— בר—ר—ר—רידער!

דעם עולם האָט עס א ברי געטאָן; מען האָט אים צוגעגעבן מוט:

— איזעלע! אונדזער בייבי! אָ—האָ!

— ברידער! מיט ליוואָרווערן זיינען מיר אמאָל ארומגעגאַנגען און מיט נאַהאַיקעס. פאַרן קייסער האָבן מיר קיין מורא ניט געהאַט און פאַר אוריאַד־ניקעס. איצט איז מעקס „באָס" אונדזער ניקאָלאַיקע געוואָרן. יאָסעלע „שוחט" פּאָרט אַף אונדז רייטנדיק און דזשאָועלע „לץ". צום סטרייק, ברידער! לאָמיר פּטור ווערן פון זיי...

ס'האָט דעם עולם גענומען; ס'האָבן זיך דערמאָנט טעג אויסגעשוויצטע, פינגער מיט נאָדל דורך געוואַנט דורכגעשטאָכענע, אויסגעמאַטערטע, באַל־מעלאָכעשע טרית, איבער קאַנעל סטריט פרימאָרגנס און אָוונטן, איין וועג.

— איזעלע! אונדזער בייבי! דערלאַנג! פון הארצן אראָפּגערעדט! גערעכט, גערעכט...

שונאים האָבן זיך געקאָכט:

— שייגעץ!

— גרינהאָרן!

— צאָצעליסט!

ס'האָט ניט געהאָלפן; איציק האָט געוואונען. די וואַרטנדיקע אין גאַס האָבן דערשפּירט שאַפ־אומרו און צוגעמונטערט מיט אויפרופן און קולות.

זיינען מאשינעס אַנטשוויגן געוואָרן; אָנגעשליידערטע קופּעס מאַנטלען זיינען געלעגן ווי שמאַטעס. א ליכט־פּאַס פון פענצטער האָט זיך צעפּלאַטערט אַפן דיל, געבויגן זיך שפּילעוודיק, געטאַנצט און אָנגעזאָגט די, וואָס זיינען שוין אַפן שוועל געשטאַנען, די ליכטיקע בשורה:

— א יום־טוב איז היינט! אָהאָ, ס'אַרא יום־טוב...

נאָטע האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער איז געשטאַנען אין וועג, א שטיין א שווער־רירעוודיקער. דער פּלוצלונגדיקער שטורם האָט אים אינ־גאַנצן צעטומלט.

דעמאָלט איז צו אים צוגעגאַנגען איציק; ער האָט אים געגעבן א ריס, א שטייפן, א האַסטיקן, מיט א גראָבן רוף דערצו:

— יאָלד! קום!

ער איז נעגאַנגען; דעם ברודערלס שלעפּ האָט אים ניט ווי געטאָן און דער נאָמען „יאָלד" — אויך ניט. אינעווייניק איז אים געווען קאַלט,

שווידערדיק יום־טובדיק און אין דער בלוט־צעגליווערונג האָט געביסן אַ ביטערקייט, נאָדלדיק, צעשפּיצט, צעפּינטלט מיט אַ טרערנדיקן טעם.

— אַ דאַנק, ברודערל; רעכט אַזוי! גוט! אַ שווערער בין איך, מוז מען מיך שטופּן, און אַז דו הייסט, פאַרלאָז איך זיך שוין אַף דיר...

דער סטרייק האָט זיך לאַנג פאַרצויגן. אין הויז האָט מען געליטן און געהונגערט. גיטל איז געווען אומצופרידן און שטאַרק געוואָרטשעט אַפן גרינעם, וועלכער האָט די קאַשע פאַרקאָכט. ניט איינמאָל זיינען שלוחים פון שאַפּ צו נאָטען געקומען און אָנגעזאָגט:

— יאָלד, קום אַרבעטן! פּעק מיט אָנגעשניטענע מאַנטלען וואַרטן אַף דיר. דער סטרייק איז סיי־ווי אַ פאַרשפּילטער, דער משוגענער ברודער האָט דיך פאַרפירט.

אָבער נאָטע איז געווען צופרידן צו לאָזן זיך פירן פונעם „משוגענעם" ברודער. ער איז אים אין די סטרייק־לאָקאַלן נאָכגעגאַנגען. איציק האָט דעמאָלט געברענט, ווי אַ צעצונדענער בוים פון אַ בליץ. ער האָט פון די פּלאַטפאָרמעס גערעדט, געזידלט, געשאָלטן מיט ביטערע קללות, אָבער אויך שיינע, ליכטיקע צוזאָגן פאַרן מאָרגן האָט ער געהאַט:

— ס'וועט גוט זיין! אַ יוניע! אַ יום־טוב פאַר אַלע ברידער! אָהאָ, ס'אַ יום־טוב...

דעם סטרייק האָט מען ענדלעך געוואונען, די באַלמעלאָכעס זיינען צוריק אַוועק צו דער אַרבעט, ווען די יוניע האָט געשיקט. איציקלען האָט מען איבער־געלאָזן צו זיין אַ פירער און היטן דעם זיג...

5.

אַ פירער איז איציק; זיין נאָמען — באַ אַלעמען אַף דער צונג. זאָל מען אָפּשטעלן אַ באַלמעלאָכע אין גאַס און אַ פרעג געבן וועגן איזין, וועט יענער גלייך אָפּענטפערן מיט אַ שמייכעלע צוריק:

— אונדזערער! יאָ...

נאָטען דאַכט זיך אויס, אַז אויך די מאַשינעס אין שאַפּ, קלאַפּנדיק, שלעפּנדיק, איילנדיק זיך מיט אימפּעט, זשומען אוים מיטן שפּיץ נאָדל איבערן זוים אַזוי:

— אונדזער פירער איזי! אָהאָ—אָהאָ!...

און שטילינקערהייט, אַזוי זיך, קלאַפּן צו מאַשינעס אַ ביסעלע פאַר־שעמט:

— נאָטעס ברודערל אַ פירער! אַזוי! אַ—ז—וי...

געוואוינט האָט ער נאָך באַ נאָטען, אָבער געטראָפן זיך זעלטן: אַ מענטש אַ פּאַרנומענער; באַנאַכט מיטינגען, שלאָפט מען שפּעט אַפן טאָג. נאָטע איז אַנדערש: איין „קאַטערינקע”; שפּילט מען דאָס זעלבע לידל נאָכאַנאַנד.

נאָכדעם האָט זיך איציקל מיט אַ מיידל באַפריינדעט; אַ הויכע, באַ־ברילטע, באַלעבאַטישע; אַ שמייכל איבער די ברעמען, ווערטער — אויס־געשפּיגענע ניסל־שאָלעכצן פון מויל. קומט זי אין שטוב צו נאָטען, זשמורען זיך די אויגן, אונטער די ברילן, אַף די אויסגעקלעפּטע צוקערקעלעך פון וואַנט. זי זיצט אַף אַן עק שטול, אַ ווייטע, ניט־דאָאיקע, און פון איציקלען מאָנט זי רק:

— יו דאָנט! דאָנט...

ס׳ברודערל האָט זיך שפּעטער אין אַן אַנדער דירה אַריבערגעקליבן.

ער האָט חתונה געהאַט, אַוועק אין אַן אַנדער געגנט, נאָטע איז באַ אים אין שטוב קיינמאָל ניט געווען; נאָר צייטנווייז טרעפט ער אים אַף אַ פאַר־זאַמלונג פון אַרבעטער און ס׳פאַרקוועטשט באַ אים דאָס האַרץ:

— עלטער געוואָרן ס׳ברודערל. די שלייפן — שיטערער, די גריוועקע פאַרלאָרן; אָבער זעט אים: ס׳איז נאָך דער אַמאָליקער איציקל כוואַט...

ער דערציילט די מעשה פון ליוואָרווערן און נאַהאַיקעס; ער דערמאָנט די טעג, ווען באַלמעלאָכעס אַף קאַנעל סטריט האָבן גרויען מיטוואָך אַף יום־טוב פאַרביטן. ער שטראָפט, זידלט, שילט די אַרבעטער מיט ביטערע קללות, אָבער צום סוף זאָגט ער נאָך אַף שפּעטער אויך צו:

— כ׳וועל נאָך באַווייזן! וואַרט...

— פאַרלאָזט זיך אַף איזין! ער קען...

נאָטען ווערט שווער פון גליק און התפּעלות. ווי אַ ים־לייב הייבט ער דעם קאָפּ אינדערהויך:

— איר זעט? מיין ברודערל...

— אַ יונג!

— אַן אָדלער...

אינדערהיים האָט גיטל טענות צו אים:

— אַ ברודער! הערט זיך ניט, ווייזט זיך ניט. באַ לייטן אַזאַ...

ווערט נאָטע צעקאָכט און ענטפערט אַפּ גלייך:

— עטיז, רק ס׳רעדט, ס׳מאָנט! יענער טראָגט אַפן קאָפּ אַזאַ יאָך. ס׳פעלט אים נאָך...

און אַז גיטל פּרואווט נאָך אַלץ מאָנען: וואָס הייסט? דאָ אין שטוב

אויסגעוואַקסן, ווי אַן אייגן קינד געווען, און איצט, אַז מ׳איז אַ לייט געוואָרן, ווי פֿאַרגעסט מען זיך אָפּ אַ לייבלעכן ברודער?

גיט עס נאָטען באַ דער גאַל אַ ברי:

— גיטל, שווייַג!

— אַהאַ, אָנגעגרירט אים! דאָס קריינדעלע זיינס פֿאַרטשעפּעט. „ברודערל״, „ברודערל״, אויך מיר אַ ברודערל! באַ לייטן אַזאַ...

— איך הייס, גיטל, ש—וו—יי—ג!

ער לאָזט זי איבער מיט איר ווייבערשער קנאה און אַליין גייט ער אַוועק אין שכנותדיקן קליינעם פֿאַרק.

דאָרטן טרעפֿט ער באַקאַנטע באַלמעלאָכעס. מ׳זיצט אָפּ אַ באַנק און מ׳פֿאַרברענגט:

— ס׳אַרבעט זיך?

— צוביסלעך.

— אַ גוט פּלאַץ?

— עטץ.

— אַלץ אין זעלביקן „פּליים״?

— וואו דען?

— מיסטער נאָטע: ווער־ווער, איר דאַרפֿט זיך מיט אַ „דזשאַב״ ניט אַרומפּלאָגן. אַ קלייניקייט, דער ברודער אַ „מאַכער״ אַזאַ...

דער טאָן איז נאָטען ניט געפֿעלן:

— וואָס מיינט איר?

— גייט שוין, גייט; אַ מאָדנער מענטש זייט איר, מיסטער נאָטע, איר זייט דאָך ניט קיין קינד. אַזוי גייט עס שוין: אונדזערע געשעפֿטן — מיט דער מאַשין, זיינע — מיט די „באָסעס״. אַ האַנט וואַשט אַ האַנט.

נאָטע קוקט אים אין די אויגן: אַן עלטערער באַלמעלאָכע; פֿון זיצן איז באַ אים דאָס פֿלייש ווי טייג צערונען, אַ ציגיינעריש פּעביק בערדל, און די אויגן — שוואַרצע, בלישטשענדיקע, ציגיינערישע.

— מיסטער, האַלט די צונג; מיין ברודער ניט דערמאָנט!

— כע־כע, פֿאַרוואָס זאָל איך ניט דערמאָנען? אַ צדיק איז ער? אַ לאַמעד־וואָוו אַ באַהאַלטענער? איך ליג אין גרוב און צופּ זיך די אָדערן צו באַצאָלן דירה־געלט; וואווינט ס׳ברודערל אויך דאָ? איך אַרבעט אין שאָפּ; אַרבעט ער אויך? איך האַלט אים אויס און צאָל פֿאַר אים; וואָס האָט ער פֿאַר מיר געטאָן?

דאָס ציגיינעריש מענטשל ווערט צעקאָכט, ס׳פּעביק בערדל טרייסלט זיך

אזש, אָבער נאָטע ענטפערט ניט; אריינטענהן איז ניט אין זיין נאַטור. ער רוקט זיך אָפּ אַף דער באַנק און לאָזט ארונטער דעם קאָפּ.

צו פאַרביטערונג מישן זיך צו פאַריבל־טראָפּנס; פאַריבל אַף איציקלען, דעם ברודערל אַליין:

— גוט! איך גלויב, איך פאַרלאָז זיך אַף דיר. אָבער פאַרוואָס ווייזטו זיך קיינמאָל ניט? אָפּגעזונדערט זיך, דערוויטערט. ניט אין שאָפּ, ניט אינדערהיים. און הערסט דאָך: בייזע צינגער רעדן שוין, מאָלן, שדים וויסן וואָס...

נאָטע קומט אהיים, זיצט אין קיך, קוקט אַף די מוטנע צוקערלעקעך־פּאַפּיר, אָנגעקלעפּט אַף די ווענט. לויפן זיי אום הין און צוריק, צעמישן אים אינגאַנצן; איציקל גייט אים ניט ארויס פון קאָפּ.

6.

אין שאָפּ — ארבעטער קומען, ארבעטער גייען; נאָטע בלייבט דער זעלביקער נאָטע.

ארבעט ער איצט אַף א פּלאַץ: מאַשינעס — הונדערטער, ארויספאָרן אהין—אין א שטייג, וואָס טראָגט אינדערלופטן און א שווארצער שטריק גייט אַף צוריק.

אמאָל האָט נאָטע איבערן שליאַך פון דער פערד־קאָנקע צו דער מלאכה געשפּאַנט; איצט האָבן זיך שעפער אַף די העכערע גאַסן פאַרקליבן, מוז מען שוין מער וועג אָנלייגן און פאָרן אויך. צייטן בייטן זיך, צייטן...

האָט ער א שכן לעבן זיך; זיצן זיי צוגערוקט איינער צום צווייטן, א מאַשין לעבן א מאַשין.

פרויקע רופט מען אים; א יונגער בחור, א נידעריקער, א פעפערדיקער; גרויע הויט אַף די באַקן, די שפּיציקע קינביינער סטאַרטשען ארויס; די אויגן זיצן אין טיפע גריבלעך און די שווארצאַפּלען זיינען אומרואיק, לאַכעדיק און פאַרשפּיצט.

קיין „סעטן"־ארבעטער זיינען שוין ניטאָ, וואָכן־ארבעטער אַלע (איציקס אויפטו). אָבער באַלמעלאָכישע אומרואיקייט האָט זיך אויך אין נייעם שאָפּ פאַרקליבן, קאָכט ארום נאָטען, און זעצט זיך אויך אָפּ אין אים.

פאַרשווינדט אָפּט אָנגעשניטענע סחורה, מאַשינעס שטייען שטומע, נארישע; דער באַלעבאָס גליטשט זיך דורך, ווי א כאָרט אַן אויסגעפּוצטער, א גליטשיק שמייכעלע אַף אָנגעבלאָזענער ליפּ:

— „באָים״! ניטאָ קיין אָרדערס. מיינע „דראַמערס״ האָבן איינגע־שלעפערט. „באָים״, האָט געדולד...

צעשפּיזלען זיך פּרויקעס אויגן. קאַלטע, בלישטשענדיקע, און קינביינער וויגן זיך, ווי אייזנדלעך אַף אַ שאָל.

גליטשט זיך באַלעבאָס דורך און פּרויקע — נאָך אים:

— פאַרך!

— אין „סקעב״־שטיבלעך ווידער די ארבעט פאַרשטעקט. מיר פאַר־שטייען די שטיק...

הערן זיך צו באַלמעלאָכעס, און פּרויקע — שראַט שיט זיך אים פון מויל. שווארצאַפּלען קענען ניט איינרוען, קינביינער טאַנצן, ווערטער מאָגער־דיקע, אומגעדולדיקע, חוזק שטיפּט אין זיי.

יוניע שלאָפט; פּירער — אַף פּערענעס, ארבעטער — אַפן קולאַס. קיין חידוש ניט, אַז סקעב־ווערים האָבן זיך פאַרפּירט.

צעוואַרעמט זיך נאָטע; פון הארצן קלייבט ער, אַ גוטע זאַך, אַ מתנה פּרויקען דערלאַנגען און ער זאָגט אים אריין אַ סוד:

— סט׳געהערט פון איזין? אונדזער פּירער? מיין ברודערל? טאַקע ער.

ענטפערט ניט פּרויקע גלייך; צעשפּילן זיך פּריער מיט חוזק־פלעמלעך די אויגן און ער צישעט ארוים צווישן די ציין:

— אייער ברודערל? אַזוי?...

דערשפּירט נאָטע אַ שנאה צו איציקן אינעם ציש; ווערט ער אומרואיק און אַפן הארצן — קיל.

— וואָס איז?

חוזקן באַ פּרויקען די שווארצאַפּלען, מיט שפּאָט ווערן אָנגעגאָסן די אויגן־גריבלעך און ער צישעט ארוים נאָכאַמאָל:

— אייער ברודער? אַ—ז—ז—זוי?...

ווערט נאָטע אַן אויפגעקאָכטער, פּרעגלט זיך אין אים דאָס בלוט; ציען די פינגער אַ שער כאַפּן און דעם יונג צעפּלעטן דעם מוח. קוויטשעט זיך פון אים ארוים מיט אַ צעפּלעטשטן קול:

— „גרינהאָרן״ — שוויינ!

פּרויקע — פּליוך אים אין פּנים אריין:

— יאָלד!

שאַפּ הערט זיך צו צו דער קריגעריי; דערשפּירט נאָטע אַ קאַלטקייט צום ברודערל, וואָס פּרעסטלט זיך באַ יעדערן אין אויג.

פּרויקעס שראַט האָט זיך לעבעדיק צעפּאָרן:

— אַ פּאַררעטער איז דיין ברודערל, אָט־וואָס! סקעב־לעבער האָט ער

געהאָלפן אויפבויען; פאַרזויפט זיך, דער פלאַפּלער; ניט געקענט האַלטן קיין אויג.

חברה גיט אים צו מוט:

— פרויקע! ביסט דאָך אונדזערער. דערצייל אים די מעשה. דער־לאַנג!...

באַ נאָטען גיסט זיך בלוט פון האַרצן; ס׳בליאַפּען אינעווייניק פלאַמענ־דיקע טראָפּנס: בליאַפּ. ער ווייס, מען וויל באַ אים דאָס לעצטע אָפּנעמען: זיין ברודערל.

ער וויל זיך אויסטענהן; שווער רייסן זיך די ווערטער באַ אים פון מויל. ער איז ניט געוואוינט צו רעדן. ער וויל אויסבעטלען באַ די אַרבעטער און ס׳איז ניט לייכט פאַר אַ באַלמעלאָכע, וועלכער איז צו פּראַצע געוואוינט געוואָרן, נעמען זיך צום בעטלען; אָבער ער מוז דאָך: ראַטעווען דאָס ברודערל און זיך:

— ברידער! איר קענט ניט איציקן. איכ׳ל אייך דערציילן: מיר זיינען ביידע אַף דער מאַמעס אויוון געשלאָפן; באַ מיר אין קיך, אַף טשערי סטריט, איז ער אויפגעוואַקסן; דעם ערשטן סטרייק אַף קאַנאַל סטריט האָט ער אַרויסגערופן. צוזאַמען האָבן מיר געהונגערט — געליטן. נישקשה, איציקל ווייס שוין וואָס ער טוט. פאַרלאָזט זיך אַף אים...

פרויקע איז דער ריכטער. גרויע הויט ציט זיך שטייפער אַף געביינערטע באַקן. קאַלטע פלעמלעך שפּיציקן זיך פון די אויגן־גריבלעך. האַרט איז ער, אומרחמנותדיק, און ער זייט צווישן די ציינער אַרויס:

— מיר ווייסן שוין די מעשה...

— גרעסערע „קנאַקערס״ פון אים האָבן די ברידער פאַרקויפט. ס׳איז ניט קיין נייס...

בייגט איין נאָטע דעם קאָפּ, ווי אַ ניט־דערשטאָכענער אָקס. פאַרלאָרנקייט און באַליידיקונג שטשעמען צונויף דאָס האַרץ אַזוי שטאַרק, אַז ס׳דאַכט זיך— דאָס בלוט איז אַראָפּגערונען און האַרץ־פּליישיקייט איז געבליבן ווייס. איז דעמאָלט צו אים צוגעגאַנגען אסתר, אַ „פּינישער״־מיידל, מיט זאַמדיקע האָר, געשאָרן ווי באַ אַ אינגל, דאָס פּנים — אין זומער־שפּרענקלעך, אַרויפגעלייגט אים אַ האַנט אַף דער פּלייצע און מיט איר גרעבלעכן מענער־קול גענומען אים איינרעדן:

— באַרואיקט זיך, חבר נאָטע.

— גיט איר זייט שולדיק — ער! איר׳ט זיך איבערצייגן, אַליין זען.

קוקט אַף אים דאָס מיידל מיט אומרואיקע גרויע אויגן, קלוגע און טרוקענע. אַז איינגעהאַלטענע גוטסקייט אין זיי און אַ ווייכקייט אַ פאַר־

טאיעטע. וואקסט אין נאָטען דער פאַריבל און אַ נייער וויטיק אויך.

אַז ער בלייבט איבער אַליין, חוזקט פון אים דער שאַפ, רייצן זיך מאַשינעס, ווינקען פון אַלע זייטן באַלמעלאָכעשע אויגן און העגט:

— איזעלע דער פירער! נאָטעס ברודערל! שוין איינמאָל אַ פירער! אָהאָ—אָ—האָ—אָ!...

7.

אומרואיק איז געוואָרן אין שאַפ; מויל־צו־מויל האָט זיך געסודעט. שנאה האָט געברענט אין אויג.

ס'איז אַ באַפעל אָנגעקומען אַהערצו אין שאַפ אַריין:

— פרויקע און אסתר מוזן גיין!

דעם באַפעל האָט דער באַלעבאָס צו די אַרבעטער געבראַכט. אַף פראַגעס: „פאַרוואָס? פון וועמען?" האָט אַ גליטשיק שמייכעלע אַן ענטפער געבראַכט:

— כ'ווייס ניט, כ'וויל ניט ווייסן. פרעגט אייערע אין דער יוניע. זייער זאַך...

האָט זיך מויל־צו־מויל געשושקעט:

— ס'איז זיין מלאכה! ער...

און אַף נאָטעס פּלייצע האָבן זיך פינגער צעוואונקען:

— זיין ברודערל; איינמאָל אַ ברודערל; אָהאָ!

אין באַלעבאַטישן אָפּיס האָט זיך אויך געטומלט: שלוחים פון דער יוניאָן זיינען געקומען; ציגאַר־צו־ציגאַר האָט געוואונקען. אויפגערעגטע באַס־שטימען האָבן דעם באַלעבאָס געאיילט:

— אַרונטערשיקן גלייך!

האָט עס אויפגעריסן אין שאַפ; און אַז די צוויי האָבן זיך געקליבן אַרונטערצוגיין, האָט פון מאַשין צו מאַשין אַ פּראַל געטאָן, אַרויסגעזעצט דורך אויפגעבלאָזענע ליפּן, מיט אַ רוף:

— חברים, אַלע מיט זיי!

פרויקעס אויגן־גריבלעך זיינען ליכטיקער געוואָרן; אַ צעטומלטע פרייד־וואַרעמקייט האָט זיך געשפּאַרט אַרויסקוקן; דער יונג האָט עס אָבער פאַר־טאַיעט, איינגעשפּאַרט זיך, געבליבן בלומרשט אויסגערעכנט־קאַלט.

עולם האָט מיט גערויש גערוקט שטולן פון מאַשינען; זיינען מאַשינען גלייך טויט געוואָרן. עולם האָט געשפּאַנט צום אַרויסגאַנג. גליטשיקע באַלע־באַטישע טריט האָבן זיך פאַרקלעפּט אַף דער שוועל פון אָפּיס; אַ כאָרט־שמייכל אַף דינע ליפּן, אַ זייטיק צושאָקל מיטן קאָפּ:

— גייט'ס! ווּעמעס געשעפטן? מיין קאָנטראַקט מיט דער יוניאָן — אויפנייען מאַנטלען; אַ דאגה מיר — ווער...

נאָטע האָט דערפילט אַף דער פּלייצע אסתרס האַנט. איר קול האָט פאַר־חברט און באַפעלן:

— חבר נאָטע, מיט אונדז...

זי האָט אים געפירט אונטער דער האַנט, ווי אַ מאַמע — אַ קינד אַ שווערס און אומגעלומפּערטס, מיט אַן איבערגעפילטן געמיט; ס'פּאַרטאַיעטע וואַרעמ־קייט אין צודריק האָט אים דערצייילט:

— ניט אין מיר און פּרויקען גייט עס; באַלמעלאָכעס האָט מען אָנ־געריררט. אַלע — איין ביין.

נאָטע האָט זיך אונטערגעגעבן, כאָטש ס'פאַריבל פאַר איציקלען האָט אים מיט ביטערקייט געשטיקט. נאָטע ווייס:

— וואָס ס'זאָל ניט געשען, ער — מיט די ברידער; פּרויקע און אסתר— זיין ביין. פאַר זיינע צעבראָשטשעטע ברידער — אָ—האָ—אָ!

פּאָרנוווייז איז מען געגאַנגען און נאָכדעם אַפן טראָטואַר זיך אויס־געמישט. אַריינגעקוקט אין די אויגן און אויפגעבליצט איינער דעם צווייטן אינעם שוואַרצאַפּל־גלי. אַ שטייפקייט אין די ביינער האָט זיך איבערגעגעבן צו די פּוסטריט און שפּאַנענדיק אויסגעקלאַפּט דעם איינגעשפּאַרטן וועג.

איז נאָטען מאָדנע געוואָרן. אינעווייניק — קאַלט, שווידערדיק־יום־טובֿ־דיק און אין דער בלוט־צעגליוועראָנג האָט זיך צעגאָדלט אַ טרערנדיקער טעם.

אַנטקעגן איז אָנגעקומען אַ בינטל באַלמעלאָכעס. שטילע, פאַרכמאַרעטע, אויפגעהויבענע קאָלנערס פון רעק — אומגעלומפּערט־שטייענדיקע און דער בליק פון די אויגן — אויסגעקרימט, אַף אַ זייט...

— וואוהין?

— אַהין, וואו מען דאַרף.

— ווער האָט געשיקט?

— פון דער יוניע.

— נאָך וואָס?

— ניט קיין תפילין שרייבן.

דאָס בינטל האָט זיך פאַרקירעוועט צום שאַפּ־אַריינגאַנג, באַלמעלאָכעס האָבן פאַרשטעלט דעם וועג:

— ברידער! אַהין גייט ניט! אַ סטרייק איז דאָרטן. זייט ניט קיין סקעבס.

בינטל האָט נאָך אומגעלומפּערטער געהויבן די קאָלנערס פון די ראָקן,

ווי געוואַלט באַשיצן די אויערן־דעקלעך. איינער האָט זיך געשטעלט אויס־טענהן:

— אַז מיר ווייסן קיין זאַך ניט. יוניע האָט אונדז געשיקט — פּאָלגן מיר. גייט, טענהט זיך אויס מיט זיי...

איז אַ שטופּעניש געוואָרן און אַ געראַנגל. פּרויקע, אסתר, נאָטע, עפּעס איינער אַ געלינקער, אַ מאַגערער, מיט פּרייסן־וואָנצעס און נעבעך־ליפּן — אַלע איין קאָן. דעם פּלאַנטער האָט פאַנאַנדערגעשטופּט איינער, אַ גע־שטופּלטער, אַ געשוואָלן־ליפּיקער, דורכגעבראָכן אַ וועג מיט האַמעטנע עלנבויגנס, אָנגעשאַרפּט אַן אויג אַף פּרויקען און אַריינגעצילעוועט זיך מיט אַן אייזן־זעץ אין שלייף.

נאָך איינער, אין אַ געשטרייפּטער בלוזע, אַ צייניקער, האָט זיך פאַר־מאָסטן אַף אסתרן, איבער איר אינגליש־געשאָרענעם, זאַמד־האָריקן קאָפּ.

האָט זיך אויסגעמישט צוזאַמען געראַנגל, טומל, בלוט, אַ זילבערנער ליכט־שפּיץ פון אַ פאַרשאַרפטן שטראָל. פּרויקעס אויגן־גריבלעך אין פאַר־לאָפּענעם רויטן האָבן, דאַכט זיך, איצט נאָך מער געשמייכלט און צונג־וואונקען מיט פאַרטאַיעטן פּיין:

— איר זעט? ווער איז גערעכט געווען? כ'האָב אייך געזאָגט: „פאַררעטער"! איצט קוקט...

העלדזער האָבן געשריען, ברוקשטיינער האָבן אַרויסגעהאָלפן דעם גוואַלד:

— אונדזערע פירער און גאָרילעס — איין האַנט!

— הינט בלוטיקע, געדענקט! גע—דע—נ—קט!...

פּאָליצייאישע רייטער זיינען שוין אַרומגעפּאָרן, פּאַדקאָוועס האָבן אַף שטיין געהילכט. פערד זיינען אַף טראָטוארן געשפּרונגען און געטריבן דעם עולם מיט גוואַלט.

אַז נאָטע איז אַהיימגעקומען, האָט גיטל אַף זיין פּנים אומגעוויינלעכעם דערקענט. זי האָט אים געפרעגט:

— וואָס איז?

— אַ סטרייק!

— וויטער פרייליך? דיין ברודערלס געשעפטן?

נאָטע האָט ניט געענטפערט קיין וואָרט.

ער איז געזעסן און געקוקט אַף די צוקערלעקעך־אַבאַיעס, אַפּן גאַז־רער, אונטער וועלכן ס'איז אַמאָל איציקס צונויפלייג־בעט געשטאַנען, און ס'האָט זיך אין אים געפּלאָנטערט, און ס'איז אים געווען שווער — שווער...

8.

נאָטע האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז זען איציקלען און רעדן מיט אים.

אין אַן אָוונט איז ער צו אים געקומען. צוויי ווייסע ליכט־קוגלען האָבן אים געצייגט דעם וועג אין אויסגעפּוצטן קאָרידאָר. אויפגעעפנט די טיר האָט אים אַ נעגערשע דינסטמיידל, און די שוועגערן, וועלכע איז אַף אַ סאָפע געלעגן, אין ווייך־ליכט פון געפאַרבטן גלאָז און צוגעהערט זיך צו ראַדיאָ־געזאַנג, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַף די עלנבויגנס, געקוקט אַף נאָטען דורכן גלאָז פון אירע קורצזיכטיקע אויגן, און זיך ניט געקענט דערמאָנען...

— אָלגאַ, ווער איז דאָרטן?

— אימיצער, אַ גאַסט.

איציקל איז אַריינגעקומען; אָנגעטאָן אין כאַלאַט, מיט קוטאַסן פאַר־בונדענע. ער האָט געשליאָפּעט מיט טופליעס איבער די טעפּיכער אַפן דיל און זיין גאַנצער גאַנג, אַפן וועג פון באַד־צימער, איז געווען רואיק, ווייך און אַפּגעלאָזן.

— נאָטע, דו?

זעט נאָטע:

אַלט איז געוואָרן איציק; די שלייפן באַזילבערט, די גריווקע אויס־געקראָכן. ער שטייט אונטערן ווייך־ליכט און אין די אויגן — אַ בליק אַ פאַר־שולדיקטער. פאָרשט אים נאָטע, קוקט אים אין די אויגן אַריין: „יאָ, אומריין איז דער ברודער, שולדיק, שולדיק.“ אַמאָל איז פּנים ליכטיק געווען, יום־טובדיק, און איצט — אויסגעלאָשן; און אַפן פאַרלאָשענעם פּנים — אַ פליישיקע פאַרגרעבטקייט, איינגעשפּאַרטקייט; טעמפּער אומעט אונטער אַ האַרטער שטיינערנער מאַסקע, אַף דער שיינקייט, וואָס איז אַמאָל געווען און איז איצט פאַרשוואונדן...

פרעגט איציק:

— ברודער, האָט עפּעס געטראָפן? ביסט אַזוי פּלוצלונג געקומען. דער־צייל, נאָטע.

ענטפערט ער ניט; ער זיצט אין אַ מאַהאָגאַני ווייך־שטול, דעם קאָפּ אַראָפּ, אויגן פאַרלאָפענע; פאַריבל אַפן ברודער, און רחמנות אויסגעמישט צוזאַמען.

נאָכדעם:

— איציק!

— כ׳בין געקומען... באַלמעלאָכעס רעדן וועגן דיר; מיט גאַל דער־

מאָנען זיי דיין נאָמען; „פּאַררעטער" רופן זיי דיך אַלע. און אַמאָל האָט מען דיך ליב געהאַט. וואָס איז געשען, איציקל? דערציילַ...

— גאָרנישט איז געשען.

— זיי זאָגן: ביסט אַנדערש געוואָרן.

— אַ ליגן!

— טאָ פאַרוואָס האָבן זיי דיך אַזוי פיינט?

— אַך, זיי!...

אַרויסגעצישעט דאָס וואָרט „זיי" מיט גיפט און שנאה; ווילדע איינגעשפּאַרטקייט האָט זיך נאָך טעמפּער צעלייגט אין די פּעלדעלעך פונעם פלייִשיקן, פאַרגרעבטן פּנים.

— זיי האַסן דיך; זיי שילטן, ווען מ'דערמאָנט דיין נאָמען...

איזי איז אָנגעצונדן געוואָרן; גרינע שנאה האָט געשפּריצט פון דער שטיינערנער מאַסקע.

— גרינהאָרנס, היץ־קעפּ, ניט קיין פאַרגינער! פון קאַנעל סטריט האָב איך זיי אַרויסגעשלעפּט, ווי קראַטן פון די לעכער, און אַף דער וויסער וועלט געבראַכט. אַ יוניע זיי געבויט! הער זיך איין, נאָטע — די גרעסטע מענטשן שטייען מיט אונדז. פּאָלגט מען מיך, וועט אַלץ גוט זיין. נישקשה, איזי לעבט נאָך! ער וועט זיי באַווייזן. פאַרלאָזט זיך אַף איזין און שווייגט...

נאָטע האָט פון ווייַן־ליכט פאַרגאָסענעם צימער אַרויסגעקוקט אין פענצטער: בליצנדיקע, העלע שיין־קוגלען, צוויי לעבן יעדן הויז; די גאַס — אַן אומעטיקע, יום־טובדיק־שטילע, מיט בוימער אויסגעזעצט אין איר לויף. עס האָט זיך אים דערמאָנט דער מאַמעס איווון, אַף וועלכן זיי ביידע האָבן אַמאָל אַרומגענומענע געשלאָפן; איציקלס גרינע יאָרן באַ אים אין שטוב: דאָס שוואַרצע פּעך־וואַסער פונעם איסט־ריווער; אַ שיף פאַר קראַנקע, מיט געליימטע רעדער, וועלכע איז שטענדיק אַף איין אָרט געשטאַנען; צעריסענע מאַטראַצן און מעבל־אָפּוואָרף, פון וועלכע קינדער האָבן אינמיטן גאַס רויכערדיקע פייער־קופּעס געמאַכט; וועש צעוויגטע, צעהאַנגענע אַף שטריקלעך, איבער געראָסטעטע פאַרענטשעס; ציגל, טראָטוארן און פאַרבייגייער, וועלכע זיינען געווען אָפּגעקראָכן, פאַרעלטערט און גרוי...

— שיין דאָ באַ דיר, איציקל!

די גראָבע מאַסקע האָט זיך אָנגעבלאָזן. אויגן זיינען שפּאַלטיק געוואָרן, אַ זעלבסט־צופרידן שמייכעלע אין זיי.

— איינמאָל לעבט מען. ווער ווייס, וואָס מאָרגן וועט זיין?

פּלוצלונג, ווי עפּעס פאַרכאַפּט זיך, איז ס'קול ווייכער געוואָרן, ס'אויג פריינטלעכער און ער גיט נאָטען אַ פרעג:

— װאָס הערט זיך בײַ דיר, נאָטע? אַרבעטסט? פֿאַרדינסט? בײַ װעמען אין שאַפּ?

— איציק, איך סטרײַק איצט; געװען דאָרטן צרות: דער באַלעבאָס האָט די אַרבעט אין סקעב־שעפּער פֿאַרשטעקט. זײַנען געװען בײַ אונדז אַ פּאָר אַרבעטער, יונגע, װאױלע חברה; האָבן זײ געמאָנט, געטענהט, װי דו, איציקל, אַמאָל. מ'האָט זײ אַרונטערגעשיקט, געשלאָגן; זאָגן, זאָגט מען, אַז ס'איז דײַן אַרבעט. פֿאַרשטײ איך עס ניט: פֿאַרװאָס האָסטו עס געטאָן?...

איציק האָט זיך אַזש אײַנגעקאָרטשעט. האָזן־שרעק און קאַלטע שנאה האָבן די מאַסקע אַפֿן פּנים צעטרײסלט. די שװאַרצאַפּלען האָבן זיך אױסגעפּוסטעװעט און געבליבן שטײן דראָענדיקע.

— אָה, זײ! די משוגעים! יאָלדן אומגליקלעכע! אַנטקעגן מיר האָבן זײ געװאַגט זיך צו שטעלן; איזי טױג ניט! איזי װײס ניט! זײ װעלן בעסער מאַכן, זײ!... װער װעט פֿירן? טױגעניכטסן! אײזלען, דום־קעפּיקע! פֿון קאַנעל סטריט האָב איך זײ דאָך מיט שטעקנס געטריבן! און איר, יאָלדן, זײַט זײ נאָכגעגאַנגען? און דו, יאָלד, אױך?...

ער האָט זיך האַסטיק אַ שטעל־אױף געטאָן; דעם טראָט האָבן טעפּיכער פֿאַרשטיקט, אָבער ס'פּנים — כמורנע, שטײַף, אָנגעבלאָזן, דער גרױער אומעט פֿון פֿאַרװאָכיקטן, צעשטערטן יום־טוב.

נאָטע האָט זיך אױך אױפֿגעשטעלט; אין װײניקן שײַן האָט ער דערזען פּרויקעס געשפּאָלטענעם שלײף, אסתרס בלוט־קאַלטן אַף דעם זאַמדיקן קאָפּ־האָר; ער האָט דערהערט דעם געשרײ פֿון טראָטואַרן:

— פֿירער און גאַרילעס — אײן האַנט!...

ער האָט זיך געלאָזט צו דער טיר; איציק איז אים נאָכגעגאַנגען און בײַ דער שװעל פֿאַרקװעטשט אים אין האַנט אַ געשענקט רױט געלט־פּאַפּירל.

אַז די שטײנערנע מאַסקע האָט זיך צו אים אַ קער געטאָן און באַם אָפּגעזעגענען זיך אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פּיס, האָט שױן נאָטע זײַן אײגענעם ברודער ניט דערקענט. ער האָט אַ װאָרף געטאָן איציקן דאָס פּאַפּירל אין מאַסקע אַרײַן און אױסגעשפּיגן:

— נאַ! פֿון נאָטען!...

— פֿון ברודער אַ מתּנה...

VI

קריזיס־יאָרן

אַפּן וועג

אַווינטער־טאָג. דער הימל — אַנגעשפּאַלטענע טשוהונענע פּלאַכטעס, פאַרקלעפּט מיט גערונענעם שמירעכץ. אַ סוויסטשענדיקער ווינט לויפט אַרום איבערן וועג, בעזימט דעם אַטאַמאַביל־שליאַך, דרימזשקעט איבער די טעלע־גראַפישע דראָטן, שווימט איבערן געדיכטן פעלד, איבער די שטעכלקעס, וואָס וואַקסן אין זומפּיקן טאָל, באַ די זייטן פון וועג. אַ שיטערער קאַלטער האָגל קלאַפּט ווי שראָט, צעשיט זיך, ווי קלעפּיקע גלעזערנע גרייפּעלעך.

דער וועג איז אַ גאַפּלדיקער, דריי־צייניקער: רעכטס — שפּאַלן און רעלסן, אינמיטן — ברייטער צעמענטענער שליאַך און לינקס — אַ גרויע וואַסער־צונג, מיט שוימיקער פּיענע באַ די ברעגן. צווישן ליגן זומפּיקע שטיקער פּלאַכלאַנד, פאַרוואַקסן מיט געלע שטעכלקעס. זאַנגען, אַנגעפּאַקט, ווי מיט געשווירן, מיט צוגעפרוירענע בלאָטעס און ריטשקעלעך, באַ דער זייט איז אויסגעטראָטן אַ שמאָלע סטעזשקע פאַר פוס־גייער.

אַף דער סטעזשקע שפּאַנט דער יונג הערים. דאָס הויט פון פּנים איז צעקניפּט, די אויגן צוגעזשמורעט. ער איז אַנגעטאָן אין אַ לעדערנער קורטקע וואָס פאַרשפּיליעט זיך אינמיטן מיט אַ מעשענעם קייטעלע. דאָס קיטל איז ניט דערגאַנגען ביזן האַלדז און אָפּן געלאָזן צוויי ברעגעס פון אַ ברוינעם פּאַנאַנדערגעקנעפּלטן כאַקי־העמדל. דער קאַפּ איז אַפּגעדעקט, אין מויל באַ אים שטעקט אַ פּיפּקע. די הענט, וואָס זיינען פאַרשטעקט אין די הויזן־טאַשן, האָבן די פּיפּקע, צווישן די ציין, אינגאַנצן פאַרגעסן; זשאַרעט זי זיך פּאַוואָליע מיט אַ לאַנגזאַמען צוזויג פון די ליפּן.

אַטאַמאָבילן לויפן אַלע ווײַלע פאַרביי; זיי שלינגען אין זיך אינעווייניק אַריין דעם צעהוליעטן סוויסטש פון ווינט, פּייפן אַליין און וואָרענען; אָבער הערים אַרט עס ניט: ער גייט זיך זיין קאַלטן, געלאַסענעם טראָט. צייטנווייז בלויז בלאַנדזשעט זיין אויג, דורכן שיטערן האָגלדיקן שראָט, צו די אַנאָנסן וועלכע שטעקן אין בלאָטע אַף שטאַלצעס און זאָגן אָן מיט גרויסע געפאַרבטע אותיות אין דער ווינטערדיקער וועלט אַריין:

— קויפט עמאַלירטן הויז־געשיר, בלויז מיט אַט־דעם שטעמפּל!

— אָווערצלס פאַרקויפן מיר, „אייזערנע". פּרוּווט זיי צערייסן!

— אז איר קומט אין שטאָט אריין, פּאטראָניזירט אונדזער האָטעל, פארגעסט ניט דעם אדרעס!

אז ער האָט געלייענט, האָבן זיך זיינע בלויע געדיכט־ברעמיקע אויגן שטייפער געזשמורעט און א שפּיציק געלעכטערל האָט ארויסגעסטאַרטשעט פון זיי:

— טאַקע ניט פארגעסן!

אינדערפרי, אז הערים איז היינט אויפגעשטאַנען פון בעט, וואָס א חבר האָט מיט אים געטיילט, האָט ער זיך געוואַשן באַם קראַן מיט קאַלטן וואסער, געריבן מיטן האַנטוך די שטייפע, אויפגעבורבלטע הויט און נאָכדעם מיט אַן אויסגעהונגערטן אַפּעטיט דעם חבר זיינעם דערמאָנט:

— סיד, עסן! כ'שטאַרב!

יענער, דער באַלעבאָס, מיט דער רויטער האַרטער טשופּרינע, מיט זומער־שפּרענקלעך אַף אַ לאַנגן שעמעוודיקן פּנים, האָט זיך געריעט אין טיש־קעסטל, אויסגעריעט עטלעכע האַרטע, האַלב־געבאַקענע בולקעלעך און געלייגט זיי אַפן טיש. זיי האָבן זיך געקרוכלט אונטער די פינגער אוןביידע יונגען האָבן די שטיקער קרישלס געפּאַקט אין די באַקן און געמאָלן מיט אַ כראָמטש־קען פון די ציין. הערים האָט געפּרואווט מיט אַ שוועבעלע אָנצינדן דעם גאַז, אָבער סיד האָט אים, מיט אַ צושאָקל פון דער רויטער האָר־פּאַטליע, געגעבן צו פארשטיין, אז די מאַכערייקע וועט ניט אַרבעטן, זי איז טויט...

דעמאָלט האָבן זיי געצאַפּט וואסער פונעם קאַלטן קראַן, געגאָסן אין זיך אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז. מיט אָנגעשטאָפּטע באַקן האָט דער באַלעבאָס, סיד, דעם גאַסט זיינעם אויסגעפּאָרשט:

— חבר! דו פאָרסט?

— איך פאָר.

— וועג־הוצאות?

— ס'מאַכט ניט. כ'וועל טרעפן צופוס. אין ערגעסטן פאַל וועט אַ בור־זשוי אַף אַ מאַשין צופירן.

— ס'איז צוואַנציק מייל.

— ניט קיין סך.

— אפשר איבערוואַרטן דעם שלעכטן וועטער?

— חברים וואַרטן.

— הייסט עס, „גוד־באַי״, חבר! אַף ווידערזען...

און אַפן זעלבן געלאַסענעם אופן, ווי ער האָט זיך מיטן חבר מיט דריי טעג צוריק באַגעגנט, האָט ער זיך איצט פון אים אָפּגעשיידט. געקומען איז ער אַהער, אין דער קאָנעטיקוטער פאַבריק־שטאָט, זוכן אַ דזשאַב, חברים, פּאַרטיי־

ארבעט און פאַרבינדונגען. אָפּשטעלן זיך דאָ האָט ער קיין געלעגנהייט ניט געהאַט, דאַרף ער ווייטער גיין. אָבער וואוהין ער קומט צוגיין, אויף אַ טאָג, אויף צוויי, אויף דריי, פאַרקניפּט זיך תיכף אַ שנירל צווישן אים און אומבאַקאַנטע נייע חברים; דאָס שנירל איז שטייף און לאַנג; ציט ער אים, הערים, אַלץ ווייטער, ווייטער, צווישן נייע חברים, פאַר נייע פאַרבינדונגען.

ווען הערים איז מיט דריי טעג צוריק אַהער אין שטעטל אָנגעקומען, האָט ער פון אַ טאַש פון זיין לעדערנער קורטקע אַרויסגעקראָגן אַ צעקנייטשט צעטעלע, אַן אַדרעס פון אַ חבר און אין זיין טיר האָט ער אָנגעקלאַפּט.

— חבר סיד וואוינט דאָ?

— דאָ, דאָ, חבר! קומט אַריין...

אַן ווייטערדיקע פראַגעס איז די טיר פאַר אים געווען ברייט אָפן. אַ שטוב איז פאַר אים געוואָרן היימיש, פריי און גאַסטפריינטלעך.

ער האָט לויז געמאַכט די מעשענע ספּראַנזשקע פון זיין לעדערנעם זשאַקעט און געאײַלט זיך גלייך פאַנאַנדערפרעגן:

— וואָס הערט זיך, חבר, דאָ בא אייך?

האָבן זיך צעגליט די נעלע פלעקן פון די זומער־שפּרענקלעך, רויטע האַרטע טשופּרינע האָט זיך צעוואָרפן. אונטערטשמאָקענדיק מיט דער עטוואָס־צוגעוואַקסענער צונג, האָט סיד אים אָנגעהויבן דערציילן.

דערציילט האָט ער אים וועגן דעם כח, וואָס וואַקסט דאָ לאַנגזאַם אין דעם קאָנעטיקוטער פאַבריק־שטעטל; וועגן דער יונגער אַרבעטער־ליג, וואָס האָט שוין וואו־ניט־וואו קעמערלעך אויפגעבויט; וועגן דער צאָל אַרבעטער־ציייטונגען, וואָס ווערן פאַרקויפט; וועגן מיטינגען, וואָס ווערן פאַררופן; אונטערטשמאָקענדיק מיט דער צוגעוואַקסענער צונג האָט ער פאַרענדיקט:

— אָבער ס׳איז נאָך אַלץ שוואַך, שוואַך. ס׳פעלן כחות...

הערים האָט איינגעשטימט. ס׳איז אים אויסגעקומען, אַז ער זיצט ניט מיטן אומבאַקאַנטן חבר, אין אַ פרעמדן שטעטל, נאָר ס׳רעדט צו אים איינער, וואָס איז פאַרברידערט מיט אים פון שטענדיק אָן, און זייערע נערוון־פעדים זיינען פון דעם זעלביקן שטאָף, געוועבט אויף איין שטול און אַלעמאָל געווען געבונדן, געקניפּט צוזאַמען.

מיט דער הילף פון דעם נייעם חבר, האָט הערים זיך אויך געפּרואווט דאָ קריגן אַרבעט. ווי אומעטום, האָט ער דאָ געטראָפן אַן איבערפלוס פון הענט, פינגער אויסגעשמאַכטע, צעטריקנטע, איבעריקע; לעבן יעדער פאַבריק — קופּעס געהאַרבעטע פלייצעס און אַרונטערגעלאָזטע קעפּ. די, וועלכע זיינען נאָך בא דער אַרבעט אינעווייניק פאַרבליבן, האָבן אין אָוונט אַהיים געטראָגן שוואַרצע מורא פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, מידקייט פון איבער־

אָנשטרענגונג, שאַרפער ציינערדיקער איינבייס אין אינעוויניקסטן פלייש און בלוט, פאַר די הונגער־לײדן פון אייגענע פריינט און ברידער, וועלכע זיינען, ווי שטרוי, אין גאַס אַרויסגעשליידערט געוואָרן. שרעק און מידקייט האָבן זיך, ווי אַ שוואַרצער זומפּיקער שטראָם, געגאָסן איבער די גאַסן פון שטאָט, איינגעפּלאַסטערט זיך אין די פענצטער פון אַרבעטער־היימען, געטוקעט זיך צוזאַמען מיט דער נאַכטיקער ליכט און אָנגעזאָגט:

— שווער! שוין מער ניט צו דערטראָגן!

— ווייטער קען עס שוין ניט גיין! ס'עט פּלאַצן!

— זאָל שוין! גיכער...

איצט, אַז העריס איז אַרויס אַפן וועג, האָט ער זיך אינסטינקטיוו אַ קערעווע געטאָן צוריק צו דער שטאָט. ער האָט דערזען: אין שאָטן פון גרוי־טשוהונענעם הימל האָבן זיך געכמורעט פאַרשטויבטע ציגלנע בנינים פון פאַבריקן, מיט וועלכע אָט דאָס קאָנעטיקוטער שטעטל איז געווען באַרימט: פאַבריקן פון שלעסער, ניי־מאַשינען און שפּון־דראָטן. הויכע רונדע קוימענס האָבן אין טומאַן־גרויקייט געריסן די העלדזער צום הימל אינדערהויך און ניט אויסגעפּאַרעט קיין איינציקן לעבעדיקן רויך־אָטעם. ווי אַ צווינטער זיינען די פאַרשטעטלדיקע אָרעמע גאַסן געלעגן פאַרשטיקט; נאָר ערגעץ פונעם געשעפט־צענטער האָט, ווי אַ פּרעכער אויפגעקומענער באַלגוף, אַ פיל־גאָרנדיקער הימל־קראַצער פאַרריסן אַ פעטע פּאָטילניצע אינדערהויך, איבער דעם פּאַרטאַיעטן בייסנדיקן עלנט פון פאַרלאָזענע פאַבריקן און אויסגעלאָשענע קוימענס, מיט אַ גאַוהדיקער אויפשריפט: „דהי פוירסט נעשאָנאַל בענק".

העריסן איז דאָס בילד געווען באַקאַנט: אַ סך אַזעלכע שטעט און שטעטלעך האָט ער זיך לעצטנס אָנגעקוקט; אָנגעהויבן האָט ער פון זיין איינענער שטאָט, אין דער מיטל־וועסט, וואו צו פופצן יאָר איז ער אַרויס פון „סקול" און איז אַוועק אין אַ פאַבריק, דרילעוון לעבער אין פיר־קאַנטיקע שטאָל־קוביקלעך. נאָכדעם האָט זיך זיין וועג אַוועקגעצויגן איבער אָהייאָ, פּענסילווייניע, ניו יאָרק, איצט קאָנעטיקוט; אויסגעשפּרייט האָט ער דאָ אַ טאָג, אַ וואָך, אַ חודש און אומעטום געזוכט: אַ דזשאָב, חברים, פּאַרטיי־אַרבעט און פאַרבינדונגען...

באַ זיך אינעם לעדערנעם טאַש טראָגט ער איצט אויך אַ צעקנייטשט פּאַפּירל, אַן אַדרעס פון חברים. יענע ווייסן שוין וועגן זיין היינטיקן אָנקום. אַז ער וועט דורכן גריפּלדיקן שניי־האָגל באַלד אַריינגיין אין יענער שטאָט, וועט שוין אַף אים וואַרטן אַ פאַרזאַמלונג פון חברים, אַף אַן אָפענעם סקווער, אינמיטן שטאָט. דער פאָרזיצער וועט אַף אים אַ פּאָכע טאָן מיט אַ ברעם, וועט אים גלייך דערקענען און פאָרשטעלן:

— ס'וועט רעדן חבר הערים...

רעדן אַף סקווערן האָט הערים ליב ; ווערטער קומען צו אים אין מויל אַריין אָן איבעריקער אָנשטרענגונג. ער דאַרף בלויז די אויגן אַריינדרילעווען אינעם עולם אַרום און געדאַנקען באַפאַרבן זיך שוין, גיסן זיך אָן מיט אימפּעט. אָט היינט באַדערנאַכט, שלאָפנדיק מיט סידן אין איין בעט, האָט ער די אויגן צוגעשלאָסן, פאַרגעשטעלט זיך דעם עולם אין דער אומבאַקאַנטער שטאָט, אַפן אומבאַקאַנטן סקווער, און אַ רעדע האָט זיך פאַר אים אויפגעקייטלט, ווי אַ געגאָסענע קייט, רינג אין רינג, געשמאָלצן איינס אין איינס, כאָטש נעם און טאַפּ עס אָן מיט די פינגער...

איצט, גייענדיק אַפן וועג, מיט דעם פּיפּקעלע פאַרשטשעמעט צווישן די ציינער, דערזעט ער נאָך און נאָך נייעם מאַטעריאַל, וואָס ער וועט אין זיין רעדע, ווי אין אַ מעשענעם שטייפן שיידל, אַריינשטאָפּן :

פאַרשטויבטע, ציגלנע פאַבריקן, קוימענס־מצבות, באַלעגופּישע הימל־קראַצערס ; כמורנע טשוהונענע הימלען איבערן ניו־ענגלאַנדער אָטאָמאָביל־וועג, סוויסטשענדיקער ווינט און געפּרווירענער שראַט, זומפּיקע פעלדער מיט שטעכלקעס ; אַלץ צוזאַמען פאַראייניקט אין פּלאַכטעס, וואָס קוועטשן, דריקן אַרויס די נשמה :

— שווער ! שוין מער ניט צו דערטראָגן !

— ס'פּלאַצט !

— זאָל שוין ! גיכער !...

— איבערברעכן ! אַרבעטער ! אַלע צוזאַמען !...

הערים האָט אַ קוק געטאָן אַפן הימל און נאָכדעם אַף זיין בלעכענעם מאַשן־זייגערל. זיין ביליקן זייגערל האָט ער ניט געגלויבט, און אויבן האָט ער די צייט ניט געקענט כאַפּן. טאָג האָט זיך אויסגעמישט מיט נאַכט, שניי־האָגל איז געוואָרן נאַסער און געדיכטער. אַ גרויע טומאַן־גליטשיקייט האָט זיך צעשפּרייט אינדערלופטן. ער האָט באַ זיך באַשלאָסן :

די צייט איז קורץ. כ'קען נאָך צום מיטינג פאַרשפּעטיקן. מ'דאַרף אויסנוצן אַ בורזשוי, ער זאָל מיט אַ מאַשין צופירן.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף דער סטעזשקע, מיטן פּנים צום שליאַך, אַ פינגער ווי אַ שטאָלענעם ציינגער אויסגעבויגן.

עס איז אָנגעלאָפן אַ מאַשין, פאַרסקריפּעט מיט די רעדער און אָפּגעשטעלט זיך. דאָס מירל האָט זיך געעפנט, איינגעלאַדן אינעווייניק אַריינצוקריכן.

באַם ראָד איז געזעסן אַ יונגער בחור, אין אַ ברייטער אויפגעבלאָזענער שובע פון קעמל־האָר ; איין האַנט האָט געקאָנטראָלירט די מאַשין און די

צוויטע איז געווען פאַרלייגט אַף זיין שכנטע, אַ יונגע מיידל, אויך אַן אָנגעפּעלצטע אין אַ ברייטן, געראַמען פיינעם פוטער. די אויגן באַם פּאָר זיינען געווען פאַרסאָוועטע, אָנגעוואָלקנטע. אַ שאַרפער אַלקאָהאָל־ריח האָט זיך געשפּירט אין דער פאַרשטיקטער לופט.

די מאַשין האָט זיך געגעבן צוריק אַ ריס פון אָרט; פאַרכוקעטער פענצטער, אַף וועלכן שניי־גרייפּלעך האָבן געקנאַקט, האָט זיך מעכאַניש אַליין געווישט מיט אַן אויטאָמאַטישן ווישער. דער אָטאָמאָביל האָט זיך געטראָגן אין ווילדן משוגענעם געלאַף, און געדיכטע שטעכלקעס־פעלדער, ווי אַ סטאַיע ליליפּוטלעך, האָבן זיך געיאָגט אַהינטער אים. הערים האָט זיך איינגעטוליעט אינעם ווייכן סאַמעטענעם אויסבעט פון הינטערשטן זיץ־פּלאַץ, געזשאַרעט לאַנגזאַם זיין פּיפּקעלע און געזען ווי דאָס פּאָרל וויגט זיך, שובע צו פּעליץ, הין און צוריק, ווי צוויי קוקלעס. אין דער ברייטער קעשענע פונעם קעמלהאָר האָט געשטעקט אַ פלאַש בראָנפן.

און מיטאַמאָל, ווי אויפכאַפּנדיק זיך פון אַ טשאַד, האָט דער בחור אַרויסגענומען די פלאַש פון קעשענע, אַריינגעגאָרגלט פון דעם צו זיך אין האַלדז, נאָכדעם אָנגעהויבן שפּאַרן זיין מיידל אין מויל, און דאָס מיידל האָט קוויטשיק געכיכיקעט און געשלאָסן דעם מויל מיט פינגער; ער האָט זיך אַ קערעווע געטאָן צו הערים מיט אַ פּאָר סאָוועדיקע פאַרלאָפענע אויגן אַף אַ רויט־עפּלדיקן פּנים און אים אויך מכבד געווען מיטן פלעשל:

— טרינק, פרייגט, פונעם אמתן „סקאַטש". איך, דער צוקונפטיקער בעמישער אינזשענער פונעם ניו־ענגלאַנדער אוניווערזיטעט, גאַראַנטיר דיר: ס'איז די ריכטיקע סחורה.

צעלאַכט זיך שיכורדיק און אַוועק זיך וויגן, שובע צו פּעליץ, פּעליץ צו שובע, איין האַנט אַפן מיידל, וועלכע האָט קוויטשיק געלאַכט און געשטאָפּט דאָס מויל מיט אירע פינגער.

הערים האָט אָפּגעשטופּט דאָס פלעשל פון זיך; די גוטברודערשאַפט פון דעם שיכורן סטודענט האָט אים אָפּגעעקלט; ער האָט פאַר זיך געזען דעם צעקרימטן פּנים פון זיין לאַנדס „דעמאָקראַטיע", פליענדיק אַפן שליאַך אין אַ טייערן „האָדסאָן", פאַרקוטעט אין אַ פּעליץ און שובע, מיט פאַרסאָוועטע אויגן, יונג און האָפּערדיק, וויגנדיק זיך פאַרשיכורט פון זייט אַף זייט, און דער ווישער אַפן פענצטער קנאַקט־צו מעכאַניש, מעטאָדיש, ריייניקט די פאַרכוקעטע שויב.

דער סטודענט האָט זיך אַ ביסל איינגעשטייפט אַפן פּלאַץ, פעסטער געהאַלטן זיך אַרום זיין מיידל און געבורטשעט פאַר זיך אין אַ פאַרטויבטן שמועס:

— פּאַפּ האָט מיך אַריינגעפּאַקט אהער אין העק; ביכער זאָל איך אים פּרעסן, אַ צוקער־קינדל זיין. איז אַט: אַ וועלט איז אומעטום אַ וועלט, האָניק־מיידלעך וואַקסן ווי אַ שוואָם; לעבן קען מען...

אַ וויג געטאָן זיך פּלוצלונג צום פענצטער־גלאָז און מיט שיכורער התפּעלות אויסגעשריען:

— גוירטי! אַ האָז איבערן וועג!

— איבערפאָרן אים! צעטרעטן!

אוועקגעלאָזן די מאַשין אין אַ משונהדיקן זיג־זאַג, רעכטס און לינקס און צוריק. דאָס מיידל, אָנגעשטעקט פון דער שיכורער התפּעלות, האָט זיך אויך צעקאָכט, צעקווויטשעט:

— טו־האַ! אַ האָז! נעם אים! איבערפאָרן! צעטרעטן!

דער „האָדסאָן” האָט מיט די רעדער געקרעכצט; אַראָפּ אָפּ דער סטעזשקע, אַרויף אָפן אַספאַלט, געקראָכן אין זומפּ, געקנאַקט דאָס אייז פון בלאָטעס, געשליידערט קדחתדיק שובע אָף פּעלץ, פּעלץ אָף שובע. דאָס קוויטשען פונעם פּאַרל איז געוואָרן משוגענער, ווילדער:

— טו־האַ! צע־טרע־טן!...

הערים האָט שטיפער איינגעביסן זיך אינעם רערל פון זיין פּיפּקע, אַ טשמאָקע געגעבן דעם זשאַר און באַשלאָסן:

— דער בורזשוי וועט ניט צופירן!

— מיט אים וועט מען צום טיוול אין כּף־הקלע דערלאַנגען, ניט צום סקווער רעדן!

באַשלאָסן און אַ האַנט אָפן קעמל־האָר קאָלנער אַרויפגעלייגט:

— שטיי! לאָז מיך אַרויס!

— ברעך דיין איינגענעם האַלדז און נאַקן!

— לאָז אָפּ, שוטה! זעסט, ס'איז קיין צייט ניטאָ. דעם האָז דאַרף מען דערשטיקן...

שוים און אָן אַלקאָהאָלישער גרעביץ האָט אים אַרויסגעשפּאַרט פון די ליפּן. דאָס מיידל האָט אים אַרויסגעהאָלפן: אויסגעקערעוועט זיך מיטן פּנים צו הערים און די ראָזעווע קוכנדיקע באַקן זיינען געוואָרן רשעותדיק צעקרימט, אויסגעצויגן, פון די סאָווע־אויגן האָט זיך געגאָסן גאַל און איר מיידלשער קוויטש איז געוואָרן הארט און באַזוימפן:

— לאָז אָפּ, באָם! ווי וואַגסטו עס! אַ מענטש האָט דיר אַ טובה געטאָן! האָסט צייט. מ'וועט דיך נאָך אַרויסשליידערן...

אָבער הערים האָט שוין שטיפער געהאַלטן דעם קאָלנער פון קעמל־האָר, אָפּגעשטופּט, ווי אַ נבלה, אָן אַ זייט דעם פלייש אין פיינעם פוטער; פאַר־

האַלטן דעם ראָד, אַראָפּגעריסן דעם שיכורן פּוס פון טרעטער; אויפגעפּראַלט די טיר, אַרויסגעקראָכן.

א קאַלטער גרייפּלדיקער שטויב, געשמיסן פון ווינט, ווי פון א געפרוירענער לאַדאָניע, האָט אים אין פּנים אַריינגעשאָטן. פריש און מחיהדיק נאָך דער פאַרשטיקטער אַלקאָהאָלישער לופט פון מאַשין. דאָס מיידל האָט אַרויסגעשטעקט א מכשפה־פּנים, מיט א שטיק צינגל:

— גוד־באַי, באָ־אָ־אָם!...

הערים האָט אַרונטערגעצויגן דאָס מעשענע קייטל פון קורטקע, אויסגעזשאַרעט זיך א נייע פּיפּקע, זי פאַרביסן אין די ציינער, די הענט פאַרשטעקט אין די הויזן־טאַשן און זיך ווייטער קאַלטבלוטיק געלאָזט גיין אַפן וועג.

ס'איז שוין געווען טונקל. נאַכט האָט זיך אויסגעמישט מיט טאָג. אַרום די ווייטע זומפּן האָבן זיך ערגעץ ניו־ענגלאַנדער פייערלעך געטוקעט און מען האָט ניט געקענט וויסן: אמתע פייערלעך, אָדער אַפּנאַרעריי פון אויג? אַרום די אָטאָמאָביל־לאָמפּן האָבן זיך רונד שנייאיקע בעלמעס צעלייגט, אינמיטן האָבן זיך עלעקטרישע גלעזלעך אָנגעצונדן. לויפנדיק האָבן זיי די שנייענירלעך געזיפּט און דעם גליטשיקן נעץ אונטער די פּיס באַלויכטן.

אַפן וועג האָט הערים אָנגעיאָגט אַן עלטערן מאַן, אין א קורצן שעפּסענעם פּעלצל, א פּומערנעם היטל מיט אויערן־לעפּלעך; די הויט אַפן פּנים צעטריקנט, די ברעמען ווייס, זיינע אויגן האָבן געבלינצלט, אין מויל, אין דער קרום, איז געווען אַריינגעביסן א פּיפּקע:

— גוט־מאָרגן, פּאָפּ! ביז מאַנטשעסטער איז נאָך ווייט?

— ניט ווייט, א דריי מייל. און דו, זון, א פרעמדער ביסטו דאָ אין אונדזער זייט?

— א פרעמדער, פּאָפּ, א פרעמדער. אין מאַנטשעסטער, האָב איך געהערט, קען מען אַרבעט קריגן. וואָס הערט זיך וועגן דזשאָבס בא אייך?

דער אַלטער האָט פאַררוקט די פּיפּקע אָן א זייט, קרום אויסגעשפּיגן, מיט א געניטן, קאַלטבלוטיקן צוזיי. אויגן האָבן גוטמוטיק צוגעבלינצלט, חבריש פריי.

— ס'פאַרדריסט מיר, בחורל, קיין גוטס קען איך דיר ניט אָנזאָגן. ניט פון וואוילטאָג לויפט מען אהער. א בחורל דאַרף האָבן עסן, א שוך, א קלייד. געווען א צייט, אין מאַנטשעסטער האָט זיך גערודערט; איז מען, ווי אַפן וואונק, אהער פון אַלע זייטן געלאָפן. איצט איז טויט. די זיידנס־פאַבריק געשלאָסן, די דראָט־פאַבריק געשלאָסן, מאַנטשעסטער מאַשין־שאָפּ — קוים

וואָס זשיפּעט; און אונדזער אַרבעטער־ברודער ציט נאָך אַלץ אַהער: ניט וואוילטאָג טרייבט; דער הונגער...

— און דו, פּאָפּ? אַרבעטסט?

— פאַרגעסן זיך שוין, בחורל, וואָס אַרבעט הייסט; די פינגער זיינען שוין ווי טעמפּע קלעצלעך געוואָרן. בילכערע זיינען פאַראַן, איינגערע; איז אויך קוים־קוים וואָס זיי האַלטן זיך, ניטאָ וואָס מקנא צו זיין. הייינט געאַרבעט, און מאָרגן מיט אַ קני אַרויסגעזעצט. כאָטש גיי נעם אַ ניו־ענגלאַנדער שטיין, זעץ זיך אַף אים, רייב פון אים אויס די חיונה. שטיינער, בחורל, זיינען באַ אונדז אין ניו־ענגלאַנד פאַראַן אַ סך, גאָר אַ סך...

ער האָט ווידער אַ טשיקע געגעבן מיט אַ קרומען האַסטיקן אויסשפּיי, אַרום די ברעמען האָט זיך אַ שטיק ביין איינגעקנייטשט, ווי אין איינגע־שפּאַרטן, פאַרשטיקטן ווייטיק; אַוועקגעבלינצלט מיט די אויגן אָן אַ זייט, צום רחבותדיקן זומפּן־פעלד, צו די ווייטע גרויע פעלדז־קליקעס, וואָס האָבן פון דער זייט געסטאַרטשעט; באַהאַלטן אינעווייניק די נאָגעניש און זיך ווידער צו העריסן צוגערוקט:

— פּאָפּאַ! — ניט בלויז אין ניו־ענגלאַנד איז פאַרן אַרבעטער אַ גיהנום. איך האָב געזען: אומעטום די זעלביקע זאַך.

זיי זיינען געגאַנגעןביידע אַף דער סטעזשקע, ווי אַ טאַטע מיט אַ זון. ערנסטע, מיט אָנגעזשאַרעטע פּיפּקעס, די רוקנס אַ ביסל סוטולענע. העריס האָט דורך דער געדיכטער ברעם פון צייט צו צייט געוואָרפן אַפן אַלטן אַ בליק:

— אָט צוליב די לעבט ער, אַרבעט ער און קניפּט פאַרבינדונגען. ער רעדט, ווערט געטריבן און געשלאָגן, פאַר אייגענע; פאַר זיין ביין...

— און דו, בחורל? פון וועלכן פאַך ביסטו?

— אַ מאַשיניסט, פּאָפּ!

— קענטיק אַ מעכאַניקער; פונעם הילוך דערקענט מען. איך בין אויך פונעם זעלביקן פאַך. צוויי זין אויך צו דער טאָקאַרניע איינגעבראָכן. ס'איז אָבער געווען ניט אַף לאַנג.

— וואָס איז געשען?

— גאָרנישט איז געשען; אין מאַנטשעסטער האָבן זיך די פאַבריקן צוגעשלאָסן. דעם טאַטן אָפּגעלייגט, די זין אויך. שלאָפן אַלע דריי מאַנסבילן, ווי די פּריצים, ביזן האַלבן טאָג; און אין שטוב, ווי אין קלויסטער: פּוסט און אומעטיק. איז זיך מישב דער עלטערער: אין דער „נייווי" וועט ער גיין; אַ וועלט אויסזען, בעבלעך מיט שמאַלץ צוזאַט האָבן, ברייטע ריינע פלודערן טראָגן; אויפגעהויבן זיך, אַוועקגעגאַנגען. מער האָב איך פון אים ניט געהערט.

וויטער א קרומער פלינקער ציק דורך די ליפן; פון הארצן געשטופט; און דאָס ביינדעלע אַרום דער ווייסער ברעם האָט זיך טיפער, וויטיקדיקער פאַרשטיקט...

אָפּגעשלונגען אַ מויל רויך פון דער זשאַרענדיקער פּיפּקע און ווייטער גערעדט:

— דער צווייטער מיינער, אַ בחורל אין דיינע יאָרן. אַפן אויסזען — אויך ענלעך: אַן ערנסטער, אַ געדיכט־ברעמיקער; אומעטום איז ער געווען דער בעסטער: קליינערהייט אין „סקול", אַפן „טים", באַ דער טאָקאַרניע; אָבער אַ צו שטאָלצער איז ער געווען; דאָס איז געווען זיין חסרון. דעם קאָפּ אָנבויגן, פאַרשווייגן אַן עולה — ניט אין זיין נאַטור. און עולות, בחורל, ווייסטו דאָך, איז אַ „לאַלי־פּאָפּ", מיט וועלכן מ׳קאָרמעט אונדז געננוג. אַן אַנדערער וואָלט פאַרשוויגן: אַ ניקל און נאָך אַ ניקל אַרונטערגעריסן פון דער שעה „פּעי", איינעם און אַ צווייטן, דיר ניט, מיר ניט, געהייסן נעמען דעם וועג. מיין אַרטור איז אַ העזהדיקער; אַרויסגעשפּרונגען, אָפּגעענטפערט. זיי ווילן עס ניט ליידן; אַפן שוואַרצן צעטל אים אַרויפגעשריבן; ווילסט אַרבעטן, טאָ שלינג עולות, אַ ניט — גיי זיך דיר. באַם טאַטן אַפן האַלדז זיצן איז דאָך קיין פּלאַן ניט. האָט ער איינגעפּאַקט אַ קלומעק, אַוועקגעלאָזן זיך אַפן וועג; וואו ער איז, ווייס איך ניט. ניט געהערט...

ווייטער האָט זיך צעשפּילט דאָס ביינדעלע אַרום דער ווייסער ברעם, פאַררוקט זיך טיפער, נערוועז אַרויסגעשפּרונגען און זיך צוריק פאַרשטיקט, און די פּיפּקע האָט זיך געטשמאָקעט מיט האַרץ און געזשאַרעט...

— און דו, פּאָפּ, באַשולדיקסט דיין אַרטורן? דענקסט, אַז ער איז אַן אומרעכט באַגאַנגען?

— ווער זאָגט עס, בחורל? פאַרוואָס האָט זיך דיר אויסגעדוכט אַזוי? גאָל אין מאַנטשעסטער לעקן איז קיין מאכל ניט. אָבער ווי האָסטו פריער געזאָגט: אומעטום איז אַן אַרבעטער־גיהנום; אומעטום די זעלביקע זאַך...

— אָבער פּאָפּאַ: „אומעטום" מיינט נאָך ניט, אַז אַלעמאָל וועט אַזוי זיין. אָט קום איך פון שטעט, וואו אַזעלכע אַרבעטער, ווי דיין אַרטור, זיינען פאַראַן אין די טויזנטער. און וועגן אַן אַרבעטער־„ראָשיע" האָסטו שוין געהערט?

— ראָ־שי־ע? געהערט, בחור, געהערט. באַ אונדז, אין מאַנטשעסטער אַפן סקווער, האָב איך געהערט רעדנדיק. אַרבעטער קלייבן זיך אַהין, און צייט האָב איך גענוג; האָב איך אויך אַן אויער צוגענויגט. נייע ווערטער. ניט געהערט אַמאָל אַזעלכע רייד...

זיי זיינען צוגעקומען נאָענט צו דער שטאָט. ווי אַ גרויער וויעכעטש איז

די שטאָט אין אַ מאָל געלעגן, אויסגעטונקט אין פייכטקייט, גליטשיקייט און טומאַן. צום טשוהונגנעם הימל האָבן זיך געשטרעקט קוימענס, רוקנס פון הימל־קראַצערס, שוואַרצע עלם־בוימער אויסגעזעצט אין שורות, באַ די זייטן פון דער גאַס. עס האָט געפלייצט פונעם צענטער פון שטאָט מיט ראַשיקן טומל, מיט געדיכטן, בליציקן עלעקטרישן ליכט; שאַרפע ליכט־פּאַסן, מיט אַ נעפּל־הויב באַפּוצט.

דער אַלטער האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— אָט האָסטו עס דיר, בחורל: גאַנץ מאַנטשעסטער אויף דער דלאָניע פון האַנט.

—און ווי אַזוי קומט מען צו צום סקווער?

— אַ גלייכער וועג. וועסט ניט אָפּבלאָנדזשען. אָבער זע: אַ בחורל קומט אין שטאָט אַריין, און גלייך צום סקווער. פון יענע ביסטו, הפנים? עהע, איך האָב גלייך געטראַכט...

געגעבן אַ שטיפערישן קרומען לעצטן ציק און זיך אָפּגעזעגנט:

— צום ווידערזען, בחורל. איך ווינטש דיר גליק.

הערים איז צוגעקומען נעענטער צום סקווער. פונדערווייטנס האָט ער שוין באַמערקט אַ באַקאַנט בילד: אַ געדיכטע, אויסגעשמאָלצענע מענטשן־כוואַליע, אויפגעהויבענע פּלאַקאַטן, געברומטער אויסרוף, שאַרפע אָנגעצויגנ־קייט, ווי פון שטאָלענעם שפּאַגאַט.

דער פּאָרזיצער האָט אים באַמערקט, דערקענט און גלייך פּאָרגעשטעלט:

— ס'וועט רעדן חבר הערים...

הערים איז אַרויף אויף דער פּלאַטפּאָרמע, אַרונטערגעצויגן דאָס קייטעלע פון זיין קורטקע, אָפּגעווישט מיט דער האַנט פון די אויגן פייכטע געקלעפּעכץ פון דעם גרייפּלדיקן שניי־האָגל אויפן וועג.

אָן אָטאָמאָביל איז מיט אַ טראַסק פאַרבייגעפאָרן און געשטערט דעם רעדנער אָנצוהויבן. הערים האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען:

אַ לאַסט־מאַשין האָט אויף קייטן געשלעפּט אַ גרויסן צעשעדיקטן „האָד־סאָן"־אָטאָמאָביל, אַרויפגעקאַראַטשעט אים אינדערהויך מיט די פּאָדערשטע צוויי רעדער, און די הינטערשטע האָבן זיך, ווי טויט קלעצער, נאָכגעשלעפּט. דער סטודענט מיט זיין מיידל זיינען דאָרטן ניט געוועזן.

אויסגעוואַרט געדולדיק און אָנגעהויבן:

— ח־ב־רים!...

בליץ

אומגעריכט זייגען זיי אָנגעקומען, צו פיר אין אַ ריי; אַריינגעקערעוועט זיך דורך אַ זייטיקער גאַס, און די צוויי פאָדערשטע האָבן געטראָגן אַף שטענגלעך אַן אויפשריפט: רויטע אָנגעקלעפּטע אותיות, ווי אויסגעקרימטע, מעסער־צעוואונדיקטע פינגער, וואָס האָבן זיך אין אייגענעם בלוט איינגע־קאַפּעט און פאַרפּלייצט מיט זייער זאַפטיקייט אַלץ, וואָס ס'האָט זיי באַרירט. דער פיר־ברוסטיקער עולם האָט זיך געגאָסן מער און מער, נאָך אוז נאָך אויפשריפטן. ווי אַ ווייטער וואַלד־דונער האָט זיך אָוועקגעקייקלט אַ געברום:

— אַרבעט!

— ברויט!

— מיר ווילן ניט הונגערן!

— מיר פאַרלאַנגען! אונדז קומט!

און איין קול אַ שאַרפער, אַ שניידיקער האָט זיך דורכגעשטאָכן דורך דעם איינגעקנאָטענעם פול־ברוסטיקן ברומען און געמאָנט הויך:

— מיסטער בליץ! אונדזער הונגער־באַלעבאָס בליץ. מיר ווילן אים זען!

— יע־ע־ע!...

דאָס געברום האָט געזעצט, ווי מיט שווערע טשוהונענע קוילן, אַריינגע־קייקלט זיך אין אָפיס, צעשאָטן געוואָרן אַפן שווערן פערסישן טעפּיך, צוגע־ליאַזגעט געוואָרן מיטן גלאָז אין ראַם, וואו ס'איז געהאַנגען דעם מאָטאָרן־מאַגנאַטס פאָרטרעט:

— אור־הו־ו! ברויט און אַרבעט! מיר הונגערן! בליץ — אונדזער הונגער־קעניג! רעדן צו אים! יע־ע־ע!...

דער אָפיס איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ וואַנט פּאָליציסטן, פוסגייער, רייטער, מאָטאָרציקליסטן. אין געדיכטער פולוער־אָנגעשטאָפּטער לופט האָבן זיך געריסן און ווילד געקוויטשעט פייפלעך, איבערגעמישט זיך מיטן פול־ברוסטיקן מאָנענדיקן געברום.

— לאָזט צו! מיר הונגערן; בליצן דאַרפן מיר זען...

דער מאָטאָרן־מאַגנאַט איז געזעסן אינעווייניק, אַרומגערינגלט מיט זיינע „מענעדזשערס". ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעצויגן אינדערהויך זיין

לאנגע פיגור, פארלייגט א דארע אויסגעטריקנטע דלאניע ארום דער אויגן־וויע און די בלוי־פוסטע בייטעלעך אונטער די ברעמען האבן זיך אנגעגאסן מיט רוגזה און באליידיקטן שטאלץ:

— וואס ווילן זיי פון מיר?

איינגעשטייפט א ביינערדיקן פויסט, וואס האט אנטבלויזט א טייל פון זיין ארעם, צעטריקנט, האריק, מיט געשוואלענע אדערן, ווי אלטער אויסגע־ריבענער שפאגאט, א זעץ געטאן איבערן גלאז פון קאבינעט־טיש, וואס האט איבערגעדעקט א גרינעם פארצויגענעם געוואנט:

— ווי קומען זיי אהער? אידיאטן! ווער האט דערלויבט?...

ס'איז ניט קלאר געווען, וועמען ער האט מיטן ביינערדיקן אויסגעשריי געמיינט. נאר די „מענעדזשערס" האבן זיך איינגעקארטשעט, געכמורעט, אנגעשטעלט די רוקנס, ווי אף צו פאסעווען, און זייערע ברעמען האבן צום טאקט פון זיינע בלויע הויט־בייטעלעך צוגעפאכעט, איינשטימענדיק אינ־גאנצן מיט זיי:

— טאקע? ווער האט דערלויבט?

א קלאנג וועגן א מעגלעכן מארש פון ארבעטלאזע צו אים אין פאבריק האט זיך שוין געטראגן פריער. דער גאווערנאר איז עקסטרע געקומען צו אים אף א וויזיט און מיט א וויכינקן חניפה־טאן אים דעמאלט אינפארמירט:

— ס'רודערט זיך! די ארבעטלאזע ווערן אויפגעהעצט פון ליידאקעס. איך האב מורא, מ'זאל קיין שפיצל ניט ארויסווארפן אין אייער זייט.

און באלד פארכאפט זיך:

— אבער זייט רואיק, מיסטער בליטץ! מיר האבן אנגענומען מיטלען. מיר האלטן די סיטואציע שטייף אין די הענט.

דעמאלט, אזוי ווי היינט, איז בליטץ אויך פון פלוצלונגדיקן כעס צע־טרייסלט געווארן. די אנגעצויגענע מוסקולן אפן לאנגן דארן קערפער האבן אפגעציטערט, ווי סטרונעס. דעמאלט האט ער אויך געגעבן א זעץ מיטן פויסט איבערן טיש:

— גאווערנארס רעדן ניט אזוי! גאווערנארס טראגן זיך ניט ארום מיט רכילותן, ווי אלטע באבעס! זיי דארפן וויסן וואס צו טאן...

און נאכגעשריען:

— אידיאטן האבן אויסגעטראכט! מיינע ארבעטער וועלן ניט וואגן! מיינע זיינען מיט מיר...

און ס'איז דעמאלט, אזוי ווי איצט, אויך ניט קלאר געווען וועמען ער האט מיט ביינערדיקן אויסגעשריי געמיינט. דער גאווערנאר האט זיך גע־

קאָרטשעט, געכמורעט, אויסגעשטעלט אַף פּאַסעווען דעם רוקן און געפּרואווט זיך פאַרגלעטן דעם אומאַנגענעמען שמועס מיט חניפה־רייד:

— פאַרשטייט זיך: ס'זיינען בלויז קלאַנגען. אָבער איר דאַרפט אָפּשאַצן די מיאוסע גזלנישע שטימונג פון דעם אַרבעטלאָזן עולם און אַרום אים — אָנהעצער. פון אומעטום קומען זיי: אויסלענדער, און פון דער „איסט", און פון דער „וועסט". זופּ־קיכן קענען אַלעמען ניט אָנקאָרמענען. די שטאַט־קאַסע איז ליידיק. אין אַזאַ לאַגע איז שווער צו האַלטן אַ זיכערע האַנט.

און ווידער צוגעגעבן אייליק:

— אָבער איר זייט רואיק! מיר האָבן גענומען מיטלען. די סיטואַציע איז אין אונדזערע הענט.

דער מאָטאָרן־קעניג האָט דעמאָלט אינעווייניק אין זיך געשמייכלט: וואָס קען אָט־די געפּאַקטע פּופּע אויפטאָן? וואָס נאָך קען ער, אחוץ בעטלען פאַר זופּ־קיכן און פּוסטע שטאַט־קאַסעס, מיט אַ געשליפענער חניפה־צונג? וואָס ווייסט ער וועגן אַרבעטער און אַרבעטלאָזע, וועגן דעם גאַנצן שטאַרק קאָמ־פּליצירטן אינדוסטריעלן גיגאַנט? זיין אַרבעט — שמאָרע מיטן געשליפענעם צינגל, באַק געזעצן, האַלטן אַן אויג, ס'זאָל זיין רואיק און שטיל, און דאָס אויך, ווער קען זיך פאַרלאָזן אַף אים? איין מענטש נאָר פאַרשטייט די לאַגע, ווי זי איז — ער, בליטץ; ער האָט אָנגעהויבן פונעם נידעריקסטן שטאַפּל, אַריינגעריסן זיך, געבויט שטעט און פאַבריקן, אַף פּלעצער וואו ס'איז פריער געווען פעלד, וואַלד, אָנגעשאָטענער זאַמד און טויטער זומפּ. ער האָט צונויפגעקליבן פאַרם־אינגלעך און געמאַכט זיי פאַר אַרבעטער, עמיגראַנטן־רויקייט אויסגעפּאָלירט און געמאַכט זיי צו לייטן גלייך. ער האָט פאַראייניקט וואַסער, קויל, רודע, געהילץ, עלעקטרישן כח אין מעכאַנישן ווייסן, איבערגעפלאָכטן זיי אין איין צעשפּרייטן ריז איבערן גאַנצן לאַנד. ער האָט אָרגאַניזירט צייט, מעכאַנישע פּראָצעסן, אויסגעמאָסטן סעקונדעס אין באַזונדערן ריר. ער האָט מיט ברויט געשפּייזט זיין אינדוסטריעלע אַרמיי און מיט מאָטאָרן די גאַנצע וועלט. אויב איצט איז ערגעץ אַן אַקס אין דער אינדוסטריעלער מאַכינע קאַליע געוואָרן, איז עס ניט זיין שולד. ווער אַנדערש, אויב ניט ער, וועט די אַקס צורעכט מאַכן, אָוועקלאָזן צוריק די ראָד שווינגענדיק און צוריקרופן די אַרבעטלאָזע?

— נאַט, קוקט! אָט האָב איך עס פאַרריכט...

און דערווייליע? זופּ־קיכן, נאַכטלעגערס, שפּיטאָלן; ווינציק מיליאָנען האָט ער אַף דעם אויסגעשאָטן? ווינציק האָט אים אָפּגעקאָסט אויסצוהאַלטן דעם איבעריק־געוואָרענעם טייל פונעם אינדוסטריעלן גיגאַנט?

— געדולד, ארבעטלאָזע! געדולד; בליטץ פאַרריכט פאַר אייך דעם אַפּאַראַט!

איצט זיינען די ארבעטלאָזע פּלוצלונג פאַר דער צייט געקומען מיט אויפשריפטן פון צעשמירטער בלוטיקער וואונד. זייער ברומען, מאָנענדיק און צאָרנדיק מיט אַ צוגעשפּיצטן רוף:

— אר־בעט!

— ברויט!

— „דזשאָבס"!

— בליטץ, דער הונגער־קעניג! מיר ווילן אים זען...

ס'האָט אין אים געקאָכט. אָנגעצויגענע פּולווער־געשטאָפּטע סעקונדן זיינען פאַר זיינע נערוון צופיל געווען. אַ שוואַרצער שאָטן איז אַראָפּגעפאַלן פון די וואַסערדיקע אויגן, פּנים־קאָרטשעס זיינען געוואָרן גרוי ווי ערד. פון האַרצן האָט געשפּאַרט אַ ביטערע חיהשע שנאה צום עולם, וואָס האָט געשטורעמט די גאַס.

— דער עולם פון גיגאַנט האָט זיך צעבושעוועט, אָט גאָר...

— מאַשין־חייקעס! דאָס האָבן זיי געוואַגט!

און בלויע שנירלדיקע ליפּן האָבן געפּרעפּלט, בייזערדיק געמאָנט:

— אידיאָטן! אַ סקאַנדאַל! ווי האָט מען עס דערלויבט?...

דער „מענעדזשער", מיט אַ ווייסן לייבן־קאָפּ און רונדן שטייף־פליישיקן פּנים, האָט אים אָנגענומען אונטער דער האַנט, מיט אַ פאַרשטייענדיקן בלוי־שטאָלענעם שמייכעלע געצילט זיך גלייך אין די אויגן און אַריינגעפירט אים אין אַ זייטיקן צימער, און געחנפהט אַף אַ סאַמעטענעם קול:

— מיסטער בליטץ, ערגערט זיך ניט! מיר האָבן אָנגענומען מיטלען. אַלץ איז באַזאָרגט. ס'וועט באַלד זיין פאַרביי...

געדיכטע פאָרהאַנגען זיינען אין צימער געווען אַרונטערגעלאָזן; דורך זיי איז דער גאַסן־טומל געווען נאָך איינגעקנאָטענער און שטייפער, פּייפלעך האָבן זיך איבערגעסווישטשעט, פאַרגאַנגען זיך אין אַ דראָענדיקן אַרבעסדיקן איבערגוס, פערד־קאָפּיטעס האָבן געקנאַקט אַפן שטיין. ווי פריער, האָט זיך דורכן טומל דורכגעריסן דער שאַרפער צוגעשפּיצטער געשריי:

— ב־ל־י־י־ט־ץ!...

ער איז געזעסן לעבן אַ שרייב־טיש. די ציטערדיקע הענט האָבן זיך נערוועז אַרומגעשפּילט מיט אַ געשניצטן העלפאַנט־ביין מעסער, געשטאָכן אים האַסטיק און געקלעממטערהייט פון אייגענעם פויסט, אַריין און אַרויס. פּלוצלונג האָבן זיך פּייפלעך נאָך קוויטשיקער צעכאָרכלט, קאָפּיטעס האָבן זיך איבערן שטיין צעקנאַקט, טרוקענע אָנגעצויגענע בייטשן האָבן אָנגעפאַנגען

צו בליעשטשען. בליטץ, מיטן העלפאנט־ביין מעסער אין האנט, ווי א צע־קאכטער דיריגענט, האט אים געוויגט צום טאקט דער שיסעריי דארטן אין גאס:

— איינס! צוויי! דריי! דער־לא־א־אנג!

ס'איז מיטאמאל שטיל געווארן; נאכדעם איז דער געברום מיט פרישער צעהוליעטקייט ארויסגעשפרונגען, מיט א טופעריי, סאפען, קרעכצן, גוואלדע־ווען און קוויטשען; ס'האט זיך פאנאנדערגעשפילט א געמישטער דונער, און האגל, א קנאל פון פולווער, וואס רייסט אויף שטיין, אפגעטראטן, אוועק־געקייקלט זיך, צעשפריצט געווארן אין פארשיידענע ריכטונגען, נאכדעם איז געווארן ווידער שטיל.

אונטער די הענט האט אים דער זעלביקער „מענעדזשער" געפירט צוריק אין אפיס, א ניי באלעקנדיק פארשפיצט שמייכעלע אין זיינע שטאל־בלויע אויגן. ער האט זיך געריבן די פליישיקע אויסגעקנאטענע לאדאניעס מיט צוקנדיקן פארגעניגן, ווי ווייכן זיסן טייג:

— אינגאנצן איין זאלפ!

אנגעשטעקט פון אים, האט דער אלטער בליטץ אויך געריבן זיינע אויס־געטריקנטע ביינערדיקע לאדאניעס און באקוקט דעם אפיס מיט א באלע־באטים־אויג. איבערן קרישטאלענעם שויפענצטער האט זיך געצויגן א זיג־זאגישער געפלאצטער קארב. אינדרויסן איז געשטאנען א וואנט ברייטע פאליצייאישע פליצעס, ווי איינגעצעמענטעוועט צום גרונט. אף דער ערד האבן זיך געוואלגערט קופער רויט־צעשמירטע פלאקאטן, דורכגעלעכערטע, צעשטאכענע, ווי אן אויסגעהוזקטע פארשפיגענע וואנד. אמבולאנסן האבן אויפגעקליבן ליגנדיקע קערפערס און קלינגענדיק אוועקגעפירט זיי אין דער שנעל. ערגעץ־וואו איז נאך א פייפל נאכגעלאפן, געקוויטשעט דראענדיק אין געלאף. אין אפיס האבן זיך „מענעדזשערס" געסודעט, געווארפן פון ליפ צו ליפ:

— ס'איז קיין אנדער מיטל ניט געווען. א לעקציע האבן זיי באדארפט האבן. זיי וועלן עס גערענקען! זיי...

בליטץ האט נאכאמאל איבערגעלעבט אט די אומאנגענעמע פריערדיקע פאסירונג. זיינע בלויע אונטער־אויגן בייטעלעך האבן זיך צעציטערט, ווי בא א סאווע, די שנירלדיקע ליפן האבן צונויפגעפרעפלט אין קאן:

— אה! זיי וועלן עס גערענקען! זיי...

:: :: ::

פארלייגט א האנט אף א האנט הינטער דער עטוואס־געהויקערטער

פּלייצע, האָט בליטץ אַרומגעשפּרייזט אַף אַן אויסגעטראָטענעם טעפּיך־וועג איבער זיין פּריוואַטן קאַבינעט.

ער האָט אָנגעקלונגען. דער באַדינער האָט אים אַריינגעטראָגן אַף אַ טאַץ וויין, געפינגערטע קרישטאָל גלעזלעך, אַ פּעקל ציטונגען; אָפּגעבויגן זיך און אַוועק.

פאַנאַנדערגעוויקלט די ציטונגען: גרויסע קעפּ, ליאַרעמדיקע אותיות: אַ ראַיאָט פון אַרבעטלאָזע לעבן בליטצס אָפיס! פּאָליציי שיסט! טויטע און פאַרוואונדעטע! ראַיאָטערס שליידערן מיט שטיינער צוריק...

אין קאָפּ האָט זיך נאָכאַמאָל דורכגעטראָגן דער קנאַל פון צעבליעשטשע־טע בייטשן. אויגן האָבן דערזען דאָס רויטס פון צעפינגערטע בלוט־אויסגעקאַפּעטע אותיות אַף אויפשריפטן. ס'האָט אים ווידער אַוועקגעטראָגן איבערן אויסגעטראָטענעם טעפּיך־וועג.

און אין מוח האָט די גאַנצע צייט צוגעקלונגען:

— פּיס פון אַן אינדוסטריעלן מאַגנאַט! אָט אַזוי שפּאַנען אַרום מאַגנאַטן...

ער האָט געפילט אַ שטעכיקייט אין די אויסגעוואַסערטע אויגן. אַנטקעגן אים האָבן רעדער שיכורערהייט געשוואונגען און פון די אַקסן אַראָפּגע־שפּרונגען. ס'האָט אים ניט ווי געטאָן פאַר די אויסגעקאָסעטע פאַר לעבנס. נאָך אַלעמען, וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן עטלעכע אין דער קאַריערע פון אַן אינדוסטריעלן מאַגנאַט? ער האָט געליטן פאַר זיך און פאַר דער מאַכינע, וואָס ער האָט אויפגעבויט, אַ מאָנומענט פאַר זיין מאַכט און גרויסקייט, און איצט האָט זי ערגעץ אין וויכטיקן לעבעדיקן טייל געגעבן אַ פּלאַץ־אויף.

ראַיאָטן! טויטע און פאַרוואונדעטע! שטיינער האָט מען געשליידערט! די רויט־צעשמירטע פּלאַקאַטן! און דער פרעכער גאָרגל, וואָס האָט געבייצט און געליאַרעמט:

— בלי־ט־צ־ץ! בלי־ט־צ־ץ!...

די פּופּע, דער פּלוידערזאַק־גאָווערנאָר, וועלכער האָט געחנפעט און די שולד פון אומרו געוואָלט אַרויפוואַרפן אַף די פּלייצעס פון פרעמדע און אונטערהעצער, האָט ניט געוואוסט, וואָס ער רעדט: אין דעם לעבן פון זיין גיגאַנט זיינען ניט געווען קיין פרעמדע און אייגענע; אַרבעטער פון דער „איסט", פון דער „סאַוט", פון דער גאַנצער וועלט זיינען געווען געשמאָלצענע טיילן פון איין גאַנצן, און האָבן געדאַרפט נאָכפאָלגן דעם וואונק פון זיין פינגער, אַריבערוואַרפן זיך אַהין, וואו ס'האָט געזאָלט שווינגען אַ ראָד. אויב מורד געווען — האָבן עס שרויפן פון זיין אייגענער מאַשין; זיי — שטיינער

געשליידערט, פלאַקאַטן אויסגעפּאַכעט. א טייל פונעם גאַנצן האָט אַנטקעגן דער מאַכינע אויפגעהויבן א האַנט!

דער אינדוסטריע־מאַגנאַט בליטץ פאַרשטייט צו גוט, וואָס דאָס באַדייט! שטאָלענע גאַנצקייט, אָט דאָס איז דאָך געוועזן זיין נייער לעבנס־פּאַרגעם, דער פונדאַמענט, אַף וועלכן ס'שטייט דער גיגאַנט. טיילן שמידן זיך איבער, פּאַרגיסן זיך אין איין שטיק. ער האָט פאַראייניקט און אויפגעפלאַכטן די רויע מאַטעריאַלן: קוילן, געהילץ, אייזן, שטאָל, וואַסער, דאַמף, עלעקטרישע קראַפט. אַזוי האָט ער אויך מיטן לעבעדיקן מין געטאָן. פאַר אים איז אינזשענער און גאָווערנאַר, פּרעזידענט און פינאַנסיר, דער אַרבעטער באַם גאַרטל געוועזן איין שמעלץ־שטיק, וואָס האָט געמוזט פורעמען אין הייקעס און שרויפן, טריבן און אַקסן און טאָן זיין באַשטימטע אַרבעט, אַלץ לויט בליטצס אויסגערעכנטן פּאַסאָן...

די מאַכינע איבער אַלץ און איבער אַלעמען; בליטץ — איר מאַגיקער, א שפּילעכל אין זיינע הענט...

דער גיגאַנט האָט געהאַט זיינע רעכטן. אים איז אַלץ געוועזן דערלויבט:

אָפּראַמען פון וועג קאָנקורענטן, קויפן און פאַרקויפן געזעצגעבער, צעטרעטן לעבנס, אָפּבראָטן לעבעדיקערהייט לעבנס, האַקן גלידער, הענט און פיס. קליינע אינצידענטן האָבן קיין ראָלע ניט געשפּילט אינעם לעבן פון נייעם אויפגעוואַכטן ריז!

זיין ציל: מאַסן־סחורה פאַרן ביליקסטן פּרייז. דער מאַרק — די גאַנצע וועלט. בליטץ, דער ערשטער, האָט עס אויסגעחלומט. ער — דער אינזשענער, צו אים געהערט דער פּאַטענט. א חוץ דעם האָט ער די וועלט מיט זיין דערפינדונג גליקלעך געמאַכט און ער וועט איבערלאָזן פאַר דער „אייביקייט" זיין מאָנומענט...

איז וואָס פאַר א באַטרעף האָבן צופעליקע אינדוסטריעלע אומגליקספאַלן אין אַזאַ פאַרנעם: בליטץ האָט איינמאָל געזען, ווי א מאַשין האָט אָפּגעהאַקט איינעם פון זיינע אַרבעטער א האַנט, דער אָרעם איז א פּוסטער געבליבן שטעקן און די דלאָניע מיט פאַנאַנדערגעצווייגטע טויטע פינף פינגער איז א פאַרבלוטיקטע אָראָפּגעפאַלן כליאַפּענדיק אַף דער ערד. ס'האָט אים אויפגעשווידערט. ער האָט דעמאָלט אויסגעשריבן א מיליאָן־דאָלאַרדיקן טשעק פאַר אומזיסטע שפּיטאָלן. נאָכדעם האָט ער דעם פאַרקריפּלטן אין שפּיטאָל אַליין באַזוכט. דאָס רחמנותדיק געפּיל צום חולה איז געוועזן אַנגענעם פאַרן האַרצן. דער קראַנקער האָט אַף אים געקוקט מיט הינטישער איבערגעגעבנקייט, מיט א ווייך טרערן־רויכל אין די אויגן און די צוגעשפּיצטע שוואַרצאַפּלען האָבן דערציילט:

— כ'בין צו קליין צו דאַנקען אייך, באָס בליטץ! צו קליין...

שפּעטער האָט ער אויסגעשריבן נאָך אַ טשעק פאַר קינסטלעכע הענט. די וועלט האָט מיט דעם געקלונגען, צייטונגען האָבן עס צעשמירט. בליטץ אַליין האָט זיך אויך געפילט באַפרידיקט און גוט...

ער האָט געשריבן טשעקס פאַר קלויסטערס און אוניווערזיטעטן, פאַר ביבליאָטעקן און זופּ־קיכן, פאַר מוזיק־טעמפּלען און היימען פון אַלטע לייט. פאַר אַלץ האָט מיט אַ ברייטער האַנט געגעבן דער אינדוסטריעלער ריז. אַ וועלט איז אַף די קני געשטאַנען און האָט הכנעהדיק צוגעפּרעפּלט:

— כ'בין צו קליין צו דאַנקען מיסטער בליטצן! קליין...

הייַנטיקער עולם, מיט די אויפגעהויבענע פּלאַקאַטן, איז אָבער געווען אַן אַנדערער. ווי האָט דער פּלאַפּלער־גאָווערנאָר געזאָגט: „די מיאוסע גזלנישע שטימונג פון דעם אַרבעטלאָזן עולם." אָנשטאָט איבערגעגעבנקייט האָבן זיי אים געטראָגן אַנטקעגן רעוואָלט, אָנשטאָט דאַנקבאַרקייט — שטיינער און דאָס פאַרשפּיצטע מאָנענדיקע קול:

— מיסטער בליטצן ווילן מיר זען! אונדזער הונגער־באַלעבאָס בליטצן...

אַ שנאה האָט פון זיי געשפּאַרט; אַ שנאה צו אים צוזאַמען מיט זיין לעבנס־ווערק, דער מאַשינע. די שנאה האָט אַ שווענק געגעבן, איינגעבראָכן עפּעס אונטן אין טיפסטן פונדאַמענט. ניט דער טויט פון עטלעכע מענטשן רעכנט זיך דאָ. וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט עס? נאָר דער אויפשטאַנד פון שרייפלעך און הייקעס, וועלכע ווילן זיך מער ניט דרייען אין דער ריכטונג, וואָס איז פאַר זיי באַשטימט געוואָרן. אָט וואו עס ליגט דער סוד...

און אפשר האָט ער אַ טעות געמאַכט?

געדאַרפט זיי אויפנעמען, אַריינלאָזן, אַוועקזעצן זיך מיט זיי באַם גרינעם טיש און פאַנאַנדערפּענען ברוטאַל די קאָרט.

— איך האָב די פאַבריקן צוגעשלאָסן? איר הונגערט? נו, ווער איז שולדיק, אַז צופיל אייערע זיינען פאַראַן? מאַשינע ברויכט הונדערטער טויזנטער און איר זייט אין די מיליאָנען. מאַשין קליגלט זיך, געפינט אויס וואָס ווייטער אַלץ מער נייע קונצן — איר פאַרמאָגט בלויז נאַרישע שטומע הענט. מיין אינדוסטריע שאַפט סחורה פאַר אייך אויך — כלומרשטדיקע געברויכער, אָבער, אומשטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ געברויכער איר זייט...

נו, איצט זאָגט, משפּט: ווער איז שולדיק? איך? איר?...

— איז וואָס זאָל געטאָן ווערן? — וואָלטן זיי אים געפרעגט — מיר הונגערן דאָך. מיר דאַרפן ברויט...

— איין גאָט ווייסט. אָבער צום גאַנג פון דער מאַשינע איז עס ניט שייך. די מאַשינע האָט אירע אייגענע געזעצן. זי מוז זיך דרייען. אַלץ איז

פאַר איר דערלויבט. ווער ס׳קען פון צדקה זיך שפייזן — זאָל זיך שפייזן. ווער ס׳קען ניט — זאָל אונטערגיין. אגב, האָט איר געהערט, וואָס „דאַמפּינג״ אַף אונדזער אינדוסטריעלן לשון מיינט?

— ?

— איבעריקע סחורה ווערט צעשטערט, אין וואַסער אַריינגעוואָרפן, אין פייער צעברענט. פאַרניכטן מיינט ציימנווייז אויך אויפבויען. לאַדאַניעס, באַ אונדז אַפן מאַרק, מיינט אויך סחורה, און אַף זיי גילט דער אַלגעמיינער „דאַמפּינג״־געזעץ...

— ?

— פּולווער און בליי. אונדזערע מאַגאַזינען זיינען מיט דעם געפּאַקט. איין אינזשענער אַף אַ טויזנט. אָט דעמאָלט וואָלט זיך די מאַכינע פון זאַמד־שטיינער באַפרייט און אַוועק אַ גאַנג... געדענקט זשע, פאַר איר איז אַלץ דערלויבט...

אָבער פאַר דעם ברויכט מען אַן אַנדער עולם, ניט דעם היינטיקן. „די מיאוסע גזלנישע שטימונג פון די אַרבעטלאָזע מאַסן.״ גאַנץ טרעפלעך האָט עס דער שאַרף־צינגלדיקער גאָווערנאָר טיטולירט. אַף פּולווער מיט בליי האָבן זיי צוריק מיט שטיינער געענטפערט. וואָס גייט זיי אָן דער „ריז״! אַ קרבן האָבן זיי געזוכט:

— בל־י־י־ט־ץ! הונגער־באַלעבאָס בליטץ!...

און זיי זיינען אין די מיליאָנען. וואו נאָר ער שטרעקט אויס זיין אינ־דוסטריעלע האַנט — דאָרט זיינען זיי. די ערשטע זוימען פון שנאה האָט מען אים היינט אַנטקעגנגעטראָגן. בליי און שטיינער! פּאָליציייאישע רוקנס און פאַרשפּיצטע קולות! ווער איז שטאַרקער און ווער וועמען וועט איינברעכן? אַרויסגעוואָרפענע הייקעס און שרויפן האָבן זיך אַף אים אַליין פּאַרמאָסטן; אים אַרונטערזעצן: מאַכינע, זאָגן זיי, האָט אויך געזעצן. אירע באַלעבאַטים — דאָס זיינען מיר!...

זעט בליטץ, ווי פאַר זיינע אויגן וואַקסן, פּרוכפּערן זיך די שנאה־זוימען, אַ געדיכטער שוואַרצער מאָן. אין דער לופט טראָגן זיי זיך פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, וואו ער האָט אויפגעטשעפּעט רויע מאַטעריאַלן און אַרבעטנדיקע כחות און געהאַמערט זיי אין אַ פּאַסאָן. באַלד וועלן הענט לאָזן שווינגען גאַרטלען אָן אויפזיכט, רעדער, ווי שיכורע, אויפהויבן זיך און מאָנען:

— בליטץ! הונגער־קעניג בליטץ...

ער האָט אָנגעקלונגען דאָס גלעקל; ס׳איז אַריין דער פּריערדיקער

באַדינער, אַן אַלטער, ווייך־פּלײשיקער; אויפגעהויבן די טאַץ, ווי אַ שפּיל־דריידל, און געלאָזט זיך צו דער טיר.

בליטץ האָט אים אַריינגעקוקט אין פּנים, געזוכט אַ שפּור פון היינטיקע געשעענישן, אַ זוים שנאה, אַ קערנדל פון דעם געדיכטן שוואַרצן מאַן.

ס'ווייכע אַלט־פּליישיקע פּנים איז געווען אַ מאַסקע; אויסגערונענע אויגן מיט אַראָפּהענגענדיקע וואַקס־בייטעלעך האָבן סאָוועדיק געפינטלט, ניט אַרויסגעלאָזט פון זיך דעם סוד:

— וואָס נאָך וויל דער באַלעבאָס?

— גאָרנישט!

ער איז אַרויס אין הויף; אין די קלומבעס אַרום אָראַנזשעריע־גאָרטן האָט זיך אַרומגעפּאָרעט דער גערטנער. דערזען פון ווייטן דעם באַלעבאָס, האָט ער אַרונטערגעלאָזט צוויי ערדיקע דלאָניעס באַ די זייטן פון זיינע „אָוועראָלס", דעם גראָב־אייזן געלאָזט פאַלן און די זילבערדיקע אָנגעשאַרפּט־קייט האָט זיך געלאָזט שפּילן אַנטקעגן אין בליטצס אויג:

— גוט־מאָרגן, באָס!

— גוט־מאָרגן.

בליטץ האָט אים געקוקט אין פּנים, געזוכט דעם שפּור פון היינטיקע פּאַסירונגען; אַ זוים שנאה, אַ קערנדל פונעם געדיכטן שוואַרצן מאַן...

פון די ווינקלעך, פון די דעכער, פון אַלע געזימסן האָט עס אַף אים געלויערט; אַ נייער שווערער ריז, אין מאַטן רויך געוויקלט, האָט זיך אַף אים גערוקט, געשטופּט זיך מיט דראָאונג און שנאה און צו אַ פּוסטן טיפן אָפּגרונט צוגעשטופּט:

— מיסטער בליטץ! הונגער־קעניג! בלוי־קעניג! דיין סוף קומט...

:: :: ::

ווי אַ מערדער, ווען ס'ציט צוריק צום בלוט פון זיין קרבן, האָט עס בליטצן געצויגן צו די פּאַרוואָונדעטע אין שפּיטאָל.

דער ערשטער באַזוכטער איז געווען אַ אינגל מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ. זיין ווייסער טורבאַן האָט נאָך בולטער אַרויסגעבראַכט די גראָקייט און קאַרביקע געקנייטשקייט פון פּנים, ווי אַ ראָד וואָלט אים איבערגעפאָרן. נאָר די מאָרדע איז געווען אַ קינדערשע, אַ רונדיקע; און אין טיפע גריבעלעך זיינען געזעסן אַ פּאָר אויגן, בלויע, שאַרפע און אָנגעצונדענע. ער האָט זיין באַזוכער גלייך דערקענט:

— ווען איך זע? מיסטער בליטץ אַליין!...

פון איבערגעבערענטע דינע ליפּן האָט זיך אָפּגעריסן אַ שמייכל. אויגן־בלאָקייט האָט דעם שמייכל צוגעשאַרפט; האָט זיך צעשפּילט יעדער קנייטש

אפן פנים; איטלעכער געפּאַקט מיט בייסיקייט, ביטערקייט און איבער־געשפּריצטן העזהדיקן גאַל.

— איך האָב אייך דערקענט! און איר — מיך?...

— אַ „פאָונדרי״־אינגל בין איך דאָך אייערער; געמישט אייער אייזערנע קאַשע. אַז די קאַשע איז שיטער געוואָרן, האָט מען מיר געהייסן נעמען דעם וועג...

— איך האָב אייך אַמאָל אָפּגענאַרט, מיסטער בליטש: זעכצן יאָר, האָב איך געזאָגט, בין איך אַלט געווען, ווען כ׳האָב דעם „דזשאַב״ געקראָגן. אינגאַנצן בין איך געווען דרייצן יאָר...

— דערפאַר האָט איר זיך אָפּגערעכנט: אַ וואונדער אין קאָפּ מיט אייזערנע „נאָקלס״. איצט זיינען מיר גלייך אַף גלייך...

— אָבער צום ענין איז עס ניט שייך. מיר׳ן נאָך קומען, מיסטער בליטש. איר וועט אונדז זען...

ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די פייליקע אָנגעשטערנגטקייט פון בלויע אינגלשע אויגן. ער האָט געבענקט נאָך דעם חולה מיט דער אָפּגעהאַקטער דלאָניע: אויגן הינטישע, מיט אַ ווייך טרערן־רויכל פאַרצויגן, און איז אים אין די פּאַלאַטעס זוכן אוועק.

דער צווייטער — אַ מאַן שוין אַ מיטליאָריקער. הענט, ווי טשוהונענע לאַטעס, צעשפּרייט איבערן ווייסן צודעק. אַ ברוסט, געדיכט, שוואַרץ־האָריק באַוואַקסן. אַף אַ ביינערדיק, קאַסטנדיק־אויפגעשלאָסענעם פּנים — אַ פּאָר ברישע אייגלעך; מוטנע, אויפגערייצטע און צעטראָגענע. ער האָט בליטשן, דעם מאַטאָרן־מאַגנאַט, ניט דערקענט.

אַ קול האָט ער געהאַט אַ הודזשענדיקן, ווי אַ טרובע, מיט אַ צוכאָרכל, ווי אין דער טרובע וואָלט עטוואָס קאַליע געוואָרן און געפּלאַצט:

— זיינען מיר געגאַנגען אַזוי, געגאַנגען; הונגעריקע, נאַקעטע, אָפּגע־שליסענע. וואָס ווילן מיר? אַרבעט, ניט מער. ווער זיינען מיר עפּעס? באָמס פון רינשטאָק? ניין, ברודערל, מעכאַניקער איינס אין איינס. וואָס ווילן זיי פון אונדז? די נשמה אויסשפּייען? אויסגעשפּיגן האָבן מיר זי שוין געננוג. קומען מיר צו בליטשס טויער. אָהער, באָס! אַהער! ווער זיינען מיר דיר? אַ ניסל מיט אַ קערן, אויפגענאַשט דעם קערן און דעם שאָלעכץ — אין מיסט? לאָפּעס האָבן מיר? מעכאַניקער זיינען מיר? קענען מיר עפּעס אויפטאָן? און די מיליאָנען דיינע — פון ווינט זיינען זיי גע־קומען? צי אפשר פון אונדז? אַז ער שיקט עס ניט אַף אונדז זיינע מחבלים, פּוסגייער, רייטער און אַף מאָטאָרסייקלס. אַף דער ערד האָבן זיי מיך אָוועקגעשליידערט, מיט פערדישע קאָפּיטעס אין ברוסט געקאָפּעט, געקנאָטן

ווי אַ טייג. הערסט ווי ס׳כאָרכלט זיך דאָרט אינעווייניק? דאָס האָבן זיי, די מחבלים, געטאָן. אַ פערד ווייסט ניט, וועמען ער קאָפּעט. אַ קאַפּיטע בריקעט זיך, אָבער ער, בליטץ, דער „סאָן אָוו איי גאָן”, האָט געוואוסט...

אָפּגעהודזשעט דאָס זייניקע און די געפּלאַצטע טרובע אינעווייניק האָט זיך געשטיקט, געוואָרגן, אָפּגעכאָרכלט און געזוכט לופט...

בליטץ האָט עס ניט געקענט פאַרטראָגן. די שנאה־זוימען זיינען דאָ געדיכט, שוואַרץ אויפגעגאַנגען. קיין שפור ניטאָ פונעם חולה, מיט דער אָפּגעהאַקטער דלאָניע. פון אָט־דער־אָ בייזקייט וועט ער זיך ניט אויסקויפן מיט געלט.

ער איז אַוועק אין אַן אַנדער פּאַלאַטע. דאָרטן האָט אים אָפּן שוועל באַגעגנט אַ ווילדער, אין פיבער אויסגעקאָכטער, פון בלוט ארויסגעשאָסענער קול:

— פּאַראַזיט!

— מערדער!

— בלוט־געוויקטער! שונא! אַוועק! אַ־וו־ע־ע־ק!...

אין דער לעצטער פּאַלאַטע איז געלעגן איינער אַ בלאַסער, ווייס ווי די ציך פון זיין בעט. דאָס אויסגעצויגענע פּנים ביינערדיק אויסגעסטאַרטשעט. בלאָנדער פּוך אַף די באַקן, אַרום די אויגן אויסגעגריבלט. אין בלויע גריב־לעך — גלאָזיקע שטיין־געבליבענע אויגן, גרויסע, אויפגעריסענע, אָפּשטאַרבנ־דיקע שטייפקייט אין דעם הויכן ווייסן שטערן, אַף וועלכן האָר־לאָקנדיקייט איז געווען פאַרקעמט אַף איין זייט; שטייפקייט — אין דער צונעשפּיצטער ביינערדיקער, פיין־געפורעמטער גאָמבע, ווי אויסגעטאָקט פון העלפאַנט־ביין. בליטצס אַריינקומען האָט די גאָמבע געבראַכט אין שטילער באַוועגונג, די איינגעגריבלטע אויגן האָבן זיך אַף אים אויסגעשטעלט, איינגעביסן זיך, גע־שטאַנען און אין פּנים אַריין געלאַכט, געלאַכט...

בליטץ האָט אין דעם אָפּשטאַרבנדיקנס אויגן־געלעכטער דערשפּירט אַ פאַרמעסטונג:

— אַנו, ווער איז שטאַרקער? איך, צי דו?...

ער האָט נאָכאַמאָל דערפילט פון אומעטום, פון אַלע ווינקעלעך אַ נייעם שווערן ריז אין מאַטן רויך געוויקלט, וועלכער האָט זיך אַף אים גערוקט, געשטויסן מיט שטייפקייט און שנאה, און צו אַ פּוסטן טיפן אָפּגרונט צוגעשטופּט:

— ווער איז שטאַרקער? איך, צי דו?...

אַז ער איז געזעסן צוריק אין מאַשין און ס׳האָט אים געטראָגן איבער גאַסן, וואָס זיין מאַכינע האָט מיט מענטשן אָנגעפילט, האָט ער נאָכאַמאָל

דערזען די אַנקומענדיקע צו פיר אין אַ ריי, איינער אין איינעם אַפּגעריסענע, הונגעריקע, צאָרנדיקע. רויטע אותיות, ווי מעסער־צעוואונדיקטע פינגער. ער שמייסט, כליעשטשעט מיט טרוקענע בייטשן און זיי גיסן זיך מער און מער, אַ פיל־ברוסטיקער עולם פאַרשטייפט. זיי רוקן זיך נעענטער, דריקן אים איין אין אַ שמעלערן קרייז, ענגער און ענגער. קולות פאַרשווענקען אַטאַ־מאָביל־האָרנס, פאַבריק־פייפלעך, דאַמף־רערן, ס׳טומלדיקע שווינגען פון אַקסן און גאַרטלען, איין געברום:

— מיסטער בליטץ! הונגער־קעניג! בליי־קעניג! מאַטאָרן־קעניג! דיין סוף קומט!...

קרוטשיק

.1

אַט־דאָס איז געווען דער אָנהויב פונעם מיסטער קרוטשיק, און אַזוי איז געווען דער טאָג, ווען זיין מזל האָט געשטעלט ס׳ערשט טריטל:

אַ בלעכער־שאַפּ אין אַ פינצטערער קראָם, צוויי וואַרשטאַטן צונויפ־געקלאַפּט פון ברעטער. אַ טשאַד פון צעפּלאָסענעם צין, אָנגעגליטע לייט־אייזנס און געפּרעגלטע זויערקייט־שטאָפּן. צוויי אַרבעטער, אין ברייטע קאָרטענע הויזן, מיט אויסגעריבענע קני, האָבן געקלאַפּט אַף בלעכן.

קרוטשיק איז ניט געווען אין שאַפּ; אַ פאַרשמייעטער, מיט אַן אַרויפ־געררוקטן דוירבעלע אַף אַ זייט, איז ער אַרומגעלאָפן זוכן קאָנטראַקטן: אַ נייעם בלעכענעם היטל אַף אַ דאַך; אויב ניט — כאָטש אויסלאַטען אַן אַלטן, אַ פאַרזשאַווערטן; אַ באַשטעלונגל אַף אַ רינווע, אַ וואַסער־טרויב. פאַר־שמייעטערהייט האָט ער אַף די ליפּן געטראָגן די סליונע פון אַ הונגעריקן, צערייצטן אַפּעטיט, וואָס ניוכעט און בעטלט:

— גיט׳ס... אַרויפקאַראַבקען וויל איך זיך. כ׳מיין „ביזנעס”...

דער טאָג האָט זיך דערווייל גערוקט און אין שאַפּ האָט זיך געענדיקט די אַרבעט. צוויי הענט האָבן איבער אַן אויסגעצויגענעם בלעך אויסגעקלאַפּט לעצטע האַמערדיקע, ניט־נויטיקע קלעפּ, אַזוי־זיך, אין דער וועלט אַריין, אָנזאָגנדיק זיך אַליין די טרויעריקע בשורה:

— לעצטער קלאַפּ אַרבעט! קרוטשיק איז נאָך ניטאָ. ס׳דריי־קעפּל האָט גאָרנישט ניט אויסגעדרייט. איז טאַקע שלעכט אַזוי, ביטער...

דער עלטערער אַרבעטער, מוישע, מיט טיפע, פאַרסאַזשעטע אויגן־גריבלעך אַף אַן אויסגעצויגענעם פּנים, האָט זיך אַרויפגעקליבן אַפן וואַר־שטאַט, אונטערגעלייגט דאָס רעקל פאַר אַ קישן, אויסגעצויגן זיך, די לאַנגע דראָנגעוואַטע פיס אַראָפּגעלאָזן פון וואַרשטאַט און, אַרונטערציענדיק די ברעמען, מיט אַ האַלבן מויל אויסגעגענעצט צום צווייטן אַרבעטער:

— או־הו־ו, יאָשקע, אונדזער קרוטשיקל וועט שוין, ווייזט אויס, קיין פּרנסה היינט ניט ברענגען. אַ הייסער לייט־אייזן אים אין די קישקעס אַריין! לאָמיר דערווייל כאַפּן אַ דרעמל.

יאָשקע, אַ יונגער געפּאַקטער בחור, מיט אַ רונדן געפּאַקטן פּנים, האָט

אים גאָרנישט ניט געענטפערט. ער האָט אויסגעריבן מיט פאַרקרייצטע הענט די מוסקולן איבערן פאַרשאַרטן שמוציקן אַרבל. ווייסע, תמימותדיק־לאַכע־דיקע אויגן זיינען אַרומגעשוואומען איבערן שאַפּ: וואָס טוט מען? וואו גיט מען זיך אַהין? מיט וועמען זיך טיילן מיט דער געפּענטעטער לעבעדיקייט, וואָס איז געלעגן אין אים און געשמאַרצט אין די מוסקולן? אַ חוץ אפשר מיטן לאַנדסמאַן מוישען, וועלכער האָט שוין די דראָנג־פּיס אַרויפגעשלעפּט צו זיך אַפן וואַרשטאַט און פאַרגאַנגען זיך אין שנאָרכן?...

ער איז אַוועק צוריק צו זיין וואַרשטאַט, אויפגעקליבן אָפּגעשערטע שטיקער בלעך, איצט שוין צוליב זיין אייגענעם פאַרגעניגן, אָנגעגליט דעם לייט־אייזן, געמייסטרעוועט, געקלעפּט צין, געקנייטשט דעם בלעך און געבויגן.

צייט ער אַרבעט בא קרוטשיקן, איז ווען ער האָט נאָר לוידיקע צייט (דאָס פעלט אים ניט), גיט ער עס אָפּ אַף אַן אידייע:

— אויפמאַכן אַ טרובעלע; ס'טרובעלע זאָל קרייען ווי אַן אמתער האָן, ניט קיין אייראָפּייאישער, נאָר אַן עכטער אַמעריקאַנער. אָט אַזוי: קאַ־קאַ־דו־דל־דו־ו. ער וועט עס דעם שלאָפנדיקן מוישען אין אויער אַריינבלאָזן. יענער וועט זיך אויפכאַפּן, אויסטאַרטשען אַ פּאָר סאָווע־אויגן און אַ צע־שראָקענער פרעגן:

— יאָשקע, וואָס פאַר אַ כאָלעריע? אַ האָן האָט געקרייט. כ'האָב אַליין געהערט. ווי קומט אַ האָן אין קרוטשיקס לעבל?

ער וועט אים ענטפערן:

— כ'וויים ניט, מיסטער מוישע, אַף מיינע נאמנות...

און שפּעטער — נאָכאַמאָל; מוישע וועט שילטן קרוטשיקן, דעם האָן, די גאַנצע וועלט. אַף צוויי זאַכן איז דער אַלטער אַ בריה: שילטן זיך און פּאָפּן...

יאָשקע אַרבעט אַף דעם טרובעלע, שניידט אויס סטענגעס און צינגלעך בלעך, פאַרליגט זיי אויספּרואוונדיק אַהין און אַהער, זיינע ווייסע תמימותדיק־פאַרשוואומענע אויגן זיינען שווער פון איינגעשפּאַרטקייט, און מיטאַמאָל לעבן זיי אויף מיטן גלאַנץ פון דערפינדערישער דערגרייכונג:

אהא! ס'טרובעלע האָט אָפּגעקרייט: קאַ־קאַ־דו־דל־דו!

ער רוקט זיך שוין הינטערוויילעכץ צום שלאָפנדיקן מוישען און גיט זיך אָבער שנעל אַ ריס צוריק: ס'איז פּלוצלונג אַריינגעקומען קרוטשיק.

אַ צעטראָגענער; ס'דוירבעלע איינגאַנצן אַף אַ זייט פאַררוקט. די הונגעריקע סליונע אַף די ליפּן — אַראָפּגעשלונגען; אָנשטאָט דעם — אַ באַלעבאַטישע אָנגעכמורעטע דערוויטערטקייט:

— דאָס זיינען מיינע „הענט“, און דאָס בין איך: קרוטשיק...

ער האָט יאַשקעס בלעכל באַמערקט און אים אַ פרעג געגעבן:
— וואָס איז בײַ דיר אין האַנט, יאַשקע?
— גאָרנישט, מיסטער קרומשיק. אַזוי זיך, אַ מאַכערייקע.
— וואָס פאַר אַ מאַכערייקע?
— אָט, אַ טרובעלע, אַ קרײַענדיקער האָן.
— אויף וואָס?
— נאַריש מאַכן זיך, מוישען פון שלאָף איבערשרעקן.
דערפינדערישע גאווה האָט אים געשטופט באַווײַזן אומגעבעטענערהייט זײַן קונץ פאַר קרומשיקן. יענער האָט אפילו ניט באַצאָלט מיט קיין שמייכל, נאָר אויסגעצויגן די האַנט:
— גיב עס מיר אַהער.
ער האָט עס צוגענומען, ווי מען נעמט אַפּ אויף צו צעברעכן אַ נאַרישע צאַצקע. אפשר האָט אים דעמאָלט אַ מטושטשער סוחרישער „סקים” אַ פּיק געטאָן, אפשר ניט. ער האָט עס אַרײַנגעלייגט צו זיך אין קעשענע.
נאָכדעם איז ער אַוועק אַהיים, אויף מאָרגן גאָר. געשלאָפן איז ער יענע נאַכט אומרואיק און זײַן ווײַב צביה האָט אים, מיט שלעפעריקן קול, אָפּט געמוזט דערמאָנען, ער זאָל זיך אַזוי ניט וואַרפן. אין דעם מאָרך־געפלעכט האָט זיך עפּעס געפּיקעט, געפּיקעט אַרום יאַשקעס טרובעלע. מיט וואָס איז אַ טרובע ערגער פון אַ רינווע און אַ דאַך, אויב ס'ליגט נאָר געלט אין דעם? ס'האָט זיך אויסגעפּיקעט...

.2

בראָדוויי. אַ שפּאַלט אינמיטן פאַר דורכגייער און אָטאָמאָבילן, און בײַ די זײַטן — שטיינערנע ריזן; גאָרן אויף גאָרן, אויסגעדלובעט אין קליינע פענצטערלעך. ס'שימערירן פון זון אויף גלאָז פאַרשיידענע אויפשריפטן: אימפּאָרטערס, עקספּאָרטערס, דעטעקטיוו־ביוראָס, זיידציער, גאָלדמאַכער; ווער קען זיי אַלע איבערציילן און אויסלייענען?
אויף אַ זעכצנטן גאָרן — דער אָפיס פון די פּאַטענט־לאָיערס, „בינג און בינג”. אַ וואַרט־צימער אויסגעבעט מיט אַ טעפּיך, אויף איין וואַנט אַ בילד: בינג אין אַ פיר־עקיקן קניש־היטל, פּאַרוויקלט אין אַ שוואַרצער פּעלערינע, מאַרשירט וואַזשנע, ווי איבערנעמען אַ פינצטערע מלוכה. אויף דער צווייטער וואַנט — דיפּלאָמאַס, שוואַרצער שריפט, גאָלדענע, אָנגעקוועטשטע שטעמפּלען, אונטערשריפטן, ווי אָנגעפּויזטע מוראַשקעס, קאָפּ אויף קאָפּ.
אַרום די ווענט, אין אַלמערס — ביכער; דיקע, אַלטע, געבונדענע אין

לעדער, נומערירט מיטן לאטיינישן אלף־בית; רוימישע געזעצגעבונג, ענג־לישע „קאמאן־לא", ביכער פון אקספארד, הארוואַרד און יעיל; „בינג און בינג" האבן עס אלץ אויסגעשטודירט, ניט אומזיסט לאזן זיי זיך טייער באצאלן...

ס'ווארטן קליענטן; צווישן זיי — קרוטשיק. ס'דוירבעלע זיצט שוין אפן שפיצל קאפ; באלד, דאכט זיך, וועט זיך עס אוועקלאזן, ווי אף א דריידל, שפינען.

ס'עפנט זיך די טיר. א יוניפארם, מיט מעשענע, גלאנציקע קנעפ, לאדט איין קרוטשיקן אינעווייניק.

— יור נעקסט, סער...

די פיס פלאנטערן זיך בא אים. ס'דוירבעלע אין די פינגער ציטערט. נאר די ליפן, מיט פארהונגערטער אפעטיט־סליונע, ניוכען און בעטלען:

— ארויפקאראבקען וויל איך זיך. גוואלד! העלפט! כ'מיין „ביזנעס"...

בינג, א גרויער לייבן־קאפ, זילבערנע לאקן, רויטע קירבעס־באקן און יונגע בלוי־שטעכיקע אויגן, באקוקט פונדערהויך קרוטשיקן, שאצט אים אפ לויט זיין ווערדע:

— „טרעש".

און מיט די ליפן, ווי ס'איבערבלייבעכץ פון א טשואינג־גאם צעקיי:

— וואס האבן זיי געוואלט?

קרוטשיק הויבט אן, פארפלאנטערט זיך, שלינגט, ווי א געשטאפטע גאנדז, דעם אטעם. מיטאמאל באטראכט ער זיך, מאכט אוועק די גאנצע צונג־איבונג מיט דער האנט; ער נעמט ארויס דאס טרובעלע פון קעשענע און בלאזט עס אן: — קא־קא־דו־דל...

— אט אף דעם — א פאטענטל...

„בינג און בינג" צעשמייכלט זיך ברייט, זילבער־לאקן וויגן זיך צו מיטפילנדיק. יונגע אויגן גלאנצן צופרידן און פארכאפט:

— דאס איז אן עניו...

קרוטשיק האט שוין צוריק לשון געקראגן:

— הייסט עס, אף דעם א פאטענט. ס'זאל זיין א טרובע אף אן אטאַ־מאביל, אנשטאט דעם געוויינלעכן הארן. אויסארבעטן עס אין „לאטס", אין א פאבריקל... כ'מע... ס'וועט גיין א גאנג. וואס וועט „בינג און בינג" אף דעם זאגן?...

דארף מען נאך, אזא ווי קרוטשיקן, א פינגער אין מויל ארייגלייגן? דער לייבן־קאפ איז באגייסטערט. ער האט ארויסגענומען דאס בלעכל פון קרוטשיקס האנט און האלט עס, ווי אן אנטיקל. קרוטשיקס אויגן זיינען

געוואָרן מוטנע־צעשוואַרצט: ער געטרויט עס ניט פון האַנט. אַזאַ זאַך טאָר מען אַפילו אַן אייגענעם טאָטן ניט געטרויען. אָבער גיי, ריים עס אַרויס פון אים! פאַראַן פאַלן, וואו מ׳קען זיך ניט העלפן.

„בינג און בינג״ האָט פאַרשלונגען דעם מעכאַנישן טשואינג־גאַם געקיי; ער רעדט שוין פולע צייניקע ווערטער.

— יאָ, ס׳שטעקט געלט אין דעם. קופּעס געלט. וואו האָט ער אַזאַ מעשה דערטאַפּט?

קרוטשיק וועט ניט אויסזאָגן: אַזאַ נאַר איז ער? ער רוקט זיך נענטער צום געשעפט: וויפיל וועט „בינג און בינג״ פאַרן פּאַטענט רעכענען? ווי לאַנג וועט עס נעמען? ווען ט׳עס זיין פאַרטיק?

דורכגעקומען; אונטערגעשריבן די קאָנטראַקטן. „בינג און בינג״ האָט אָבער מיט קרוטשיקן נאָך ניט געענדיקט:

— ער זעט, זיין קליענט איז ניט קיין דערפאַרענער מאַן. דער „אָפּיס״ קען אים אַ סך העלפן: סיי דורך „לאָ״, אויפבויען אַ „קאָרפּאָריישאָן״, קריגן קאַפּיטאַל, סיי דורך פּראַקטישע עצות: אָט איינשטעלן ס׳געשעפט, אויפבומען עס, פאַרבינדן זיך מיט די ריכטיקע „סיילסלייט״. געלט ליגט אין דעם; קופּעס געלט. מ׳דאַרף אָבער וויסן ווי אַרומצוגיין אַרום אַזאַ איידעלן ענין...

קרוטשיק ברעכט זיך אַף אַלע זייטן פון דאַנקבאַרקייט: דעם טייך האָט ער נאָך ניט איבערגעבראָדיעט, ער׳ט נאָך דאַרפן הילף; אָבער זיין וועג האָט זיך שוין אויסגעלייגט: אוים בלעכער, אַ פאַבריקאַנט פון טרובעס...

ער גייט אַהיים צוריק. ס׳דוירבעלע הויבט זיך אַף אים, ווי אָנגעשטאָפּט מיט פולע מוראַשקע־נעסטן. ער לאָזט זיך אַרונטער מיטן „ליפט״ פונעם זעכצנטן שטאָק און קוועטשט אומגעדולדיק מיטן פוס דעם דיל. ער מוז האָבן באָדן.

ער פליט איבער בראָדוויי. דער גאַסן־שפּאַלט איז אים צו ענג. ער אַרבעט מיט די עלנבויגנס.

און דערווייל פאַרגנבעט זיך אים אין האַרצן אַ חלום. ווירקלעכקייט געמישט מיט פאַנטאַזיע:

בראָדוויי געפּאַקט מיט אָטאָמאָבילן. אַלע האָרנס בלאָזן. אַלע — איין קול:

— קאַ־קאַ־דו־דל־דו־ו־ו.

באַנאַכט איז ער שוין אין בעט געלעגן רואיקער. מאַרך־פּעדימלעך האָבן זיך געקניפּט איינס צו איינס, אַלץ אַרום דעם פּאַטענט. צביה, וועלכע איז

געלעגן לעבן אים, האָט ניט געוואוסט, אַז בײַ איר זייט באַוועגט זיך אַ גאַנצע פאַרפּלאָנטערטע מאַשינעריע...

.3

אין די צייטונגען האָט זיך באַוויזן אַן אַנאָנס:

— אַ נייער פּאַטענטירטער אַרטיקל אָפּן מאַרק. געלט צו מאַכן. ראַיעלע, דערפאַרענע סיילסלייט זאָלן זיך אָפּרופן.

דער אַנאָנס — קרוטשיקס.

און אָט האָט זיך שוין ערגעץ־וואו אָנגעקניפּט. קרוטשיק שפּאַנט אויף אַ טרעפונג.

די טרעפונג — אין אַ האָטעל, וואוהין ס'פאָרן זיך צונויף סוחרישע מאַרכן און צונגען. ניט גלאַט אַזוי אַ פּלעצל — האָטעל מעטראָפּאָליע.

אָנהויבנדיק פון ראַנד טראָטואַר, ציט זיך אַ לאַנגע, שמאָלע חופּה אויף שטאַנגען, געדעקט מיט פאַרביקן לייוונט. איינער, אין ווײַן־קאָלירטן יוני־פאָרם, אויסגענייט מיט גאָלדענע גאַלונען, שטייט ווי אַן איינגעוואַקסענער ברייטער שטאַם און צייגט שטום מיט דער האַנט צו דער „לאָבי". קרישטאָל־געגלאָזטע טירן דרייען זיך אויף טריבן. אויבן — אַ פייערדיקע שורה; טוקט זיך און לעשט זיך, צינדט זיך אָן און פאַרשווינדט: האָטעל מעטראָפּאָליע, מעט—ראָ—פּאָ—ליע...

אינעווייניק — אַ מלוכה פון מעש און סאַמעט. מעש גלאַנצט אין ליכט פון געצונדענע קאַנדעליאַברען; מעשענע רערן, פּאַרענטשעס, טישלעך. פּיס־טרעטער, שפּיי־קעסטלעך און נאָך און נאָך. געשייערטע, פּאָלירטע מעש. אין סאַמעט זיינען אויסגעבעט בענק און ווינג־שטולן. אין ווייכקייט זיצן איינ־געדרוזנעט געסט, פאַרריסן די פיס אינדערהויך, לייענען צייטונגען, רויכערן ציגאַרן, טראַכטן מעטראָפּאָלישע געדאַנקען.

קרוטשיק איז דאָ צום ערשטן מאָל. פאַרפּוצט. אַ נייע דוירבי; אַ העמד מיט אַ געפּרעסטן קראַגן, אויסבינדער פּינקטלעך פאַרקנופּט. ער איז פול מיט אָפּשיי, פּריטשמעליעט: אַ קלייניקייט! ביז איצט האָט ער אַזעלכעם נאָך ניט געזען. אָבער דאָך — ס'ציגן זיך שוין סימנים פונעם נייעם געבורט: אַ לייט צווישן לייט, און זיין פּרייז — העכער פון אַ דרייער.

— קען ער זען דעם סיילסמאַן פּרוקט?

—דאָ.

אַ מאַן, אויסגעצויגן ווי אַ שטאָרך, אַ האַלדז פון אַ גאַנער, ווייסע מאָכיקע

ברעמען און אומרואיקע אויגן. ער שאָקלט זיך אין וויג־שטול און שאַצט אָפּ קרוטשיקן.

— יאָ, „בינג און בינג" האָט אים טאַקע דערציילט. זייט איר עס דער מאַן פון דער פּאַטענט־טרובע?

— דער זעלביקער. דער פּאַטענט איז שוין דאָ. באַלד וועט מען אָנהויבן מאַנופעקטשורן. צייט צו טראַכטן וועגן אַ מאַרקעט.

— געוויס, געוויס. דער בעסטער אַרטיקל, פאַר זיך אַליין, איז גאָרנישט ניט ווערט. „דזשאַנק" — דאָס אַלץ. די הויפּט־זאַך איז: עס אויפצובומען, פּאַנאַנדערטרייסלען, אַריינהאַקן אין מיליאָנען קעפּ, אַז אָן דעם קענען זיי זיך ניט באַגיין און סטייטש, ווי אַזוי זיינען זיי טאַקע ביז איצט אויסגעקומען?... אָן אַן „אַדווערטייזינג־קאַמפּיין" איז יעדע סחורה — בלאַטע.

— אָבער ס'אַרטיקעלע אַליין? המ־מ־ם, וואָס איז מיסטער פּרוקטס מיינונג וועגן אים? וועט עס גיין אַ גאַנג?

— אהאַ! ס'טרובעלע? דער אָטאָמאָביל־האָרן? ס'האָט מעגלעכקייטן, מ'קען ניט זאָגן. אַ זאַך, וואָס קען זיך אַריינזאַפּן אין מאַרקעט: מאַנופעקטשורן קען זיך עס ביליק, קיין קאָנקורענט איז ניטאָ, דער מאַרקעט — אַ ברייטער, אָבער די הויפּט־זאַך איז ניט ס'אַרטיקל אַליין, ס'איז די דיסטריביושאָן...

— איז מיסטער פּרוקט גרייט צושטיין צו די „ביזנעס"?

גאָנער־האַלדז ציט זיך אויס אינדערהויך און מיט אים דער גאַנצער בייניקער שטאָרק־גוף. ברעמען דעקן זיך געאיילט איינע אױף דער אַנדערער, באַהאַלטן די שפּיל פון ציגיינערישע אויגן.

— פאַר פּרוקטן איז קיין אונטערשייד אין אַרטיקלען ניט פאַראַן, דאָס, יענעם; ער קען אַלץ פּאַנאַנדערבומען, שאַפן פאַר דעם אַ מאַרקעט. איבער־הויפּט אין אַ זאַך, וואָס „בינג און בינג" אַליין איז אין דעם פאַראינטערע־סירט, וועט ער זיך לאָזן רעדן...

קרוטשיק פילט, אַז ס'גייט אַ גאַנג. קליינע, האַרטע אויגלעך קוקן ניוכע־דיק אױף פּרוקטן און ס'האַרץ גיסט זיך אים איבער מיט בוימל.

— מיר זיינען נאָך דערווייל פרעמדע, אָבער כ'פיל: מיר וועלן זיך צוזאַמענרעדן, צונויפגיין. מיר וועלן טאָן „ביזנעס".

אָבער דער קאָפּ האַלט וואַך:

— אַ כ'טרע קעפּל. ס'צינגל, ווי אַ בריטווע. ־אַלט זיך פאַר דער סעשענע. קרוטשיק! ס'איז אַן איידעלע „ביזנעס"...

ער זייט צווישן די ציינער:

איז וואָס זיינען די באַדינגונגען? קען מען זיי הערן? באַדינגונגען

זיינען טאַקע דאָ פאַרשיידענע. אָבער, אַז „בינג און בינג" האָט אַליין רעקאָמענדירט, וועט מען זיך לאָזן רעדן...

קרוטשיקס אויגלעך מעסטן זיך מיט די מאָביקע ברעמען, גלייכע אַף גלייכע: מיין פּאַטענט, דיינע געשעפט־שנירלעך. נאָר ניט אָראָפּגעפאַלן בא זיך; די זעלביקע שותּפים.

ער באַמערקט, אַז זיינע אַקציעס הויבן זיך בא אַט־דעם פּרוקטן אין די אויגן: אויסגעהאַלטן! באַגעגענען זיך באַם פּינטעלע, אין סאַמע מיטן...

פּרוקט הויבט זיך אויף פון וויג־שטול און נעמט אים גוט־ברודעריש אונטערן אָרעם. ער שלעפּט אים אַוועק אין רעסטאָראַן און הייסט דערלאַנגען „קאַקטיילס" און ציגאַרן.

נאָכן „קאַקטייל" באַשמועסט זיך „ביזנעס" געשמאַקער. ציגאַר צו ציגאַר שפּרינגט, פאַרחבֿרט זיך, פאַרקניפּלט דעם ענין.

— מיר וועלן אַזאַ „אַדווערטייזינג־קאַמפּיין" פאַנאַנדערבומען, אַזש ס'וועט קלינגען פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק. אומעטום וועט מען אונדז דערהערן. נאָכדעם וועלן מיר די סחורה אַרויסשיסן אין „לאָטס". ס'וועט זיך פאַנאַנדערסמאַליען אַ „ביזנעס".

— קאַ־קאַ־דו־דל־דו־רו...

4.

די אַרבעטער פון דער בעטלעהעם מאַשין־פאַבריק האָבן, אַוועקגייענדיק אינדערפרי פון דער היים, איבערגעלאָזן אַן אָנזאָג:

— ניט וואַרטן אַף זיי פאַרנאַכט מיטן „סאַפּער". אין פאַבריק איז „ביזי". מ'זאָגט, ס'איז אָנגעקומען פון ערגעץ אַ גרויסע באַשטעלונג. מ'וועט אַרבעטן „אָווערטיימ".

אויגן האָבן צוגעגלאַנצט. געשמאַק איז געווען ס'פּאַרטאָגיקע דרימל פון דער איבערגעלאָזענער משפּחה:

— אַ קלייניקייט! „אָווערטיימ"...

— ברויט, „העם" און סענדוויטשעס; זיכערקייט, מיט אַן עקל דערצו. זאָל זיין כאָטש אַ חיי־שעה.

אינזשענער גלען איז געזעסן אין אָפּים מיט אַ בלויען מיצל אַפן שטערן. אַפן טיש — מאָדעלן און ציכענונגען. זיינע פינגער זיינען געפאָרן רייטנדיק אַף אַ לאַנגער אויסגעצויגענער נאָז, וועלכע איז געווען אָנגעשטרענגט, פאַר־טיפט אין דעם „בלו־פּרינט".

לעבן אים איז געשטאַנען דער פאָרמאַן מייקל. ביידע האָבן געמאָסטן,

אויסגעלייגט אינסטרומענטן, געצאַפּלט זיך איבער יעדן אינטש, געגוצט די ווירע, דעם צירקל, דעם קאָמפּאַס, ווי געפּראַוועט עפּעס א טיפע, סודותדיקע צערעמאָניע.

— ס'איז אַן אײדעלער „דזשאָב", מייקל! מ'מוז זיין זייער פּאָרזיכטיק.

— אַן איבעריקער הונדערטל פון אַן אינטש קען די גאַנצע זאַך אַוועק־הרגענען! איין הונ־דער־טל...

מייקלס קאַלטע בלויע אויגן האָבן אים מיט זייער שטייניקער רואיקייט צוריק פאַרזיכערט:

— ס'איז אָלרייט, באָס! מיר וועלן עס מאַכן. בעטלעהעם וועט אַפילו בלינדערהייט מוזן טרעפן אין פינטל...

נאָכדעם איז מייקל אַרומגעגאַנגען איבער דער פאַבריק פון מאַשין צו מאַשין, געפּאָרשט מיט די אויגן, אַרומגעטאַפּט יעדן ברעקל, געשייערט מיט די פינגער אָפּגעשניצטע ראַנדן און געפּרוּווט, אין אויסגעשפּיגענע באַ־מערקונגלעך, נאָכמאַכן זיין „באָס" גלעגנן:

— באָיס, ס'איז אַן אײדעלער „דזשאָב". מ'דאַרף זיין זייער פּאָרזיכטיק.

ער האָט געשפּאַצירט פון אָפּטיילונג צו אָפּטיילונג: אין שמעלצעריי, וואו גליאיקע שטאָל־קאַשע האָט אין פורעמס געזשיפּעט; אין דער מאַשין־אָפּטיילונג, וועלכע האָט געבראָקט באַזונדערע גלידער, געדרילעוועט לעכער און געשטאַלטעוועט גולמים אין אַ פּאַסאַן; אין אַסעמבלי־צימער, וואו באַ־זונדערע גלידער האָבן זיך איינגעטשעפּעט און באַהעפט צוזאַמען; אומעטום — מיט אַ קאָפּ עטוואָס געבויגן אַן אַ זייט, מיט אַ „באָס"־פליסטער:

— אַ הונדערטל פון אַן אינטש קען אַלץ אַוועקהרגענען, איין הונ־דער־טל.

און די קאַלטע, בלויע אויגן האָבן אייגנס צוגעגעבן:

— קענסט ניט — נעם זיך ניט אונטער. אַ־ו־ט...

— ברויט, „העם" און סענדוויטשעס גיט ניט בעטלעהעם פאַר אומזיסט. ניט באַ מייקלען...

פאַרנאַכט. פאַרסאַזשעטע פּנימער זיינען פון דער אַרבעט געוואָרן לאַנג און אויסגעצויגן. אַרויס פון טאַן זיינען אויך די רימענע פּאַסן — צו הויך און צו טומלדיק. ענדלעך — דאָס לעצטע פּייפל.

אָבער פאַרסאַזשעטן עולם האָט ס'פּייפל היינט אויך ניט פאַרטריבן אַהיים. מ'האָט אַף די וואַרשטאַטן אויסגעפּאַקט די צוגעגרייטע סענדוויטשעס, געוווישט די סאַזשע מיט די הענט און אייליגדיק געפּאַקט אַ בים מיט אַ שמועס.

— אַ גוטע וואָך וועט היינטיקע זיין! אַ פולע, מיט „אָווערטיימס".

— ס'איז אָבער שווער; ס'ברעכן די ביינער.

— אָפּרוען זיך, אויסשלאָפן, אויסגעניצן. האָ־אָ־אָ, רוען...

— ניט אין בעטלעהעם, וואו ארבעט איז ווי א קדחת. האסטו היינט, פארכאפ. ווער וויס, וואס'ט זיין מארגן...

אפגעגעסן און — ווייטער צו דער ארבעט. אקסן האבן געקלאפט, בויער־לעך האבן געדרילעוועט, זעגן האבן אויסגעשניטן ציגעלעך שטאל; נאר אנשטאט דעם פריערדיקן פארשטויבטן זון־ליכט, האבן זיך איצט צעגלאנצט עלעקטרישע, ווייסינקע לאמטערנעס.

דורכגייער, וועלכע האבן דעם בריליאנטענעם בליאסק אין פענצטער באַ־מערקט, האבן מקנא געווען:

— בעטלעהעם — א גאלדענער דזשאב: מ'ארבעט „אווערטיים".

דער אפיס איז געווען פינצטער; אינזשענער גלען איז אוועק אהיים. דעם צונויפגעפאלדעוועטן „בלו־פרינט" האט ער איבערגעלאזן בא מייקלען.

פון פאבריק זיינען די ארבעטער געגאנגען אהיים ניט אין א געדיכטער, טומלדיקער מענגע; יעדערער האט געטראגן זיין אויסגעמאטערטן גוף פאר זיך אליין, אין זיין באזונדער ווינקל.

אבער מוח האט נאך אלץ צוגעקוואלן:

— נאך א שעה „אווערטיים". גאנצע זעכציק מינוטן...

— ברויט, „העם" און סענדוויטשעס אף דער וואך ווע̇ט זיין; און אפשר וועט עס סטאיען אף א צווייטער.

דער „אווערטיים" אין בעטלעהעם מאשין־פאבריק האט אנגעהאלטן אזוי לאנג, ווי ס'האט גענומען אויספארטיקן קרוטשיקס מאשינעס. נאכדעם זיינען די מאשינעס אוועק קיין ניו יארק, מאכן טרובעס און טאן „ביזנעס"...

5.

אין א מילך־פלאש איז נאך געשטאנען דער צעוועלקטער בוקעט כינעזישע ראזעס און „קארניישאנס", וואס עלסי האט געקראגן א מתנה צו איר גראדואירונג, דאס ווייסע גראדואירונג־קליידל איז געלעגן א צעקנייטשטע אף א שטול; אבער די „וואך" האט זיך שוין אנגעהויבן: עלסי האט געזוכט ארבעט.

נאך פריער פון איר טאטן, וועלכער איז, ווי געוויינלעך, מיט א פירכענ־דיקן הוסטל אויפגעשטאנען און אויסגעטרונקען א ווארעם גלאז וואסער (א סגולה צום מאגן) און א לויז איי מיט צוקער (א סגולה צום הוסט), איידער ער נעמט זיך צום פרעס — איז עלסי שוין געווען אף די פיס. טאטע־מאמע האבן זי מיט נחת אנגעקוקט: א וואויל, פיין קינד; זיי האבן אפגעשפארט פון לעצטן, געשיקט זי אין „ביזנעס־סקול" מיט דער האפענונג אף צוריק־צאלונג, ווען ס'מיידל וועט זיך שטעלן אף די פיס. איצט איז די צייט געקומען.

עלסי טאנצט אראָפּ פון די שטיגן, אויסגעוואַשן, צוגעקאַמט, באַשיידן פּאַרפּוצט. אין די אויערן האָבן נאָך געקלונגען די פייערלעכע ווערטער פון דער שול־מאַדאַם, בײַ דער אַרויסלאָז־צערעמאָניע. עלסי האָט יעדעס וואָרט געהאַלטן הייליק.

— „גוירלס", די „קאָנטרי" וואַרט אױף אײַך. דער פונדאַמענט פון אונדזער „קאָנטרי" איז „ביזנעס". ביזנעס זוכט געטרייע און ערלעכע אַר־בעטער; פאַר אַזעלכע איז דער וועג אָפן צו וואַקסן, שטייגן און דערגרייכן דערפאָלג. אַרבעט שווער, דינט ערלעך, פאַרדינט דעם צוטרוי, וואָס ווערט דאָ אײַך היינט געגעבן.

אַזוי וועט זי טאַקע זײַן:

ערלעך, געטריי, איבערגעגעבן. די ערשטע צײַט וועט זי זיך באַנוגענען מיט אַ באַצאָלט, וואָס זאָל סטייען אױף אַ שוך, אַ קלייד, אַ ביסל שמינקע און פּודרע, אַבי שטייגן, געווינען דעם צוטרוי, וואָס ס'איז איר איבערגעגעבן געוואָרן.

זי האָט געקויפט אַ צייטונג, דורכגעלאָפן מיט די אויגן די אַנאָנסן, אָפּגעשטעלט זיך אױף איינעם:

— דאָ פּרוּווןֿ.

אויפגענומען האָט זי קרוטשיק:

— האַ?

— זי וויל אַ „דזשאַב". אַ בוכהאַלטערן איז זי, אַ סטענאָגראַפערן און טייפּרייטערן; געענדיקט די „סקול" ווי איינע פון די בעסטע, און רעקאָמענ־דאַציעס האָט זי אויך גוטע; דער באָס וועט זײַן צופרידן.

קרוטשיק מאַכט צורעכט דעם איינבינדער, טרובעט צונויף די גרויע קערלדיקע אויגן: אַ יונגע „לײדי", דערצו נאָך — אַ צערויטלטע, אַ צע־שראָקענע. ס'איז אים צום האַרצן. געפאַלנקייט איז אים געפעלן.

— יאָ, טאַקע. ער'ט זען. דער אָפּיס דאַרף האָבן אַ מיידל.

ער האַלט זי אַ ווײַלע אין אומזיכערקייט, ווי אַ הינדל אונטערן חלף: אונטערצאַפּלען זיך, ניט לייכט זאָל עס איר אָנקומען. לייכטס איז ניטאָ אין אַמעריטשקע פאַר קיינעם...

זי פאַרגנבעט דערווייל אַ מיידלש־נײַגעריקן קוק אױף איר צוקונפטיקן באָס; אירע פלינקע ברעמען פאַטשן אָפּ, ווי אָקאָרשט־פאַנאַנדערגענומענע יונגע פליגלען: ניט אַזאַ־אָ האָט זי זיך פאָרגעשטעלט. ניט שוין־זשע פאַר דעם האָט עס די סקול־מאַדאַם נעכטן געהאַלטן איר רעדע? זי באַשליסט אָבער אָפּן אָרט:

— פאָלגן; דינען געטריי, אָן שאלות.

קרוטשיק וויל אַלץ וויסן גענוי: ווער איר טאַטע־מאַמע איז? צי ווייס זי טאַקע גוט די תורה, וואָס מ'האָט איר געלערנט אין „סקול"? און פאַרוואָס ניט באַווייזן טאַקע דאָ אַפן אָרט? ער איז אַ „ביזנעסמאַן"; פון מיזורי קומט ער. איז אָט־דאָ איז אַ מאַשינקע מיט ביינדלעך, זאָל זי פּרואוון קלאַפּן...

ווייסע פינגער, מיט ראָזעווע נעגל, גיבן זיך אַ לאָז צו דער מאַשין. אימפּעט יאָגט זיי אונטער. זיי לאָזן זיך אַוועק טענצלען.

— נו, גוט! און שרייבן קען זי אויך שיין? קרוטשיק וויל זען אַ „סעמפּל" פון איר האַנטשריפט...

אויסגעשייערטע, בלוי־מיידלשע אויגן, פאַרגייען זיך מיט אַ פּייכטן רויכל: אַף דעם האָט זי זיך ניט געריכט. אָבער סקול־מאַדאַם האָט אָנגעזאָגט, מוז מען פאָלגן.

זי ציקלט אויס מיט דער פּען אַפן פּאַפּיר צעטומלטע ווערטער, וועלכע זיינען אָקאָרשט איר אַרויפגעקומען אַפן זינען:

Business Girl, Bu-si-ness G-i-r-l—

קרוטשיק מיטן גליטשיקן שמייכעלע פון קליינע אויפגעטורבעטע אויגן נעמט צו ס'פּאַפּיר, באַקוקט עס שטרענג־פּאַטעריש און איז מסכים:

— גוט...

עלסי האָט געקראָגן דעם „דזשאָב". זי פליט אַהיים אַ צעפלאַטערטע. ס'האַרץ קלאַפּט פון מידקייט און פון גליק, אָט ווערט עס צעשפּרונגען:

— אַ „דזשאָב"! ס'וועט זיין אַף אַ שוך, אַ קלייד, אַף שמינקע און פּודרע. און דינען וועט זי געטריי. אָ, וועט זי „טרייען"!

די טרעפּ טאַנצן אַוועק באַ איר אונטער די פיס. אַריינגעפאַלן אין שטוב און אָנגעזאָגט די בשורה.

דער פרעסער האָט מיט אַ פּירך־הוסט אויסגעהערט די נייס, אָפּגעקייכט אַן איבעריקן מאָל פון נחת:

— אַ וואויל קינד. ניט אומזיסט אָנגעשטרענגט זיך. ס'קומט טאַקע די צייט פון צוריקצאָלונג...

און אַזוי זיך, זייטיק, געוואָלט וויסן:

— ווער איז דער באָם?

— מיסטער קרוטשיק.

— זיינע געשעפטן?

— אַ פאַבריקאַנט פון טרובעס...

6.

פּרוקט שיקט באַשטעלונגען, און קרוטשיק „מאַנופעקטשורט".

ס׳גייט א גאנג. א פאבריק — ניט קיין שפּילעכל. ס׳שווינגען א גאנצן טאָג די טאָקאַרניעס, די שלייף־מאַשינעס, די פּרעסן. טרובעס שיטן זיך אין קופּעס.

אין די „שאָו״־צימערן שטייען שוין אויסגעשטעלט אַלטע טרובעס פאַר א זכרון : פונעם ערשטן אָנפאַנג, ווען טרובעלע איז נאָך געווען א מפּיל־קינד, איר פּאַסאָן ניט אזוי צוגעשפּיצט און גלאַטיק, ביז דער אויסגעבעסערטער און סאַמע לעצטער.

ס׳לעצטע וואָרט :

א טרובע, געדיכט אויסגעשמירט אין שוואַרץ־גלאַנציקן לאַק, מיט א גאָלדענעם שטעמפּל אין זייט. אפן שטעמפּל : א האָן, מיט א צעקאָכט־אָנגעצונדענעם קאַם אפן קאָפּ, צוויי שורהלעך מוזיק־נאָטן ; איבער די שורות — אַן אויפשריפט :

— קאַ־קאַ־דו־דל־דו־ו־ו.

מער מאַשינעס — מער הענט. איז אין הענט קיין דוחק ניטאָ. דאַרף מען זיי, הייסט קרוטשיק זיין אָפיס־מיידל עלסין א רויט ברעטעלע אינדרויסן אַרויסהענגען. אינגאַנצן — אַן איין־שורהדיק ברעטל :

HELP WANTED

מער גאַרנישט.

און זיי קומען.

קרוטשיק איז אַן אויסקלייבער : אבי־וועמען וועט ער ניט אַריינגעמען. קרוטשיק האָט א קאָפּ אף די פּלייצעס : ער ווייסט, ווער פאַר אים לוינט זיך.

דער גרעסטער טייל אַרבעטער — יונגע, גרינינקע עפּעלעך, ערשט אַרויס פון סקול, פון „היי־סקול״, אויך מלמדימלעך פון קאַלעדזש. קרוטשיק האָט א פיינעם זכרון : ער געדענקט זיינע אייגענע אינגלשע יאָרן, ווען ער האָט דאָס בלעכעריי געלערנט אף פאַנען, צינענע לעפל, קעגדלעך און קוואָרטן. יונגע אַרבעטן געשמאַקער, יונגע פאַרכליניען זיך אזש און שלינגען די שמייע.

נאָך אַן אויסרעכענונג האָט קרוטשיק :

מאַשינאָווע אַרבעט איז ניט קיין קונץ, אָבער זיינע מאַשינעס האָבן א טבע צו בייסן פינגער. איבערהויפּט, אָט־די פּרעס, וועלכע שפּייזט זיך מיט בלעך־בלאַטן. איז ווען עס טרעפט זיך א קליין עקסידענטל : א נאָגל שפּיליעט זיך אָפּ, א שטיקל פלייש ווערט צעראַצט, איז נאָך קיין בייז ניט ; קרוטשיק האָט שוין א ביסל דאָקטאָריע אויסגעלערנט און ער קאָמאַנדעוועט דעמאָלט מיט עלסין :

— די יאָדע דערלאַנג שנעל אהער ! די יאָ־אָ־דע !...

אָבער ס׳טרעפט אויך ערגערס: ס׳דעקל פון פרעס־מאַשין דריקט אַריין א גאַנצן פינגער, און — אָפּגעהאַקט. דעמאָלט איז מיט אַן עלטערן אַרבעטער, א באַוויבטן און באַקינדלטן, א פאַרשלעפּטער עסק. מיט יונגע צוציקעס איז די צרה א האַלבע.

קומען טאַטע־מאַמע צוגיין, וויינען, קלאָגן און פאָדערן — מאַכט דעמאָלט קרוטשיק א רחמנות־פּנים; גרויע, קערלדיקע אויגן ווערן קליין און אויפגעטרייבלט. ער צאַפּט אַרויס דעם סם פון דער לאַנגע מיט א שטילן קוויטשל:

— א פינגער־ל...

ס׳„פינגערל" האָט אַלערליי טעמים. ס׳מיינט: א אינגל אומשטיינס געזאָגט, א צוציקל, פון גאָרנישטן — א גאָרנישט, האָט ער דאָרט א שטיקל פינגער אָפּגעביסן, איז מה רעש?...

נאָכדעם קומט דער „לאָיער", וואָס בינג און בינג האָט אים געגעבן: א ציגל! א קאַץ א געראָטענע: קען אַלצדינג אויסלעקן, פאַרגלעטן...

ווערט איינער צו פרעך און מאָנענדיק, טרייבלט אויס קרוטשיק די אויגן, פאַרבייסט די ליפּן און זיין קוויטשל ווערט אַף א טאָן נידעריקער און קעלטער:

— כ׳בין ניט שיך. איר׳ט זען מיין „לאָיער"...

און ער אַנטלויפט מיט כעס אין פאַבריק אַריין, גיט א זעץ מיט אימפּעט נאָך זיך די טיר. אינעווייניק פאַרשווינדט דער כעס מאָמענטאַל. ער באַקוקט זיין מלוכה פון זיבעצן־אַכצן־יאָריקע אַרבעטער־אינגלעך, באַקן באַ אַלעמען צעפלאַמט און אויגן צעפּוזשעט. וואונק גיט איבער פון איינעם צום אַנדערן:

— דער באָס איז דאָ! קרוטשיק...

ווי אים אַף א קבלת־פּנים, צעפּאָרט זיך די פאַבריק אימפּעטיקער, שלינגען די פּרעסן געשמאַקער די בלעכן און טרובעס וואַקסן, הויבן זיך אין קופּעס.

פרעבע אינגלעך האָט ער פיינט; ער טרייבט זיי אין נאַקן. זיין כלל:

— גוט־ברודערשאַפט מיט חברה איז סם־המות. קיין מחזקות: נאָט אייך, וואָס ס׳קומט: אַף א פּאָר הויזן, שיך, א רעקל, א מואווי דאָרט, אַן אינגערסאָל־זייגערל, ווייטער איז אַלץ מיינע, מיינע...

געפעלט דיר ניט — טאָ גיי! ס׳ברעטל אין אָפּיס איז שטענדיק פאַראַן. עלסי וועט עס אַרויסהענגען:

HELP WANTED

איין שורה בלויז, א וואונק נאָר, און מ׳וועט קומען, קומען.

זאָל נאָר פרוקט שיקן זיינע באַשטעלונגען. טרובעס וועלן זיך שוין מאַכן...

7.

ס׳געשעפט גייט; קרוטשיק וואַקסט.

ס׳וואַקסן ניט בלויז זיינע טרובעס־באַשטעלונגען. די מאַשינעס אין פאַבריק, דאָס געלט אין באַנק, ער אַליין איז קערפּערלעך אויסגעוואַקסן; אָנגעגאָסן זיך אַ רונד־פלייִשיק פּנים, מיט שמאַלציקע אויסגעקישלטע מאָרדעס, אַ מאָרדע אַף אַ מאָרדע, ווי אַ צעשוואָומענער גוידער. זיין פיגור פעסלדיק און אין „טווידס״ פאַרפּעקלט. עלסי קוקט אַף אים און דערמאָנט זיך:

— סקול־מאַדאַם האָט טאַקע אַזאַ געהאַט אין זינען. „ביזנעס״־ווירדיקייט — אָט איז עס...

ארויסגעקליבן האָט זיך קרוטשיק פון דער אַלטער היים, גלייך אַפן דרייוו. זיין ווייב, צביה, האָט אָוועקגייענדיק, אַף די פאַרבליבענע בעבעכעס גע־זשמורעט זיך מיט אַ צעווייטיקט אויג, וואָס איז געווען פאַרלאָפן מיט טרערן. ער האָט עס באַמערקט און דורך די ליפּן איין וואָרט אויסגעזייט, אַ קאַלטס, אַ רוגזהדיקס:

— ב־ה־מ־ה!...

באַם שוועל פון דער נייער היים שטייט אַן אויסגעפּוצטער יוניפאָרם, אין ווייַן־קאָליר, מיט גאָלדענע גאַלונען. אַ פּלייצע — אַ שטייפע, אַ ברייטע, און זי בויגט זיך איידל איין, ווען זי באַמערקט קרוטשיקן:

— גוד מאָרנינג, סער...

מיט אַ „ליפט״ פאָרט מען אַרויף אינדערהויך; אַ דעקאָראַטאָר האָט דאָס הויז אויסגעפּוצט מיט טעפּיכער, דיוואַנען, לאָמפּן און בילדער. מעטאַל און סאַמעט פעלט אויך ניט. זיין היים — אַ ניקלנע און סאַמעטענע מלוכה.

אָבער אים גייט עס ניט איין, צוליב זיין ווייב, צביהן. פלייש האָט זי דווקא יאָ צוגענומען, נאָר ס׳זיידנס קליידט איר ניט, פוטערוואַרג הענגט אַף איר ווי העלפאַנט־הויט, אין דער נייער מלוכה איז זי צעפּוזשעט און צעפּאַטלט.

און ער זייט אָפּט צווישן די ציין ס׳איינציקע וואָרט:

— ב־ה־מ־ה.

אַ גליטשיק געדאַנקל טשעפּעט זיך צו אים, שלעפּט זיך אים נאָך, ווי אַן עק:

— „ביזנעס״ האָט ליב דאָס געבייט; ביזנעס האַלט זיך ניט מיט קיין טויטער סחורה.

אַז ער קומט צו זיך אין אָפיס, רוקט ער זיך נעענטער צו עלסין, זיין מיידל. אַז ס׳קומט אַף אים די פריילעכע מינוט, שענקט ער איר אַ קניפּ אין בעקל:

— דאַרלינג גויִרל...

און ער לאַכט דערביי זיין געלעכטערל: דראַבנער, שיטערער שראַט, אויסגעשמירט מיט קלעפיקן בוימל:

— איהי־כי־כאַ־אַ.

רויטלט זיך ס'מיידל; ראַזעווע בלימלעך גייען אויף אַף אירע ווייסע באַקן. קרוטשיק איז צופרידן.

אַז פרוקט שיקט מיטאַמאָל אַריין אַ גאַנצן זאַק באַשטעלונגען, איז קרוטשיק גאָר באַגייסטערט. ער שענקט זיין מיידל צוויי הייסע קניפּעלעך אַף די בעקלעך און זיין קול איז סאַמעט:

— דאָס ברעטעלע צוריק אַרויסהענגען, מיין זיסע מיידל!

— מיידעלע! דו זעסט? דו פאַרשטייסט? מיר וואַקסן, וואַקסן...

8.

ס'ברעטל האָט אים אומגעריכט אַ גאַסט געבראַכט: זיין אַמאָליקן אַרבעטער יאַשקען...

אַז ער האָט אים דערזען, האָט זיך אים אין האַרצן אַ ריס געטאָן:

— טראַבל...

— עמיצער האָט אים מסתמא אָנגעסטרויעט: בעטן אַ חלק...

אָבער אין דער צווייטער מינוט, ווען אויפגעטרייבלטע אויגן האָבן יאַשקען רעכט באַטאַפּט, האָט קרוטשיק געוואוסט:

— ניין! ס'איז ניטאָ קיין „טראַבל"...

דער בחור, מיט די ווייסע תמימותדיק־לאַכנדיקע אויגן, איז געשטאַנען אַנטקעגן אים, ווי אַמאָל, ווען ער האָט אים מיטן האָן־קרייערל געפּאַקט, אַ צעטומלטער, מיט אַ נאַרישעוואַטן שמייכל. די רייכקייט פון דער נייער אומגעבונג האָט אים אינגאַנצן צעפּליעשטשעט. ער האָט געבאָלבעט מיט די ליפּן:

— וואָס מאַכט עפּעס מיסטער קרוטשיק?

— אהא, יאַשקע! אַן אַלטער באַקאַנטער! וועלכער גוט־יאָר האָט דיך אַהערצו געבראַכט? וואָס האָסטו געוואָלט זאָגן?

— אַ דזשאַב, מיסטער קרוטשיק, באַ דער בליעכאַרקע. כ'האָב געהערט: איר זייט אויפגעריכט געוואָרן, פאַרמאָגט אַ גאַנצע פאַבריק. און איך — אייערע אַן אַמאָליקע האַנט...

איבערראַשט האָט קרוטשיק ניט באַדאַרפט; ווי מיט אַ שאַרף פון אַ מעסער איז עס שוין געוועזן אָפּגעשניטן: וואָס איז דאָ צו קלערן?

— פּטור ווערן פון דעם שלים־מזל וואָס גיכער...

ער האָט טיף איינגעקנייטשט ס'פּעטע הויט אָפּן פּנים. כמורנע איז גע־וואָרן דער גוידער און דער שטערן, ווי צוויי אַנטקעגנגעזעצטע רוגזדיקע וואָלקנס. אַף אָפּצוענטפערן מיט אַ קנאַק זיינען ווערטער אַליין ניט גענוג, דערצו דאַרף מען די מינע.

— „סאָרי", יאַשקע. נ'טאָ קיין אַרבעט...

יאַשקע פּרואוועט זיך איינבעטן:

— באַ דער בליעכאַרקע איז איצטער צרות; קיין לעק אַרבעט ניטאָ. און אַ האַנט איז ער דאָך אַ גוטע, מיסטער קרוטשיק דאַרף עס וויסן. ער בעט אַן אַרבעט, אַ וועלכע־ניט־איז, אַבי ניט פּוכניען פון הונגער.

קרוטשיק ווערט שוין אויפגערעגט: וואָוהין שטופּט זיך עס דער יונג מיט זיין מאָרדע? זיין כלל איז: ניט פּאַני־בראַטעווען זיך מיט קיינעם פון זיי, איבערהויפּט מיט דעם־אָ קערל.

— ני־ט־טאָ, יאַשקע! וואָס ווען העלפן ווערטער?...

יאַשקע רוקט זיך אַרויס פון אָפּיס; ער רעגט אויף קרוטשיקס אומ־געדולד מיט זיין לאַנגזאַמען, שווערן טראָט. ענדלעך, אַז די טיר פאַרמאַכט זיך, סאָפּעט ער אָפּ מיט פאַרלייכטערונג:

— פּאַרטיק!

— ס'וועט ניט זיין קיין „טראָבל".

— פּטור געוואָרן פון אַ צרה...

.9

גאָרדאָן און לעווין, צוויי יונגע בחורים, אין כאַקי־העמדלעך, מיט אַ פּוך־שיטערקייט אַף די באַקן, וועלכע זיינען געווען גרוי און אויסגעצויגן נאָך אַ טאָג אַרבעט, זיינען פאַרנאַכט געגאַנגען צוזאַמען פון קרוטשיקס שאָפּ.

זיי זיינען אַריין אין אויטאָמאַט, אַריינגעוואָרפן ניקלס און אַרויסגעצאַפּט קאָפע מיט „קעיק".

ענג איז דאָרטן געווען, אַלע טישלעך פאַרכאַפּט, האָבן זיי זיך צוגע־שטעלט צום הויכן טיש, וואו מ'עסט שטייענדיק, געקייט און געשלונגען, צוזאַמען מיט אַנדערע.

לעווין האָט געקוקט אומרואיק אַף זיין איינגערסאָל־זייגערל:

שוין צייט. כ'מוז לויפן; כ'וועל נאָך אין „סקול" פאַרשפּעטיקן.

גאָרדאָן האָט אים ניט אָפּגעלאָזט. ער איז געווען אויפגערעגט; אין

טיף־פארגריבלטע קארשן־אויגן האָט געברענט פייער און אומרו. ער האָט איינגעטענהט מיט זיין חבר:

— אייל זיך ניט, דזשאָו! כ'דארף מיט דיר עפּעס רעדן. לאַנג נאָכ־געקלערט. ס'איז וויכטיק.

— אָט קוק איך אַף דיר, ווי דו לויפסט אין סקול; די פארמורזשעטע סאַזשע פון פּנים נאָך רעכט ניט אָפּגעווישט, און — ביסט שוין גרייט אריינ־שטופּן די נאָז אין ביכל. איך קלער: לעווין! ביסטו געזעכט? ווייסטו וואָס דו טוסט? פאר וועמען טוסטו עס? וועמען וועסטו מיט דיין שטודירן ברענגען נוצן?... געדענקסט? מיר האָבן צוזאַמען געלערנט אין סקול; געלייענט פּאָעזיע, געשריבן „קאָמפּאָזישאַנס", געמאַכט פּלענער וועגן „קאַ־לעדזש". פּאַפּ האָט מיך ניט געקענט „סופּאָרטן", בין איך אוועק „אַף דערוויל" ארבעטן, אָנקליבן געלט אַפן לערנען. איז אָט ארבעטן מיר, מיר „מאַנופעקטשורן" קאַקאַדודלס, צען שעה א טאָג — אַלץ די זעלביקע מאַכע־רייקע. ווער דארף אָט־דאָס־אָ? וועמען ברענגט עס נוצן? אחוץ אונדזער קרוטשיקן, וועלכער האָט אויפגעבוסטעט א מארק פאר אָט־דעם „דזשאַנק", וואָס מיר מלאכהן.

— זיינען מיר די איינציקע? וויפל „באָיעס", מיידלעך און דער־וואַקסענע מענטשן גיבן אוועק טעג און געזונט, פלייש און פינגער צו מאַנו־פעקטשורן זאַכן, וואָס קיינער ברויכט ניט: בלעכענע זייגערלעך, „פּייק"־דזשולערי, טאַנדעטנע קליידער, פּאַפּירענע שיך, און קרוטשיקלעך זיינען אומעטום פאראן, וועלכע קענען אויפבוסטן א מארק פאר אָט־דער גאָלדענער סחורה...

— האָב איך געטראַכט: כ'וועל גיין זוכן אַן ארבעט, וואָס איז נוצלעך און נויטיק. דענקסטו, דזשאָו, אז מען וואַרט פאר אונדז דאָרט? אַז מיר פעלן אוים? אז ס'איז לייכט אַזוי אַזאַ ארבעט צו געפינען?

— מיר, און אַלע זאַכן זיינען איבעריק געוואָרן. מאַשין און ברויט זיינען געוואָרן איבעריק. אַלץ איז געוואָרן א קופּע מיט „דזשאַנק". אַלץ אויפגעשליידערט צוזאַמען: ברויט, פלייש, שיך, מאַשינעס, פאַלשע זייגערלעך און אונדזערע קאַקאַדודל־טרובעס.

— איז אַמאָל, ווען איך שטיי און ארבעט אַזוי, שוויים פּייכט זיך, און קרוטשיק טרייבט, רעגט עס מיך אַזוי אויף, אז כ'וואָלט קרוטשיקן אָנ־גענומען, אָנגעכאַפּט אים באַם האַלדז, ביז די בלויע צונג זאָל פון מויל ארויסקריכן. אָבער אין דער צווייטער מינוט דערמאָן איך מיך:

— וואָס איז קרוטשיק? איז ער איינער?... שפּינען באַלעבאַטעווען איבער אונדז. שפּינען זיינען אַף א מיסט אויסגעוואַקסן און זיך באַבייכלט.

קרוטשיק איז אומוויסנדיק, קרוטשיק איז אַ גאָרילאַ; ער איז אָבער אַ טייל פון אַ גאַנצער סיסטעם; מיט שטעך־וואַנציקלעך האָבן זיי אַלע אומעטום זיך אַריינגעשטופּט און אונדז פאַרנומען אין אַ פּלאָנטער.

— אַט לויפסטו, דזשאָ, אין „סקול", פון קרוטשיקן פּטור ווערן. נאַרישקייט, ווערסט זיך ניט אַרויסדרייען: קאָלעדזש איז פאַר קרוטשיקן, טעכנאָלאָגיע — פאַר אים; „לאָ" — פאַר אים; אַלץ פאַר אים. איך וועל אין סקול ניט גיין. וואָס איז? ענדיקן און נאָכדעם ווערן אַ לאָיער, אָדער אַן אינזשענער פאַר קרוטשיקס דריידלעך? „נאָ סער", דזשאָו! ניט פאַר מיר... איך האָב באַשלאָסן צו בלייבן אין שאָפּ. מיר — די אַרבעטער — וועלן די וועלט, פון קאָפּ, צוריק אויף די פיס אוועקשטעלן. אַזוי טויג ניט; אַזוי קען מען ניט לעבן.

— מ'דאַרף איבערבויען צוריק פון דאָס ניי. קרוטשיק האָט אַלץ פאַר־ברודיקט...

.10

אַ גייע וועלט האָט זיך פאַר קרוטשיקן געעפנט: די וועלט פון „פּאָליטיקס".

ביז איצט איז ער געווען אַזוי זיך אַ מענטשל: געקומען וואָל־טאָג, האָט ער אַריינגעלייגט אַ צלם אינעם ריכטיקן קעסטעלע, אָפּגעפּטרט זיך און פאַרטיק.

איצט איז אַנדערש.

שנירלעך ציט ער; אין פּאָליטיקס איז ער אויסגעקאָכט. אַז מען האָט צו טאָן מיט אַ גאַנצער וועלט: פּאַטענטן, לאָיערס, געריכט־הייזער; שלעכטע חובות אויפצומאָנען, „קאָמפּענסיישאָן"־פאַלן, פאַר אָפּגעקראַצטע פינגער און נעגל אויסצוגלעטן — איז פּאָליטיקס אַמאָל פאַר אַלע פאַרדרייענישן אַ פּלאַסטער.

און סתם־אַזוי: „ניט אויף געלט אַליין לעבט אַ מענטש; פאַראַן נאָך אַ גרויסע זאַך — כבוד."

אינמיטן טאָג האָט זיך אַ גרויסער „העכט" צו אים אין אָפּיס אַריינ־געוואָרפן; אַ פעטלדיקער מאַן, מיט אַ פליישיקן אָקסן־פּנים, מיט געזונטע קליאַטשע־ציין, מיסטער פיין, דער אָלדערמאַן פון זיין דיסטריקט.

— האַ־דו־יו־דו, מיסטער קרוטשיק!...

באַ קרוטשיקן איז ס'פּנים אין פעלדעלעך אויפגעלאָפן: אומדערוואַרט, און אַזאַ ערע...

אָבער אַראָפּפאַלן באַ זיך — דאָס ניט. קרוטשיק ווייס זיין פּרייז. ער קען

זיך פאַרגינען צו שטיין מיט דעם־אָ מיסטער פיין אַף איין ברעטל.

— אהא, מיסטער פיין? מיט וואָס קען איך אייך באַדינען?

— אזוי זיך. צופעליק פאַרבלאָנדזשעט אהער. באַקאַנטשאַפט שליסן מיט די געשעפטסלייט פון מיין דיסטריקט.

צייגט זיך אַרויס: דער העכט איז טאַקע ניט צופעליק געקומען צוגיין. קרוטשיק האָט אָט־דעם פיינען פון דער ערשטער מינוט אָנגעשנאַפּט: ער מיינט „ביזנעס".

— ס'איז עלעקשאָן־צייט. דער העכט דאַרף אַ צווייטן מאָל איבערדערוויילט ווערן. צלמלעך דאַרף ער האָבן אַ סך און קרוטשיק קען אים אין דעם העלפן.

מיט וואָס? מיט אַלץ: מיט אַ וואָרט, מיט געלט, מיט אַ קלוגער עצה...

דער העכט קלאַפּט קרוטשיקן איבער דער פּלייצע. ווייך־גליטשיק ווערט אים דאָס פליישיקע פּנים, קליאַטשע־ציינער צעליכטיקן זיך פון שמייכלען.

ער האָט פאַר קרוטשיקן אַ „צוקער־לעקעכל" געבראַכט. ער רייצט מיט אים אָן די אַפּעטיטן:

— אַז קרוטשיק וועט אים אַרויסהעלפן, וועט עס זיין זייער „עפּרישיאייטעד", וועט זיך עס סוף־כל־סוף באַצאָלן. ווי זאָגט עס דאָס אידישע גלייכווערטל: אַ האַנט וואַשט אַ האַנט. עהע, מיר זיינען דאָך עפּעס ביידע אי—דן...

אָפּגעזאָגט און געפּאַטשט אין פּלייצע; נחתדיק אַזוי, אויסגעהירזשעט, ווי געקוויקט זיך פון אַזאַ זאַך, וואָס איז טאַקע אַ מחיה:

— עפּעס דאָך ביידע אי—ד—ן...

— באַצאָלן וועט אָלדערמאַן פיין אָט מיט דעם: ווערט ער אויסדערוויילט נאָכאַמאָל, וועט ער דורכפירן אַזאַ געזעץ: יעדער אָטאָמאָביל־פאָרער זאָל מוזן קויפן אַ טרובע פון קרוטשיקס פאַסאָנען...

ער שטשירעט אויס די ציין, ווי ער וואָלט צווישן זיי דעם צוקער־לעקעך געהאַלטן. כיטרע אויגן פּרואוון אויס קרוטשיקן:

— אנו, וואָס זאָגט ער? לוינט זיך ס'געשעפט? וויפיל איז עס ווערט פאַר אים? ווי טייער?

פילט קרוטשיק, ווי אַמאָליקע הונגער־סליונע קוואַלט אים איצט אויף פון גומען. ניט קיין שפּילעכל, אַזאַ געזעצל...

אָבער איילן זיך און אַרויסשיסן אין דער מינוט, דאָס ניט. וואָס! אַ אינגעלע איז ער? אדרבה, זאָל זיך יענער איינבעטן און ער'ט דערווייל זיצן, כלומרשט, רייטנדיק אַפן פערדל.

יענער רעדט און מאָלט. אַ ציינגל אַ געשליפנס האָט ער — ס'איז זיין

פאַך; ניט אומזיסט שטופּט ער זיך צו זיין אַן אַלדערמאַן. ער דרייט זיך ווי אַ הונט אַרום זיין אייגענעם עק און קומט צוריק צום פּינטל:

— ס'טרובע־געזעץ, האַ? איז עס עפּעס אַן ענין?...

קיין באַשטימטן צוזאָג קען קרוטשיק ניט געבן. ס'טוט זיך ניט אַזוי, איינס־צוויי. אָבער אַ איד מיט אַ אידן; פאַרוואָס ניט אַרויסהעלפן? פאַר־וואָס ניט עפּעס פּרואוון?...

— וועט קרוטשיק אונטערשרייבן זיין נאָמען אַף אַ צעטל, מיט נאָך אַנדערע באַרימטע געשעפטסלייט, אינדאָרסירן פיינס קאַנדידאַטור, אָפּדרוקן עס אין די „פּייפּערס"?

— ער'ט מסתמא שרייבן.

— וועט ער זיצן אַף דער בינע, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע חשובקייטן, אַף פיינס אַ וואַל־פאַרזאַמלונג?

— ער'ט צייט האָבן, וועט ער עס טאָן, ווי אַ חוב און אַ פאַרגעניגן.

און צושטייער געבן אַפן קאַמפּיין? ווי אַנדערע גרויסע ביזנעסלייט טוען? אָט איז ס'צעטל; אַזאַ טובה וועט ניט ווערן פאַרגעסן...

קרוטשיק טרייבלט אויף די אויגן, שטערן צעכוואַליעט זיך אין דינינקע קנייטש־הייטעלעך; אַ געמיש פון נחת און יסורים.

— נאָכאַלעמען: ניט אַף געלט אַליין לעבט אַ מענטש. פאַרוואָס ניט אַרויסהעלפן אַ אידן?...

אַ רוף:

— עלסי, דעם טשעק־בוך דערלאַנג! מיר'ן שרייבן...

זי שרייבט, ער חתמעט. צעוואָרפן אַזוי, פלעקלדיק און שווימענדיק; זיין לעצטע געוואוינהייט. אָפּגעפּטרט דעם ענין.

— סאָ־לאָנג, פריינט קרוטשיק! מיר וועלן עס ניט פאַרגעסן.

קרוטשיק רייבט זיך נחתדיק די לאַדאָניעס...

— אַ געזעץ וועט זיך אפשר פון דעם אַרויספּיקן. אַזאַ געזעצל!...

.11

אין האָטעל ריץ האָט מען צוגעגרייט אַ באַנקעט. באַפּראַקטע לאַקייען און סאַרווערס האָבן אַרומגעהאַוועט אַרום טישן, אויסגעשטעלט בלומען און שיסלען מיט געריכטן. אין זאַל האָט געבלישטשעט ניקל, זילבערוואַרג און מעש. אַף די ווענט זיינען געהאַנגען פאָנען; די גרעסערע פאָן — רויט, ווייס און בלוי, איר שותפטע — בלויז ווייס און בלוי, צווישןביידע פאָנען — אַ געקעסטלטער, צוגעשפּיצטער מגן־דוד.

דער באַנקעט איז געווען פון דער גן־ילדים סאָסייעטי (אַ קינדער־היים פאַר אָרעמע יתומימלעך, נעבעך). דער יום־טוב — לכבוד דעם ניי־דערוויילטן פּרעזידענט פון דער „סאָסייעטי". דער פּרעזידענט אַליין — מיסטער קרוטשיק.

אין אָוונט האָבן זיך די געסט אין די „האַדסאָנס" און „ראָלס־ראָיסעס" אָנגעהויבן צונויפפאָרן. די מענער — אין פראַקן און ווייסע וועסטן, די פרויען — אין סאַמעט און רויכוואַרג. האַלדז און פינגער־פלייש האָבן געפינקלט מיט גאָלד, פּערל און בריליאַנטן.

געקומען מיסטער סאַדאָווניק, דער „קלאָוק"־מאַגנאַט, אַ מאַן אַ פּעסל־דיקער, מיט פעט־ווייבערשן פּנים, מיט קורצע הענט און פיס, דיקע, ווי וועלגער־העלצלעך; געקומען מיסטער דזשאַפּע, דער באַרימטער בוי־קאָנטראַק־טאָר; געקומען מיסטער פיש, דער באַנקיר, אַ דינער, דראָנגעווודיקער, מיט אַ רויט־אָדערדיקן מאַסאַזשירטן פּנים און אַ קליוואָווע נאָז; געקומען און אויסגעזעצט זיך, מיט זייערע פרויען, שווער אויף די שטולן.

האַוואַנע־ציגאַרן האָבן זיך געבלאָזן מיט רויך. ציגאַר מיט ציגאַר האָט זיך געפריינטלט, איבערגענומען זיך און דערציילט גוזמאות:

— איך שטאַם פון די הונדערט־טויזנטיקע!

— און איך — פון די פערטל־ און האַלב־מיליאָניקע!

אַ פּיפּקע און אַ זשוואַק:

— וואָס איז דאָ צו רעדן? סמעטענע זיינען מיר אַלע דאָ, פון איין מין און בלויז פאַרשיידענע מקחים...

אַז ענדלעך איז דזשאָדזש ליכט (דער טאָסטמייסטער פון באַנקעט) אַריינגעקומען, פאַרקלאַמערט אָרעם אין אָרעם מיט קרוטשיקן, האָט דער צוגעגרייטער אָרקעסטער אַ קלאַפּ געטאָן דעם „סטאַר ספּענגלד" און תיכף נאָכדעם איז, ווי אַ צווייטער קלענערער ברודערל, אַרויסגעשפּרונגען די „התקוה". געסט האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע שטולן, געדרוכנט איבער די צוגעגרייטע גרייפּפּרוכטן, מיט רויטע קאַרשן־שפּיצן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די שמחה.

ריכטער ליכט האָט גערעדט הויך און פייערלעך. זיינע שיטערע גרויע שלייפן האָבן געגלאַנצט. פונקען האָבן זיך געשאָטן פון זיינע יונגע, בלויע, אַרומלויפנדיקע אויגן. לייבן־ברום איז זיך פאַרגאַנגען אין וויינענדיקן פּאַלעסטאַ, ווען ער האָט גערעדט וועגן בידנע יתומימלעך און אידישע רחמנותדיקע הערצער. עס האָט דעם עולם אַזוי צענומען, אַז לעפל־קלימפּער איז שטיל געוואָרן און טיכלעך האָבן זיך געהויבן צו די אויגן.

מ'האָט געלייענט טעלעגראַמעס פון פאַרשיידענע באַגריסער; איין טעלע־

גראַמע — פון גאָווערנאָר אַליין. גרויס איז געווען דעמאָלט די התפעלות. לאַדאָניעס האָבן געפּאַטשט מיט פייער.

און צווישן מאכל און מאכל זיינען אַרויסגעטראָטן זינגער און שפּילער. איין אַקטריסע, אַ גראָבינקע, אַ פּוכלינקע, מיט אַן אויסגעכאַליעט קעצל־פּנים און אַנטבלויזטע קאַטשלקע־אָרעמס, האָט געמאַכט דעם גרעסטן פוראָר מיט איר ליד:

— איך בין דאָך אַ יתומהלע,

אַ יע—סוי—מע—לע...

מאַדאַם סאַדאָווניק האָט זיך שוין גאָרניט געקענט קאָנטראָלירן און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַן אויסגעצויגענעם כליפּען.

— או—ו—הו...

ס׳לעצטע געריכט — דער נייער פּרעזידענט: מיסטער קרוטשיק...

ערשט איצט האָבן זיך עס לאַדאָניעס אַף אַן אמתן צעפייערט. פינגער אַלערליי, קורצינקע, פעטינקע, דינע און קנאַכיקע האָבן געפּאַטשט, ווי ברעטלעך:

— אור־הו און בראַוואָ.

און מאַדאַם סאַדאָווניק, וועלכע האָט זיך שוין פון איר פריערדיקן כליפּענדיקן ספּאַזם באַפרייט, האָט איצט ווידער אירע געפילן ניט געקענט פאַרהוילן: זי האָט געוואָרפן בליקן אַף איר מאַן, אָנגעגאָסן מיט בייסנדיקן סאַרקאַזם:

— פּעפּקע! לייט קענען אַלץ דערגרייכן, און דו...

— ווינציק קאָסט עס דיר! וואָס האָסטו דערפון, שלים־מזל?...

דער „קלאָוקס"־מאַגנאַט האָט זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן פונעם וויבערשן כעס; האָט ער ס׳פּנים אַלץ געהויבן אינדערהויך און די קורצע קישל־פינגער, באַבלישטשעט מיט בריליאַנטן, האָבן ניט אויפגעהערט צו קלאַפּן:

— אור־הו און בראַוואָ!...

קרוטשיק האָט געדאַנקט דעם עולם, זיינע אויפגעטרייבלטע אויגן זיינען געווען מייזיש צעפּוזשעט, אָבער דער גרויער „ביזנעסמאַן"־פּנים האָט גע־הוליעט פון נחת:

— ער איז גערירט פון דער גרויסער אויפנאַם! פּאַר אַ סימן פון דאַנק־באַרקייט, שענקט ער היינט אַלע יתומים פון גן־ילדים נייע ארבע־כנפותלעך, איינגאַנצן אַף זיין רעכענונג...

און גאָר צום סוף, אַז אַ משגיח, מיט רויטע קישל־באַקן און בוימלדיקע אויגן, האָט אַרויפגעשטעלט אַף אַ שטול אַ קליין יתומל און יענער האָט אַף

א קוויטשיק קולכל באדאנקט אלע גוטע, וואוילע, רחמנותדיקע לייט, וועלכע האָבן זיי געשפּייזט, דערצויגן און טאַטע־מאַמע פאַרביטן, איז שוין דער עולם גאָר געשפּרונגען פון אַנטציקונג.

קרוטשיקס בלוט אין די אָדערן איז אויך געוואָרן הייס און ווייניק. ער האָט זיך אַלץ געשלאָגן מיט דער דעה:

— אויפשטעלן זיך און אַ קוש טאָן דאָס קינד? אָדער ס׳פּאַסט ניט: ניט קושן!...

ער האָט זיך אָבער ניט איינגעהאַלטן און אָנגעזאָגט דעם עולם:

— פון היינט אָן וועט ער אַלע יתומימלעך, וועלכע וועלן פאַרענדיקן די שול, אַריינגעמען צו זיך אין פאַבריק, זיי געבן אַרבעט און מאַכן פאַר מענטשן.

אַלע האָבן ווידער פייערדיק געפּאַטשט. דער באַנקעט איז געווען אַ „סוקסעס"...

.12

קרוטשיק איז אויפגערעגט, צעקאָכט; הייס, צאָרנדיק בלוט גיסט זיך אים אין די גרויע באַקן.

שולדיק — זיינע „הענט". אַ סקאַנדאַל האָט אין זיין איינענעם שאַפּ פּאַסירט: שוין עטלעכע טעג, אַז מ׳געפינט אַף דער וואַנט, אויסגעמאָלן מיט אַ קויל, אַ פעדערדיק־צעפּאַטלטן האָן, מיט אַן אָנגעשטעלטן קאַם. ס׳פּנים — פּינטל אין פּינטל — קרוטשיקס; אונטן איז מיט גרויסע אותיות אָנגעשריבן:

— באָס קאַקאַדודל!

ווישט מען אים אָפּ, קומט אַף מאָרגן אַ צווייטער האָן. דער אונטער־שריפט — נאָך בייסיקער, מיט מער צוגעפּעפּערטן חוזק:

— האָן מאַכט קוראַזש! שוטים שרעקן זיך. קאַ־קאַ־דו־דל־דו־ר־ו!...

מאַכט זיך קרוטשיק ניט זעענדיק; אָבער אינעווייניק אין אים קאָכט. פאַרטרייבלט ער די אויגן, גייט אַרום, שנאַפּט, און קען גאָרנישט דערשנאַפּן. עולם פּאָכעט אַרונטער מיט די ברעמען, מאַכט שטאַרקן טומל מיט די בלעכן, און אַ וואונק מיט אַ שושקען גיט איבער פון ווינקל צו ווינקל:

— ששש... ער איז דאָ! באָס קרוטשיק...

ער האָט געוואָלט אויסקלייבן אַ קרבן, אין איינעם זיך איינטשעפּען, אַרויספּייערן, איז, ווי אָבער דערטאַפּט מען דעם ערשטן קניפּל?

נאָך אַ זאַך רעגט אים שטאַרק אויף: די זייגערלעך.

קומט פאַרן בייטאָג־איבעררייס, אָדער פאַרנאַכט, איז — אַלע צו די איינגערסאָלס. איינגעטופּעט די אויגן אין די ציפער־בלעטלעך און מ׳מעסט די צווייי ציינגערס, ווי מ׳וואָלט זיי געוואָלט מיטן קוק אונטערשטופּן.

האָט ער אַ באַפעל אַרויסגעלאָזן:

— מער ניט קוקן אַף די זייגערלעך.

— זיין צייט, זיינע מינוטן און סעקונדן. שקצים! האָבן זיי ניט וואָס צו ציילן.

און נאָך אַ באַפעל האָט ער צום פאַרמאַן דערלאַנגט:

— אַרבעטן וואָס מער „סטאַק"!

ס'מאַכט ניט, וואָס פרוקט פאַרשפעטיקט זיך אַמאָל מיט באַשטעלונגען. פריער — שפעטער וועט ער אָניאָגן. אימפעט אין שאַפ טאָר דערפון ניט ליידן. זאָלן ליגן אָנגעגרייטע „סטאַק"-קופעס.

אַן אויסרעכענונג דערביי:

וועט מען זיין שטאַרק פאַרנומען, וועלן קיין נאַרישקייטן ניט ליגן אין קאָפּ — העגער, זייגערלעך און נאָך אַזעלכע זאַכן; וועט מען וויסן — קרוטשיקס ביזנעס זיינען „סטעדי"; דאָ גילט ניט קיין אַרומוואַרפן זיך אין קדחת.

קרוטשיק איז געזעסן אין אָפיס, איבערגעטראַכט אַלץ, געמאַכט ווייטערדיקע פּלענער; אין טיר האָט אָנגעקלאַפּט אַ באַזוכער.

— ווער איז?

אַ יונגערמאַן, מיט אַ הויכן לאָבאַטן שטערן, פאַרחלומטע מאַנדל-אייגעלעך און אַ פלאַכער אויסגעצויגענער נאָז, האָט זיך אַריינגערוקט ניט זיכער, אָבער מיט געמאַכטן שטאָלץ. קרוטשיק האָט אים תיכּף אָפּגעשאַצט:

— אַ הייליקע בהמהלע!

— אַ קלויזניק...

דער יונגערמאַן:

— ער איז אַ רעפּאָרטער פון אַ צייטונג: „די ליכטיקע שעה". זיין רעדאַקטאָר האָט אים צוגעשיקט, נאָך נעכטיקן ריץ-באַנקעט, קריגן באַם פּרעזידענט פון גן-ילדים אַן אינטערוויו, מיט אַ בילד.

יונגערמאַן הנדלט זיך מיט אַ צוגעשניצטן בלייפעדער, בריהט זיך מיטן גרייטן בויגן פּאַפּיר; ער הייבט אָקסלען צו קרעפטיקן זיין אייגענעם געמיט, ווען ער שטייט פּנים צו פּנים פאַרן פּרעזידענט אַליין.

ער שלינגט ווייטער הייסע פּוטערדיקע לאָקשן:

— „די ליכטיקע שעה" שטאָלצירט מיטן דערפאָלגרייכן אידישן גייסט אַפן פעלד פון קונסט, וויסנשאַפט, געשעפט און צדקה. די „שעה" וויל אָפּטדעם אידישן דערפאָלג אַרויסברענגען פאַר דער וועלט, כדי די וועלט זאָל עס וויסן און קענען אָפּשאַצן. מיסטער קרוטשיק איז איינער פון: פון יודנטום אַ פאַרשטייער...

קרוטשיק פאַרשטייט ניט די דרשה: ס'לשון איז פאַר אים האַרבלעך און קלויזניקעוואַטע. אָבער ער פילט, ס'איז אַ געהויבנקייט און אַ כבוד. פון כבוד טאָר מען זיך ניט אָפּזאָגן. פאַרוואָס? צוליב וואָס?

— זיצט, יונגערמאַן! פרעגט...

— וואָס איז דער סוד פון קרוטשיקס ביזנעס־דערפּאָלג?

— גינציקייט, ערלעכקייט און שווערע אַרבעט.

— זיין באַציאונג צו די אַרבעטער? זיין אַלגעמיינער בליק אויף דער אַרבעטער־פראַגע?

— וואָס איז דאָ צו רעדן: „פיידע" איז בא אים אַלעמאָל אין צייט. וואָס מ'פאָדערט איז: זיין געטריי, גינציק און ערלעך; סוף כל סוף וועט זיך עס באַצאָלן פאַר זיי אַליין.

— זיין מיינונג וועגן דעם נייעם לאַנד?

— אַמעריטשקע, מיינט ער, דער יונגערמאַן? אַ פיין לאַנד! גאָר אַ פיין לאַנד. אויף אַלע אידן געזאָגט געוואָרן. ביזנעס זאָל נאָר זיין געגנוג.

— זיין מיינונג וועגן טשאַריטי?

— וואָס הייסט? ער וועט זיך לאָזן דערפאַר אַ גליד אָפּשניידן. אַט איז ער אַ דירעקטאָר פון אַ „סאָסייעטי", אַ פרעזידענט פון אַ גן־ילדים, ישיבה, האָספּיטאַל און מושב־זקנים; ער קאַרגט אויף דערויף ניט קיין געלט און קיין צייט. ווער־זשע אַנדערש וועט זיך דערפאַר זאָרגן? ווער?...

— און זיין מיינונג וועגן דער „ליכטיקער שעה"?

— שייך צו זאָגן: אַ פיין „פּייפּער", גאָר אַ פיין „פּייפּער"... און דעם רעדאַקטאָר אַליין שיקט ער זיין הערצלעכן גרוס; ער ווינטשט אים „סוקסעס". ווי זאָגט מען עס? אַ אידישער מענטש און אַ אידישער „פּייפּער"...

יונגערמאַן פרעגלט זיך פון זיין דערפאָלג. הייליקער בהמה־שטערן לייכט פון נחת. ער שטרעקט אויס אַ דין פייכט הענטל צו קרוטשיקן און יענער טרייסלט עס מיט אַ פריינטלעכקייט און אַ ברייטקייט.

אויף מאָרגן האָט זיך ברייט איבער דער „ליכטיקער שעה" צעלייגט קרוטשיקס בילד, מיט אַ פיין־געוועבטן, קלוגן שמועס...

.13

צייט לואי אַרבעט אין קרוטשיקס שאַפּ האָט ער אַזוי איינגעשטעלט זיינע געשעפטן:

פון די צען דאָלאַרן שכירות, וואָס ער באַקומט אַ וואָך, גיט ער העלפט

דער מאַמען, צושטייער אַפן הויז; די צווייטע העלפט גייט שותפותדיק, פאַר אים מיט זיין ביידל בעסי.

זיינען זיי ביידע שפּאָרעוודיק; איז עס גענוג אַף אונטערהאַלטונג: אַ מואווי, אַן אַרויספאָר, אַן אייז־קרים, און ס׳איבעריקע — פאַר דער צוקונפט, אַריינגעשריבן אין באַנק־ביכל, פאַר „סייווינג״...

און ס׳האָט שוין שיר געהאַלטן בײַ אַ טאַלק:

אַ קליינע, נעטע היים, מעבל אַף אויסצאָלן, געשיר און די איבעריקע קיך־מכשירים האָט מען שוין אויך אָנגעקוקט אין אַ געשעפט־פענצטער; אין די שמוק־פענצטער — אַ ווייס־גאָלדענעם רינג, אַ רייפעלע...

פּלוצלונג איז די אַרבעט אין שאַפּ קראַנק געוואָרן; אויסגעפּוסטעוועט האָט זיך די וואָך, אַרויסגעשניטן פון איר אַ שעה נאָך אַ שעה. ס׳האָט זיך אַלץ געבויגן אַרונטער, ביז די דעק האָט זיך באַוויזן.

אין שיינעם פרימאָרגן קומט צו קרוטשיק:

— ניטאָ קיין אַרבעט. קענסט גיין. אַז מ׳עט דאַרפן, וועט מען צוריקרופן.

אָפּגעשמיסן לואין, ווי מיט אַ כליסט אָפּגעפּאַסעוועט. אַז ער האָט צום ערשטן מאָל די נייעס געבראַכט בעסין, האָט זי נאָך געמאַכט קוראַזש:

— „יו שוד וואָרי״, וועסט נאָך געפינען בעסערס.

אַוועק אַ וואָך נאָך אַ וואָך, לואי האָט קיין אַנדער „דזשאָב״ ניט געקענט געפינען. מאַמע זיצט, שאָקלט צו מיטן קאָפּ, טרויערט מיט אויסגעבליאַקעוועטע אויגן אַף איר טייל הויז־צושטייער, און דאָס מיידל בעסי האָט זיך אויך אינגאַנצן געביטן...

שוין עטלעכע מאָל האָט ער צו בעסין געקלונגען אין טעלעפאָן און פון דער צווייטער זייט געקראָגן דעם זעלביקן ענטפער:

— ניטאָ אינדערהיים...

לואי זיצט אַליין אין שטוב, פאַרטראַכט, אָפּגעלאָזן, די האָר צעשויבערט; אַ דאָרשטיקער לעק, ווי אַ צונג פון אַן אויסגעמאָרעטער קאַץ, קיצלט אָן אויפ־ער אינעווייניק אין די אינגעווייידן. מיטוואָך־פאַרנאַכטיקע איינזאַמקייט שטיקט אים, ווי אַן אָנגעשרויפּטער רייף. ער בענקט נאָך בעסין.

ער וואָלט זי איצט באַגעגענען, און אין מואווים גענומען; זיצן מיט איר אין טונקלקייט, פאַרקנאַפּטן האַנט אין האַנט און פילן אַ קיצלדיקע וואַרעמקייט צעגיסן זיך אין די גלידער; אפשר וואָלט ער מיט איר גאָר אַרויסגעפאָרן אין אַ פּאַרק, זיצן אַפן גראָז און דעם קאָפּ אין איר שויס לייגן. אַלץ — ווען ס׳וואָלט דער אומגליק מיט אים ניט פּאַסירט.

די טיפקייט פונעם אומגליק פאַרשטייט ער ניט: בײַ קרוטשיקן איז „סלאָו״, וואָס איז ער שולדיק?

— ער וויל דאָך אַרבעטן! און בעסין האָט ער ליב. בעסי איז זיין מיידל. וואָס איז זי ברוגז?...

ער פאַרשטייט ניט זיין מיידל. אומבאַשטימטקייט און איינזאַמקייט שטיקט אים, ווי אַ פּאַרקנופּטער אויסבינדער אַפן האַלדז. ער מאַכט אָפּ בײַ זיך: וואָס ס'זאָל ניט זיין, ער מוז היינט טרעפן בעסין.

לואי מאַכט צורעכט דעם אויסבינדער מיט אימפּעטיקע, צעטומלטע אָבער גוט־געניטע פינגער; ער בערשטלט אָפּ די קליידער; ער קוקט אױף די וויזערס פון זיין אינגערסאָל־זייגערל און גייט צום גאַסן־ראָג, וואַרטן אױף בעסין.

זי געטראָפן.

— בעס!

— לו!

— וואָס מאַכסטו?

— „סאָ ענד סאָ". ניטאָ קיין נייס.

לואי איז אומגעדולדיק. מיידלשע אָנשטעלן גייען אים איצט ניט אָן. ער טרעט גלייך צו צו אינטימערע „ביזנעס".

— „וואַטס דהי מעטער וויט יו, בעס", באַהאַלסט זיך פון מיר, מיידסט מיך אויס. וואָס האָט געטראָפן?

בעסי רויטלט זיך; זי שרויפט אָן בלישטשענדיקע קאַרשן־אויגן. אַ צעטומלטער האָר־לעקל פאַלט אַוועק אױף אַ זייט. לואין פאַרכאַפּט עס בײַ דער נשמה.

— פאַרשטייסט, לו! צווישן אונדז קען איצט גאָרנישט ניט זיין, גאָרנישט...

— פאַרוואָס, בעס?

איר לעקל פאַרכאַפּט זיך פון שטאַרקער אויפרעגונג, אויגן ווערן בליש־טשענדיקער און גרעסער. זי שלינגט אַזש־גאָר אירע אייגענע ווערטער:

— פאַרשטיי: קיין „דזשאָב" האָסטו ניט; קיין אויסזיכטן אױף וויטער אויך ניט; איז צו וואָס זיך און אַ צווייטן דעם קאָפּ פאַרדרייען? מ'דאַרף זיין אויסגערעכנט, ניט קריכן און נאָך עמיצן אַריינשלעפּן אין אַ בלאָטע.

— אָבער, בעס, וואָס בין איך שולדיק, אַז אין שאָפּ איז „סלאָו", אַז מ'האָט מיך אָפּגעלייגט? וואָס וויים איך פון קראָטשיקס ביזנעס?...

— רעד ניט ווי אַ אינגל; דאַרפסט שוין מער פאַרשטיין, וויסן...

— אָבער מיר האָבן זיך דאָך ליב, בעס.

— לו! מיט ליבע אַליין קען מען קיין „היים" ניט אויסהאַלטן. מיט ליבע קען מען ניט לעבן.

אירע אויגן שפּריצן מיט פייער. ס'לעקל פּאַרקייקלט זיך אויפגערעגט, צעטומלט, איינגאַנצן אַף אַ זייט. לואי הויבט אָן בּיסלעכווייז איינזען די גערעכטיקייט פון אירע אַרגומענטן.

— אַז אין שאַפּ בּאַ קרוטשיקן וועט זיך די צייט פאַרבעסערן, וועט מען דעמאָלט זען. דערווייל מוז מען וואַרטן, וואַרטן...

לואי גייט אַ צעדריקטער אַוועק; אַף אַן אַנדער טאָג גאָס טרעפט ער זיין שאַפּ־חבר גאָרדאָנען, אין אַ כאַקי־העמדל, מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, שטייענדיק אַף אַ לייטערל, רעדנדיק צו אַן עולם. לואי לייגט צו אַן אויער:

ער רעדט צו די אַרבעטער; ער דערציילט וועגן קרוטשיקן; הייסע ווערטער, ווי ער וואָלט זיי איצט אין לואיסעס פאַרביטערטן האַרצן אויס־געגליט. ער רופט דעם עולם.

לואי שלינגט גאָרדאָנס ווערטער.

— „אַטאַ־בּאָי!" גערעכט, גערעכט! און איך האָב עס גאָר ביז איצט ניט פאַרשטאַנען...

.14

שווערע צייטן אָנגעקומען. קרוטשיק איז אויפגערעגט, קרוטשיק איז צעטומלט:

פּרוקט שטומט ווי אַ פיש, שיקט ניט קיין באַשטעלונגען. קופּעס טרובעס ליגן ווי מיסט, וואַרטן אַף אַ סוחר.

וואָס איז געשען?

אָט וואָס:

אַ קאָנקורענט איז ערגעץ־וואו אויפגעגאַנגען. אַ פאַבריקאַנט האָט אַרויס־גענומען אַ פּאַטענט אַף אַן אַנדער מין טרובע; אַ טרובע, וואָס שפּילט ווי אַ האַרפע; מ'דריקט עס מיט אַ קנעפּל און ס'צעזינגט זיך מעלאָדיש, וויינענ־דיק, ווי ס'וואָלט באַקלאָגט דעם גורל פון דעם־אָ, וועמען ס'איז באַשערט אונטערפאַלן אונטערן אָטאָמאָביל און צעקוועטשט ווערן אונטער די רעדער...

און יענער פּאַטענט האָט אָנגעריסן, יאָגט קרוטשיקס אַרוים, ווי אַ גולמ־דיק נעבעכל; אַף גאַנצע זייטן האָט ער זיך צעלייגט אין צייטונגען און זשורנאַלן:

— קויפט די אמתע שפּילנדיקע „האַרפּ"; לאָזט זיך ניט פאַרנאַרן פון הייזעריקע קוואַקעס...

קרוטשיק שטיקט זיך. ער וויל אָבער ניט ווערן דערוואָרגן. ער קנייטשט דעם שטערן און טרייבלט מיט די אויגן; בלוט אין האַרצן ווערט געדיכט,

אויפגעזאָטן: אַרויפגעקראָכן אַפן שפּיץ, טאָ האַלט זיך, מאַך פון נעגל הראַבליעס, לאָז זיך ניט אַרונטערשליידערן... אַז ער האָט זיך אַליין ניט געקאָנט העלפן, האָט ער גערופן דעם ערשטן „דאָקטאָר", אַן אַדוועֶרטייזינג־אַגענט, מיסטער סטיל; יענער איז געקומען, געבראַכט מיט זיך דעם ריח פון פּאַרפיומען אַף אַ צעקנייטשטן, אויסגעבאַבעטן פּנים, דעם שטאָלץ פון אַ ווייסער בלום אין לאַץ, דעם אימפּעט פון בלויע, שטעכיקע אויגן, וועלכע ניוכען און קענען אַ מינוט ניט איינרוען.

— איר האָט פאַרנאַכלעסיקט! — ביזנעס טאָרן ניט שטומען! שרייען מוזן זיי, צופּן און מאָנען! אַ נייעם אַדוועֶרטייזינג־קאַמפּיין מוזן מיר אָנהויבן, מיסטער קרוטשיק!...

מיט דער הילף פונעם מיסטער סטיל האָט מען אָפּגעפרישט אַ נייעם קאַמפּיין אין צייטונגען און זשורנאַלן, מיט „פּאָוסטערס" אַף אַלע וועגן:

— לאָזט זיך ניט פאַרנאַרן פון קינדערשפּילן און פייפעלעך! די אמתע טרובע איז די, מיטן עכטן אַמעריקאַנער האָן, דער האָן מיטן קאַם, מיטן גאָלדענעם שטעמפּל, וועלכער קרייט אָט־אַזוי:

— קאַ־קאַ־דו־דל־דו־ו־ו־ו!....

נאָכדעם איז געקומען דער אינזשענער, מיטן ערנסט פון קאַלטע בלישטשענדיקע אויגן־גלעזלעך און אָנגעבלאָזענע רונד־געפּאַקטע באַקן; ער האָט זיך גענומען איינשטעלן אַ נייע אָרדענונג אינעווייניק אין שאַפּ: נייע מאַשינעס און קונצשטיקלעך; אָנשטאָט איין בלעך אַ מינוט, זאָלן זיי שלינגען דריי. העגנט זאָלן זיין ווינציקער — שעהען — שפּאָרזאַמער; טרובעס זאָלן זיך מאַכן שנעלער און זייער פּרייז — ביליקער; אַז דער קאָנקורענט זייערער, די האַרפּע, זאָל פון מאַרק מוזן מיט בזיון אַנטלויפן...

שאַפּ האָט דערשפּירט די סכנה.

— „דעם איט", דער אינ—זשע—נער...

— צוזאַמען מיט קרוטשיקן! מיט דער פאַרשאָלטענער טרובע.

— טאָטשען ווי ווערים.

— יאָגן ווי די רוחות.

— סעקונדעס ציילט מען שוין! דעם לעבעדיקן אָטעם...

אָבער צוזאַמען מיט דער אייגענער סכנה האָט מען אויך דערשנאַפּט קרוטשיקס ירידה. דער באַהאַלטענער קוילן־שמירער אַפן וואַנט האָט אויסגעמאָלן אַן אויסגעפּליקטן, פאַרמאָרעטן האָן, מיט אַ צעניזוקטן קאַם, ס'פּנים, פּינטל אין פּינטל, קרוטשיקס. אונטן איז מיט שרייענדיקע אותיות געווען אָנגעשריבן:

— באָם קאַקאַדודל!

— אינזשענער שטעלט אים אריין א טרובעלע אין האלדז. קאליע גע־וואָרן ס׳קרייען...

— קראַ־קראַ־קראַ. פּ־גי־ר־ה...

אויגן האָבן צוגעוואונקען און הנאה געהאַט, אָבער קרוטשיק האָט פון דעם ניט געמאַכט קיין וועזן. ער האָט באַפעלן אויסווישן און איז אַרומ־געגאַנגען איבער דער פאַבריק און זיך געריבן די הענט. א ווײַלע האָט זיך אים געדוכט, אַז די שפּיל איז געוואונען: די פאַבריק האָט זיך מיט נייעם אימפּעט און קלאַפּערײַ צעוויגט. דער פאָרמאַן איז א פאַרסמטער ארומגעלאָפן און געטריבן אין נאַקן: „שנעלער! לעבעדיקער! 'סטאַק' מער, מער...״ יונגען האָבן געשפּיגן מיט גאַל און געווישט פון זיך שוויים און סאַזשע; אָבער, ווי פּוסטע שטיינער פון א מיל, וועלכע האָווען א שטיקל צייט מיט אויפגעבלאָזענעם הילכיקן טומל, האָט עס לאַנג ניט אָנגעהאַלטן: „סטאַק״ האָט פאַרשטאָפּט אַלע לעבער. פּרוקט האָט ווידער געשטומט ווי א פיש. קרוטשיק האָט געפילט: נעם און קריך אַליין אריין אין דער אייגענער פּרעס־מאַשין. גיב א דריק און ווער צעמאָלן...

קרוטשיק איז געווען ווי א פיש ארויסגעשלײַדערט פון זיסע וואַסערן אַף טרוקענער ערד. ער האָט מיט א פאַרסמטער צונג געריבן זיך אינעווייניק די באַקן:

— וואָס טוט מען? ווי גיט מען זיך אַן עצה?...

— שלעכט! ביטער! מען קויפט ניט קיין טרובעס.

.15

אָפּים פון „לעווין און שעכטער, קאָנסעלאַרס״, קרוטשיקס אַדוואָקאַטן.

לעווין איז דאָ, שעכטער — אין אָפּים ניטאָ. אַזוי זײַנען זיי, די שותפים — שטענדיק צעטיילט: איינער אין „קאָרט״, אין די פּאָדערצימערן פון ריכטער און אָנקלעגער, דער צווייטער — באַם שרײַבטיש מיט די קליענטן. אין אַלץ צעשיידן זיך די שותפים, אויך אין אויסזען: איינער א שוואַרצער, א דיקער, א בעריקער; דער צווייטער — א בלאָנדער, א פלינקער, א פוקסיקער, מיט גאָלדענע פּענסנע און בלאָנד־גאָלדיקע וואָנצעס. אין ריידן: איינער א באַסיקער, א רעוועדיקער; דער צווייטער — א האָניק־לעקער. אין פּאָליטיק: איינער א דעמאָקראַט, דער צווייטער — א רעפּובליקאַנער.

דוכט זיך: ווי אַזוי האָבן עס אַנדערשדיקייטן א שותפות געשלאָסן? אָבער אין דעם איז טאַקע געלעגן דער סוד פון זייער דערפאָלג. קרוטשיק ווייס עס; ניט אומזיסט האָט ער זיי אויסגעקליבן פאַר זײַנע „לאָיערס״.

איצט זיצט ער פאַר לעווינען, קאַרטשעט הויט־שטערן און טרייבלט שטאַרק מיט די אויגן. אין אָפּים איז שטיל; גרינע שטאָרן — האַלב־אַרונטערגעלאָזן; בראָדווייער טומל דערדראָפּעט זיך אַהער, אָפּן צוואָנציקסטן גאָרן, פאַרשטיקט און געפּענטעט. באַם שרייבטיש, מיט גרינעם קלעק־פּאַפּיר געדעקט, זיצט לעווין; ער שפּילט זיך מיט זיינע גאָלדענע פּענסנע, שענקט קרוטשיקן קנאַפּ אויפמערקזאַמקייט, אָבער, ניין, ער הערט אַלץ און פאַרשטייט אַלץ, דער זשוליק...

— שלע־ע־כט! ער טרינקט זיך. „ביזנעס" גייען אונטער.

— און דער קאַפּיטאַל? דער שמאַלץ, אין וועלכן „ביזנעס" האָט זיך געפּרעגלט, איז אינגאַנצן אויסגערונען?

— המ־מם, נאָך ניט אינגאַנצן.

לעווין קנייטשט אַ ווײַלע דעם שטערן, באַשאָטן מיט גאָלדענע זומער־שפּרענקלעך; טראַכט שווער. ענדלעך — באַשלאָסן.

איין אויסוועג! — באַנקראָטירן.

— וואָ־אָ־ם?...

— ס'גרייטע געלט, מיטן אַנדערן אייגנס איבערשרייבן אָפּן ווייבס נאָמען. שאַפּ און מאַשינעס פאַר קרעדיטאָרן. שפּעטער וועט מען זען וואָס צו טאָן.

קרוטשיקס גרוי פּנים איז צום ערשטן מאָל בלאַס געוואָרן, קאַלך־וויים. טרייבלעך־ברעמען האָבן געציטערט:

— מיינט עס: צוריק אין דוירבעלע, אַף די בלעכענע דעכער? און דאָ איז גוט געווען, אַזוי געשמאַק...

דער זשוליק לעווין פאַרשטייט הפּנים זיינע פאַרטאַיעטע געדאַנקען. ער באַרויקט אים מיט האַניק־צונג:

— ס'איז גאַרנישט, מיסטער קרוטשיק! ניט קיין זעלטענע זאַכן באַ אַ ביזנעסמאַן. אַט, איר'ט זיך דורכפּאָרן אין פלאָרידע, אויסרוען זיך, אויס־וואַרטן ביז דער שטורעם וועט אַוועק, נאָכדעם — ווייטער „ביזנעס"...

— אַף דער „לעווין און שעכטער" פירמע קענט איר זיך פאַרלאָזן — זייער ספּעציאַליטעט...

האָניק־לשון ווירקט אַף קרוטשיקן. ס'ווערן ביסלעכווייז בוימלדיק זיינע געדאַנקען.

— עט, נישקשה! — איז ניט טרובעס, וועט מען מאַנופעקטשורן עפּעס אַנדערש; אָבי ראַטעווען דעם קאַפּיטאַל; ער'ט שוין ווייטער דרייען...

קרוטשיק האָט זיך באַרויקט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך אין די צייטונגען באַוויזן אַ נייס:

— פֿאַבריקאַנט קרוטשיק באַנקראָטירט. צוליב שלעכטע צייטן איז איינגעפֿרוירן געוואָרן זיין פֿליסנדיקער קאַפּיטאַל. אַ באַנקראָט אַף אַ מיליאָן דאָלאַרן...

אַז דער רעפּאָרטער פֿון דער „ליכטיקער שעה” האָט דערזען דאָס שטיקל נייעס, איז אים אונטערן לעפֿעלע געוואָרן שטאַרק היים. ער האָט זיך דער־מאָנט, ווי ער האָט עס אַמאָל גערדיקט פּרעזידענט קרוטשיקס האַנט און זיין פּרום־בהמהשער שטערן האָט זיך אויסגעקנייטשט מיט פּעלבלעך פֿון יסורים און וואוילע זכרונות; געכאַפּט און אָפּגעדרוקט דעם מיליאָנענדיקן באַנקראָט אַפֿן ערשטן פּלאַץ אין צייטונג, מיט פּעטע אותיות, אונטערשטרייכנדיק מיט דרך־ארץ די גוואַלטיקע סומע.

— זעט, ציילט, באַרעכנט: אַ גאַנצער מיליאָן!

— אידיש געלט!

— אידישע ביזנעס!

— מיט אַזאַ סומע, מיט אַזעלכע פֿאַבריקאַנטן האָבן מיר זיך גאָר־גאָרנישט וואָס צו שעמען...

.16

אינדערפֿרי זיינען די אַרבעטער געקומען אין שאַפּ און געטראָפֿן די טיר פֿאַרשלאָסן.

אַפֿן גלאָז איז געווען אָנגעקלעפּט אַ מודעה, אַז „ביזנעס” איז פֿאַר־פּלאָנטערט, קרוטשיק איז אויס באַלעבאָס און דעם פּלאָנטער וועלן שוין פֿאַנאַנדערנעמען ריכטער און „לאָיערס”.

נאָך און נאָך אַרבעטער זיינען צוגעקומען. יונגע, פֿון שלאָף־אויפֿגע־ריסענע, מיט פֿאַרבונדענע פֿינגער, מיט פּריש־פֿאַרקאַמטע האָר, פֿון ווייסן ליין, ווייכן זייד, שטייפֿע יאָזשיקעס. אין די הענט — עסנוואַרג־פּעקלעך, וועלכע זיינען איצט געווען אָפּגעלאָזן און איבעריק.

קיינער האָט זיך ניט געאיילט אוועקצוגיין; מ'איז געשטאַנען און געשמועסט אויפֿגערעגט:

— אָט־וואָס!

— אויס קרוטשיק!

— באַנקראָטירט!

— באַמאַכט זיך און אַנטלאָפֿן!

— די לעצטע „פּעי” צוגענומען!

— און איצט? וואָס וועט זיין?

— דער טייוול אַף אים! ווער קען וויסן?

ס'האָט פאַרדראָסן אַף די גראַשנס שכירות, וואָס קרוטשיק האָט פאַר־נומען. ס'האָבן איבעראַניים מיט פרישן שטאָך וויי געטאָן די אָפּגעשטשיפּלטע שטיקער פינגער, פלייש און נעגל, וואָס מ'האָט איבערגעלאָזן אין זיינע פּרעס־מאַשינעס. ס'האָט געביסן דער נאַקעטער אומזין פון טעג און יאָרן פאַר־בראַכטע אומזיסט, צו מאַנופעקטשורן פאַר עפּעס אַ קרוטשיקן קריי־הענדלעך. ס'האָט געשראָקן דער מאָרגנדיקער טאָג, ווען מ'וועט דאַרפן ארויס אין די גאַסן, זוכן, נישטערן ארבעט, אַ „באָס", אַן אַנדער פאַבריקאַנט, פון דעם מין קרוטשיקס...

שווער איז אויך געווען דאָס צעשיידן זיך פון אַ חברה, וואָס האָט זיך איינגעקנופּט צוזאַמען: געקומען אין איין שעה, געאַרבעט אונטער איין דאַך, שותפותדיק אויפגעלייגט שטיקער לעבנס און געברענט זיי צוזאַמען. אַ ספּרוזשינע האָט געפּלאַצט, דער נאָמען — קרוטשיקל, און אַלץ איז זיך מיטאַמאָל פאַנאַנדערגעפאַלן; אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיי געהאַט צו אים און צו זיינע באַנקראָטן?...

אַ פּאָליסמאַן האָט געטריבן, געשטופּט אין נאַקן:

— פאַנאַנדערגייען זיך! ניט שטערן דעם „טרעפיק"!...

אָבער מ'האָט אים ניט געהערט. ס'איז געוואַקסן די אומרו, געוואַקסן די העזה:

— אַ צעטעלע אָנגעקלעפּט און — פאַרטיק! אויס „ביזנעס"...

— און מיר — גאָרנישט? אויסגעשפּיגן און אין גאַס געלאָזן...

— ווער'ט אונדז באַצאָלן קרוטשיקס חובות?

— דריי־קעפּ!

— „סקאָנק"!

— שווינדלער!

— די פענצטער אויסברעכן! „נעוועד מיינד" דאָס צעטעלע. מיר ווילן אונדזערע שכירות...

צוזאַמען מיט דער העזה האָט ארויסגעשטעקט אַ צונג דער חוזק; חוזק איבער זיך אַליין, איבער דער אייגענער נאַרישקייט: געלאָפן פאַרטאָג, געלאָזן זיך אָפּשטשעמען פינגער און נעגל, געיאָגט זיך מיט אימפּעט. געציטערט פאַרן באַלעבאָס, זיין אַריינקומען איבערגעגעבן מיט אַ שושקעריי, פון ווינקל צו ווינקל: — ששש... „באָס" גייט! מיסטער קרוטשיק...

פונעם עולם האָט זיך אויסגעטיילט חברה יונגען, אויסגעשטעלט זיך אַפן טראָטואַר און זיך געלאָזן אַף אַ מאַרש, איבער די גאַסן טומלען.

צעבראָכענע פאַנען און מילך־קענדלעך — אין די הענט. דער קוילן־

מאָלער האָט אַף אַ שמאַטע אָנגעוואָרפן אַ קאַרטון: אַ געפּגרטער האָן, מיט אַ פאַרוואָרפענעם קעפּל. פּוס אין פּוס, חברה מיט שטייפע יאָזשיק-נריוועקעס, באַקן — פאַרדויטלט, אויגן — צעטומלט. באַליידיקט, צעכעסט און פון עפּעס שטאַרק צופרידן. אַ שפּאַציר איבערן טראָטואַר מיט קאַצנ'יאַמער און געשרייען:

It ain't gonna rain
No more, no more!
It rained last night and a night before,
It ain't gonna rain no more!

— ביי־ביי, קאַקאַדודל!
— ביי־ביי, „דזשאַב"!
— קרוטשיק גנב!
— קרוטשיק זשוליק!
— אָפּגעטראָגן זיך און אָנגעפּייפּט!
— קאַ־קאַ־דו־דל־דו־ו־ו־ו!...

קרוטשיק איז זיך געזעסן אין וואַגאָן, געפאָרן קיין פלאָרידע, אָפּרוען זיך, אויסוואַרטן, ביז וואַנען ס'וועט אַריבער דער שטורעם...

.17

אַפן פּלושענעם שטול פון אַ געדיכט-וויניקן קאָליר איז קרוטשיק געזעסן אין וואַגאָן און ניט געקענט איינזיצן. אויגן־ברעמען האָבן זיך סאָווערדיק גע־טרייבלט, שטערן האָט זיך געקנייטשט, אָנגעבלאָזענע ליפּן האָבן פאַר זיך אַליין עפּעס געפּרעפּלט, געצויגן פון אינעווייניק פאַרפּלאָנטערטע סטענגעס, געוואָלט אַ טאָלק מאַכן, אונטערפירן אַ חשבון, און דער רעכענונג האָט זיך אַלץ ניט איינגעגעבן...

איין כיטרע אויגעלע, רונד ווי אַ מטבע, ארומלויפנדיק און ביסטרע, איז אים נאָכאַנאַנד געשטאַנען אַנטקעגן, געמיניעט זיך און געוואונקען, ניט געוואָלט אָפּטרעטן.

דאָס ביסטרע וואונקל פון אויגעלע האָט אים, ווי אַ פאַרזשאַווערטער מעסער־שפּיץ, געשטאָכן אין הארצן, איבערגערוקט זיך איבער די פלייש־פלאַסטן, אַ פלאַסט נאָך אַ פלאַסט און דער ווייטיק איז געווען שווער, טעמפּ, ניט אַריבערצוטראָגן.

ס'אויגעלע — אַ שותפותדיקס: בינג און בינג, פּרוקט, פּיין, לעווין זיין לאָיער, פון דער „שעכטער און לעווין" פירמע...

אָפּגענאַרט אים, די זשוליקעס!

דער „לאַיער" האָט אים געהייסן פאָרן קיין פלאָרידע, איבערוואַרטן דעם שטורעם. ער האָט אים צוגעזאָגט ראַטעווען דעם קאַפּיטאַל. דער חשבון שטימט ניט: דער קאַפּיטאַל איז אויסגערונען, שעכטער און לעווין האָבן פון אים שטיקער אָפּגעשניטן, קרוטשיק איז געבליבן מיט אַ בייטש־שטעקל...

איז וואָס וועט איצטער זיין? אויס פּרעזידענט, אויס פאַבריקאַנט. צוריק קרוטשיק, שטרוי צווישן שטרוי; פּרעזידענט־שטול, געלט, מאַכט, כבוד. אַלץ פאַרלאָרן...

ס'ציטערע אויגעלע גיט זיך אים אַ דריי פאַר די אויגן און אַ שטאָך אַריין אין האַרצן. ער גיט זיך מיט דער האַנט פאַרן האַרצן אַ כאַפּ און הויבט זיך אויף פון פּליושענעם שטול: דער ווייטיק איז צו גרויס, די שניידיקייט אין די פלייש־פלאַסטן איז צו שטאַרק, ער קען ניט איינזיצן.

ער טראָגט ס'האַרץ אין הויפּן פון זיין האַנט. קרוטשיק איילט זיך, לויפט אין „אָפּטרעט", אָפּזונדערן זיך, פאַרשליסן. אין די אויערן קלאַפּט ווי מיט צעהלוכעטע האַמערס:

— ניט גוט!

— כ'שטאַרב.

די אַפּאָפּלעקציע...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין די צייטונגען האָט זיך באַוויזן אַ שטיקל נייס:

— דער באַנקראָטירטער טרובע־פאַבריקאַנט, קרוטשיק, שטאַרבט אַפן וועג קיין פלאָרידע.

אין דער „ליכטיקער שעה" האָט זיך באַוויזן אַ געדיכט־שוואַרצער נעקראָלאָג, אונטערגעשריבן פון אַלע אינסטיטוציעס, צדקה־חברות און ישיבות, וואו ער האָט ניט־לאַנג דעם אויבן־אָן פאַרנומען.

אַז זיין קערפּער איז אָנגעקומען צוריק, האָט מען געמאַכט אַ גרויסע לויה. אַ געקליבענער, באַפראַקטער, צילינדערדיקער עולם האָט שוואַרץ געמאַכט די גאַס; קינדער פון גן־ילדים, אויסגעפּוצט אין שוואַרצע שניפּסן, זיינען נאָכ־געגאַנגען דעם קאַסטן און געשריען: „צדק".

די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן און אַף אַ ראָג גאַס האָט זי זיך אָנ־געטראָפן אַף אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער: גאַרדאָן, אין אַ כאַקי־בלוזע, מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, איז געשטאַנען אַף אַ לייטערל און גערעדט צום עולם.

ער האָט זיי דערציילט פון זייער לעבן, געמאָלן בילדער פון זייער וועלט: אַ קרוטשיק — אַרויף און אַראָפּ, די וועלט ווערט נאָך אַלץ געפירט פון קרוטשיקס...

שוואַרצע פּראַקן, שוואַרצע אויסבינדערס האָבן זיך ווי מוראַשקעס גע־רוקט נאָכן טויטן־וואָגן אַפּן וועג צום בית־עולם. מיטן עולם אַפּן גאַסן־ראָג האָבן זיי זיך ניט אָנגעקערט. איינער אינעם צווייטן האָט זיך ניט אויסגעמישט.

גאָרדאָנס שטימע האָט זיך געהויבן, פאַרגאַנגען אין אַ הייזעריקייט און צוריק גלאַטיק, שטאָליק זיך אַרויסגעגליטשט. ער האָט גערופן:

— אַ בונד פון אַרבעטער! איבערבויען די וועלט! אויפראַמען דעם שמוץ, אין וועלכן די קרוטשיקס האָבן זי פאַרברודיקט...

וועג־בויער

אַז פּאַווליוק איז געקומען קיין אַמעריקע, איז ער אַוועק אַרבעטן אין אַן אײַזן־פֿאַבריק; דאָרטן האָט ער דעם מיטלסטן פֿינגער צווישן מאַשין־צײנער פֿאַרלאָרן. נאָכדעם האָט ער געאַרבעט אין אַ מעש־פֿאַבריק; דאָרטן האָט עס אים דעם צײג־פֿינגער, דאָס רעכטע ווענטל פֿון מיטלסטן אָראָפּגעהאַקט. ער איז אַוועק אַרבעטן אין אַ שטײן־גרעבערײ; דאָרטן האָט ער דעם דריטן פֿינגער, ס'לינקע ווענטל פֿאַרשטשעמעט און אָפּגעשניטן. זײנען אים אָף דער רעכטער האַנט פֿאַרבליבן צוויי נידעריקע שטעקלעך, אײנס — אַ גראָבס, אַ בײכיקס; ס'צווייטע — אַ סטאַרטשענדיקער דינער סוקל און אַן אָפּגע־שטשיפּלטער לאַנגער קאַם אינמיטן.

דעמאָלט האָט שוין פּאַווליוק געהאַט אַ ווײַב און דרײ קלײנע קינדער, זשעדנע „ווערימלעך", וועלכע האָבן צו אים אין האַנט אַרײַנגעקוקט און גע־וואַרט אַף חיונה. וואָס טוט מען? ער האָט שטאַרק געזוכט און ווידער געפֿונען אַרבעט.

איצט איז עס געווען וועג־בויאונג. דאָס שטעטל, וואו ער האָט געוואוינט, האָט געמאַכט אַ ברײטן אָטאָמאָביל־שליאַך, מיט אַ ווײסן פּאַס פֿאַנאַנדער־געווירעט, הין און צוריק — צו צוויי מאַשינעס. ס'האָבן דאָרט געאַרבעט אַ הונדערט אַרבעטער. פּאַווליוק — אײנער פֿון זײ. מיט די צוויי פֿיענעס האָט ער געהאַלטן דעם גראָב־אײַזן, מיטן שווערן דוהע־פּאָרמיקן האַרצן — אים געהאָלפֿן אַרײַנשטעקן זיך אין דר'ערד; מיט פֿײַכטער אימפּעט־אַרויס־אָטעמונג אַרויסגעשאָטן דעם זאַמד. דאָס געלט האָט געצאָלט די שטאָט; דער קאָנטראַקט איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אײנעם אַ „באָס", סלאַווינסקי; גרײדי איז געווען דער פֿאָרמאַן.

אָבער פּאַווליוק האָט פֿון די דרײדלעך ניט געוואוסט. אַרבעט איז אַרבעט; וועמען איז עס נוגע פֿאַר וועמען און פֿאַרוואָס? דעם „באָס" סלאַווינסקי האָט ער אינגאַנצן ניט געקענט, כאָטש יענער איז געווען זײַנער אַ לאַנדסמאַן. מיט גרײדין האָט ער זיך איבערגערעדט מײסטנס אַף שטום־לשון. אַלע אַרבעטער, און ער אויך, זײנען אַפּן ענגלישן לשון געווען שטומפּיק. אַ חוץ דעם האָט דער האַרטער, ברײט־פּלײציקער אײרישער פֿאָר־מאַן געהאַט אַ טבע, אָנשטאָט ווערטער, צוואווינקען צו די אַרבעטער מיט

קאַלטע בלוי־גלאָזיקע אויגן און מיט זיי באַפעלן. אַרבעטער, אַז זיי האָבן צייט געהאַט, האָבן אָנשטאָט שמועסן געדרייבערט פּיפּקעס. פּאַווליוק איז בטבע, פון אַלעמאָל־אָן, געווען אַ שווייגער.

בעסער פון אַלעמען האָט ער זיך פאַרשטאַנען מיט זיין גראָב־אייזן, אַף וועמענס הענטל די פינגער מיט דער שווערער קאַרביקער דלאָניע האָבן איבער־געלאָזן קענטיקע סימנים פון שוויים און ברוד. גראָב־אייזן האָט אים אונטער־געזאָגט, ווען אונטן איז די ערד געווען געשטיינדלט, זאַמדיק, אָדער געדיכט־רוי. דאָס געצייג האָט זיך פויל אָפּגעשטעלט, ווען פּאַווליוק איז געווען פאַר־מאַטערט, אָדער ווען אַ פאַרטראַכטער געדאַנק, ווי אַ כמאַרע, פלעגט אַף אים פלוצלונג אָנקומען. אין דער כמאַרע האָט ער געזען אָפּגעריסענע צעפלאָנטער־טע שטיקלעך לעבן פון זיין דאָרף אין ווייס־רוסלאַנד, פון די פאַבריקן, וואו זיינע פינגער זיינען איינציקווייז אָפּגעריסן געוואָרן, און דעמאָלט פלעגט ער שטילערהייט, פאַר זיך אַליין, פאַרציען אַ נאָז־לידל, וואָס ער פלעגט זינגען אַמאָל, ווען ער איז נאָך אין דער אַלטער היים אַ יונג פויערל געווען:

— דאַמאָי כאָ־טשעט־סיאַ־אַ־אַ.

די ווערטער האָבן גאָרנישט ניט באַדייט. פּאַווליוק האָט נאָך זיין היים ניט געבענקט. דאָרף און שטרוי־דאַכיקע כאַטע, בעריאָזאָווער וואַלד און פאַר־שלאָפענער טייך, לאַפּטיע און סערמיאַגע, זיינען געווען אַ גלעזערנער חלום, וועלכער איז שוין צעשטויסן געוואָרן אַף שטויב־בליצלעך און צעמישט זיך מיט נאָך שטויבן פון אַן אַנדער קאָליר און מין. זיין היים איז געווען די „שענטי" אין שטעטל, ניט ווייט פון דעם אָטאָמאָביל־שליאַך. דאָרטן, לעבן אַ סקריפּענדיקן טרעפּ־לייטער, מיט פאַרענטשן, איבער וועלכע זיין ווייב, מאַשע, פלעגט פאַנאַנדערהענגען וועש צו טריקענען, זיינען אַרומגעקראָכן און אַרומגעפּויזעט דריי קינדער, מיט פלאַקסענע הערלעך, מיט קרומע ראַכיטנע פיס. דאָרטן, אַף אַן אָפּגעקעסטלטן שטיק הויף, באַוואָקסן מיט ווילד־גראָז און שטעכלקעס, האָט אים באַגעגנט די משפּחה נאָך דער אַרבעט. די קינדער פלעגן קוויטשען, טשעפּען זיך אָן די אויסגעזאַמדיקטע קני, און מאַשע איז אים נאָכגעגאַנגען, ווי אַ ווייסער לייוונטענער שאָטן, איבערן סקריפּענדיקן טרעפּ־לייטער אינעווייניק אין שענטי אַריין.

פּאַווליוק דערלאַנגט איר זיינע פאַרדינסטן. מאַשע, אַז זי פאָרעט זיך מיטן געלט, פאַרזשמורעט זי שטאַרק אירע וואַסערדיק־בלויע אויגן, ביינער אונטערן מילכיק־הויטיקן פּנים צעשפּילן זיך מיט אַנגסטן, די צעוויאַנעטע גרויסע ברוסטן, ווי לויז אויפגעגאַנגען טייג, וויגן זיך אַרויף און אַראָפּ. זי האָט זיך אויסגעלערנט עטלעכע ענגלישע ווערטער, און די ווערטער מישט זי אָפּט אין איר צעקאָכטן שמועס אַריין:

— „ביי גאָד”! רענט דאַרף מען צאָלן, שיך און זאָקן פאַר די קינדער קויפן; אָנקאָרמענען די מײַלער, אַז די נשמה זאָל זיך באַטש האַלטן. אַזוי ווינציק! „ביי גאָד”...

וואָס זאָל איר פאַווליוק אָפּ דעם ענטפערן? אַז קיין בעל־לשון איז ער ניט. ליפּן ציען זיך פאַנאַנדער אין אַ נאַרישן פאַרשולדיקטן שמייכל; שווערע אויגן קוקן פאַרבלאָנדזשעטע איבער פּוסטע שענטי־וועגנט, וואו נויט האָט זיך ווי שמאָל־ווייסע לייוונטענע פאָרהאַנגלעך צעהאַנגען. די צעקאַליעטשעטע האַנט שפּאַרט זיך האַרט אָן אַפּן פּוסטן עס־טיש, ווי ער וואָלט פון דאָרטן וועלן אַרויסקוועטשן אַן ענטפער:

— האַ, ווינציק? רענט, עסן, שיך? ביי גאָד, טאַקע אַזוי! האַ...

נאָך אַ ווײַלע קלערן:

— אַרבעט! אַלעמאָל אַרבעט! שווערע אַרבעט! און ס'פעלט. ביי גאָד, ווי אַזוי?...

ער שווייגט. פּוסטע שענטי־וועגנט שווייגן אויך...

:: :: ::

אַ שטיקל פּעסל־פּלייש, מיט אַרויסשטאַרטשענדיקע פיש־אויגן, פאַרפּוצט אין אַ גרויסן ביזנעס־קאָסטיום, האָט זיך געדרייט אין אַ „סוויוול”־שטול. די אָנגעגאָסענע פּאַמפּושקע־באַקן האָבן זיך געגליווכטן, ווי לאַמטערנעס. קליינע בערישע אייגלעך האָבן צוגעשמייכלט. אַ ציגאַר האָט זיך וואָוילעריש גע־רויכערט אין ווינקל פון מויל.

דער אָפּיס איז געווען באַהאַנגען מיט פּאָרטרעטן פון וואַשינגטאָן, לינ־קאָלן און נאָך באַרימטע שטאַטסמענער, באַפּוצט מיט פאַרביקע אַמעריקאַנער פאָנען. לעבן די פיס פון דעם פּעסלדיקן ריז איז געשטאַנען אַ מעשענע שפּיי־כלי. ער האָט אַהין אָפּט אַריינגעבראַקעט, רייניקנדיק דעם האַלדז צום שמועס מיטן מאַן, וועלכער איז געזעסן אים אַנטקעגן.

— מיסטער סלאַווינסקי! ביג באָי, לאָמיר רעדן ביזנעס...

דער וועג־קאָנטראַקטאָר, סלאַווינסקי, אַ הויכער, אַ מאָגערער, אַ שוואַרצ־לעכער, מיט אַ פּאָר פלינק־טאַנצנדיקע מייזן־אויגן, איז געזעסן שטיל, אַ פאַר־טאַיעטער, אַ שווייגנדיקער. זיינע דינע ערנסטע ליפּן זיינען געווען צוזאַמענ־געפּרעסט און פון דער ערנסטקייט האָט זיך אַרויסגעשאָבן אַ דין, פאַרשפּיצט, פאַרשטייענדיק שמייכעלע, וואָס איז געווען פלינק, שפּרינגענדיק און האָט צו אַלץ, וואָס דער באָס־פּאָליטישן האָט גערעדט, תיכף צוגעשטימט.

— ביג באָי! די „גענג” גרייט זיך אָפּ אונדז. באַלד קומט „עלעקשאָן”. וויל מען אונדז מיט אַ בעזים פון אָפּיס אַרויסקערן. בעלנים זיינען פאַראַן

א סך; מ'שאַרפֿט די ציינער אַף „פּאַבליק אָפּיסעס", טובות און קאָנטראַקטן. וואָס זאָגסטו אַף דעם, מיסטער סלאַווינסקי? הע, באַי!...

ער האָט מיט א געקישלטער קרעפּטיקער דלאָניע א זעץ געטאָן סלאַווינסקין גוט־ברודעריש איבער דער פּלייצע. פּיש־אויגן האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט געקנורעטע שאַרף־געשפּיצטע מייזן־אייגלעך.ביידע האָבן זיך אומגעלומפּערט געשפּילט.

סלאַווינסקיס ביטרע צושטימענדיק, פאַרשטייענדיק שמייכעלע האָט זיך נאָך קענטיקער אַרויסגעשאָבן. שוואַרצאַפּלען האָבן גוט־ברודעריש געפּאַרשט:

— האַו מאַטש, טשיף? צען טויזנט וועט גענוג זיין? פופצן טויזנט? וויפיל?...

פּעסל־פּלייש האָט זיך געשפּונען אַפן שרויף־שטול. אין מויל־ווינקל האָבן דיקע ליפּן געשמאַק געזויגן דעם ציגאַר. ווערטער זיינען געפאַלן, ווי טראָפּנס פון א סטרעבע אַף דינעם בלעך.

— די „גענג" איז אויסגעהונגערט. שוין יאָרן, אַז זיי האָבן קיין אָפּיס ניט געשמעקט. הינטישע זין, פּאָרען זיי זיך אין אונדזערע ביזנעס און נישטערן, ווי סוקעס א ביין. זיי גרייטן צו סקאַנדאַלן: אַט פאַרוואָס דאָ פעלט געלט, פאַרוואָס יענע טובות און קאָנטראַקטן? מעשיות מיט מיידלעך, שנאַפּס און קאַרטן. וואָס זאָגסטו אַף דעם, מיי דיר באַי?...

דער צוהערער איז געזעסן קאַלטבלוטיק און מיט די שוואַרצאַפּלען אַלץ גוט־ברודעריש געפּאַרשט:

— האַו מאַטש, טשיף? צוואַנציק טויזנט וועט גענוג זיין? פינף און צוואַנציק טויזנט? שוט...

פּעסל־פּלייש איז נאָך אַלץ ניט גרייט געווען דעם לעצטן שטריכל אונטערצוציען. אפשר ווייל די שפּיל איז אים געווען געפעלן. אפשר ווייל דער חשבון איז נאָך ניט געווען פאַרטיק. סטרעבע־טראָפּנס האָבן זיך געזייט:

— מיר דערוואַרטן, אַז אונדזערע „באָיס" זאָלן שטיין מיט אונדז. ביי גאַד, געווינט די אַנדערע „גענג", וועט מען אונדז אַלעמען מיט א בעזים אַרויסקערן. דער קאַמפּיין וועט אָפּקאָסטן געלט, א סך געלט. מיר „סטיקן" צו אייך און איר — צו אונדז; א האַנט וואַשט א האַנט. פאַרשטאַנען, מיסטער סלאַווינסקי? אַטאַ באַי...

ער האָט אים דערלאַנגט א צווייטן קרעפּטיקן זעץ מיט דער דלאָניע. מייזן־אייגלעך האָבן מיט צושטימענדיקן וואונק־פינטל צוריק אָפּגעענטפערט. סלאַווינסקי האָט גענומען אָפּשייד פון זיין טשיף.

אַרויסגייענדיק פון אָפּיס איז דאָס פאַרשפּיצט צושטימענדיק שמייכעלע פון זיינע ליפּן תיכף פאַרשוואונדן געוואָרן. דינע ליפּן האָבן זיך חוזק־

רשעותדיק געקלעפּט צוזאַמען. שטערן הויט האָט זיך געגעבן אַ קנייטש:

— סאַקערם!

נאָכאַמאָל רשעותדיק, דורך ציינער דורכגעזייט:

— סאַקערם! עי באַנטש אָוו קרוקס!

ער האָט אין געדאַנק אויפגעחשבונט צוזאַמען, וויפיל טשיף לירי האָט פון אים די גאַנצע צייט ארויסגעמאָלקן: פאַר זיך, פאַר זיין געזעצלעכער ווייב, פאַר דער מעטרעסע; מתנות: בריליאַנטענע האַלדז־שפּילקעס, דימענטענע רינגען, אַטאָמאָבילן, פּערסישע דיוואַנען; מזומן געלט: פּראָצענטן פון קאָנטראַקט, קאָמיסיע פון מאַטעריאַלן, קאָפּ־שטייער פון יעדן אַרבעטער באַזונדער. אין דער זעלביקער צייט האָט ער געוואוסט, אַז ער, סלאַווינסקי, לירי און די גאַנצע פּאָליטישע חברה זיינען איין אויפגעקנורעטער קנויל, וואָס האַלט זיך צוזאַמען, און באַזונדער וועלן זיי צעמאָלן ווערן אַף שטויב און צעשאָטן ווערן. דאָס האָבן זיי אים דעם קאָנטראַקט איינגעטיילט, ניט געקוקט אָפּן געשוואָלענעם עודף, וואָס ער האָט צוגעשטעלט צום רעכענונג. זיי האָבן צוגעמאַכט די אויגן, ווען ער האָט געפּאַלשעוועט מאַטעריאַל; זיי האָבן אים געהאָלפן ארונטערקוועטשן שכירות און געבן „פּראָטעקשאָן", ווען אַרבעטער האָבן זיך געבונטעוועט. נאָך אַלעמען, קיין בעסערע פריינט קען ער זיך ניט אויסטראַכטן און מיט אַלע איבעריקע הוצאות לוינט זיך דער עסק.

— מיט דריי צענדליק טויזנטער וועל איך דעם מאָל אָפּשניידן! — האָט סלאַווינסקי באַ זיך באַשטימט און איז גלייך געוואָרן באַרואיקט.

קומענדיק אין אָפּיס, האָט ער אריינגערופן צו זיך זיין פאָרמאַן גריידי.ביידע אינאיינעם האָבן לאַנג גערעכנט, איבערגעחשבונט. צום סוף האָט דער „באָס" זיין פאָרמאַן דערלאַנגט אַ חברישן זעץ איבער דער פּלייצע:

— ביג באָי! ס'וועט גוט זיין. ביזנעס פאָדערן אַ שטרענגן רעכענונג. אַלץ וועט שטימען...

:: :: ::

אַף מאָרגן, נאָך דער אַרבעט, האָט זיך דער עולם מיט געשייערטע גראָב־אייזנס אַף פּלייצעס אויסגעשטעלט אין ריי באַם פענצטערל פון גריידיס שענטי־אָפּיס און געוואַרט אַף שכירות.

אָבער היינט איז געווען אַנדערש ווי אַלעמאָל: גריידי האָט באַפעלן די ריי צו פאַרקירעווען זיך צו דער טיר פון דער שענטי, וואָס האָט ניט געהאַט קיין קליאַמקע און פאַרמאַכט זיך פון אינעווייניק דורך אַ ספּרוזשינע. אָנשטאָט דורכן פאַרגראַטעוועטן פענצטערל, האָט מען היינט אויסגעצאָלט אינעווייניק, יעדערן באַזונדער.

פּאַווליוק איז געשטאַנען מיט אַלעמען אין דער ריי און גלייך מיט אַלעמען געחדושט זיך: עפּעס איז עס געווען ניט גלאַטיק.

דאָס אויסצאָלן האָט היינט געדויערט לענגער ווי שטענדיק. די טיר פלעגט זיך אַלע ווײַלע פון אינעווייניק אויפעפענען, עמיצער פלעגט פון דאָרטן אַן אָפּגעפּאַרעטער ארויסגיין און בורטשען אַ צעקאָכטער:

— ביטשעס!

— אין די קישקעס זאָל זיי רייסן!

— בלוטזויגער! פּיאַווקעס!...

איינער, אַן עלטערער אַרבעטער, איינגעאַנצן אַ געלער, פון די געקרייזלטע האָר און וואָנצעס ביז די פּאַרליימיקטע שיך, איז פון אָפּיס־שוועל אַריבער־געשפּרונגען איבער אַלע טרעפּ, אַריינגעטאַנצט אין עולם און צעזונגען זיך ציקלדיק־וויינענדיק מיט אַ שאַרפן איטאַליענישן ניגון:

— אי־האָ! אי־האָ־אי־אָ! טאַטעלעך מיינע, מאַמעלעך מיינע, יעזוס דער הייליקער! אַ מעסער אין גאָרגל האָט ער מיר אַריינגערוקט, אַף טויט געקוילעט. קוקט ס'לוויזיקע קאָנווערטל, זע־ע־ע־עט...

די שטימונג האָט זיך איבערגעגעבן צום וואַרטנדיקן עולם אין דער ריי. גרוי־פּנימדיקע, פאַרשוויצטע האָבן זיך געסודעט:

— גריידי האָט אַ נייעם שניט אין שכירות צוגעטראַכט. ס'איז אים גרויס אין די אויגן.

— אַז ס'איז שוין ניטאָ פון וואָס צו שניידן, סיי־ווי אַ ביין אַ פּאַר־דאַרטער.

— עסן דאַרף מען; אַ קינד מוז מען אָנקאָרמענען. פון וואַנען? וואו זאָל מען נעמען?

פּאַווליוק האָט זיך איינגעהערט, געקאַרטשעט זיך אין זיך אינעווייניק, ווי אַ הונגעריקער בער, און שווער געשוויגן.

אַז ער האָט געדאַרפט די טיר אַף דער ספּרוזשינע אָנקוועטשן, האָבן זיינע צוויי מצבות־פינגער נערוועז געציטערט.

גריידי האָט אים געשמייכלט אַנטקעגן מיט אויגן, אַ פּאָר שפּיזלעך אייז־אָנגעפרוירענע. מיט אַ שווערער לאַפּע האָט ער אים אַנטקעגן געטראָגן דעם קאָנווערט:

— ליסן, קיד! באָס האָט געשניטן די שכירות. באָס קען מער ניט צאָלן. יו סי? ביזנעס טויגן ניט, ביזנעס איז „העל". פאַרשטאַנען? גוט? ביסט מרוצה? טאָ שרייב זיך אונטער אָט דאָ אַפן פּאַפּיר.

ער האָט אים צוגערוקט אַ בלעטל און געשטופּט די פּען אין האַנט. אַז פּאַווליוק האָט מיט די פינגער־פּלעקלעך גענומען זיך קראַצן אין שלייף און

זיין פּנים איז כמורעדיק, מער ווי אַלעמאָל אָנגעשטרענגט געוואָרן, האָט גריידי דערלייגט:

— באָס האָט אָנגעזאָגט קיינעם ניט צו צווינגען; קיינער שרייבט זיך ניט אונטער מיט גוואַלט. ביסט מרוצה, ווילסט ארבעטן — גוט; אויב ניט — דיין ברירה, פאָר זיך געזונטערהייט.

ער האָט צוגעפּייפט לעבעדיק מיט די ליפּן, אויסגעצויגן דעם פּייף לאַנג־לאַנג, געוואָלט באַווייזן, ווי ווייט ס'וועט זיין דער פּאָר.

פּאַווליוק האָט אַוועקגעלייגט אַ שווערן אויסגעקריצטן צלם אַפן אָנגעוויזענעם אָרט; מיטן קאָנווערט, ווי אַ וואונד אין האַנט, איז ער ארוים פון טיר.

אינדערהיים האָט ער אַף זיין אופן, האַקמעסערדיק, אָפּגעבראַקט מאַשען די טרויעריקע נייס. זי האָט זיך זיצנדיק צעשאָקלט און אַוועקגעזונגען, ווי אַף אַ טויטן, אַ באַוויינענדיק קלאָג־ליד:

— ביי גאַד! רענט דאַרף מען, שיך און זאָקן פאַר קינדער מוז מען קויפן, אָנקאָרמענען די מיילער, אַז די נשמה זאָל זיך כאָטש האַלטן. אַזוי ווינציק. וואָס וועט זיין? ביי גאַד!

וואָס האָט איר פּאַווליוק געקענט ענטפערן? אויגן האָבן געבלאָנדזשעט, געקוקט אַף זיינע פלאַקס־האַריקע ראַכיטנע פוּיזערם; אַף צעפּלעקטע אָנגעשוואָלענע אָבאָיעס, אַף שענטי־ווענט, אונטער וועלכע וואַנצן און פּרייסן האָבן ארומגעפּויזעט און זיך געווידמעט, געזוכט נאָך וואוהין אָפּצוקערן דעם בליק פון דער מאָגענדיקער ווייב. צום סוף, ווי אַ פאַרשולדיקטער, באַשטראָפּטער אינגל זיך פאַרקוקט אַף די פינגער פון זיינע אייגענע הענט...

שווערער צעטומלטער קאָפּ האָט זיי פאַר עדות געשטעלט: וואָס איז ער שולדיק? האַ? מיט זיי אַלעמאָל געאַרבעט באַ וואָס ס'האָט זיך געמאַכט — אייזן, מעש, שטיין, זאַמד. קיינמאָל ניט געפוילט זיך און אַלעמאָל ווינציק. אַף רענט פעלט, אַף עסן און שיך. ביי גאַד! טאַקע אַזוי. פאַרוואָס? האַ? און ווער־זשע איז שולדיק? שולדיק איז דאָך עמיצער, ביי גאַד!...

גריידיס פּנים איז אים אַרויסגעשוואומען; כמורנע ברעמען, שטייפע מאָרדע, בלוי־גלאָזיקע געפרוירענע אויגן. פּאַווליוקס האַרץ האָט זיך איינעוויניק באַגאָסן מיט פּעפּערדיקן זוד:

— ביטש!

— בלוט־זויגער! פּיאַווקע!

גריידיס פּנים האָט זיך אַ שאָקל געטאָן, זיך אויסגעמישט מיט פּנימער פון באָסעס, אויפזעער, פאָרמאַנעס, אונטער וועלכע פּאַווליוק האָט ווען־עס־איז געאַרבעט. פּאַווליוק האָט געקוקט אַף זיי, ס'האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט,

אינעווייניק האָט ניט אויפגעהערט צו קאָכן:

— אַ פּאַהיבעל אַף זיי! ווערים, שלאַנגען, פוקסן! אָטעמען, לעבן לאָזן זיי ניט! זוכן דעם קליאַק פון דעם אָרעמען ארבעטער...

:: :: ::

אינדערפרי זיינען אַלע געקומען צו דער ארבעט, אויפגעקאַטשעט די אַרבל און גענומען זיך צו די גראַב-אייזנס.

אָבער די אַרבעט האָט זיך היינט ניט געקלעפּט; דער כמורנער, שווייגנ-דיקער עולם, געוואוינט בעסער צו קלאַפּן מיט די אייזנס, איידער לאַפּאַטשען מיט דער צונג, האָט איצט געפילט אַ באַדערפעניש אויפרעדן זיך, אויסזידן, עפּעס טאָן אַלע צוזאַמען. נעכטיקע פּאַסירונג באַ גריידין אין שענטי האָט זיך דורך דער נאַכט איינגעברענט באַ אַלעמען אין מוח, אין הארצן און ווי מיט אַ רייף האָט עס זיי איינגעשטשעמעט.

גראַב-אייזנס זיינען געווען פויל, וואקלדיק; געשאָקלט זיך און פון די הענט געפאַלן.

מויל צו אויער האָט זיך גענויגט און געסודעט:

— אַ נבלה איז באַגאַנגען געוואָרן. אונדז, וועג-בויער, האָט מען באַ-רויבט. וועט מען שווייגן?

גריידי האָט זיך ניט באַוויזן ביז העט-באַטאָג. אַז ער איז ענדלעך געקומען, אַ פריש-געראַזירטער, פּארפיומירטער, מיט אַ גלאַנץ-גריווקע גלאַטיק פּאַרקעמט אַף אַ זייט, האָט זיין געניט בלוי-גלאַזיק אויג דערשנאַפּט די פויל-קייט און ער האָט זי געפּרואווט פּאַנאַנדעריאָגן.

— אי-האָ, חברה; לעבעדיקער! מונטערער! אַלע צו דער ארבעט...

אַלעמאָל פלעגן לאַפּעטעס ענטפערן אַף זיין אויסרוף מיט אַ לעבעדיקן קלאַפּ; היינט האָט אים אָפּגעענטפערט אַ פינצטערער פארשטיקטער ברומען.

און פונעם ברומען האָט זיך אָפּגעריסן אַ קוויטשיק קול. מ'האָט ניט געזען פון וואַנען:

— ביטש! זון פון אַ ביטש! דאָס איז אונדזער פאָרמאַן גריידי!...

גריידי איז אַן אָנגעצונדענער געוואָרן. שטייפע עפּלדיקע באַקן האָבן זיך אָנגעגליט מיט פלאַם. ער האָט מיט די לאַפּעס אַ כאַפּ געטאָן דעם ערשטן צופעליקן, לעבן אים שטייענדיקן ארבעטער, אַ קורצער, גראַבינקער איטאַ-ליענער, מיט אַראָפּהענגענדיקע פּריידן-וואָנצעס און גרויסע, שווארצע, שטייענדיקע אויגן און אים אָנגעהויבן ווילד צו טרייסלען:

— אהאָ, דו בעסטערד! הונט אויסלענדער, בלאָטע זאַמדיקע! אַף מיר האָסטו געוואַגט אַ מויל עפענען? כ'וועל דיר ווייזן...

זיין קאַרק איז היים געוואָרן ווי צונטער. אויגן, גלאָז צעשפריצטע, האָבן

זיך איינגעגעסן אין שווארצע, שטייענדיקע, פארלאָרענע אויגן און געביסן זיי מיט רשעות:

— אַ־רוי־ס, מיט דער לאָפּעטע! דיין פּוס זאָל דאָ מער ניט טרעטן!

גראָב־אייזנס אָפּ געאַקערטן שליאַך זיינען אַלע מיטאַמאָל שטום געוואָרן. העגט פארלייגטע אָפּ הענטלעך, ליימיקע, רוי־הויטיקע, אָדערדיקע האָבן גע־שפּרונגען, זיך געטרייסלט פון פרעכער אומרעכט, באַליידיקונג און צאָרן.

— אַ־האַ! נאָך דאָס!...

איינער האָט זיך ארויסגעשטעלט; אַן עלטערער, קורץ־געוויקסיקער, מיט גרויע, הארטע האָר־וואָרצלען אָפּ אַ רויט־ליימיקן פּנים, דעם גראָב־אייזן אָנ־געשפּאַרט אונטער זיך פּאַר אַ דריטן פוס. ער האָט זיך געפּרואווט באַרואיקן דעם צעקאָכטן גריידין.

— ס׳איז ניט ער, מיסטער גריידי! ניט ער. אַן אַנדערער האָט עס געזאָגט; מיר האָבן אַלע געהערט. ווער קען וויסן ווער ס׳איז עס געווען, דער „רעסקעל”...

ער האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר לאַכעדיק־פלוטעוואַטע אויגן אינדערהויך, געקוקט אָפּ די פייגעלעך, וואָס האָבן זיך ארומגעדרייט איבערן קאָפּ, פּונקט ווי ער וואָלט זיי אויך חושד געווען: טאָמער? אפשר? דאָס האָט גריידין נאָך מער צערייצט.

— אַרויס־ט! כ׳וועל אייך אַלעמען פון דאַנען מיט אַ בעזים אויס־ראַמען. הינט! שדים! בלאַטע אויסלענדישע! איר האָט זיך אָנגעפרעסן אָפּן דזשאָב און זייט ווילד געוואָרן. אויסראַמען וועל איך אייך, ביזן לעצטן...

פּאַווליוק איז געשטאַנען מיט אַלעמען, ווי אַ שטאָרך אין פעלד. בלוט האָט זיך אָנגעגאָסן פון הארצן און געבאַראַבאַנעוועט אין די שלייפן. ווערטער, ווי שטיינער, שווערע, פלאַטשיקע, מיט שאַרפע געקארבטע שפּיצן, האָבן זיך אינעווייניק געשליידערט, געשטופּט זיך און ניט געקאָנט באַפרייען. ער האָט זיך פאַראייניקט מיטן גאַנצן עולם אין אַן אויפגערעגטן, פאַרשטיקטן, אָנ־ווערטערדיקן ברומען.

און אַז ווערטער האָבן מיטאַמאָל ארויסגעפּלאַצט, האָט קיינער ניט גע־וואוסט פון וואַנען און פון ווען. ס׳האָט זיך ארויסגעריסן, ווי אַ פאַר־שטיקטע פּאַרע, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין ענגע רערן און מער ניט געקענט אויסהאַלטן. ענדלעך אַ באַפרייטע האָט עס זיך אימפּעטיק צעבאָרכלט און מחיהדיק געשיפּעט:

— צום טייוול מיט אים! ווארפן די ארבעט!

— אַלע אינאיינעם!

— זאָל גריידי אַליין דעם שליאַך גראָבן!

— ביטש! ער האָט עס די שכירות געשניטן!
— רייסט דעם ביסן פון מויל און קראַקעט נאָך, ווי אַ וואָראָנע!
— מיט אונדזער בלוט זיך אַ קאַרק אויסגעפּאַשעט!
— אָנגעפּאַשעט זיך גענוג, די פּיאַווקע!...
— סטרייק! מיר ווילן אים ניט פאַר קיין פּאָרמאַן!
— ברידער! אַ ס־ט־ר־יי־ק!...

גראָב־אייזנס האָבן זיך צוריק פאַרלייגט אַף פּלייצעס. צעאַקערטער טומל־דיקער שליאַך איז מיטאַמאָל געוואָרן שטום. ס'זיינען געבליבן שטעקן אינ־מיטן פעלד אַ מילשטיין־מאַשינקע, אַ צעמענט־מישער, אַרום אים — מולטער־לעך מיט פאַרקנאָטענער וואַפּנע. פייגעלעך זיינען אַרומגעפלויגן אינדערהייך. גריידי איז אַ ווייַלע געשטאַנען, געקוקט־געקוקט, און פאַרנומען זיך צו זיך אין שענטי אַריין.

פּאַווליוק איז געקומען אַהיים פריער ווי אַלעמאָל און דער פאַרוואונדער־טער מאַשע אָנגעזאָגט:

— סטרייקויעם!

אָפּגעהאַקט און אָנטשווייגן געוואָרן. מאַשע האָט פאַרשטאַנען.

זי געדענקט: אַזוי איז שוין אַמאָל געווען אין די אייזן־, מעש־ און שטיין־פאַבריקן, וואו איר פּאַווליוק האָט געאַרבעט. ס'קומט אָן פּלוצלונג; טעג אָן ברויט און מילך, אָן שיך און קלייד, ווען פּנימער ווערן אויסגעצויגן און ראַכיטנע קינדערשע ביינדלעך ווערן נאָך ווייכער. דערפאַר אָבער — טעג טומלדיקע, פולע, אָנגעגאָסן ווי זאַנגען, מיט דערלייכטערונג, דערוואַרטונג און האָפענונג.

זי האָט מיט אַ האַרטן קול אים צוגעבאָמקעט:

— אַזוי איז עס! סטרייקויעם...

מיט וואַסערדיק־בלויע אויגן געקוקט אַף די „ווערים", מיט פלאַקסענע קעפּלעך, וועלכע האָבן אַרומגעפּויזעט אַפן דיל אין „שענטי"...

:: :: ::

דער טעלעפאָן האָט זיך געריסן קלינגענדיק. סלאַווינסקי האָט דעם „באָס" לירי פון זיין „טראָבל" דערציילט:

— מיינע גראָב־אייזנס האָבן פאַרסטרייקט. פּלוצלונג. ווער האָט זיך אַף דעם געריכט?

פון דער צווייטער זייט, וואו לירי איז געזעסן אַפן שרויף־שטול אין שאָטן פון פאַנען און פּאָרטרעטן, האָט אַ שמאַלציקער לאַטשענדיקער קול

סלאווינסקין בארואיקט, איינגענומען, ווי א טאטע א צעקאָכטן פאנאנדער־געשפרונגגענעם זון:

— אזוי, אזוי, מיין באָי! איז וואָס־זשע? עפּעס מוז געטאָן ווערן. מען קען עס אזוי ניט לאָזן. לאָמיר זען...

אנטשוויגן געוואָרן און געלאָזן סלאווינסקין פון דער צווייטער זייט טרייבל אויסגיסן זיין גאנצע גאַליקע ביטערניש; מיטאמאָל זיך געכאפּט:

— מיין באָי! האָסט באשעפטיקט יוניאָן־„לייבאָר”?

— זיכער! אין דעם קאָנטראקט דיינעם האָסטו עס מיר אריינגעטיילט. דיינע א מתנה. דיינע יוניאָן־לײדאָקעס האָבן בא מיר גענוג געלט אויסגעצאַפּט.

— טאָ הער זיך איין, מיין באָי: רוף זיי דאָרטן אָפּ; טייל איין די טויגעניכטסן, וואָס ס'קומט זיי. סאָקערס! שלאָפן, חלומען, פרייכן דאָרט ווי די ענדיקעס און זעען ניט וואָס ס'טוט זיך בא זיי אונטער דער נאָז...

— אז איך וויל זיי ניט קענען! צום טייוול מיט זיי...

— טו־טו, מיין באָי! ניט געקאָכט זיך. פארשטייסט ווינציק אין „פּאָליטיקס”. מיין פארשטאָרבענער „טשיף” האָט מיך אמאָל געלערנט: „מיר דארפן אַלעמען האָבן: העבט, קארפּן, שלייענס, אָקסן־קעפּ און סאָקערס; סאָקערס זיינען פאראַן מער ווי אַלץ.” פארשטייט זיך: אז די לײדאָקעס וועלן גארנישט ניט קענען טאָן, וועסטו אַלץ קריגן: פּראָטעקשאָן, פּאָליס, א נייעם גענג „לייבאָר”; דערוויילי אָבער, באָי, טו וואָס איך זאָג...

דעם זעלביקן טאָג איז צונויפגערופן געוואָרן א מיטינג פון די סטרייקער. פּיטער אַליין, דער פירער פון דער וועג־בויער יוניאָן, איז אראָפּגעקומען איבערנעמען דעם סטרייק.

דער עולם האָט זיך צונויפגעקליבן אין א „האָל”, וואָס איז אמאָל געווען א ווינקל־חדר פון א סאַלון. אָן א זייט איז נאָך געשטאַנען די הילצערנע סטאָיקע, אָן אָפּגעבראָכענע, פארשטויבטע, מיט טעלעכע איבערגעבליבענע גלעזער, וואָס זיינען געשטאַנען איינגעבאַקן אין פארקאָרעטן שמוץ. אונטער די פיס — א מעשענער שטאַנג מיט שפּיי־קעסטלעך. די סטרייקער זיינען געזעסן אויף הילצערנע לאַנגע בענק, און אויף דער בינע — פּיטער אַליין; א הויכער, שטייפער, פעסט־געבויטער. זיינע האָר — גרוי געמישט מיט שווארצן; דאָס פּנים — א זויערמילך־קריגל; די מאָרדע — אַן אויסגעפיילט שטיק שטאָל, מיט א קארב אינמיטן. קליינע שאַרפע אויגן האָבן געפלוטעוועט, זיינען ארומגעלאָפן אומרואיק און געוואָלט כאפּן די שטימונג פון דעם עולם ארום.

פּאָוליוק איז געזעסן, ווי אַלע, מיט א פּיפּקע אין מויל. א סך פּיפּקעס האָבן זיך געזויגן, אויסגעבלאָזן דעם רויך און פארמישט אים מיט דער

שטויביקייט ארום. ער, ווי אַלע, האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס טוען זיי דאָ? וואָס טוט דאָ פּיטער? וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער סטרייק, געשניטענע שכירות, גריידיס בויאַנעווען, מיט דער יוניאָן, וואָס האָט זיי פאַרטיילט ביכלעך, געשמירט מאַרקעס, געמאָנט געלט און מיט גריידין אין שענטי פאַר־בראַכט? אַלע האָבן געוואַרט אָנגעסופּעוועטע, כמורנע, פאַרטאַיעטע, ניט ווייסנדיק וואוהין די אומגעלומפּערטע אברים אהינצוטאָן, זען וואָס ס׳וועט דאָ זיין...

פּיטער אַליין האָט אָנגעהויבן זיין רעדע:

— ברי־דער!

אַ פיין געוויכט שמייכעלע האָט זיך צעשמאָלצן אינמיטן דעם קאָרב פון זיין אויסגעפּיילטער מאָרדע. אויגן זיינע געוואָרן קלענער, כיטרער און לויפנדיקער. ס׳מויל איז אים אַף שרויפן אַוועק.

ער האָט זיי דערציילט, ווי געטריי, איבערגעגעבן ער אַליין און זיין יוניאָן איז צו זיי. ער האָט זיי גוט אויסגעשייגעצט פאַר זייער אומגעלומפּערטן, אומגעזעצלעכן סטרייק, וואָס קען קיין נוצן ניט ברענגען; געהייסן גיין צוריק צו דער אַרבעט; איבערגעבן אים אַלע זייערע טענות. און צוגעזאָגט, אַז אַלץ וועט אויסגעגליכן ווערן און ס׳וועט שוין זיין גוט.

אָפּגערעדט און אַוועקגעזעצט זיך; געצויגן די פאַלדן פון שטייף־געפּרעסטע הויזן איבער געגלאַנצטע שיך און געגישטערט מיט אַן אויג־ווינקל דעם עולם אַרום.

אַף די בענק האָט עס אויפגעריסן; פריער פאַרשטיקט, נאָכדעם הייזעריק, טומלדיק, פונקט — דער צימער־שטויב איז געוואָרן פולווער און עמיצער האָט עס אונטערגעצונדן מיט אַ פונק פון אַ טשמאָקענדיקער פּיפּקע פונקט דעמאָלט, ווען פּיטער האָט פאַרענדיקט זיין „ספּיטש”.

— וואָס ברייעט ער, דער חכמל? צו דער אַרבעט הייסט ער צוריקגיין?

— פּוכנען פון הונגער!

— גריידין פאַלן צו די פיס; דערלאַנגען אים אַ מעדאַלטשיק און אָפּדאַנקען: „גוט געטאָן, מיסטער גריידי! אַטאַבאָי...”

דער קורצער איטאַליענער, מיט די אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס און גע־דיכטע שווייגנדיקע אויגן, וועמען גריידי האָט נעכטן געטרייסלט, איז צווישן דעם עולם צעקאָכט געוואָרן און צאַפּלענדיק מיט די הענט און קאָפּ און גאַנצן גוף האָט ער זיך מיט איינגעשטשעמעטע קולאַקעס אָפּגעריסן און געלאָזן זיך צו דער בינע:

— ביטש! ביטש! ביטש! פאַרקויפן ווילסטו אונדז! הענט און פיס בינדן! מיר ווילן ניט! אַרויס!

רויע הענט אין גראָבע לײמיקע ארבל האָבן אים געפּרואווט אָפּשלעפּן און ניט געקענט. ער האָט זיך געריסן און אַף אַ צעזאָטענעם גאָרגל־קול אויסגעווינטיקט:

— ארויס! אַ־ר־ר־ויס!...

צווישן די קולות האָט זיך ארויפגעהויבן אינדערהייך פּאוואָליוקס האַנט; אימפּעטיק און גאָר ניט־ווילנדיק. אַ מאָדנע האַנט: הויט גרויע, צעשטשער־בעטע און צוויי פינגער פּאָן דער זייט:

— פּיטער! אַ וואָרט! זאָגן עפּעס וויל איך...

אין קאָפּ באַ אים איז דער געדאַנק נאָך ניט פארטיק געווען, אָבער ער האָט ארויסגעבראָכט פון האַרצן; געדיכטער פייל־שטויב, וואָס האָט זיך אַף רויט אָנגעגליט און געשפּאַרט איצט ארויס.

פּיטער, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן רואיק, שמייכלענדיק, שווימענדיק מיט די קליינע שאַרפע אייגלעך איבער דעם טומל, וואָס ער האָט פאַרקאָכט, איז פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען און מיט אַ ווילדן רשעותדיקן בליק איינגעביסן זיך אין פּאוואָליוקן. ער האָט זיך צעפּאָכעט מיט געזונטע דלאָניעס און זיין קארק האָט זיך אָפּגעגאָסן מיט אַ זודיקייט, געוואָרן צונטער־רויט:

— שטיל זאָל ווערן! איך, פּיטער, הייס...

— צוריק צו דער ארבעט! כ׳באַפעל...

— רויטע האָבן זיך אַהער פאַרנאַדיעט! מיר׳ן זיי אָנלערנען! מיר...

אין טומל האָט ער ניט געקענט פאַרענדיקן. דער עולם, וויגנדיק מיט אומגעלומפּערטע צעשטשערבעטע הענט, האָט זיך געשפּאַרט און געשריען; פּאוואָליוק מיט זיי.

אַפן גאַס איז געשטאַנען אַ מיידל, אַ מילכיק פּנים, מיט ראָזעווע פלעקן אַף דער ווייסער הויט; אויגן גרויע, גרויסע, מיניענדיקע. זי האָט געשפּאַרט אין די צעשטשערבעטע פינגער ווייסע בלעטלעך און שטיל צוגעשושקעט:

— לייען עס, חבר; ס׳איז פאַר דיר...

אין די פּאַפּירלעך האָט מען קוים אליין, אָדער מיט דער הילף פון קינדער, ארויסגעלייענט:

— חברים! לאָזט זיך ניט פאַרראַטן! האַלט זיך; שטייט צוזאַמען! קעמפט!...

:: :: ::

עלא איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל צוזאַמען מיטן סטרייק. קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען. אַ פרעמד, ניט־היאיק מיידל, אַנגעטאָן אין אַ רימענער קורטקע, בלאָנדע אינגלשע שקאָצעוואַטע האָר אַפן קאָפּ, ווי

גלעקלעך, א יונגע, א רירעווודיקע, האָט זי זיך אויסגעמישט מיט די סטרייקער; פון אויער צו אויער האָט זי געטראָגן אַ נייעם אָנזאָג:

— פּייט, חבר! פּייט! אַלע אינאיינעם...

דער עולם האָט אַפריער געקוקט אָפּן מיידל מיט לייכטזין, מיט אַ פּאַר־טאַיעטן חשד אונטער שווערע ברעמען: וואָס טוט זי דאָ, די קליינע? ווי קומט זי צו אַזעלכע זאַכן? ביסלעכווייז האָט מען זיך צו איר צוגעוואוינט. די „קליינע" איז אַריבערגעשפּרונגען גלייך צו זיי, אין זייער לעבן אַריין. זי האָט געפירט, געעצהט, אַרויסגעהאָלפן און אויפגעקלערט; ווי אַ מאַמע איז זי געווען צו די גרויסע אומגעלומפּערטע מענטשן, וועלכע זיינען אַריינ־געשפּרונגען אין אַ זודיקן קעסל און געפילט זיך צייטנווייז פאַרלאָרן און אומבאַהאָלפן; אַ קליינע מאַמע, וועלכע פלעגט אָפט אויפגעקאָכט ווערן, מיניען מיט גרויסע גרוי־גרינלעכע אויגן און קלאַפּן מיט פויסטל אַף פויסט:

— פּייט, חברים! פּייט...

אין דער שטעטלדיקער צייטונג האָט מען וועגן איר אָנגעהויבן שרייבן. דער „סענטינעל" האָט אָפּגעדרוקט איר בילד, מיט די שקאָצעוואַטע שטרוי־האָר, מיט דער אויפגעהויבענער פויסט און באַקעפּלט עס: „די רויטע עלאַ". בירגער האָבן געקוקט, געשמוצערט מיט די ליפּן, און אויגן זיינען געוואָרן שפּיציק, בייסיק. פּאָליציי האָט זי געזוכט, פאַרדעכטיקע פערזאָנען האָבן זיך אַף איר נאָכגעפרעגט. פּאַווליוק האָט זי אַריינגענומען צו זיך אין שענטי, אָפּגעטראָטן פאַר איר מיט מאַשען דאָס בעט און אַליין אָפּן דיל זיך געלייגט שלאָפן.

דער סטרייק האָט זיך פאַרצויגן. אין די שענטיס האָט אויסגעפעלט עסן. אַף די פּאַרענטשעס איז געהאַנגען וועש, אויסגעשטיקט מיט לעבער. מ'האָט געוואָרעמט „קען"־בעבלעך און קינדער האָבן עס געגנאַשט ווי זיסע ראָזשינקעס. מאַשען, צוזאַמען מיטן גאַסט, איז אָבער געווען ניט שווער: זי האָט אַפילו איר מאָנענדיקן „ביי גאַד" פאַרגעסן. מאַשע זעט: די, עלאַ, איז ניט אַזאַ ווי אַלע; זיי האָבן שוין פאַרזוכט סטרייקס און ווייסן דעם טעם פון ליידן. פּאַווליוק האָט דאָך די גאַנצע צייט געאַרבעט מיט מעטאַלן און שטיינער; אָבער קיינמאָל נאָך איז ניט געקומען אַזאַ ווי עלאַ, איינגעקלעפּט זיך און באַהעפט, גענומען אַף זיך דעם יאָך פון מענער, פרויען און קינדער, אָפּגעגעבן זיך מיט דער נשמה אינגאַנצן, אינגאַנצן...

זיי זיצן אין שענטי און עסן די אָנגעוואָרעמטע בעבלעך. עלאַ דערציילט. אירע גרין־גרויע מיניענדיקע אויגן רוען זיך אַף און ווינקען:

זי איז שוין אַף אַ סך פּראָנטן אויסגעווען; צווישן טעקסטיל־אַרבעטער, אַרבעטער פון וואָל, זיידנס, בוימוואָל און קוילן. סטרייקס זיינען אומעטום

געווען פאַרביסענע, באַסעס האָבן אויסגעהונגערט, אַרויסגעוואָרפן פון די דירות, אַרעסטירט, צעשלאָגן, געשאָסן. אומעטום רירט זיך. אַרבעטער קעמפן, ווייב און קינדער האָבן מיט זיי אחדות געשלאָסן; ס'קומען אָן נייע ציַיטן...
נאָך דערציילט עלאַ:

— אָט דער סטרייק און דער סטרייק פון אַרבעטער איבערן גאַנצן לאַנד איז איינער. באַלעבאַטישע פאַרביסנקייט אומעטום איז אויך די זעלביקע. עס קעמפט אַ וועלט אַנטקעגן אַ וועלט...

זי פאַרשפּילט זיך דערווייל מיט אַ פלאַקסענעם קעפּל פון אַ ראַכיטנעם קינד, פאַרגרייזלט זיינע האָר און רעדט מאַמעדיק:

— אָט די וועלן אויפוואַקסן, דערזען די נייע וועלט...

וועגן זיך דערציילט עלאַ גאָרנישט.

זי דערציילט ניט, אַז זי איז אויסגעוואַקסן אין ניו יאָרק בּאַ אַ טאַטן אַ שניידער. אַז דער טאַטע איז יונגער געווען איז ער געלאָפן צו אַרבעטער־מיטינגען און די מאַמע האָט פּרייטיק פאַרנאַכט געצונדן שבת־ליכט. נאָכדעם איז דער טאַטע געוואָרן אַ קרעמער און די מאַמע האָט אירע פאַרשמאָלצענע פינגער אויסגעפּוצט מיט בריליאַנטן. עלאַ (אָדער עלקע, ווי די מאַמע האָט זי גערופן) איז אָבער פאַרבליבן אַ טאָכטער פון מאַנענדיקן אונטערדריקטן שניידער. זי איז געוואָרן אַ קאָמוניסטקע. די עלטערן האָבן זי געטריבן פון דער היים, לערער האָבן זי אויסגעשלאָסן פון דער שול; אין שעפּער האָבן באַלעבאַטים זי געוואָרפן פון דער אַרבעט. אָן עקשנותדיקע איז עלאַ געווען; זי איז דער אָנקומענדיקער נייער וועלט געלאָפן אַנטקעגן. בּאַ איר אין צימערל, אין ניו יאָרק, וואַלגערן זיך נאָך די ביכער פון אָסקאַר ווײַלד, פּאָ, וויטמאַן, קאַבעל און אַנדערע — ניט־נוציקע, פאַרשטויבטע, פאַרשעמטע. זי איז פון זיי איין צייט פאַרכאַפּט געוואָרן. איצט זעען זיי איר אויס איבעריק, פאַר־שפּיצט, דומפּיק, אַ קול פון קבר.

ס'באַאומרואיקן זי אַנדערע אינטערעסן:

דער סטרייק פאַרציט זיך; „געקענטע" בעבלעך פעלן שוין אויס. שוואַכערע רייסן זיך צו דער אַרבעט. אין די שענטים שטופּן פרויען הונ־געריקע, אויסגעבליכטע קינדער צו איר. אומרואיקייט וואַקסט אין איר האַרצן:

די חברים פון „צענטער" רופן זיך ניט אָפּ געגנוג. הילף פעלט. פאַרוואָס שווייגן זיי?...

און צייטנווייז באַדערנאַכט, שלאָפנדיק מיט מאַשען אין איין בעט, קומט איר אָפּן געדאַנק אַרויף, אַז ס'איז מעגלעך, אַז אָט די מענטשן, נאָך לאַנגן קאַמף, אָפּקומעניש און הונגער, וועלן אפשר פאַרלירן. עס האָט שוין אַזוי

ניט איינמאָל געטראָפֿן אַף די „פּראָנטן", אין וועלכע זי האָט אָנטייל גענומען. עלאַ ווייסט, אַז אָט דער „פּראָנט" איז בלויז אַ ווינקעלע פֿון אַ גאַנצן, און וואָס ס'זאָל ניט זיין מיטן טייל, וועט דאָס גאַנצע דערפֿון געווינען. אָבער פֿאַרשטעלנדיק זיך פֿאַווליוקן, מאַשען, און אַ סך אַנדערע געבויגטע, באַזיגטע, פֿאַרביסענע, פֿאַרשטשעמעט זיך דאָס האַרץ ענג בא עלאַן און ציינער בייסן שטייף אין די אייגענע ליפּן...

אינדערפֿרי — ווייטער אַ טאָג אַרבעט: פֿאַרזאַמלונג, פּיקעטס, הונגער, אַרויסגעזעצטע, שוואַכע, אָפּגעשטאַנענע. שקאָצעוואַטע שטרוי־האָר שאָקלען זיך ווי די גלעקלעך און פֿויסט קלאַפּט אָן פֿויסט:

— חברים, שטייט צוזאַמען! לאָזט זיך ניט פֿאַרראַטן! ליידט! האַלט זיך! פּייט! פּייט! פּייט!...

:: :: ::

אַ גאַנצן טאָג איז עלאַ געווען פֿאַרנומען.

באַרטאָלאָמעאָן האָט מען אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דער דירה. אַ קאָמאָד, וועגנטלעך פֿון אַ בעט, אַ וויין־פֿלאַש געפֿלאָכטן אין שטרוי, שמאַטעס געבונדן אין פּעקלעך, האָבן זיך געוואַלגערט אין גאַס, לעבן אַ טראָטואַר. אָפּן חורבן איז געזעסן באַרטאָלאָמעאָס ווייב, אַנדזשעלינאַ, אַ גרוי־האָריקע, גרוי־הויטיקע פֿרוי, מיט קלעצערדיקע פֿיס, צעעסן פֿון רומאַטעס. צוזאַמען מיט איר האָט געהיט זייער איינציקער פֿריינט, אַן אַלטער, בייזער, געל־האָריקער הונט, וועלכער האָט אַרויסגעשטעקט די צונג און געשטשירעט מיט די ציינער.

די אַלטע האָט געשוויגן; נאָר אירע אויגן — גרויסע, גרויע, אויסגעזעצט מיט פֿינטעלעך, ווי וויינטרויבן־קערנער — האָבן געשאָלטן.

באַרטאָלאָמעאָ און זיין ווייב זיינען ביידע עלטערע מענטשן, געוואוינט צו אַ שטילן פֿאַרהאָרעוועטן לעבן, פֿאַרזופּט מיט אַ גלאָז זויערן וויין, פֿאַרביסן מיט אַ שטיק ביטערן קעז. דער סטרייק האָט זיי אַראָפּגעשלאָגן פֿון וועג. אַף עלאַן האָבן זיי פֿון ערשטנס פֿאַריבל געהאַט: „געקומען צעטומלען, אָנרייצן און אַנטלויפֿן, ווי אַ פֿייגעלע." דער הונט, וועלכער האָט עלאַן אויפֿגענומען און צוגעלאַשטשעט זיך צו איר, האָט צווישן די צדדים שלום געמאַכט...

אַלע דריי קוקן אַף איר מיט געטרייע, איבערגעגעבענע ליידנדיקע אויגן, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס פֿון שענטי האָט מען אַרויסגעוואָרפֿן, אין די ביינער בייסט און קיין עסן איז ניטאָ...

עלאַ האָט איבער דער אַרויסגעוואָרפֿענער קופּע געבאַלעבאַטעוועט.

— די זאַכן צו מאָלן אין „באַרן". דאָס פּאָר־פֿאָלק דערווייל צו דזשענקסן

אין דירה. איין משפחה. די זעלביקע שענטי אומעטום.

געגומען די אלטע אונטער דער האנט. דער הונט איז נאכגעלאפן און צו־פרידן געטרייסלט דעם עק. גרויע אלטע אויגן, געפינטלט מיט וויינטרויבן־קערלעך, האבן צום מיידל צוגעוואונקען, גוטמוטיק געזאגט:

— ס'מאכט ניט, ס'מאכט ניט... זאלן זיי! ס'איז טאקע, ווי דו זאגסט: די זעלביקע שענטי אומעטום...

נאכדעם באדערנאכט איז געווען א טאנץ־פארטי בא פאווליוקן אין שטוב. דאס האט עלא צוגעטראכט. אויפמונטערן, הייבן די שטימונג באם אויסגע־הונגערטן עולם, פארטרייבן די שווערקייט פון זיך.

ס'האבן זיך צונויפגעקליבן סטרייקער, מיט ווייב און קינד. בארטאלא־מעא מיט א גיטאר, פאווליוק מיט א באבאלאיקע, נאך איינער מיט א מאנדאלינע. מאשע איז ארומגעלאפן צווישן די געסט, ווי א פארהאוועטע דארף־מחותנתטע.

פיפקעס האבן ארויסגעבלאזן א שווערן שטיקנדיקן רויך. פאס־קולות האבן געהודזשעט, אומגעלומפערטע פיס האבן זיך געשארט איבערן דיל, ווי ס'וואלט זיי געפעלט נאך עפעס: א דריטער פוס, א גראב־אייזן, אדער א לאפעטע. עלאס שקאצעוואטע האר האבן זיך געוויגט, ווי ווילדע גלעקלעך.

זי האט אנגעכאפט איינעם פון די געסט, א קורצן, דיקן, אפגעקראכן־ליימיקן, מיט א פראסטן פארשעמטן פנים, געטאנצט, געטופעט, אז דער דיל האט געקרעכצט אונטער די פיס.

— בראווא! אט אזוי! אזוי! אונדזערע, די קליינע! קוקט...

מאנדאלינע, גיטאר און באלאלאיקע האבן לעבעדיק צוגעדרימטשקעט. שענטי־וועגט זיינען אוועק אין א קאראהאד.

נאכדעם מיטן יונגווארג פארפירט א געזאנג:

— הייל, הייל, פאר ווי אר קאמינג!

יוניאן מען בי סטראנג. . . .

עולם האט עס אונטערגעכאפט; מיט פארביסענע פיפקעס, מיט לאנגע שווינגענדיקע הענט. שענטי־לופט האט זיך צעוויגט:

— יוניאן מען בי ס־ט־רא־א־נ־ג!...

אין עקסטאז האט זיך עלא ארויפגעכאפט אף א שטול. גרוי־גרינע אויגן האבן זיך שוועבלדיק צעמיניעט. רויטע פלעקן האבן געברענט אפן מילכיקן געזיכט:

— פאר אונדזער סטרייק!

— פאר אלע ארבעטער אף דער וועלט!

— פייט, חברים! פייט! אלע אינאיינעם!

פאַרשוויצטע פענצטער האָבן זיך געוואונדערט...

:: :: ::

טעלעפאָן אין טשיף לירים אָפיס האָט געקלונגען. סלאַווינסקי איז געשפרונגען פון דער הויט:

— גראָב־אייזנס זיינען ווילד געוואָרן. ווילן צוריק ניט קומען אָפן דזשאָב. קאָנטראַקט־אַרבעט שלאָפט.

לירי האָט צוגעבאָמקעט:

— יע, מאַי באָי! כ'האָב געהערט. כ'ווייס; אַלץ וועט זיין: פּראָטעקשאָן, פּאָלים... גאָו אהעד...

ווי א פּאַרטאַיעטע, פאַרוואונדיקטע חיה האָט זיך שליאַך פלוצלונג אויפגעכאַפּט און א ריר געטאָן. ערד־קופּעס האָבן זיך צעקאָפּאָשעט, ס'האָט מיט דאַמף א סוויסטשע געגעבן דער שטיין־מאָלער, דער קאָנקריט־מישער. ס'האָט א שמעק געטאָן אָפן פעלד מיט געפּרעגלטן פעך און טשאַד. גריידי האָט צוריק אויפגעלעבט, אָוועקגעשפּאַצירט פון זיין שענטי, די הענט אין די טאַשן.

סלאַווינסקי האָט דורך אַן אַגענטור באַשטעלט און אַראָפּגעבראַכט סטרייק־ברעכער. פּאָליציי און דעטעקטיווס האָבן זיי געהיט.

אָנגעסופּעוועטע, כמורנע זיינען די סטרייקער פון דער זייט געשטאַנען; אָף ביינערדיקע אויסגעצויגענע פּנימער — שווערקייט און צעמישונג:

— וואָס הייסט? צוגענומען אונדזער ברויט און האָרעוואַניע.

פּאָליציי האָט צעטריבן:

— קלייבן זיך איז ניט דערלויבט. ס'איז „פּרייוועט פּראָפּערטי". פאַרנעמט זיך פון דאַנען!

אָנגעסופּעוועטע פּנימער האָבן נאָך אַלץ ניט געקענט פאַרשטיין:

— וואָס הייסט? אונדזער ברויט האָט מען צוגענומען. און מיר — שוויגן?

ווי א צעוואונדיקטער בער האָט איינער אויסגעקרעכצט:

— ביטשעס!

און אַלע האָבן אָפּגעענטפערט. איין בייזער ברום האָט זיך דורכגעטראָגן:

— הינט! סקעבס! ביטשעס!

פּאָליצייאישע פלעקלעך האָבן זיך בייז צעוויגט, געטריבן דעם עולם:

— סקעדו! פאַרנעמט זיך!

— מענטשן אַרבעטן! מ'טאָר זיי ניט שטערן!

מ'האָט דעם עולם אָפּגעשטויסן. אין די ווינקלעך איז געוואָרן א טומל. א רויט־פּנימדיקער „קאָפּ", מיט אַן אָנגעפּוזעטן ווייבערשן בויך, האָט פּאָור ליוקן געשטופּט, ווי א טייג, און ער האָט זיך געווערט, פאַרלייגט זיין אָנ־

פינגערדיקע האַנט אַפּן בלישטשענדיקן בלעכל און זיך צוריק אָפּגעשטופּט.

דער עולם איז אָפּגעטראָטן, געקנוילט זיך אַף צוריק און באַלד ווייטער אַרויסגעשפּאַרט.

קיינער האָט ניט געקענט גיין אַהיים, זעענדיק ווי אַ מוראַשניק האָט זיך צעליינגט אַף זייער שליאַך, צעריעט און צעהאַוועט זיך, און זיי — אויסגעשפּיגענע, איבעריקע און הונגעריקע איבערגעלאָזן. צאָרן האָט זיך אויפגעבורעט און הענט האָבן זיך געביינערט אין פויסטן:

— אָר־הור־ו! סקעבס!

— טכוירן עיפּושדיקע!

— וואַרט נאָך! אויסרויכערן וועלן מיר אייך פון דאַנען!

דער טאָג איז געווען אַ שיינער, אַ ליכטיקער. פייגעלעך אינדערלופט האָבן זיך אין שאַרעס אַרומגעקרייזלט. די זון האָט זיך לאַנגזאַם געריקט און היפּערדיק געזילבערט זאַמד־קופּע נאָך קופּע; אַרויפגעקריינדלט זיך אַפּן שוואַרצן פאַרפּעכיקטן קוימען פון שטיין־מאַלער, אויסגעמישט זיך מיטן פאַרקנאָטענעם קאָנקריט אין אויסגעמישטע מולטערס, אָפּגעצאַצקעט די גראָבאייזן־הענטלעך אין פינגער פון סקעבס, אַ שפּיל געטאָן זיך מיט דאַך און פענצטער פון גריידים שענטי. זי האָט זיך געהנדלט צו אַלץ און אַלעמען, און ס'האָט איר ניט אויסגעמאַכט: שפּילן זיך, אַבי מיט וועמען...

צוועלף אַזייגער האָט זיך זון אינמיטן הימל אַוועקגעשטעלט. סקעבס האָבן אַוועקגעליינגט די אַרבעט און געזעצט זיך אין אַ קופּע עסן.

דאָס האָט די סטרייקער מיט פרישן ברען אָנגעצונדן. מיילער האָבן זיך ברייט אויפגעריסן, געברומט און געשריען:

— קוקט! זיי פרעסן...

— אונדזער ברויט!

— ס'ברויט פון אונדזערע ווייב און קינדער!

— וועלף ציינערדיקע! הינט פאַרקויפטע! דערוואָרגן זאָלט איר ווערן!

— און מיר שווייגן?...

— טאַקע! וואָס שווייגן מיר? קומט! אַף זאַמד זיי צעטראָגן...

עולם האָט זיך אַ גאָס געטאָן. איינער האָט זיך פּלוצלונג איינגעבויגן, אויפגעהויבן אַ שטיין און מיט אומגעלומפּערטן, בייזן, צעווילדעוועטן כח אין דער קופּע עסערס אַריינגעשלידערט...

דער שטיין האָט אויפגעריסן, פּונקט ווי ער וואָלט פונעם בלוט פון הארצן פונעם גאַנצן צערייצטן, צערודערטן עולם אַרויסגעפּלאַצט. ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין רעכענונג וואָס זיי טוען, האָבן זיך פאַנאַנדערגעהוליעט

הענט, פינגער, רוקנס און לענדן; געבויגן זיך, געריסן שטיינער פון דער
ערד, פאַרמאַסטן זיך און געשליידערט. עס האָט אויסגעפעלט אָטעם, האָט
ער זיך געשטיקט פון פאַרשטשעמעטע הערצער, ווי פאַרשטיקטע זודיקע פאַרע.
אָטעמס האָבן זיך אויסגעמישט, געפייפט איבערן פעלד אין אַ ברומענדיקן,
צעצויגענעם האַ־אַ־אַך. נאָר די פייגעלעך איבערן קאָפּ האָבן, ווי געוויינלעך,
אַרומגעקרייזלט זיך און געפלאַטערט.

צוגעגרייטע פּאָליציי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַפן קנויליקן עולם.
זייערע פלעקער האָבן זיך צעשפּילט איבער קעפּ, צעהיצטע שטערנס, רוקנס
און לענדן. פערד־פּאַדקאָוועס האָבן זיך צעטאַנצט און אַוועקגעטראָטן איבער
קערפּערס, וועלכע האָבן זייער גלייכגעוויכט ניט אויסגעהאַלטן און געקראָכן
שלאַנגענדיק־צעוויקלטע איבער דער ערד. שטויב האָט זיך פאַנאַנדערגעזייפּט,
איבערגעצויגן זיך ווי אַ טוך, דורך וועלכן עס האָט זיך דורכגעזיכט בלוט, צע־
צאַפּלטע אברים, בלויע אוניפאָרמען, רשעותדיקע פּנימער, אַ גרויסער צע־
זאָטענער קנויל, וואָס האָט זיך איבערגעקניפּט מיט הענט און מיט פיס און
געשליידערט זיך מיט אַ צוואַוויג אַהין און צוריק.

דער עולם האָט אָנגעהויבן צעקריכן: איבער דער שפּאַרנדיקער מאַסע
האָט זיך אויפגעהויבן איינער: פּאַווליוק האָט געזוכט אַן אָנהאַלט: הענט,
אַקסלען, אַף וועלכע אַרויפצוקלעטערן, אַוועקשטעלן זיך און קירעווען דעם
עולם צוריק...

ער האָט געפּאָכעט מיט צוויי פינגער־סוקעס, ווי מיט גראַבליעס, געריסן
דעם טומל מיט זיין האַלדז:

— ברי־דער! וואוי־קע־ערם!...

און מיט די פיענעס אַ שטאָך געגעבן אין דער ריכטונג פונעם פיינטלעכן
מוראַשניק. מ׳האָט זיך אַף אים אַרויפגעוואָרפן, ער האָט עס ניט געפילט;
מ׳האָט אים דערלאַנגט מיט אַ דובינע, ער האָט זיך מיט דער האַנט, ווי פון
אַ פליג, אָפּגעפּאָכעט. אייזערנע פינגער האָבן אים געשלעפּט, געריסן אַף פּאַסן
זיין צעליימיקטן אַרבל, זיין קאַלנער. אַ באַגייסטערונג, ווי אויסגעשמאָלצן
פון אייזן, מעש, אָדער אַנדערן גליאיקן מעטאַל, האָט אַרויסגעשפּאַרט פון
אים, צעפלאַמט דעם פּנים און פאַנאַנדערגעפּאָכעט די סוקעוואַטע פינגער:

— וואוי־קע־ערם! ק־אַ־מ־ר־אַ־ד־ם!

הענט האָבן אים געשטופּט צו אַ פּאָליציי־אַטאָמאָביל; אַנדערע הענט,
ביינערדיקע, אָדערדיקע, האָבן אים צוריק געריסן.

געקומען צו זיך איז פּאַווליוק אין אַ פאַרגראַטעוועטן אַטאָמאָביל־שטייג,
וואָס האָט זיך קלינגלדיק געטראָגן איבערן שאָסיי. ער האָט געווישט מיטן
אַרבל בלוט און שוויים, וואָס האָבן זיך אינאיינעם צונויפגעקאָמעוועט אַפן

ברענענדיקן פּנים. פאַרלאָפענע בלויע אויגן זיינען נאָך געווען דאָרטן, וואו ס'איז ניט לאַנג געווען דאָס געשלעג...

:: :: ::

אין אַ שעה אַרום זיינען שוין איינגלעך אַרומגעלאָפן איבער די שטעטל־דיקע גאַסן און אויסגעשריען הויך די נייַס פון זייער „סענטינעל".

— אָר־הו, עקסטרע! אַ רויטער ראַיאָט!

— פּאָליציי צעטרייבט אַ מאָב אויסלענדער, וועלכער האָט זיך געוואָרפן אַף זיי מיט שטיינער!

— טויטע און פאַרוואונדעטע! דער „לידער" איז אַרעסטירט!

— דער אַרעסטירטער — אַ רוסישער באָלשעוויק!

שפּעטער זיינען שוין איבער די גאַסן פון טויזנטער שטעט אין די שטאַטן אַרומגעלאָפן קינדער און צעשריען פון צייטונגען די נייַס:

— רויטע אויסלענדער אין אַ ראַיאָט! טויטע און פאַרוואונדעטע!

פּאַוליוקס בילד האָט באַצירט די צייטונגען, ווי ער קלעטערט אַף אַקסלען און פּאָכעט מיט דער צעקאַליעטשעטער האַנט.

ער אַליין איז געזעסן פאַרגראַטעוועט אין אַ צעל, אַ פאַרבאַנדאַזשירטער אין לייוונט, מיט צונויפגעשטשאָבעטע שטעך פון צעפּליקטן פליש. די וואונדן האָבן געשמאַרצט; די אויגן זיינען געווען פאַרלאָפענע; דורך אַ צעבלוטיקטן שלייער האָט ער דערקענט זיין צעל־חבר, דעם באַוואָנצלטן איטאַליענער, מיט די שטייענדיקע, געדיכטע איילבערט־אויגן, וועמען גריידי האָט אַמאָל געטרייסלט. איצט האָט זיך זיין גאַנצע פיגור געוויגט פאַר פּאַוו־ליוקס צעשלאָגענע אויגן און זיינע ציינער האָבן זיך געוויזן, גרויסע, שמייכלענדיקע, פאַרוואונדעטע און צעשראָקענע. ער האָט פּאַוליוקן געפרעגט:

— ס'טוט וויי, קאַמעראַד?

פּאַוליוק האָט גאָרנישט ניט געענטפערט; איינגעהערט זיך אין לייוונט, צו איבערצייגן זיך, אויב ס'טוט אַף אַן אמת וויי.

דער צעל־חבר האָט דערציילט:

— די ביטשעס! ווי וועלף האָבן זיי געריסן. אַוועקגעשלעפּט אונדז אין אַ וועלדל, געקלאַפּט מיט די קלאָבס איבערן קאָפּ, אָט אַזוי, אָ־ט אַ־זוי...

אויסגעשטשירעט די אומגעלומפּערטע ווייסע ציינער, פאַרמאָסטן זיך מיט דער שווערער האַנט איבער דער פוסטער לופט און געהאַקט אַרויף און אַראָפּ.

פּאַוליוק האָט זיך צוגעהערט; אַ צווייענדיקער איז צו אים דער קול דערגאַנגען. אַלץ פאַר די אויגן איז אים צווייענדיק געווען. איין קול באַסעוועט און דער צווייטער זשומעט אים נאָך.

אין גערדיכטע איילבערט־אויגן האָט אַ גרינער פֿינקל געברענט. מיט צע־
הוליעטע טאַנצנדיקע הענט האָט ער געשעטקעוועט די לופֿט.

— זיי האָבן געשאָסן אין עולם. באַרטאָלאָמעאָן דערשאָסן אַף טויט.
אַ שאָד! אַ מענטש געווען אַ גוטער, אַ האָרעפּאַשנער. אָפּגעאַרבעט מיטן
גראָב־אייזן דאָס גאַנצע לעבן. אַ רחמנות אַף דער אַלטער זיינער: איבער־
געבליבן אַ צעשטשערבעטער, צעפּלאַצטער טאָפּ, אָן אַ ביסן ברויט; אָט אַזוי...

פֿאַנאַנדערגעפֿירט מיט די גרויסע הענט איבער דער פֿוסטער לופֿט און
צוגעפּאַטשט מיט דער אויבערשטער זייט דלאָניע אַף אַראָפּ.

מיטאַמאַל איז זיין קול קוויטשיק געוואָרן. אינעווייניק האָט זיך עפּעס
אָפּגעריסן; צערייצטער איינגעקלעפּטער סם האָט מיטאַמאָל געפּלאַצט:

—ביטשעס! אָנגעזועצט זיך אַפֿן פּראָסטן אַרבעטנדיקן מענטשן, ווי די
פּיאַווקעס, און מ'טרינקט זיין בלוט. אויס־שיסן דאַרף מען זיי!...

דער קוויטש איז אין פֿאַווליוקס אויערן אויך אַ צווייענדיקער געווען;
אַלץ איז אים געווען צווייענדיק; אַלץ האָט זיך איבערגעמישט: אָט איז
ער דאָ און באַלד איז גאָר ניט דאָ.

אָט איז ער גאָר ניט אין צעל, נאָר אין אייזן־פֿאַבריק, באַם שמעלץ־אויוון.
ס'פּנים סמאַליעט פֿון היץ, אַזש ס'פּליעש שרפֿהט. ער כאַפּט אַרויס מיט אַן
אָפּצוועגנע אַ שטיק אָנגעגליטן אייזן און רוקט אים אַריין אין אַ מאַשין,
צווישן צוויי שטאָל־בולוואַנקעס. אייזן שיפּעט, שפּריצט מיט גאָלד־שפּרינק־
לעך, קנאַקט אונטער און פּלאַכט זיך אויס, ווי אַ טייג. ער רוקט אים אַלץ
טיפֿער, טיפֿער צווישן די בולוואַנקעס. און מיטאַמאָל, פּלוצלונג, גיט עס אים
אַ ברען און אַ שטאָך, ווי אַן אָפּגעטשערפּעט שטיק גלאָז וואָלט אינעווייניק
דורך אים דורכגעשאָסן און אַריינגעשפּרונגען טיף אין הארצן אַריין. ס'טוט
אַ קלאַפּ אין קאָפּ אַ ריח פֿון געטריקנטער הויט און געוויאַנדזלטן פֿלייש.
אָפּצוועגנע לאָזט אָפּ, פֿאַלט אַרויס פֿון דער האַנט...

מ'גיסט אַף אים עמערס קאַלט וואַסער; ער טשובעט זיך און רעדט פֿאַר־
חלשט צו זיין חבר, דעם איטאַליענער:

— פּיאַווקעס, האָסטו געזאָגט? אַפֿן פּראָסטן אַרבעטנדיקן מענטשן?
ריכטיק טאַקע! אָט אַזוי! אַ־זוי...

נאָכדעם, שפּעטער אַ ווײַלע, איז ער שוין אין דער מעשענער שטאָט.
ער איז אַ „סטעמפּער”, אָט דאָס איז זיין „דזשאָב”: צונויפֿגעדריקט צוויי
פֿליגלען פֿון אַ שטאַלענער מאַשינע, אינעווייניק ליגט אַ מעשן בלעך, אָנ־
געקוועטשט מיט כוח, צוריק געעפֿנט די פֿליגלען, אינעווייניק איז שוין דאָ
אַ טרויב אויסגערונדיקט, אָנגעבלאָזן, כאָטש שטעל זי אַוועק פֿאַר אַ קוימען
אַף אַ דאַך.

גריידי גייט פארביי, די הענט פארלייגט אין טאשן. ניין, ס'איז גאָר ניט גריידי, נאָר מיסטער מעק. אונטער בלויע אויגן־לאמטערנעס, וואָס „קאַפּס" האָבן אים היינט צוגעשטעלט, מישט זיך אַלץ אויס און פּנימער ווערן פאַר־ביטן. דער מיסטער מעק טראָגט אַף זיין פּנים, וואָס זעט אויס ווי אַ רויטער, שטייפער, קיילעכדיקער עפּל, אַזאַ מינע, וואָס זאָגט געוויינלעך אָן ניט־גוטעס: אָפּגעזאָגטע אַרבעט, געשניטענע שכירות, אָדער עפּעס אַן אנדער אומגליק.

פּאַווליוק צעפּלייסט זיך פּלוצלונג: ער וויל ווייזן מעקן, ס'אַראַ גינציקע פלינקע האַנט ער איז און אַז ס'לוינט זיך ניט זיין ברויט אָנצורירן. פלינגלען עפּענען זיך אָפּ און פּאַטשן צו אַדלעריש. פּלוצלונג, באַץ! אַ פינגער האָט זיך אַריינגעכאַפּט; פּאַבריק, רעדער, וואַלצן, סטעמפּ־מאַשינעס, אַלץ איז אוועק אין אַ קאַראַהאָד טאַנצן. פּאַווליוק, ווי אַ פאַרוואונדיקטע צוויי־פיסיקע חיה, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט קניענדיק אַף דער ערד.

מ'גיסט אַף אים קאַלט וואַסער. ער טשוכעט זיך און רעדט שטיל צו זיין חבר, דעם איטאַליענער:

— אויסשיסן, האָסטו געזאָגט? ביז איינעם? ריכטיק טאַקע! אָט אַזוי...

און אָט זיצט ער גאָר אַף דער ערד און האָקט שטיינער. לעבן אים — איינגעבויגן אַף די שפּיץ־פינגער — פּעטקאַ, זיינער אַ ווייס־רוסישער לאַנדס־מאַן. אַ מאָדנער בחור, אָט־דער פּעטקאַ, אַ קלאָגעדיקער. אַז ער רעדט, שאָקלט ער זיך, זינגט־צו מיט אַ בוימל־קולכל, ווי אַ תהילים־זאָגער: עך—מאַ! צו וואָס זיך דערלעבט! אין אַמעריטשקע אוועקגעשלעפּט זיך, דעם קאָפּ דאָ אוועקצולייגן; כ'וואָלט אינדערהיים פאַרבליבן און אַ „כלעבאָראָב" געווען, מיט אַן אייגענער קו, פערדל, אַן אייגענע באַלעבאַטישקייט. דאָ — וואָס? אַ קאָוואַל אין פעלד..." פּאַווליוק האָט פיינט הערן זיינע טענות; ער ווייסט: פאַר אַ פּראָסטן, אַרבעטנדיקן מענטשן מאַכט ניט אויס. די גאַנצע וועלט איז אים איינס.

זיי אַרבעטן ביידע. פּאַווליוק האַלט מיט ביידע הענט אַ דלאָטע; פּעטקאַ פאַרמעסט זיך מיט אַ גרויסן בוויכיקן האַמער, זעצט אַף דער דלאָטע און שפּריץ־שטיין שפּרינגט אין די אויגן, אין צורה און שטעכט זיי, ווי געגליווער־טער גלאָזיקער שניי. פּלוצלונג — האַמער איז אַראָפּגעפאַלן ניט־געלונגען, פון דער זייט דלאָטע, אַפּן אָנגעצווייגענעם פינגער. פּאַווליוק פאַלט, קאַרטשעט זיך פון ווייטיק. עס קוקן אין אים אַריין די גערדיכטע איילבערט־אויגן פון זיין חבר, דעם איטאַליענער, און ער קוויטשעט־אויס גלייך מיט אים:

— בעסטערדס! אָנגעזעצט זיך אַפּן פּראָסטן אַרבעטנדיקן מענטשן, ווי די פּיאַווקעס! אויסשיסן דאַרף מען זיי...

ס'דערמאָנט זיך „די קליינע" עלא, מיט די גרין-גרויע מיניענדיקע אויגן, ווי זי קלאַפּט מיטן פויסטל אָן פויסט:

— פייט, חברים! פייט! פייט! פייט!

עס צעזינגט זיך אין אים אינעווייניק, ווי דעמאָלט אַף דער טאַנץ-פּאַרטי, דאָס ליד, וואָס עלא האָט מיטן יונגווארג פאַרפירט:

— האָלד דהי פּאָרט, פאָר ווי אַר קאַמינג!

יוניאָן מען, בי סטראָנג!

עס העלפן צו מאַנדאָלינעס, גיטאַרעס און באַלאַלאַיקעס; פּיס שאַרן זיך לעבעדיק איבערן דיל. ער קען זיך ניט איינהאַלטן און הייבט אויך אָן צו זינגען דורכן לייוונט-באַנדאַזש. זיין חבר, דער איטאַליענער, העלפט אים צו:

— יו-ניאָן מען בי סטראַ-אַ-אָנג!...

:: :: ::

מ'האָט פּאַוולייוקן אָנגעקלאָגט.

פריער איז עס געווען אַ קלאָגע פון מאָרד: אַז דורך העצער און אויפ-רייצונג האָט ער געבראַכט צום טויט באַרטאָלאָמעאָן און אַנדרעע, און זייער בלוט פאַלט אַף זיין קאָפּ.

דער „סענטינעל" האָט וועגן אים געשריבן. זיין בילד איז געווען גע-פּיטשורט אין דער צייטונג, איצט שוין פאַררוקט אין אַ ווינקל. אינגלעך אין די גאַסן האָבן שוין ניט געשריען וועגן אים.

איינמאָל אין טורמע האָט אים באַזוכט פּיטער אַליין; ער, מיט נאָך איינעם, אין געפּרעסטע ווייסע הויזן, אַ פּנים — געוואַשענער, פאַרפומירטער, אויסגעגלעטער פאַרמעט, מיט צוויי שיטערע, שטעכיקע קאָנאָפּאַליע-וואָנציקעס. אַף אַ דין שנירל האָט זיך געטרייסלט אַ פּאָר גאָלדענע פּענסנע.

דורך דער געדראָטעוועטער רעשעטע האָבן זיך די צוויי מיט אים איבער-גערעדט:

— ליסן, פּאַוולייוק: אַמעריקאַנער „לייבאָר" שטייט מיט דיר. דו ביסט באַגאַנגען אַ נאַרישקייט, זיך געלאָזט פאַרפירן פון דער רויטער „בעסטיע". אָבער מיר'ן דיר מוחל זיין אַלץ...

— שרייב אונטער אַ פּאַפּיר, אַז דו זאָגסט זיך אָפּ פון נאַרישקייטן, אַז דו פאַרלאַנגסט ניט קיינעמס הילף; אַז דו פאַרלאָזסט זיך אינגאַנצן אַף אַמעריקאַן „לייבאָר". ס'וועט שוין זיין גוט...

— ווייב און קינדער וועלן האָבן ברויט, און דו — פּאַרטיידיקונג.

דער, מיט די ווייסע הויזן, האָט פלינק אַרויסגעטשעפּעט אַף דער נאָז די

פענסנע, ארייננעשטעקט א פּאָר קלעשטש־פינגער אין זיין לעדערנעם האַנט־טאַש, ארויסגעשלעפּט פון דאָרטן א פּאַפּירל און עס אנטקעגן דער דראַטענער רעשעטקע געפּאַכעט.

פּאַוליוק האָט זיך איינגעקוקט אין זיינע צוויי באַזוכער: פּיטער מיט דער אויסגעפּיילטער מאָרדע, א גערירשנט פּראָסט ביין, וואָס האָט זיך פון זיין טאַטן־מאַמען אָפּגעטרייסלט; דער ווייס־הויזנדיקער פּריץ, מיטן דינעם שני־רעלע און גאָלדענער פּענסנע. ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט מיט די הענט און זיין פּנים איז געוואָרן גרוי, פאַרשלאָסן:

— וואָס ווילט איר פון מיר? איך וויל ניט, איך וויל ניט, כ'וויל ניט...

ס'האָבן ניט געהאָלפן קיין פּליטער־רייד, אז ער שטעלט זיך, מיט זיין איינגעשפּאַרטקייט, אונטערן שאָטן פון עלעקטרישן שטול; אז ס'איז זיין חוב צו ראַטעווען זיך צוליב זיין ווייב און קינדער. פּאַוליוק האָט זיך פון אַלץ אָפּגעטרייסלט מיט גאַל:

— כ'וויל ניט! כ'וויל ניט! כ'וויל ניט!

זיי זיינען אוועק מיט גאָרנישט.

אז ער איז נאָכדעם געבליבן אַליין, האָט ער א לאַנגע צייט געטראַכט וועגן זייער באַזוך. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר א שייכות האָט פּיטער און זיין אדוואָקאַט צו אים, צום איבעריקן „גענג" ערד־גרעבער. ס'האָט זיך אים מיטאַמאָל דערמאָנט דער גרינער מאָך, וואָס זעצט זיך אָן אָף ביימער, ווערימט זיי, עסט־אויף די קאָרע און זויגט זייער זאַפט. נאָכדעם האָט ער זיך דערמאָנט אין דער קליינער עלאַן און פון אינעווייניק זיך צעשמייכלט. ער האָט, אזוי ווי זי, פאַרשטייפּט א קולאַק, אָבער — זיינעם: א האַרטן, ביינערנעם, האַמעטנעם — און געפּויקט איבער דער לאַדאָניע:

— פּייט! ביזן סוף!...

עלאַ איז שוין אין שטעטל ניט געווען. מאַשע האָט אים פון איר גע־בראַכט דעם לעצטן גרוס; זי האָט נאָך צוגעזאָגט קומען. דערווייל בענקען נאָך איר אַלע: מאַשע, די קינדער, די ארבעטער, וועלכע האָבן געמוזט אונטערגעבן זיך, אַפילו די שענטי־וועננט קוקן־אויס פּוסטער אָן איר. מען דערמאָנט זי מיט א האַרציקן שמייכל:

— די „קליינע"!

— זי מיט איר עולם — איינגאַנצן מיט אונדז!

זי איז ארומגעפּאָרן איבערן לאַנד; אומעטום זיינען פאָרגעקומען פאַר־זאַמלונגען, דעמאָנסטראַציעס; אונטערשריפטן, ווי רוי־געשניצטע לאַפּעטעס, האָבן זיך צעליינט אָף פּראָטעסט־רופן און פּעטיציעס, אומעטום — איין קול:

— מיר ווילן קעמפן קעגן בלוטיקער געלט־גערעכטיקייט!

— פּאָוליוק איז אונדזערער!

— פּאָוליוק וועט ניט שטאַרבן!

די מאָרד־קלאַגע איז זיך פּאַנאַנדערגעפאַלן. די אויספאָרשונג האָט זיך לאַנג־לאַנג געצויגן. מ'האָט אים געמשפּט, ווי אַן איינפאַכן פאַרברעכער...

:: :: ::

אינמיטן טאָג האָבן אין געריכט־הויז צוויי ווייסע עלעקטרישע קײַלעכן זיך אָנגעצונדן. אויף דער וואַנט האָט זיך געפאַלדעוועט אַ געשטרייפטע אַמעריקאַנישע פאָן. צווישן די לאָמפּן און קעגנאיבער דער פאָן, אין אַ שוואַרצן קיטל — דער דזשאָדזש קימל, אַ מיטליאָריקער מאַן, מיט דינע געשניצטע ליפּן, קנייטש־פעלדעלעך אַרום מויל, געדיכטע ברעמען און ציגײַנערישע אויגן. ער איז עס באַשטימט געוואָרן משפּטן פּאָוליוקן.

דזשאָדזש קימל איז אין שטעטל געוועזן זייער באַרימט. זיין טאַטע איז געוועזן דער אייגנטימער פונעם גרעסטן דעפּאַרטמענט־געשעפט און באַשעפטיקט הונדערטער מיידלעך. אַרויסגייענדיק פון סקול איז אַ מיידל, געווייגלעך, געגאַנגען זוכן אַ „דזשאָב" באַ „קימלען". קימלס זון, דער דזשאָדזש, איז אויך געוועזן אַ לעבעדיקער דעפּאַרטמענט־געשעפט: ער האָט זיך געמישט אומעטום — אין שולן און קירכן, אין ציוניסטישע „סאָסייעטים" און צווישן פּאַטריאָטישע איטאַליענישע געזעלשאַפטן, אין שפּיטאָלן און יתומים־הייזער און באַ די „מייסאָנס". ניט אומזיסט איז ער געווען אַזוי פּאָפּולער און איז אַלע מאָל אויסגעקליבן געוואָרן, אַן אינדאָרסירטער אויף ביידע „טיקעטס".

איצט האָט זיך דזשאָדזש קימל געקליבן לויפן פאַר אַ העכערן אַמט. ניט לאַנג צוריק האָט ער געהאַט אַ שמועס מיטן טשיף לירי. יענער האָט אים גראַטולירט, דאָס ווייב האָט קימלען געקושט אויפן שטערן, ווי אַ געראָטענעם קלוגן אינגל. די יום־טובדיקייט און חשיבות פונעם פאָרשטייענדיקן העכן אַמט איז פון אים ניט אָפּגעטראָטן. ער איז געזעסן אויפן „בענטש" און אין קאָפּ האָט צוגעזונגען:

— סופּרים קאָרט דזשאָסטיס קימל! וועררי האָנאָרייבל דזשאָדזש קימל! אַכטונג!

מ'האָט אַריינגעפירט פּאָוליוקן. צו דער שבועה האָט ער אויפגעהויבן זיינע צוויי סוקעס מיטן אָפּגעשטשיפּלטן פוסטן קאָם אינמיטן.

קימל האָט אים געמאָסטן פון אונטער די געדיכטע ברעמען; דינע געשניצטע ליפּן האָבן זיך געקנייטשט.

אָבער פּאָוליוק האָט עס ניט באַמערקט; ער האָט אויסגעשיילט פון צווישן דעם אויפגעקליבענעם נייגעריקן עולם זיין ווייב מאַשען, מיט די

קינדער, זיינע חברים, געוועזענע סטרייקער, וועלכע זיינען געזעסן אף די בענק, אָנגעסופּעוועטע און פאַרטאַיעטערהייט געריבן די אויגן מיט ברעגן פון שווערע, טרוקענע לאַדאָניעס.

דאָס אויספרעגן איז צוגעגאַנגען שנעל:

— נאָמען?

— פּאַווליוק.

— באַשעפטיקונג?

— וועג־בויער.

— געבורטסלאַנד?

— הערראָדנער גובערניע.

— נאָך אַמאָל!

— דאָרף סטעפּאַנטשיקאָווא, הערראָדנער גובערניע.

דער ריכטער האָט זיך איבערגעסודעט מיטן קלוירק, קנייטש־פּעלדלעך אַרום מויל האָבן איראָניש געשמייכלט:

— פּאַרשרייב: אויסלענדער, פּוילישער בירגער.

— דיין פאַרברעכן גיסטו צו?

פּאַווליוקן האָט זיך דערמאָנט גריידי, דער ראַיאָט, די צעווילדעוועטע פּאָליציאַנטן; ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער ווערט עס איצט געמשפּט פאַרן טויט פון אייגענע חברים־סטרייקער און ער האָט טרוקן אָפּגעהאַקט:

— ניין!

מ׳האָט אויסגעפרעגט די עדות: אַ פּאָליציאַנט מיט אַן אָנגעפּויזעטן ווייבערשן בויך; נאָך אַנדערע, וועלכע האָבן אים אַרעסטירט; גריידי, סלאַווינסקי. ס׳איז אַרויפגעקומען איינער מיט צעפּוזשעטע מייזן־אויגלעך, מיט דין־פלינקע אַרומלויפנדיקע פינגער, מיט וועלכע ער האָט די גאַנצע צייט געטיקעט:

— ער! זיי! אַלע! האָבן אונדז געסטראַשעט, געוואָרפן אף אונדז מיט שטיינער.

ס׳האָבן געטענהט אַדוואָקאַטן פון ביידע צדדים; צום סוף האָט גערעדט דזשאָדזש קימל.

ער האָט אָנגעהויבן שטיל, פויל, געלאַסן, אַרויפקאַטשענדיק אינדערהייך די ברייטע אַרבל פון זיין שוואַרצן מאַנטל. ווייסע ברענענדיקע קאַלפּאַקעס האָבן אָפּגעגאָסן מיט ליכט יעדן קנייטשל פון זיין פּנים; חשיבות פונעם פאַרשטייענדיקן הויבן אַמט האָט אים אָנגעשטרענגט, ווי אַ בויגן, צו געפינען דאָס שאַרפסטע וואָרט, דעם טרעפלעכסטן אויסדרוק, שאַפן שטימונג און מאַכן אַן איינדרוק.

ער האָט גערעדט וועגן די אָרעמע אימיגראַנטן, וועלכע קומען זוכן אַ היים צו די היגע „ברעגן”; וועגן די מעגלעכקייטן, וואָס ס׳גיט זיי דאָס לאַנד פון די פרייע און בראַווע. ער האָט בשעת מעשה געטייטלט צו דער פאָן און זיינע ציגיינערישע אויגן האָבן זיך צעגליט, ווי קוילן. נאָכדעם איז ער אַריבערגעגאַנגען צו די, וועלכע קומען געניסן די גאַסט־פריינטשאַפט פון לאַנד און ווילן ניט אויספאָלגן אירע געזעצן. דאָ האָט זיך זיין קול צעקלונגען, ווי אַן אומרו־גלאָק. ברייטע אַרבל האָבן זיך געפּאַלדעוועט אַרויף־אַרויף. צע־קאָכטע טאַנצנדיקע פינגער האָבן אַוועקגעשטאָכן אין פּאַוואָליוקס זייט. גע־לאַסענער חשיבותדיקער טאָן איז אַריבער אין אַ ברומען:

— דו! און אַזעלכע ווי דו! גיפטיקע שלאַנגען! שמוץ פון דער ערד! האָדעס!

געשניצטע ליפּן האָבן אויסגעהוזקט סטרייקער, טומל־מאַכער און רויטע, באַדויערט ערלעכן „לייבאָר”, וואָס ווערט געשטערט און באַשלײדערט מיט שטיינער. ער האָט קונצנמאַכעריש, ווי אַ סטענגע־ציער, צעגלידערט דעם לעצטן סטרייק, וואו „אומוויסנדיקע” אימיגראַנטן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט קעגן זייערע שטאָט־באַלעבאַטים און געשטערט רעגירונג־אַרבעטן, פאַר דער טובה פונעם גאַנצן לאַנד; ער האָט אויסגעמאָלן פּאַוואָליוקן און ס׳איז אַרויס־געקומען אַ שלאַנג, וואָס שיפּעט, בייסט און גיפטיקט. אַוועקגעזעצט זיך אַן אויסגעזאָטענער, מיט אַ וואונק אין אויג:

— דזשאָדזש קימל האָט גוט געדרשנט! דזשאָדזש קימל קען!...

נאָכדעם איז געקומען די „סענטענס”.

— פּאַוואָליוק! כ׳וועל דיך רעקאָמענדירן צו אונדזערע פעדעראַלע אויטאָריטעטן אַרויסצושיקן פון וואַנען דו ביסט געקומען. פאַר אַזעלכע ווי דו זיינען אונדזערע ברעגן קיין היים ניט. מיר דאַרפן ניט קיין רויטן סם, נאָר ערלעכן „לייבאָר”...

פּאַוואָליוק האָט אויסגעסטאַרטשעט אַ פּאָר אויגן. די רעכטע האַנט האָט זיך געריסן אינדערהייך פאַר אַ פּראָטעסט־באַוועגונג: ער — אַן „אָנ־דיזייירעבל”? פון ווען אָן? פאַר וואָס? און פאַר וועמען?...

:: :: ::

דריי שיף־קוימענס האָבן זיך גערויכערט. פעטע, גרויע, בערישע קנוילן האָבן זיך געהויבן אַרויף און ניט געקענט פאַרשטעלן דעם פּאַס פון דער שטאָט ניו יאָרק, שטיין־אַקסלען, אַקסל צו אַקסל, פון טורעמס, שפּיצן, פענצטער, פלאַכע דעכער, שפּיציקע קוימענס, דער גאַרטל פונעם לאַנד, פון וועלכן מ׳האָט פּאַוואָליוקן אַרויסגעטריבן.

רויך איז געהאנגען ווי א קרוין, אונטער וועלכן די שטאָט האָט זיך געחנדלט.

דער עולם אַרום שיף איז געווען פאַרהאָוועט; פּאַסאַזשירן האָבן זיך געאײַלט, זייערע באַגלייטער האָבן מיט בלומען־בוקעטן אין די הענט זיך דורכ־געשטופּט א וועג; פּאַווליוק איז געשטאַנען אן אַפּגעזונדערטער, איינער אַליין אויף דעק, א גלייכער, א שטייפער, ווי פון בראָנז אָן אויסגעגאָסענער. זיינע געדאַנקען זיינען געווען קלאָר, ווי מעטאַל געפּאָלירט און אויסגעשייערט. ער האָט געקוקט אויפן לאַנד, אין וועלכן ער האָט אריינגעקנאָטן פופצן יאָר לעבן און אַרבעט, און אויף זיינע ליפּן האָט זיך באַוויזן א שמייכל.

— מעגן זיי אים הונדערט מאָל אַרויסשיקן, דאָס לאַנד איז אים ניט קיין פרעמדע. ער און זיינע ברידער האָבן עס געבויט, אין „פּאַונדרים" און מעש־שמעלצערייען, אין שטיין־קווערים און אויף שליאַכן. מעגן זיי אים רופן „פאַרברעכער", זיינע פופצן יאָר ברויט האָט ער פאַרדינט ערלעך.

וואָס האָבן אויפגעטאָן גריידי און סלאַווינסקי? דזשאָדזש קימל, מיט זיין באָפּטע לאָיערס? און וואָר זיינען זיי? שפּינען, וועלכע האָבן זיך אָנ־געזעצט אויפן פּראָסטן, אַרבעטנדיקן מענטשן, איינגעזויגן זיך אין אים, און פּראָסטער מענטש האָט געליטן און געשוויגן...

ס'האָט אים ניט ווי געטאָן, וואָס ער לאָזט איצט איבער אין הונגעריקער שענטי מאַשען, אַליין מיט די קינדער. ס'האָט אים ניט ווי געטאָן די באַ־ליידיקונג פון אַרויסשיקונג. ס'האָט אים ניט געשראָקן די צוקונפט. פּראָסטער אַרבעטנדיקער מענטש האָט א היים — די גאַנצע וועלט, און ליידן האָט ער אַלעמאָל געליטן. ער, פּאַווליוק, האָט זיך אויפן שפּין פאַרמאָסטן, האָט מען אים שאַרפער א שטאָך געגעבן, און דער איינציקער אויסוועג איז, ווי עלא פלעגט אַלעמאָל טענהן:

— פּייט! פּייט! פּייט!...

מ'זאָגט, אַז מ'שיקט אים איצט אין א לאַנד, וואו בלוטיקע שפּינען הערשעווען, און זיין לעבן איז אין סכנה. איז וואָס? פּראָסטער אַרבעטנ־דיקער מענטש איז אומעטום פאַראַן. וואָס מיט אַלעמען — דאָס וועט מיט אים טרעפן.

שיף־גלעקער האָבן געקלונגען, ווי אַף א טרעוואָגע. לעצטע קאַנאַטן האָבן זיך גענומען אָפּקניפּן. צווישן דעם עולם באַגלייטער איז געוואָרן א טומל. די שיף האָט זיך אָפּגעשניטן פון ברעג און מיט דער נאָז אַוועק שפּאַלטן דעם אויליקן וואַסער פון האַפן.

פּאַסאַזשירן האָבן זיך צוגעבויגן צו די פאַרענטשעס און אַוועק פּאָכען מיט אָפּשייד־טיכלעך. אין צעטומלעניש האָט מען ניט באַמערקט, ווי ס'האָט

זיך אוועקגערירט און ווי א געפלאָכטענע שלאַנג זיך גענומען ציען דער שטיינערנער גארטל פון דער פארמויערטער, פארבויטער, געדיכט־באַפעלקער־טער שטאָט.

פּאוולױק האָט זיך אויך געזעגנט.

ער האָט אויפגעהויבן זיין רעכטע האנט, מיט די צוויי סטארטשענדיקע פינגער־סוקעס, געפאָכעט מיט זיי אינדערלופטן. זיי האָבן געשטאָכן און געמאָנט:

— די איבעריקע דריי גיט אונדז אָפּ! מיר וועלן עס אייך קיינמאָל ניט שענקען! דאָ אין לאנד האָבן מיר זיי איבערגעלאָזן! איינער פאר אייזן, איינער פאר מעש, און איינער פאר שטיינער!...

אים אנטקעגן האָבן זיך צעפאָכעט רויטע, פלאַמענדיקע טיכלעך. צווישן דער מוראשקע־נעסט באַגלייטער האָבן זיי זיך פארביק אויסגעטיילט. זיי זיינען געקומען פּאוולױקן אויסריכטן און אָנזאָגן אים אפן וועג:

— ניט געזאָרגט, חבר! איינער פאַלט אַרוים — מיר בלייבן!

— מיר — ווי דו: פון פּראָסטן ארבעטנדיקן פאָלק!

צווישן דעם עולם האָט ער דערקענט די „קליינע”, עלאַן. דער ווינט האָט אים צוגעטראָגן פון דאָרטן א געזאַנג:

— האָלד דהי פאָרט, פאָר ווי אַר קאָמינג!

יוניאָן מען בי סטראָ־אָ־אָנג!...

פּאוולױק, מיט דער אויפגעהויבענער האנט, האָט צופרידן געשמייכלט...

אין גאָטס הויז

א.

ווי אַזוי איז עס געשען? דער טייוול ווייס ווי אַזוי! אין אַ נאַכט אַ ווילד־פּראָסטיקער, אַ ווינטיקער, אויסגעבליבן אַליין, אַ צעפּרווירענער, געקאָרטשעטער הונט, וואַלגערן זיך אַף דער אָפענער גאַס.

נו, איז דאָס געווען אַ נעכטעלע!... בײַטאָג האָט געדריפּעט אַ פּאָרחלשטער פּליאַגעדיקער רעגן. דער רעגן האָט אויסגעווייקט די ביינער און געשוואָלן געמאַכט יעדן פּיצל אָפּענע הויט. נאָכדעם איז מיטאַמאָל אָנגעפלויגן אַ ווינט, אַ קאַלטינקער אַזאַ און אַ טענצלדיקער. די מיושבדיקע גאַסשילדן האָבן זיך, נעבעך, צעוויגט, צעכריפּעט, אויסגעקוויטשעט אַ ווילדן מאָוימדיקן קאָנצערט. די שוי־פּענצטער, אויסגעפּוצט און צעגלאַנצט, ווי אַ ליב פּנימל פון אַ חשובן שטאָט־בירגער, האָבן זיך שנעל פּאַרצויגן מיט אַ דינעם מאַטאָוון הייטל און נאָכדעם צעבלומט זיך אין פּראָסטיקע קווייטן. קווייטן האָבן זיך אויסגעפּלאָכטן און באַפּוצט, אין ליכטיקע פּענצטער, קעפּלעך פּלייש, געבעקס, פּרוכטן און בליצנדיקע בריליאַנטלעך. די זשוואַווע אייגלעך פון עלעקטרישן ליכט, געוויגט פון ווינט, האָבן זיך געטוקט, געצאַפּלט, אויפגעכאַפּט זיך מיט אַ פּלאַם און נאָכדעם נאָכאַנאַנד, לאַנג נאָכאַנאַנד געקנאַקט מיט זייערע טרוקענע אָנגעצויגענע דראָטן.

מיר, אַ גאַנצע כאָפּטע היימלאָזע און אַרבעטלאָזע, האָבן זיך פּאַרקליבן אין אַ פּאַרק, אויסגעזעצט זיך אַף בענק אונטערן צודעק פון הוילע, געפּרווירענע צווייגן. דער ווינט האָט זיך לוסטיק געמאַכט אויך דאָ, ווי אומעטום. ווער זיינען מיר געווען? הינט צעפּאַטלטע, וועלף צעפּושעטע, וואָראָנעס, סאָראָקעס, געפּרווירענע וואַנצן, אָדער דער טייוול ווייסט וואָס!... גענעסן איז מען מאָדנע: די קני אַרויסגערוקט, די פיס האָלציק צעשטעלט, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן צווישן די קניען. געוויינלעך צווישן אַ זיצנדיקן עולם הערט מען אַמאָל אַ וואָרטש, אַ זיפץ, אַ הוסט. דאָ איז געווען שטיל, זייער שטיל. דער ווינט האָט זיך געוויגט אַף שוואַרצע ביימער, ווי אַף הוידעלקעס; דער פּראָסט האָט געטרעשטשעט און מיר, צוויי־פיסיקע ווערים, האָבן זיך איינגענורעט אין זיך און נאָכאַנאַנד געשוויגן, געשוויגן...

די קנאה אין האַרצן האָט געברענט. ווי אַזוי־זשע אַנדערש? שוין ניט

רעדן פון די איינגעפונדעוועטע באַלעבאַטים, נאָר אפילו פון אונדזעריקע, די מער־גליקלעכע, יעדערער וואָס האָט נאָר פאַרמאָגט אַ מטבע אין קעשענע, האָט זיך צוגעאײַלט פאַר פּרי פאַרכאַפּן אַן אָרט אין אַ מיסיאָן־הויז, אין אַ האָטעל. איצט זײַנען זיי שוין געלעגן אין בעט, געבראָפּעט, געסאָפּעט און אַרויסגעלאָזן הייסע שטיקנדיקע ריחות. אונדזער עולם איז געווען אַזאַ, וואָס האָט קיין צעבראָכענע פּרוטה באַ דער נשמה ניט געהאַט. אָרעמע האָלע־דראַנצעס, אַ ביסל מיסט אָף די שטאָטישע גאַסן.

אונדזער עולם האָט זיך ליב צו חכמהנען. איצט איז מען געזעסן פאַר־האָרבעט, שטום, ווי געפּגרטע פיש. וואו איז פּאַטריק, דער איירישער לץ, אַ קורצער, אַ קערנדיקער מיט קרומער ליפּ און חזירשע אייגלעך? וואו איז סטעפן, אַ פּוילישער קרום־פּלייציקער בחורעץ מיט אַ נעבעכדיקן פּנים און געבאָליעטע וואָנצעס? וואו איז סטעמפּקע, דער בלאָנדער רוסישער שייגעץ מיט דער צוגעפּליעשטשעטער נאָז און מיט גרויסע נאַרישע ציינער? אפילו איירין, אונדזער „ליידי" איירין, מיט די רויטע בלאָטערן אָפן געשטופּלטן פּנים, מיט איר הייזעריק קולכל, וואָס ווערט כמעט קיינמאָל ניט פאַרשטומט און שימפּט, זידלט, שילט מיט די אויסגעקליבנסטע קללות, איז איצט געווען אָפּגערוקט — אַליין, דאָס טראַנטע־קלייד אַרומגעדרייט אַרום אירע באָרוועסע פיס, די רויטע בלאָטערן — צונטער־רויט פון קעלט, די אייזיקע ברעמען האָבן געבלינצלט. זי האָט ניט אויסגערעדט קיין וואָרט.

אַמאָל אין אַ ווײַלע פלעגט זיך איינער פון דער שוואַרצער סטאַדע אויפ־שטעלן און אָוועקרוקן זיך מיט אַ גנבישן קוקל ערגעץ אין דער זײַט. אַ שרעקעדיקער עגאָאיסט, האָט ער אפשר געוואָלט ראַטעווען זײַן צעפּרוירענע פעל אָף אַ טראָטואַר, לעבן אַ קעלער, פון וואַנען עס שפּאַרט אַרויס אַ וואַרעמינקער דאַמף? אָדער געוואָלט זיך פאַרגנבענען אין אַ פאַרמאַכטן קאָרידאָר? דער איבעריקער עולם האָט זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט. אַ מאָדנער כוח האָט אונדז אין דער דאָזיקער נאַכט געהאַלטן פאַראייניקט צו־זאַמען. נאָך אַלעמען האָבן מיר דאָך אָף עפּעס געוואַרט און ניט געוואוסט אָף וואָס.

פּלוצלונג האָט זיך איינער פון אונדז אויפגעשטעלט, האַסטיק אַזוי און פיבערדיק, אויך אַזוי ווי מיר אַלע, אַ באַטראַנטעטער, אַ בלויער, אַ צעדראָלע־נער, מיט אַ באַפעלנדיקן קול, וואָס האָט דעם ווינט אין פּאַרק איבערגעשריען, האָט ער אונדז אַזוי ווי מיט קאַלטע ריטער איבערן פּנים געשמיסן:

— וואַנצן, הייבט זיך אויף!

מיר האָבן געפאָלגט און זיך אַלע אויפגעהויבן.

— וואַנצן, שטעלט זיך!

מיר האָבן זיך געשטעלט.
— וואַנצן, אין די רייען!
מיר האָבן זיך אויספאָרמירט אין רייען.
— וואַנצן צעפּרווירענע, גייט! אַלע נאָך מיר!
מיר האָבן אַוועקגעמאַרשירט.

לאַנג־לאַנג האָט זיך געצויגן אַ שוואַרצע שווייגנדיקע קייט. פאַרביי גאַסן, אויף וועלכע שיטערע פאַרבייגייער פלעגן זיך אָפּשטעלן און אונדז באַגלייטן מיט מאָדנע צעפּוזשעטע אויגן. וואוהין מיר גייען, האָט קיינער פון אונדז ניט געוואוסט. ער, דער וואָס איז געגאַנגען פאָראויס, אַ לאַנגער, אַ דינער, אַן אויסגעצויגענער, ער, אַן אומבאַקאַנטער, אין אַ לאַנגן טראַנטעדיקן מאַנטל מיט צעעפנטע פּאָלעס, וואָס האָבן זיך אומגעלומפּערט צעשפּיליעט אין ווינט, האָט אונדז איצט אינגאַנצן באַהערשט. נאָך אים זיינען מיר געגאַנגען טראָט נאָך טראָט, צוקלאַפּנדיק אַזוי ווי ער מיטן אָפּגעטראָטענעם זויל אויפן צעפּראָרענעם טראָטואַר. דער אונטערשטער טייל פּנים און די מאָרדע באַ אַלעמען צעקרימט פון פראָסט. די הענט פאַררוקט טיף אין די קעשענעס. לאַנג האָבן מיר זיך געדרייט ראַג־אויס און ראַג־איין איבער די גאַסן פון שטאָט. לעבן אַ קירך האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט...

ב.

איינציקווייז האָבן מיר זיך אַריינגעגנבעט אין קירך. שטילע אַזעלכע, געהאָרכזאַמע, פרום־פּנימדיקע. אַריינגערוקט האָבן זיך אַ צוויי הונדערט שטיק אונדזערע און שטילינקערהייט אויסגעזעצט זיך אויף די בענקלעך.

די אָוונט־תפילה איז נאָך אָנגעגאַנגען, אָבער די קירך איז געווען כמעט אינגאַנצן אַ פּוסטע. עטלעכע מאַנסבילן פליכעוואַטע, ערנסטע, צעטריקנטע הויטן, מיט פּנימער פון יעוונוכן; אַן אַלטינקע פרוי, אַ קליינטשינקע אַזאַ, ווי אַ פייגעלע, אין אַ שוואַרצן סאַלאָפּ, מיט רויטע אָנברעמיקע אויגן; אַ קליין, צעשראָקן אינגל מיט קעלבערנע אייגלעך. אָט דאָס איז געווען דער גאַנצער עולם דאַוונער. דער גלח באַם עמוד האָט עפּעס געזעדט צו זיין סטאַדע און די ווערטער האָבן זיך צעשאָטן אין פּוסטן הילכיקן צימער, ווי טרוקענע אַרבעס.

די געגנט, וואו די קירך איז געשטאַנען, איז געווען כמעט אינגאַנצן אַ אידישע. אַמאָל, הפּנים, איז די געגנט געווען באַזעצט מיט אַ פרומען קריסטלעכן עולם. אַרויסגעשטופּט פון דאָרטן מיטן האַסט פון דער פעלקערוואַנדערונג, וואָס קומט פאָר אין אונדזערע גרויסע אַמעריקאַנישע שטעט,

האָט דער עולם פאַרכאַפּט העק און פּעק און אין איילעניש פאַרגעסן די קירך. זי איז געבליבן אַ פאַראיינזאַמטע, אַן איבעריקע. אַנדערע קירכן האָט מען מגיר געווען. מען האָט אָפּגעווישט דעם קרייץ און אַרויפגעשטעלט דעם מגן־דוד. נאָר דאָ האָבן זיך די לעצטע מאָהיקאַנער מיט עקשנות געהאַלטן פאַר זייער הייליק אָרט און ניט געוואָלט בשום אופן אָפּטרעטן.

אין קירך איז געווען היים. אין פּנים האָט געזעצט מיט אַ מחיהדיקער דאַמפּיקער וואַרעמקייט. די פרומע שטילקייט אין דעם האַלב־פּוסטן צימער האָט זיך צעליינגט ווי אַ טומאַן און אָנגעגאָסן מיט אַן אַנגענעמער פוילקייט די אָפּגייענדיקע צעשטייפטע גלידער. עס האָט זיך גאָרנישט ניט געוואָלט טאָן, ניט קוקן, הערן, דענקען, נאָר אַרונטערבויגן דעם באַרוישטן קאָפּ אַראָפּ, אַראָפּ, וויגן אים הין און צוריק מיט פאַרמאַכטע אויגן און קוויקן זיך נאָכאַנאַנד אין שטילן זיסלעכן דרעמל.

לעבן מיר איז געזעסן איירין, אונדזער „לידי" איירין. זי האָט זיך צו־נערוקט האַרט, גאָר נאָענט צו מיר און פאַרוואָרפן דעם צעפּאַטלטן קאָפּ אויף מיין אַקסל. אַ האַרטע פּאַסמע האָר און איין אויער, וואָס האָט זיך פון פלוצלונגדיקער וואַרעמקייט אינגאַנצן צעגליט, האָבן אָנגערירט און געבריט מיינע באַקן. זי איז גלייך איינגעשלאָפן און געשנאָרכעט הויך אויפן קול. איך שלאָף איז געווען אַזאַ געשמאַקער און זאָרגלאָזער, אַז איך האָב קיין האַרץ ניט געהאַט אים צעשטערן מיט דער מינדסטער באַוועגונג. איך בין געזעסן ווי אַ צוגעשמידטער און ניט גערירט זיך פון אָרט.

דער גלח, אַ קליינטשינקער, טרוקענער יונגערמאַן מיט אַן ערנסט בייזלעך פּנים, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געקנייטשט און געוואָלט אַרויפציען אויף זיך אַ גוט־פאָטערלעכן שמייכל, האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון אונדזער עולם. ער, וואָס איז געוואוינט געוואָרן צו מייזן־רואיקייט אין זיין שטילער נאָרע, איז, הפּנים, געווען שטאַרק איבערראַשט, ווען ער האָט פּלוצלונג דערזען פאַר זיך, קיין עין־הרע, אַזאַ ריזיקן עולם.

געוויס האָט עמיצער פון אונדז געדאַרפט באַפרידיקן די נייגעריקייט פון דעם הייליקן פאַסטוך און זיין סטאַדע. מען האָט געקענט דייטלעך זען, אַז דער איינגעבירגערטער געטלעכער עולם איז ניט איבעריק צופרידן פון דער פּלוצלונגדיקער מחנה „אַריינדרינגער". נאָר דאָס מויל איז געווען געשלאָסן, די צונג געפּענטעט, דער גערויש אין קאָפּ האָט זיך געגאָסן, ווי אַ קלאַפּעריי פון קליינינקע אייזערנע האַמערס. „ער" איז געווען אונדזער פירער און געהאַלטן אונדז, צעפּרוירענע וואַקסענע מענטשלעך, אין זיין רשות; צו אים האָבן מיר זיך היינט, אין דער פּראַקטיקער נאַכט, איבערגעגעבן מיט לייב און נשמה און ער האָט שוין אַליין פאַר אונדז געדאַרפט באַזאָרגן.

— פּאַטער הייליקער! איך זע, אַז איר האָט ניט קיין סך דאַוונער אין אייער מקום־קדוש. איך האָב אייך געבראַכט אַ גרויסן עולם.

— ווילקאָמען, ווילקאָמען! איר זייט מיר אַלע ווילקאָמען! — האָט דער גלח געענטפערט און געשאָקלט זיך, ווי אַ לולב, אויף אַלע זייטן.

זיין קול איז געווען אַזאַ וואַקסענער, זיסינקער. דער ווייסער פאַרקערט־געשפּיליעטער קראַגן האָט זיך מאָדנע געבלייכט אויף זיין שוואַרצער פיגור. די בייזלעכע אויגן האָבן זיך לייכט געזשמורעט און אָנגעטאָן זיך אַ כח צו שמייכלען ווייך־פּאַטערלעך. דער ריח פון וואַקס, ווייַרויך, דאַמפּיקער וואַרעמ־קייט האָט זיך געגנבעט אין די נאָזלעכער און געריצט אונדזער געמיט. מיר זיינען געזעסן פאַרטיפטע, שווערע, איינגעגראָבענע. אונדז איז געווען אַזוי אומהיימלעך־שווער.

— ס'פאַרדריסט מיר, וואָס איר זייט צו שפּעט געקומען. די תפילות האָבן זיך שוין געענדיקט, איצט וועט איר הערן די דרשה.

דער גלח האָט זיך אויסגעהוסט, פאַרריסן אין דער הויך אַ מאָגערן גאָרגל. די דרשה האָט זיך אָנגעהויבן.

גערעדט האָט ער לאַנג, לאַנג. ווערטער האָבן זיך געגאָסן, ווי טריפנדער בוימל; ניט קוקנדיק אויף דער שלעפעריקער מידקייט אין אַלע גלידער, האָבן מיר אויסגעצויגן העלדזער און געוואָלט אויפכאַפּן דעם שלענגל פון זיין געדאַנק.

אָנגעהויבן האָט ער מיט אַ פּסוק: „כי ביתי בית תפילה יקרא לכל העמים" (מיין הויז וועט אַ געבעט־הויז זיך אָנרופן פאַר אַלע פעלקער). ער האָט דעם זאַץ געדרייט, געפּאַלמעסט, אַרויסגעקוועטשט ווי מיט דאַרע ביינער־דיקע פינגער פּיצלעך פון אַ פרומינקן געדאַנק. געענדיקט האָט ער מיט דעם, אַז אַלע וואָס באַזוכן ניט זיין מקום־קדוש, זיינען בעצם היימלאָזע און נאָר די, וועלכע קומען אַהער צוגיין, געפינען זייער אמתע היים.

ווען ער האָט זיין דרשה געענדיקט, האָט זיך אויפגעשטעלט „ער", אונדזער פירער. זיינע אויגן האָבן עפּעס מאָדנע געגלאַנצט.

— פּאַטער הייליקער, אַ פראַגע וויל איך אייך שטעלן: פאַרוואָס האָט ניט דער מענטש, ווי אַלע חיות אין וואַלד, קיין פעל?

— וואָס?

„ער" האָט אַלץ געשמייכלט אַזוי מאָדנע, ווי אַ נאַכט־סאָווע. זיין קול האָט זיך געהויבן קוויטשענדיק, צערייצט, וואָס ווייטער אַלץ ערגער.

— יאָ, הייליקער פּאַטערל. אַ פעלכל אַזאַ אַ ווייכס און אַ וואַרעמס, ווי אַ בער, ווי אַ וואָלף, למשל. דער מענטש זאָל זיך אין אים קענען גוט איינ־טוליען און ניט דאַרפן פרירן ווי אַ משוגענער הונט אויף דער גאַס.

— וואָס רעדט איר עס, קינד? דער מענטש, דער אויסדערוויילטער, גאָטס אָפּשפּיגלונג, אַף וואָס דאַרף ער האָבן אַ פּעל?

— צו וואָרעמען זיך, פּאָטער הייליקער. און אויך צוליב די אָזעלכע, שאַרפּע, שפּיציקע, בייסנדיקע, פאַרוואָס האָט גאָט ניט געגעבן דעם מענטשן?

מיר האָבן אַלע געכיכיקעט. די פראַגעס זייִנען אונדז געפעלן געוואָרן. בייסיקע אָזעלכע, צערייצטע, ביטערע, ווי אַרויסגעריסן פון אונדזער אייגענעם האַרץ.

דער גלח האָט זיך פאַרלאָרן.

— איך פאַרשטיי דיך ניט. דער טייוול רעדט פון דיין מויל. דער שטן האָט דיך אין זייִן נעץ פאַרפּלאָנטערט. צלם זיך איבער, באַזין זיך, טו תשובה כל־זמן ס׳איז נאָך ניט שפּעט.

„ער” האָט ווידער גערעדט. אַ געלעכטער, ווי אַ בייזער וואַסער־אויפ־פלייץ, האָט געבורבלט פון זייִן אויסגעקרימטן מויל. דורכן געלעכטער האָט ער קוים מיט צרות געקענט צו אונדז צוואוּאַרפן:

— עי, חברה, אָנפּלודערדיקע לאַפּאַצאַנעס! ענטפערט הויך, זאָגט: ווער פון אייך פאַרמאָגט אַ קוואָדער אין קעשענע?

איינער אַ קוואַרינקער, מיט אַ קוויטשיק דין קולכל, האָט ווי אַ פייגעלע זיך צעפּישטשעט:

— ע, ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ קוואָדער אין קעשענע, וואָלטן מיר אַהערצו ניט געקומען.

— שדים, ווער פון אייך פאַרמאָגט אַ היים?

— ווער אַ נאַכטלעגער?

— קיינער ניט.

— וואָנצן, ווער פון אייך איז געפּרוּוירן געוואָרן אַף דער אָפענער גאַס?

— אַלע, אַלע.

— ווער וויל פּרעסן, זויפן?

— אַלע, אַלע.

קולות הייזעריקע, האַרטע, ווי באַשוועכטע מיטן ביטערן בראָנפן, האָבן זיך צעגאָסן איבער דער געוועלבטער קירך. דאָרטן, וואו ביז ניט לאַנג איז די פרומקייט אין אָנגעצויגענער שטילקייט געשוואומען, האָט זיך אַ גיהנום אַ גאַנצער פאַנאַנדערגעפּנט. די פרומקייט איז מיטאַמאָל געוואָרן צעריסן, דער ריח פון וואַקס און ווייורויך האָט זיך אויסגעוועפּט. מיר האָבן אַלע צו־זאַמען געשריען, געליאַרעמט, געפּילדערט, ווי אין אַ שענק.

„ער” האָט אַלעמען אַריבערגעשריען. אַ זיכערע איינגעשפּאַרטקייט, אַ מין ווילדע עקשנות האָט זיך איצט געהערט אין זייִן טאָן:

— פארשטייט איר מיך, פאטער הייליקער? מיר אלע זיינען געקומען היינט אהער נעכטיקן. קיין צווייטן ארט האבן מיר ניט. איר, הייליקע מענטשן, האט געדארפט אייערע קירכן אנדערש בויען: א קירך באם אריינגאנג אין שטאט און א קירך באם ארויסגאנג. טירן ברייט־אפענע פאר יעדן אריינקומער. איר האט זיך אבער אין ווינקעלעך פארקליבן. ס'מאכט ניט. אבי מיר האבן צו אייך געטראפן. דא איז גערוים און ווארעם. די קירך האט א סך ליידיקן פלאץ. נישקשה, מיט אייער גאט וועלן מיר ווי עס איז דורכקומען. ער וועט דאך ניט וועלן, אז זיינע „געשטאלטן" זאלן אויספרירן ווי וואנצן אף דער ווינטערדיקער גאס. קיין סך דארפן מיר ניט. א הארטן בענקל, א קולאק צוקאפנס. מיר וועלן היינט באנאכט פון דאנען ניט אוועקגיין.

דער גלח איז געווארן צעמישט. דער קליינער עולם דאוונער האט גע־זשומעט, ווי אויפגערייצטע בינען. די אלטינקע האט אזוי מאדנע געפינטלט מיט אירע רויטע אנברעמיקע אויגן און שטילערהייט געפרעפלט מיט ציטער־דיקע ליפן. דאס צעשראקן אינגעלע האט זיך הויך צעוויינט מיטן א קלאגעדיקן קול. אין דער סומאטאכע האבן זיך געהערט איינציקע אויסגעשרייען:

—ווארפט זיי ארויס!

— רופט די פאליציי!

— ווי קומען לייזיקע הינט אין א מקום־קדוש?

— א פריוואטער פלאץ, זיי האבן דא ניט קיין שום רעכט.

— א נייע סטאנציע פאר כלערליי „באמס".

מיר האבן געלאכט, געכאכאטשעט, געווארפן זיך פון איין רעדל צום צווייטן און ניט געקענט געפינען פאר זיך קיין ארט. א פריידיקע אומרואיקייט האט אלעמען ארומגעכאפט און געהאלטן געקלאמערט, ווי מיט אייזערנע צוואנגען. מיר האבן דערפילט אונדזער מאכט.

דער גלח מיט זיין עולם האבן זיך פארקליבן אין א ווינקל און אפגעהאלטן א שטילן מיטינג. לאנג האבן זיי זיך געשושקעט, געמאכט מיט די הענט און געבליצט אף אונדז פון דערווייטן מיט ציטערדיקע אויגן. צום סוף האבן זיי זיך אונטערגעגעבן. א ברירה האבן זיי געהאט? דער גלח, א שליח־צבור, איז ארויס אונדז אנטקעגן, דאכט זיך, די הענט אנטקעגן אונדז אויסגעשפרייט. דער קול א וואקסענער, א זיסינקער. די בייזע אויגן האבן זיך געזשמורעט מיט א ווייך־פאטערלעכן שמייכל:

— גאטס קינדער! ס'איז אף אייך א רחמנות. די נאכט אזא פראסטיקע, איר זייט הוילע, ארומגעריסענע. גאט איז א בארעמהארציקער און אזוי דארפן זיין אויך זיינע געטרייע דינער. די קירך נעמט אייך אונטער איר שוץ.

איר וועט זיך די נאַכט דאָ אָפּרוען, דערוואַרעמען און דערמאָנען גאָטס נאָמען מיט ליוב און געזאַנגען.

איינער פון די שמשים, אַ פרומינקער אזא, מיט שיטערע הערלעך אַף אַ גרויסן שאַרבן, האָט זיך דערוואַרעמט פון דעם גלחס ווערטער:

— מען דאַרף זיי געבן עסן. זיי זיינען הונגעריק.

— יאָ, בייגעלעך מיט פּוטער.

— און אַ הייסע גלעזל קאַווע.

— אַ „קאָלעקשאָן”! אַ „קאָלעקשאָן”! זאָל יעדערער געבן, וויפיל ער קען.

— נעמט אַראָפּ די צדקה־פּושקע. גייט זיך דורך צווישן עולם.

מען האָט צונויפגעקליבן פון אונדזערטוועגן אַ פיינע נדבה. פאַר דעם געלט האָט מען געקויפט ברויט, בייגל, וואורשט און פּוטער. דער שמש האָט אונטערגעשאָטן קוילן אין דעם ברענענדיקן אויוון און אויפגעקאָכט אַ גרויסן טאָפּ קאַווע. מיר האָבן אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, אויסגעווישט מיטן אַרבל די פייכטע זעטיקע ליפּן. דער גוטהאַרציקער עולם האָט פאַרלאָזן די קירך. מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אַף די בענקלעך און פאַרבליבן אין קירך שלאָפן...

ד.

באַנאַכט אָפן גלעלענער האָט זיך מיר ניט געשלאָפן. איך האָב זיך געדרייט אַף דער שמאָלער האַרטער באַנק פון זייט אַף זייט און ניט געקענט צומאַכן די אויגן.

אונדזער עולם איז געלעגן אויסגעצויגן, פאַרטיפט אין זיסן, געשמאַקן שלאָף. מען האָט געפייפט, געכראָפּעט, אויסגעשפּילט מיט דער נאָז כלערליי כאָרכלדיקע ניגונים. אַנדערע האָבן זיך געזידלט פון שלאָף, אַנדערע האָבן אַזוי מאָדנע־בייז געקריצט מיט די ציין.

די קירכן־מייז זיינען אויך געווען אומרואיק. די אייביקע פאַסטער האָבן הפּנים דערשפּירט דעם ריח פון וואורשט און ברויט און עס האָט זיי גענומען פּלאָגן דער יצר־הרע. זיי זיינען אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמטע איבערן דיל מיט אַ קוויטש, מיט אַ סקראָב, מיט אַ ווילדן משוגענעם טענצל. זיי האָבן אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט אַף אַ נאַקעטן אויסגעצויגענעם נאַקן און אָנגערירט מיט קאַלטע לאַפּקעס הייסע צעפּאַרעטע הויט. דער מענטש פלעגט זיך געוויינלעך אויפכאַפּן, זוכן אַרום זיך מיט צעשראָקענע שלאָפעדיקע אויגן און לאַנג קראַצן מיט די פינגער דעם אָנגערירטן אָרט.

אין קירך איז געווען פינצטער. בלויז איין עלעקטריש לעמפּל האָט גע־

צאַנקט אין אַ ווינקל און אָנגעגאָסן אַ קליין ווייס אינדזעלע אינמיטן אַ שוואַרצן, שוואַרץ־פּעכיקן ים.

פונעם לעמפּל האָט אויסגעשפּריצט אַ שאָטן און צעלייגט זיך אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט. אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ בילד, דאָס בילד פון דעם „דערלייזער". באַשפּיגלט מיט דעם אומעטיקן ליכט פון דעם איינ־איינציקן לעמפּל, האָט דאָס בילד אַזוי ווי אויפגעלעבט. דער פּנים האָט געצוקט מיט אַ שטילן לעבעדיקן צוק.

איך בין געלעגן אויף דער באַנק מיט גרויס־אויפגעריסענע אויגן. די לעפּלעך האָבן מאָדנע ווי געטאָן. איך האָב געקוקט אויפן בילד, וואָס אַנטקעגן מיר, און ניט געקענט זיך בשום אופן אָפּרייסן:

אַ בלאָנדער נעבעכדיקער יונגערמאַן, אַ פּאָר שעפּסענע מילדע אויגן. אויפן פּנים אַ שטילינקער ווייכער טרויער, אַ בוימלדיקער אַזאַ און אַ זיס־ליידנדיקער. דער לענגלעכער פּנים באַצויגן מיט אַ דינער איידעלינקער הויט, אינגאַנצן אָן אָן־בלוטיקער. דאָס בלאָנדע צונעשאָרענע בערדל גלאַט פאַרקאַמט. אַ פּאָר בלאַסע, וואַקסענע הענט הילפלאָזיק אויסגעשפּרייט אויפן צלם...

קוקט ער אַזוי, דער „נעבעכדיקער", אויף אונדזער אויסגעשפּרייטן סאַפּענדיקן עולם. ווערט ער, דאַכט זיך, נאָך מער רחמנותדיקער. גיסן זיך אָן מיט זיידענעם צער זיינע שעפּסענע אויגן. דאַכט זיך מיר, אָט באַלד וועט ער זיך פון צלם אָפּרייסן, צוגיין צו אונדז, אַרויפלייגן אַ וואַקסענע האַנט און אָפּדריקן אַ קוש אויף די צעשמוצטע שוויציקע שטערנס...

— ווער ביסטו, „נעבעכדיקער"? זאָג מיר, זאָג מיר, ווער דו ביסט...

היינט באַנאַכט, אין אַ פאַרשלאָפענער טונקעלער קירך מיט אַ ריח פון וואַקס, ווייַרויך, שווייס און פּרעלע, לאָמיר צווישן זיך באַקאַנטשאַפט שליסן. מיר זיינען צו דיר געקומען. ווי אַזוי?

מיר זיינען אַלע מענטשן פאַרשטויבטע, פאַריאָגטע, דער אָפּפאַל פון שטאָט, שטויב אויף די וועגן, „וואַגנצן" האָט מען אונדז היינט גערופן. יאָ, מיר זיינען וואַנצן, צעפּרוירענע, הונגעריקע, צעקראַכענע. היינט באַנאַכט שיעור ניט אויסגעהויכט פון קעלט די נשמה. מיט געוואַלט האָבן מיר זיך היינט אין דיין וואַרעמען רו־שטיבל אַריינגעריסן; אַ באַנק, וואָס איז פאַר דיין הייליקן נאָמען געשטעלט, צו שלאָפן פאַרכאַפּט. און דו, דו האָסט אויף אונדז רחמנות?...

אָן־דאָרט שלאָפט פּאַטריק, דער אירישער לץ, ליגט און שנאָרכעט אויף די העכסטע אָקטאַוון. אַ וואוילער יונג, אַ זעלטן־גוטמוטיקער. מיט אים האָב איך אויסגעמאָסטן דאָס לאַנד אין דער לענג און דער ברייט, אויפגעטאָן כל עבודת פּרך. איז געווען וואָס צו עסן, האָבן מיר געקייט. ווען ניט, האָט ער

אַזוי וואוויליונגעריש געקענט זיך אויסלאַכן פון דעם נאָגנדיקן הונגער. פאַרוואָס איז ער היינט באַנאַכט אַזוי אומרואיק? פאַרוואָס קריצט ער אַזוי וועלפיש מיט די ציין? פאַרוואָס זידלט ער זיך פון שלאָף מיט אַזעלכע געשמאַקע, ברענענדיקע קללות?

דאָרטן ליגט איירין, אונדזער „לידי" איירין. שלעכטע בלוטן האָט זי אין זיך. יאָ, מיאוסע בלוטן. אַ פּנים אַ העסלעכער. בלאָטערן, קרעץ און וואונדן. זי קייקלט זיך צו נעענטער צו אַ יונגן מאַן, כאַפּט אים אַרום, טשמאָקעט לאַנג, שפּייענדיק־פּייכט, אַן עקלהאַפטער צעסמטער קוש פון העסלעכע ליפּן. זי קרעכצט שווער־אָטעמדיק, ליידנשאַפטלעך־הייס אין דער שטילקייט פון דער קירך. וואָס איז דאָס? ליבע? ווייטיקן? ליידן? פאַרגעניגן? און דו, „נעבעכדיקער", קוקסט אַלץ צו פון דיין שאָטנדיקער וואַנט, באַנעמסט אַלץ, זעסט, ליידסט און שווייגסט...

מאָרגן אינדערפרי, קוים נאָר אַ שאַריע אַף טאָג, וועט זיך דער שלאָפנדיקער עולם אויסטשוכען, אויסרייבן מיטן אַרבל די אויגן און אַוועקלאָזן זיך מיט שווערע בערישע טריט אַף אַלע וועגן פון שטאָט. דער פראָסט אונטער די פיס וועט סקריפּען, דער ווינט וועט מיט געזאַלצענעם ווייטיק בייסן הויט און פליייש, די שטאָט וועט, ווי אַלע טעג אין יאָר, זיך שלײדערן מיט אַ פרעכן, פאַלש־קוויטשיקן, קרעפּטיקן טומל. זיי וועלן אַרומבלאָנדזשען איבער די ווינקלען פון שטאָט זוכן דעם אָפּפאַל פון קאַן, אַ גלאָז ביטערן בראָנפן צו שווענקען דעם גאָרגל; אַן אָרט, וואוהין דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. דו, „ליידנדיקער", „געפּייניקטער", וועסט ווייטער בלייבן הענגען אַף דער וואַנט, אַליין מיט דיין צער, אַליין מיט דיין רחמנות, מיט דיין זיידענעם, צאַרטיקן אומעט. וועסט אַלץ צוזען, ליידן און שווייגן...

ווער ביסטו, „נעבעכדיקער"? זאָג מיר, ווער דו ביסט.

די פישערלייט פון גליל האָבן דיין רחמנות באַדאַרפט. האָט זיך אַ נעץ צעריסן, האָט זיך אַ שיפל צעשפּאָלטן, האָסטו צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, האָסט אַ טרייסט־וואָרט געזאָגט און זיי זיינען שוין געווען צופרידן. מיר, שטאָטישער אָפּפאַל, האָבן גאָרנישט. מיר דאַרפן דיין רחמנות ניט האָבן...

עס טשוכעט זיך שוין סטעפן, דער פוילישער שייגעץ, דרייט זיך פון זייט צו זייט. אַן אומרואיקן געוויסן האָט ער, דער בחורל, קען באַנאַכט רואיק ניט שלאָפן. דאַכט זיך אַזאַ שטילינקער, אַ קליינינקער, אַ קרומפּלייציקער, מיט אַ פּאָר נעבעכדיקע אומעטיקע אויגן. ער האָט אָבער אַ האַרץ פון אַ גזלן, בלוט־פלעקן זיינען אַף זיין געוויסן. כ׳געדענק, ער האָט מיר אַמאָל אַ מעשה דערציילט, ווי אַזוי ער האָט אַ טויטן חבר אַפן פעלד געגאָלדענע ציינער פון מויל געריסן. דערציילט האָט ער קאַלט, זאַכלעך, מיט אַ קרומינקן,

מיאוסן געלעכטערל און איך האָב די ציינער פאַרביסן. אַ געזאַלצענעם בלוט־טעם האָב איך געפילט אין מויל און אַלע מיינע גלידער האָבן פון קעלט געשווידערט...

צוקן באַם „נעבעכדיקן” די ליפּן אָן בלוט, גלאַנצן בוימלדיק זיינע שעפּסענע אויגן. „פאַרגיט אייערע שונאים, ווי איך האָב אייך פאַרגעבן.” כ'האָב אַמאָל אַ גאָט געהאַט, אַ מדבר־גאָט, אַ שטורעמדיקן, אַ פלאַם־פייערדיקן. פון אַ וואולקאַן געדונערט. פון מחילה האָט ער ניט געהאַלטן. אל קנא ונוקם איז ער געווען. ער איז אויך דאָ אין שטאָט צווישן שטאָל־סקריפּעניש און שטיין־קלאַפּ אַ מאַכט. איז ער געפאַלן, און דו, דו ווילסט פאַרנעמען זיין אָרט?

עס שאַריעט שוין אַף טאָג. די פּעביקע שוואַרצקייט גייט איבער אין אַ גרויען קאַלט־ווינטערדיקן שאָטן־טאַנץ באַגינען. דער לאָמפּ לעשט זיך אויס. עס שפּאַצירן אַרום קאַלטן ווינטלעך. זיי פאַרגנבענען זיך אונטער דעם נאַכטיק־אויסגעוואַרעמטן קערפּער און שטשיפּען שטילערהייט די הויט.

דאָס לעצטע וואָרט זאָג מיר, „דערלייזער”: זאָלן מיר, אויסגעשפּיגענע, שטאָטישע וואַנצן, אַלעמען מוחל זיין? זאָלן מיר באַ דיר, בלאַסער, איידעלער יונגערמאַן, מיטן בלאָנדן געקאַמטן בערדל, מחילה בעטן? מיר? מיר? אפשר זיינען מיר דיר אַליין ניט מוחל?...

ס'טאָגט שוין. זאָג מיר גיכער: ווער ביסטו, „נעבעכדיקער”? זאָג מיר, ווער דו ביסט...